STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06883

# DI YIDISHE GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די יודישע געשיכטע

לויט פּראָפעסאָר ג ר ע ץ און אנדערע קוואַלן
מיט אַן הקדמה פון הלל צייטלין.

פערטער באַנד:

פון יהודהס אונטערגאַנג ביז די גאונים

פאַרלאַג ש. סגל — בוענאָס איירעס
Editorial S. SIGAL - Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Hecho el depósito que marca la ley

*Prof. Dr. H. GRAETZ*

# HISTORIA DEL PUEBLO JUDIO

CUARTO TOMO

Publicado por la
EDITORIAL S. SIGAL
Corrientes 2854
Buenos Aires
Rep. Argentina

1949

# א י נ ה אַ ל ט :


קאַפּיטל איינס: דער נייער צענטער אין יבנה — — — — — — — — — 5

קאַפּיטל צוויי: די שפּאַלטונג צווישן יידנטום און קריסטנטום — 38

קאַפּיטל דריי: דער אויפשטאַנד קעגן רוים — — — — — — — — 59

קאַפּיטל פיר: די בלוטיקע מלחמה אין יהודה — — — — — — — 81

קאַפּיטל פינף: דער נייער צענטער אין גליל — — — — — — — 109

קאַפּיטל זעקס: די לאַגע פון די יידן אין בבל און פּערסיע — — 157

קאַפּיטל זיבן: די מלוכה־איבערקערעניש אין בבל און די ירידה פון רוים — — — — — — — — — — — — — 173

קאַפּיטל אַכט: דאָס יידנטום אין יהודה און בבל — — — — — — 181

קאַפּיטל ניין: יהודה אונטער די ערשטע קריסטלעכע מלכים — — 191

קאַפּיטל צען: די ישיבות אין בבל — — — — — — — — — — 205

קאַפּיטל עלף: די רוימישע מלכים און די ירידה פון פּאַטריאַרכאַט 213

קאַפּיטל צוועלף: דער אונטערגאַנג פון פּאַטריאַרכאַט — — — 225

קאַפּיטל דרייצן: דאָס יידנטום אין בבל (די אָפּשליסונג פון תלמוד) 233

קאַפּיטל פערצן: די יידן אין פּערסיע; די „סבוראים" — — — — 241

קאַפּיטל פופצן: יידן אין די איראָפּעאישע לענדער — — — — 245

קאַפּיטל זעכצן: יידן אין אַראַביע — — — — — — — — — 271

קאַפּיטל זיבעצן: מאַכמעד און זיינע מלחמות מיט יידן — — — — 279

# קאַפּיטל איינס

## דער נייער צענטער אין יבנה

מיט דעם אונטערגאַנג פון ירושלים ווי אַ צענטער פון יהודהס נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן, הויבט זיך אָן אַ נייע, מערקווירדיקע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע.

דער מעכטיקער שונא האָט אַלץ פאַרניכטעט; פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין יהודה איז נאָר איבערגעבליבן אַ קליינער טייל, וואָס איז כמעט אין גאַנצן פאַרטויבט און צעטומלט געווען פון דעם שרעקלעכן חורבן. דאָס גאַנצע לאַנד איז פּוסט, חרוב און פאַרווילדעט; וועט דען אָט דער טויט־שוואַכער קערפּער זיך קענען דערהאַלטן ? וועט די טאָכטער יהודה קענען נאָך ווען עס איז צו זיך קומען פון איר שרעקלעכן קלאַפּ ? עס זיינען, אמת, נאָך פאַרהאַן גרויסע יידישע קהלות אין סיריע און אין בבל, אין קליין־אַזיע און אין מצרים; די דאָזיקע קהלות האָבן אָבער די גאַנצע צייט געצויגן זייער גייסטיקע יניקה פון דער הייליקער יהודהשער הויפּטשטאָט, פון ירושלים ,און איצט שטייען זיי אויך פאַרצווייפלטע, דערשלאָגענע, ווי אָן אַ זיכערן פעסטן באָדן אונטער די פיס. וואָס וועט זיין ? צי איז ווירקלעך ניעשט אָנגעקומען די לעצטע שעה פאַר דעם טויזנט־יעריקן יידישן שטאַם, און ער גייט אונטער, ווייל דאָס איז דער ווילן פון דער אויבערשטער השגחה ? — אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען האָבן באַהערשט דעם מער אנטוויקלטן עלעמענט פון די איבערגעבליבענע יידישע מאַסן, און אַנדערע פון זיי האָבן אַפילו באַטראַכט אָט די השערה פאַר אַ זיכערן פאַקט. 1)

און די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער פאַרצווייפלונג זיינען געווען

---

1) עס איז באַקאַנט, למשל, אַז אליעזר, דער העלדישער אָנפירער פון דער פעסטונג מסדה, האָט פאַר דעם, איידער ער האָט אַריינגעזעצט זיין שווערד צו זיך אין ברוסט, אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריען, אַז גאָט האָט זיך פאַרבייזערט אויף זיין אויסדערוויילטן פאָלק און האָט אים פאַר־משפט צום אונטערגיין.

פאַרשידן. אַ סך האָבן זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון דער וועלט און פון אַלע לעבנס־תענוגים, זיינען געוואָרן פאַרזונקען אין אַן אייביקן טרויער, כדי אויף אַזאַ אופן צו שטילן דעם צאָרן פון גאָט קעגן זיין פאָלק ישראל. אַנדערע, ווידער, וועלכע האָבן זיך באַזונדער שטאַרק גענומען צום האַרצן די אבידה פון בית המקדש, ווי אַ הייליק אָרט פון תשובה און חרטה פאַר גאָט, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון די יונגע קריסטלעכע סעקטעס, כדי אויסצופילן דעם חלל אין זייערע הערצער מיט קרבנות פון ריינע געפילן און האָפענונגען אויף דער נאָענטער „מלכות השמים". ווי אַזוי־זשע, פרעגט זיך, זיינען עס נאָך אַלעמען די איבערגעבליבענע צע־ריסענע גלידער פון פאָלק דאָך בייגעקומען די שרעקלעכע געפאַר ? ווי אַזוי־זשע האָבן עס די דאָזיקע צעשפּליטערטע כוחות באַוויזן, זיך צו דער־האַלטן, ווי איין גאַנצער, פעסטער אָרגאַניזם, אין דעם משך פון הונדער־טער דורות ?

די דערקלערונג פון דעם פאַקט, — וועלכער בלייבט דאָך איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע — ליגט, ערשטנס, אין דעם אייגנאַרטיקן גייסטיקן לעבן, מיט וועלכן דער יידישער שטאַם האָט זיך אויסגעצייכנט באַלד אין אָנהויב פון זיין אַנט־שטיין. דורכגעדרונגען מיט אַן אומגעוויינלעכער איינגעבוירענער רעלי־גיעזיטעט, מיט אַ טיפן איינגעבוירענעם זין פאַר דעם איבערערדישן, היי־ליקן אינעם מענטשלעכן לעבן, — איז דאָס יידישע פאָלק, אין תוך גענו־מען, לכתחילה גלייך אַזוי ווי באַשאַפן געוואָרן נישט פאַר קיין רעגוליר־טער וועלטלעכער מלוכה־מאַכט, וואָס מוז זיך שטיצן אויף דער פיזישער קראַפט. די שענסטע און רייכסטע גייסטער פון דער יידישער אומה זיינען פון אייביק־אָן געווען קעגן די פאַרטרעטער פון דער מלוכה, און די לעצטע זיינען, אייגנטלעך, נאָר אויף אַזוי פיל געווען ווירקלעכע מלוכה־מענטשן, אויף וויפיל זיי זיינען פרעמד געווען דעם אָריגינעלן יידישן גייסט, אויף וויפיל זיי זיינען ווייט געווען פון די אייגנטימלעכע יידישע טראַדיציעס. אין דער צייט, ווען די פאַרשטייער פון דער מלוכה פלעגן פרואוון צו דער־ציען דאָס פאָלק אויף די אידעאַלן פון מאַכט און קראַפט, פון וועלטלעכער גרויסקייט און ערדישער עשירות, — אין דער צייט האָבן די אמתע לערער פון פאָלק אונטערגעגראָבן דעם יסוד פון די דאָזיקע באַגריפן, איינגע־פלאַנצט אין אים דעם באַוואוסטזיין פון זיין הויכער שליחות, פון זיינע

געטלעכע אידעאַלן, די אידעאַלן פון גייסטיקער ריינקייט און הייליקייט, פון „לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן", אָדער גאָר — אין גאָט און מיט גאָט. און דאָס פאָלק האָט זיך צוגעהערט צו זיינע לערער מער ווי צו זיינע פירער — די ערשטע זיינען שטענדיק געשטאַנען אויף זיין זייט, האָבן אויסגעדריקט זיינע נויטן און פיינען, און אין זיין נאָמען געקעמפט אַנט־קעגן די פאַרשיכורטע, אויסגעלאַסענע אַריסטאָקראַטן. די גאַנצע ריי פון דורות, וואָס איז אַריבער פון דער צייט, זינט דער דאָזיקער פאַרבי־טערטער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן, איז איין גרויסער טריאומף פון דעם געטלעכן איבער דעם ערדישן אינעם יידישן פאָלקס־לעבן. פון דור צו דור האָט זיך די לעבנס־אָנשויאונג פון דער נבואה, אירע באַגריפן פון גאָט, מענטש און וועלט, איר פאַרשטעלונג וועגן דער באַזונדער געטלעכער שליחות פון דער יידישער אומה, — אַלץ מער און מער איינגעזויגן אינעם בלוט און מאַרך פון די יידישע מאַסן, און אָט די נבואה־באַגריפן, וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרן פאַרוואַנדלט אין שטרענגע קלאָר־באַשטימ־טע דינים, גזירות און חומרות, האָבן אַרויפגעלייגט אַן אייגנאַרטיקן שטעמפל אויף דער גאַנצער פסיכיק פון דער יידישער אומה. דאָס פאָלק האָט טיף איגערלעך נישט אַנערקענט קיין שום מאַכט, אויסער דער אומ־באַגרענעצטער אַלמעכטיקייט פון גאָט אין הימל; יעדער יחיד פון דער אומה האָט קודם כל געקוקט אויף זיך נישט ווי אויף אַ בירגער פון אַ באַשטימטער מלוכה, נאָר ווי אויף אַ מיטגליד פון אַ באַשטימטן כלל, פון אַ באַשטימטן, אויסדערוויילטן שטאַם, וואָס האָט אויף זיך באַזונדערע פליכטן, און קיין זאַך האָט נישט אַזוי אָנגעגריפן און אויפגעבראַכט אָט די יחידים, ווי די באַליידיקונג פון דעם רעליגיעזן געפיל. נישט קיין בלויזע רעוואָלוציאָנערן און פרייהייטס־קעמפער האָבן דורכגענעצט די ערד פון יהודה מיט זייער הייסן בלוט, נאָר פיל מער — און אפשר בלויז — מאַר־טירער, מענטשן באַגייסטערטע פון אַ געוויסער רעליגיעזער פאַרשטעלונג, וואָס האָבן זיך דערפאַר מוסר נפש געווען.

דאָס יידישע פאָלק האָט, אויף אַזאַ אופן, נישט געקענט אונטערגיין צוזאַמען מיט דער יידישער מלוכה שוין נאָר דערפאַר אַליין, וואָס אָט דיביידע באַגריפן זיינען צווישן זיך די גאַנצע צייט נישט געווען אָרגאַניש פאַראייניקט, און בשעת די מלוכה האָט כסדר געקרענקט און געגוססט, האָט נאָך דאָס פאָלק געהאַט די גאַנצע סומע וואַקסנדיקע גייסטיקע כוחות

פון אַ געזונטן, לעבנספעאיקן אָרגאַניזם. פּאַקטיש זיינען דאָ אָבער געווען אויך אַנדערע כּוחות, וואָס האָבן שטאַרק מיטגעווירקט צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון דער אומה און איר לייכטער צו מאַכן דעם איבערגאַנג פון איין לאַגע אין דער אַנדערער. אָט די קרעפטן זיינען: דער שאָטן פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס האָט נאָך געשוועבט איבער אַ גע־וויסן טייל פון לאַנד (אין גליל), און באַזונדער דער נייער גייסטיקער צענ־טער פאַר דעם גאַנצן פאָלק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויף די חורבות פון בית־המקדש. נאָך איידער דער לעצטער איז געהאַט אונטערגעגאַנגען אינגאַנצן. דאָס איז געווען אַן אומגעהייער ווייטזיכטיקער שריט פון איי־נעם פון די גרעסטע יידישע גייסטער, וועלכע דער נאַציאָנאַלער דערהאַל־טונגס־אינסטינקט האָט שטענדיק אַזוי ווי צוגעגרייט פאַראויס פאַר יעדן קריטישן מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע.

---

אין די ערשטע צענדליקער יאָרן נאָכן חורבן איז יהודה כּמעט אין גאַנצן געווען פּוסט. די רוימישע רעגירונג האָט אפילו געפונען פאַר נייטיק צו האַלטן אין לאַנד אַ באַזונדער פאַרטרעטער מיט אַ באַדייטנדיקער מי־ליטערישער מאַכט; די לעצטע האָבן אָבער, ווי ס'איז צו גלויבן, נישט געהאַט קיין גרויסע אַרבעט, און אין דער יידישער געשיכטע איז פון זיי קיין זכר נישט איבערגעבליבן. די רעזידענץ פון די דאָזיקע פאַרטרעטער איז פאַרבליבן, ווי פריער, קסריה, וואָס איז איצט, אויף וועספּאַסיאַנס באַפעל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „רוימישער קאָלאָניע". אַ שטאַרקער מיליטערישער גאַרניזאָן האָט זיך געפונען שטענדיק אויך אין ירושלים, כאָטש די שטאָט איז אין גאַנצן צעשטערט געווען, און, ווי יוסף פלאַוויוס זאָגט עדות, „האָט זיך גאָרנישט געלאָזן גלויבן, אַז אויף דעם אָרט האָבן אַמאָל געוואוינט מענטשן". דער גרעסטער טייל ערד פון די יהודהשע שטעט און דערפער איז באַזעצט געוואָרן פון רוימישע קאָלאָניסטן, וועלכע פלעגן אַפילו אָוועקנעמען די ערד מיט געוואַלט פון אירע יידישע בעלי בתּים. באַזונדער האָבן זיך אָט די קאָלאָניסטן באַזעצט אין דער פּראָווינץ שומרון, און דאָ, נעבן דער הייליקער הויפּטשטאָט פון שומרונים, שכם, האָט זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט דער נייער רוימישער ישוב נעאַ־פּאָליס (נאַבלוס), וואו עס האָט זיך געפונען אַ צעאוס־טעמפּל און אַ פּלאַץ פאַר די אָלימפּישע שפּילן. באַזעצט פון יידן איז געבליבן נאָר דער דרום־

מערב־טייל פֿון יהודה, אָבער אויך דאָ האָט זיך די ערד איצט גערעכנט פֿאַר אַן אייגנטום פֿון דעם רוימישן קייסערלעכן הויז און די ייִדן האָבן פֿאַר זייער ערד געמוזט אָפּצאָלן אַ געוויסן מס. צו דעם דאָזיקן ערד־אָפּצאָל איז נאָך צוגעקומען דער יערלעכער מס פֿון אַ האַלבן שקל, וואָס פֿלעגט שטרענג אויפֿגעמאָנט ווערן פֿון אַלע ייִדן אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע פֿאַר דעם קאַפּיטאָלישן יופּיטער־טעמפּל. אָט דער „פֿיסקוס יודאַאיקוס” האָט פֿאַר די ייִדן געהאַט אַ באַזונדער באַליידיקנדיקע זייט, ווייל ער האָט געשטאַמט פֿון דעם האַלבן שקל, וואָס די ייִדן פֿון אַלע לענדער פֿלעגן שיקן יאָר־יערלעך ווי אַ נדבה פֿאַרן בית־המקדש אין ירושלים.

אין אַ פֿיל בעסערער לאַגע האָבן זיך געפֿונען די ייִדן אין גליל. דאָ איז דער געטרייער רוימישער וואַסאַל אַגריפּאַס דער צווייטער, נאָך אַלץ געווען אַ קעניג, און נאָך דעם אויסגאַנג פֿון דער גרויסער מלחמה האָט אים וועספּאַסיאַן נישט אויפֿגעהערט אַרויסצעווייזן פֿאַרשידענע חסדים און טובות. אַזוי ווי ער האָט פֿאַרבראַכט די מערסטע צייט אין רוים, אין וועספּאַסיאַנס הויף, האָט דער דאָזיקער „פֿאַררעטערישער קעניג” דאָך נישט איין מאָל זיך אָנגענומען פֿאַר זיינע דערשלאָגענע אונטערטאַנען און אויסגעפֿועלט פֿאַר זיי פֿאַרשידענע הנחות. נאָך אַ גרעסערן איינפֿלוס אין דער ריכטונג האָט געהאַט אַגריפּוסעס שוועסטער בערעניקאַ, די באַרימטע נישט־פֿאַרוועלקטע שיינהייט, וואָס האָט געלעבט אין טיטוסעס פּאַלאַץ און געשפּילט די ראָלע פֿון אַ קומענדיקער רוימישער קייסערין. טיטוסעס איי־פֿערזוכט צו דער יהודהשער פּרינצעסן איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַמאָל געלאָזט דערשטיקן זיין געוועזענעם טיש־חבר צעצינאַ דער־פֿאַר, וואָס ער האָט אים חושד געווען אין געהיימע באַציאונגען מיט איר. ווי ס׳איז צו גלויבן, האָט טיטוס די ערשטע צייט באמת געמיינט, חתונה צו האָבן מיט בערעניקאַן און נאָר דערמיט דערקלערט זיך דער פֿאַקט, וואָס דער אַרעאָפּאַג, דער ראַט פֿון די זעקס הונדערט און דאָס פֿאָלק פֿון אַטען האָבן געלאָזט אויפֿשטעלן בערעניקאַן אַ מאָנומענט מיט אַן אויפֿשריפֿט, אין וועלכן זי ווערט באַטיטלט: די גרויסע קעניגן, טאָכטער פֿון דעם גרויסן קעניג יוליוס אַגריפּאַ. פֿון טיטוסעס פּלאַן האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזט, ווייל זיין פֿאָטער, וועספּאַסיאַן, און מיט אים די גאַנצע רוימישע אַריסטאָקראַטיע, זיינען געווען קעגן דעם שידוך. בערעניקאַ איז דאַן אַוועק פֿון רוים, און איז אַהין צוריקגעקומען ערשט נאָך וועספּאַסיאַנס טויט.

איצט האָט זי שוין אָבער געהאַט קעגן זיך אויך טיטוסן אַליין, וועלכער איז פאַר דער צייט אָפּגעקילט געוואָרן צו איר און האָט כסדר זיך באַמיט אונטערצוחנפענען דעם רוימישן פאָלק. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק נישט בלויז אויף בערעניקאַן, נאָר אויך אויף אַגריפּוסן; זיי האָבן זיך ביידע צוריקגעצויגן אין גאַנצן פון דער רוימישער געזעלשאַפט און פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן איינזאַם און פאַרלאָזן אין זייערע פּאַלעסטינישע נחלאות. אַגריפּוס האָט פון יענער צייט אָנגעהויבן אַרויסצעווייזן מער צוגעבונדנקייט צו זיינע ברידער־אונטערטאַנען, און זיי האָבן זיך צו אים אויך שטאַרקער צוגעבונדן. די בלוטיקע מלחמה האָט אין דער דאָזיקער פּראָווינץ אויך נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזאַ חורבן, ווי אין יהודה, — דאָ האָט דער קאַמף געדויערט בלויז עטלעכע חדשים און האָט זיך געענדיקט מיט דער צעשטערונג פון עטלעכע פעסטונגען — און די צוויי גרויסע שטעט צפּורי און טבריה, זיינען איבערגעפילט געווען מיט יידן, וואָס זיינען געקומען אַהער זוכן אַ שוץ אונטער די פליגלען פון דעם יידישן „קעניג״.

אַדאַנק אַגריפּוסעס השתדלותן האָבן זיך מיט דער צייט אויפגעבויט צוריק מערערע שטעט אויך אין יהודה. עס איז רעסטאַרירט געוואָרן די האַנדלס־שטאָט לוד, די געגנט מיט רייכע וואַסער־קוואַלן ארום חמת, און אויך יריחו. דאָ האָבן זיך געפונען רייכע פּלאַנטאַציעס פון די טייערסטע באַלזאַם־פּלאַנצונגען, איבער וועלכע ס׳האָט זיך בעתן קריג צעפּלאַקערט אַ בלוטיקע שלאַכט צווישן די רוימער און יידן, ווייל די יהודהער האָבן זיי געוואָלט בעסער איינגאַנצן פאַרניכטן, איידער איבערגעבן דעם שונא. גע־ ענדיקט האָט זיך דער סכסוך דערמיט, וואָס די פעלדער מיט די דאָזיקע טייערע פּלאַנצונגען זיינען איבערגעגעבן אינעם רוימישן אוצר המלוכה און כדי צו היטן אָט דעם געוואַלטיקן מקור פון הכנסות און אים נאָך צו פאַרגרעסערן, האָט וועספּאַסיאַן געמוזט איינשטימען, צו לאָזן צוריק אויפ־ בויען די שטאָט און צוציען אַהער וואָס מער יידישע גערטנער. צוזאַמען מיט די שטעט אין דער געגנט פון ירדן, האָבן זיך צוריק אָרגאַניזירט מערערע יידישע ישובים אויך אין דער מערב־געגנט, ארום ים.

צו אַגריפּוסן האָבן זיך די איבערגעבליבענע יידן פון גליל און יהודה באַצויגן מיט ליבע, און ווען ער איז אַמאָל געקומען אין דרום־יהודה, איז די גאַנצע באַפעלקערונג געלאָפן אים באַגריסן. די דערשלאָגענע יידן האָבן

קודם כל געזען איצט אין אַגריפּוסן דעם שאָטן פון דער פריערדיקער זעלבסטשטענדיקייט, און אָט די לעבעדיקע דעראינערונג פון די בעסערע צייטן האָט זיי געמאַכט מילד און ווייך אויך צו די שווערע פאַרברעכנס, וואָס דער זעלביקער אַגריפּוס איז באַגאַנגען קעגן זיין אומה, בעת דעם גרויסן פרייהייט־קריג.

דער עלנטער שאָטן־קעניג איז אָבער דאָך נישט אומשטאַנד געווען, צו קאָנצענטרירן ארום זיך די אַלע צעשפּליטערטע איינצלנע קהלות, וועל־כע האָבן זיך נישט געהאט אין וואָס אָנצוהאלטן און זיינען געווען אין גאַנצן הילפלאָז נישט בלויז בנוגע צו זייער פּאָליטישער לאַגע, נאָר אויך — און באַזונדער שטאַרק — בנוגע צו זייערע רעליגיעזע פליכטן. אַזוי לאַנג ווי דער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָבן די קרבנות געדינט ווי דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער רעליגיעזער פּראַקטיק. האָט אַ ייד גע־זינדיקט אין וועלכער ס׳איז הינזיכט, האָט ער געוואוסט, אַז ער האָט צו ברענגען אַזאַ און אַזאַ קרבן און זיין זינד וועט אים ווערן פאַרגעבן. דער קרבן איז אויך אַזאַ אופן געווען כמעט דער שטאַרקסטער באַנד, וואָס האָט פאַרבונדן יעדן יחיד פון דער אומה מיט דער גאָטהייט. איצט האָט גע־קענט זיין פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז אָן אַ בית־המקדש און אָן אַ מזבח, איז אין גאַנצן נישט מעגלעך קיין שום דערנענטערונג צו גאָט, אָדער גאָר, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פאָלק און וויל מער נישט האָבן מיט אים קיינע באַציאונגען. דאָס זעלביקע איז געווען אויך מיט דער באַשטי־מונג פון די צייטן, ווען עס פאַלט אויס שבת און יום־טוב, און מיט די פּראַקטישע געבאָטן פון דעם אַלטעגלעכן לעבן בכלל. אָט די אַלע פונק־ציעס האָבן געהערט צום סנהדרין אין ירושלים, וואָס האָט געדינט ווי די העכסטע אויטאָריטעט פאַר דער גאַנצער אומה. אונטער די חורבות פון ירושלים איז אָבער געוואָרן באַגראָבן אויך די דאָזיקע אינסטיטוציע און דאָס פאָלק איז געבליבן, ווי אַ שיף אָן אַ רודער. וואָס־זשע וועט ווייטער זיין? ווער וועט דאָס פאָלק פירן און ווייזן דעם ריכטיקן וועג? ווער וועט דערקלערן די געזעצן פון דער תורה און זאָגן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, וואָס ס׳איז כשר און וואָס — טרפה, וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף נישט טון?

פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע האָט אַרויסגעהאָלפן דעם פאָלק דער גרויסער רבן יוחנן בן זכאי. אָט דער ליכטיקער און ווייטזיכטיקער גייסט

האָט געזען די געפאַר, וואָס שטייט פאַר דעם קיום פון דער אומה, נאָך איידער עס האָט זיך געענדיקט דער בלוטיקער אויפשטאַנד, און ווי אַ נאָכפאָלגער פון דעם גרויסן הלל, איז אים אויך געלונגען צו פאַרהיטן די געפאַר. ער האָט געשאַפן אַ נייעם גייסטיקן צענטער, וואָס האָט ווידער פאַראייניקט אַרום זיך אַלע צעשפּליטערטע טיילן פון דער אומה און געווען דער פעסטער באָדן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידנטום.

רבן יוחנן בן זכאי איז געווען פון די אָנגעזעענסטע געזעץ־לערער אין ירושלים, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען. אין אַן אָפּגעלעגענעם ווינקל פון גאָטס הויז, ווייט פון דעם גאַנצן גאַסן־טומל און פון אַלע פּאָליטישע אומרוען, פלעגט ער זיצן מיט אַ ריי תלמידים און לערנען מיט זיי גאָטס תורה, גאָטס געזעצן, און זיין אָנזען אין ירושלים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויסער דעם נשיא פון סנהדרין, ר׳ שמעון בן גמליאל, האָט ער אויך געהאט דאָס רעכט, מבטל צו זיין אַן אַלטן אָנגענומענעם מנהג. פון דער נאַטור ווייך און מילד און אין גאַנצן אַ תלמיד פון דעם גרויסן רודף שלום, הלל הבבלי, איז ר׳ יוחנן אויך געווען קעגן די אַקטיווע אַרויס־טרעטונגען פון די פאַנאַטישע רעוואָלוציאָנערן און ער האָט צוגערעדט די זעלאָטן, זיי זאָלן זיך בעסער אויסגלייכן מיטן שונא און שליסן שלום מיט אים. ווען די באַלאַגערונג האָט זיך אָנגעהויבן און די זעלאָטן האָבן, אונטער דער געפאַר פון טויט־שטראָף, פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן די שטאָט, האָט ר׳ יוחנן דאָך פעסט באַשלאָסן, צוצוקומען צום מעכטיקן שונא, כדי אויס־צופועלן ביי אים אַ רואיקן ווינקל פאַר דער יידישער געזעץ־לערע, פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן גייסט. צו דעם צוועק האָט ר׳ יוחנן זיך פאַרטרויט פאַר אַן אָנפירער פון די סיקאַריער־באַנדעס, אבא סיקרא, און אַדאַנק יענעמס הילף איז עס געלונגען זיינע צוויי תלמידים, יהושע און אליעזר, אַרויסצוטראָגן אים, ווי אַ טויטן, פון שטאָט. דאָ איז ער געבראַכט געוואָרן פאַר טיטוסן און דער לעצטער האָט אים אויפגענו־מען פריינטלעך, ווייל עס איז געווען באַקאַנט, אַז ר׳ יוחנן האָט געהערט צו די לאָיאַלע בירגער און געראַטן, זיך אונטערצוגעבן. די דאָזיקע גע־נייגטקייט פון דעם רוימישן האַר האָט ר׳ יוחנן אויסגענוצט און אים פאַר־געלייגט עטלעכע באַשיידענע בקשות, פון וועלכע די באַדייטנדיקסטע איז געווען, צו לאָזן אים, דעם פרידלעכן יידישן געזעץ־לערער, זיך באַזעצן אין דעם שטעטל יבנה, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם רוימישן געביט, און

גרינדן דאָרט אַ ישיבה. און טיטוס האָט די בקשה דערפילט —. דעם רויִ־מישן באַלאַגערער איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַפילו אַ טראַכט צו טון, אַז אָט די קליינע „ישיבה״ וועט ווערן אַ קוואַל פון פרישע לעבנס־כוחות פאַר דער דערשלאָגענער אומה, און זי וועט אַדאַנק דעם מיט טויזנטער יאָרן איבערלעבן אים מיט זיין רוימערטום צוזאַמען!

אַזוי האָט זיך ר׳ יוחנן מיט זיינע תלמידים באַזעצט אין יבנה, — אַ שטעטל נישט ווייט פון ברעג מיטללענדישן ים, צווישן דער האַפנשטאָט יפו און דער אַמאָליקער באַרימטער פלשתים־שטאָט אשדוד. אַזוי לאַנג ווי דער פאַרביטערטער קאַמף האָט געשטורעמט אין דער הייליקער הויפּט־שטאָט און פאַר די ווענט פון בית־המקדש, — האָט אָבער נאָך קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן צוטרעטן צו אַן אינטענסיווער אַקאַדעמישער טעטיקייט. ווען ס׳איז אָנגעקומען קיין יבנה די טרויעריקע בשורה, אַז ירוש־לים איז געפאַלן און דער בית־המקדש שטייט אין פלאַמען, האָבן ר׳ יוחנן מיט די תלמידים צעריסן אויף זיך זייערע קליידער און געוויינט, ווי מען וויינט איבער אַ נאָענטן מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן; דער רבי האָט אָבער נישט געלאָזט די תלמידים זיך אין גאַנצן מיאש צו זיין, די לעצטע האָבן געגלויבט, אַז דאָס גאַנצע יידנטום איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן בית־המקדש און מיט די קרבנות, און קוים איז גאָטס הויז חרוב געוואָרן, וועט דאָס יידנטום שוין אויך מער קיין תקומה נישט האָבן. אויף דעם האָט זיי ר׳ יוחנן דערקלערט, אַז דער בית־המקדש מיטן מזבח איז אין גאַנצן געווען נישט מער, ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן יידנטום, וואָס איז פיל העכער און ברייטער. ער האָט זיך געשטיצט אויף פיל פסוקים פון די נביאים, און איבערצייגט די תלמידים, אַז די קרבנות אַליין זיינען נישט אַזוי וויכטיק, ווי דער זין זייערער און אַז גאָט פאַרלאַנגט נאָר אינערלעכע זיטלעכקייט און גוטע מעשים, און נישט קיין קרבנות. די דאָזיקע פרייערע מיינונג וועגן דער באַדייטונג פון די קרבנות האָט געמוזט אַרויסרופן ביי ר׳יוחנן דעם געדאַנק וועגן שאַפן אַ נייעם מיטלפונקט אנשטאָט דעם בית המקדש, און ער האָט אָרגאַניזירט אין יבנה אַ גרויסן בית־דין (טריבונאַל), וואָס האָט פאַקטיש איבערגענומען אין זיינע הענט אַלע פונקציעס פון דעם אונטערגאַנגענעם סנהדרין אין ירושלים און געדינט ווי די העכסטע געזעצגעבנדיקע אינסטיטוציע פאַרן גאַנצן פאָלק. פון דער רוימישער זייט האָט מען נישט געמאַכט דעם לאַיאַלן ר׳ יוחנן קיין שום שטערונגען ביי דער

גרינדונג פון דעם בית־דין. מען האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיך באַשעפ־טיקן בלויז מיט גײַסטלעך־רעליגיעזע פראַגן און וועט זיך נישט צו־שרײַבן קיין שום פּאָליטישע פונקציע. דאַקעגן האָבן זיך אין די יידישע ספערן גופא געפונען באַדײַטנדיקע קעגנער פון אַזאַ אינסטיטוציע. מען האָט אנערקענט, אַז דאָס סנהדרין האָט באַזעסן די אַנטשיידנדיקע געזעצ־געבנדיקע מאַכט, נאָר אַזוי לאַנג, ווי עס האָט זיך געפונען אין דעם לשכת הגזית פון בית־המקדש און האָט זיך גערעכנט פאַר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם רעליגיעזן צערעמאָניאַל אין גאָטס הויז; קוים אָבער ווערט עס אריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, פאַרלירט עס די גאַנצע געזעט־לעכע אויטאָריטעט און הערט אויף צו זיין די פאַרטראָטונג פון דער אומה. ר׳ יוחנן האָט זיך אָבער פאַר דעם אַלעם נישט אָפּגעשטעלט און אַדאַנק זיין פּערזענלעכער באַרימטקייט אין אַלע קרײַזן פון פאָלק, איז אים דאָך געלונגען אַוועקצושטעלן די נייע אינסטיטוציע אויף אַ פעסטן באָדן און צו געווינען פאַר איר די ביַיטיקע שטיצע און סימפּאַטיע. אַזוי האָט דער גרויסער בית־דין אין יבנה פאַרטראָטן פון איצט אָן דעם סנהדרין אין ירושלים און איז געוואָרן דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער מיטלפּונקט פאַר דער גאַנצער דיאַספּאָראַ. דאָ פלעגט רעגולירט ווערן דאָס גאַנצע גע־זעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע לעבן פון פאָלק; דאָ פלעגט מען באַשטימען געגנוי די צייט פון חדשים און יום־טובים, און פון דאַנען פלעגן שלוחים צעשיקט ווערן אין אַלע שטעט פון סיריע און בבל, כדי איבערצוגעבן די דאָרטיקע יידישע קהלות די באַשטימונגען פון דעם גרויסן „בית־דין" אין יבנה.

און דאָס פאָלק האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו דער נייער לאַגע. דערצו האָט אַ סך מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער נייער גײַסטיקער צענטער, וואָס האָט פאַרטראָטן פון איין זייט, דעם פּלאַץ פון די קרבנות אין בית־המקדש, האָט, פון דער צווייטער זייט, דאָך נישט פאַרקלענערט די הויכע באַדײַטונג פון דער דאָזיקער טראַדיציע. דער באַשעפער פון דער נייער אינסטיטוציע, ר׳ יוחנן בן זכאי אַליין, איז אויך נישט אַרויסגע־טראָטן קעגן דעם עצם מהות פון די קרבנות; ער האָט נאָר געלערנט, אַז דערווייל, כל זמן דער בית־המקדש איז צעשטערט און מען קען קיין קרבנות נישט מקריב זיין, זאָל מען דאָס אויספילן מיט צדקה און מעשים טובים. דערביי האָט ער אָבער אויך נישט אויפגעהערט צו פלאַנצן אין פאָלק די

האָפענונג, אַז באַלד וועט גאָט אַראָפּשיקן זיין געזאַלבטן שליח, משיחן, און ירושלים צוזאַמען מיטן בית־המקדש, וועלן ווערן צוריק אויפגעבויט.

ר׳ יוחננס טעטיקייט אין יבנה גופא האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער ריי גזירות און תקנות, וואָס האָבן געהאַט דעם צוועק, צוצופּאַסן דאָס איצטיקע רעליגיעזע און בירגערלעכע לעבן פון דער אומה צו די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען. אַ סך מנהגים פון דער עבודה אין בית־המקדש זיינען דורך דעם בית־דין געוואָרן איינגעפירט אויך אין דעם איצטיקן גאָטעסדינסט (דאַוונען) צום אָנדענק פון דער פאַרגאַנגענהייט (צו די גע־הערן, למשל, דאָס דוכנען, ד״ה די פייערלעכע צערעמאָניע ביי דעם ענדע פון דאַוונען, ווען די כהנים בענטשן דאָס פאָלק; דאָס שופר בלאָזן, די פיר מינים: אתרוג, לולב, הושענות און ערבות סוכות אאז״וו), געבליבן זיינען אין זייער קראַפט אויך די פאַרשידענע געזעצן וועגן ברענגען מעשר די כהנים און די לויים — דאָס האָט געזאָלט דערמאָנען דעם פאָלק, אַז אָט די גאָטס דינער וועלן זיך אין גיכן צוריק אומקערן צו זייער הייליקער אַרבעט. צו דעם צוועק פון איינפירן אַן אַלגעמיינעם פאָלקס־טרויער נאָך דעם אומגעקומענעם בית־המקדש, האָט ר׳ יוחנן פאַראָרדנט, אַז חתן־כלה זאָלן אין דעם טאָג פון זייער חתונה נישט טראָגן מער אויפן קאָפּ קיין בלומענקרענץ, ווי דאָס איז געווען איינגעפירט ביז דאַן, און עס זאָלן נישט געשפּילט ווערן דערביי קיין לוסטיקע ניגונים.

אין פּאָליטישער הינזיכט איז ר׳ יוחנן אויך געגאַנגען אין די וועגן פון דער גרויסן הלל, און ער האָט געזוכט דאָס אַוועקצושטעלן אַלס יסוד פאַר דעם קהלה־לעבן, וואָס ער האָט געשאַפן. ער איז געווען פּריינטלעך געגנויגט צו די געצנדינער און האָט זיי נישט געמאַכט קיין שום שטערונגען, ווען זיי האָבן געוואָלט איבערגיין צום יידנטום, דערמיט איז ער געווען פּונקט דער היפּך פון פיל פון זיינע חברים, וועלכע זיינען נאָכן חורבן נאָך מער געוואָרן פאַרביסן קעגן די געצנדינער. אָט די חברים האָבן אויסגע־טייטשט, למשל, דעם פּסוק: וחסד לאמים חטאת (די גענאָד פון די פעל־קער איז זינד) אין דעם זין, אַז „די געצנדינער מעגן אונדז גוטס טון, ווי־פיל זיי ווילן, און זיי וועט דאָס אַלץ פאַררעכנט ווערן פאַר זינד, ווייל וואָס זיי טוען, טוען זיי נאָר, כדי זיך צו רייצן מיט אונדז״. דאַקעגן אָבער האָט ר׳ יוחנן דעם פּסוק אויסגעטייטשט מיט אַ טיפן געפיל פון פריד־לעכקייט און ריינער מענטשנליבע: „אַזוי ווי די קרבנות פאַרגעבן די זינד

פון ישראל, אַזוי ווערט די זינד פון די פרעמדע פעלקער פאַרגעבן דורך געוואַנד און מעשים טובים". אַזוי ווי ער האָט פאַרויסגעזען די געפער־לעכע פאָלגן, צו וועלכע עס קען ברענגען יעדע פאַרביסענע שטימונג פון פאָלק בנוגע צו דער רוימישער מאַכט, האָט ר' יוחנן געזוכט, צו ווירקן אויף די יידישע מאַסן און צו פלאַנצן אין זיי געפילן פון פרידלעכקייט און לאָיאַליטעט. דערפאַר טאַקע האָבן די ערשטע פלאַוויאַנישע מלכים, וועספּאַסיאַנוס און טיטוס, זיך באַצויגן נישט זייער שטרענג צו די יהו־דהשע קהלות. ביז דעם בלוטדורשטיקן דאָמיניציאַן האָבן די פאַרבליבענע יידן נישט געשפּירט קיין באַזונדער פּאָליטישן דרוק, און דאָס איינציקע, וואָס האָט פאַרוואונדעט זייער האַרץ און זיי דערמאָנט אָן דעם שרעקלעכן חורבן, איז געווען דער מס פאַר דעם רוימישן יופּיטער־טעמפּל. ר' יוחנן האָט אָבער פאַרשטאַנען, אויך די דאָזיקע אויפרעגונג צו מילדערן, ער האָט אַרויפגעלייגט די שולד פון דער גזירה אויף די יידן אַליין. „אומגליקלעך פאָלק! — האָט יוחנן געקלאָגט — איר האָט נישט געוואָלט דינען דעם הימל (גאָט) מוזט איר איצט דינען פרעמדע פעלקער; איר האָט נישט גע־וואָלט צושטייער געבן איין האַלבן שקל פאַר דער עבודה אין בית המקדש, מוזט איר איצט געבן פופצן שקלים פאַר דער מלוכה פון אייער שונא; איר האָט נישט געוואָלט האַלטן אין אָרדענונג אייערע וועגן און גאַסן און פעס־טונגען, מוזט איר איצט היטן די קאַזאַרמעס, כדי צו שיצן דעם קייסערס וויינגערטנער". מיט אַזעלכע מיטלען האָט ר' יוחנן בן זכאי געווירקט אויף די איבערגעבליבענע טיילן פון דער אומה, און פון דעם קליינעם מיטל־פּונקט אין יבנה אַרויסגעגעבן באַפעלן און פאַראָרדענונגען פאַר אַלע יידי־שע קהלות אין דער רוימישער אימפּעריע און אין בבל.

פיל דויערהאַפטער און טיפער איז אָבער געווען די ווירקונג פון ר' יוחננס אַקאַדעמישער טעטיקייט. ר' יוחנן האָט פאַרזאַמלט אַרום זיך אַ ריי תלמידים און געגרינדעט אַ פרייע אַקאַדעמיע אויף צו שטודירן די תורה אונטערן נאָמען בית המדרש. אָט דער בית המדרש איז געווען אָרגאַ־ניש פאַרבונדן מיטן בית דין און די מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע האָבן זיך באַטייליקט אויך אין דער אינסטיטוציע, וואָס האָט געדאַרפט רעאַלי־זירן די טעאָרעטישע באַגרינדונגען פון געזעץ און אים פּראַקטיש צופּאַסן צום לעבן. ווי אַ לערער פון דער אַקאַדעמיע האָט ר' יוחנן קודם־כל איבער־געגעבן זיינע תלמידים דעם רייכן מאַטעריאַל פון מינדלעכע מסורות,

וואָס האָבן געשטאַמט נאָך פון די אוראַלטע צייטן און זיינען פאַרמערט און באַרייכערט געוואָרן אין די ישיבות פון שמאי און הלל. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די לאָגישע פאָרמולעס (מדות), וואָס אַ דאַנק זיי האָבן די נייע געזעץ־איינפירונגען געקענט אַרויסגעדרונגען ווערן פון דער תורה גופא. אַט דער מאַטעריאַל פון מסורות, לאָגישע יסודות צו דרשהנען די תורה, פאַרשידענע גזירות, סיגים און תקנות, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע תקופות פון פאַרשידענע אויטאָריטעטן, איז געווען דער גרונד־שטאָף פאַר דער משנה (דאָס איבערגעחזרטע, צווייטע געזעץ) און דאָ, אין יבנה, האָט ער אָנגעהויבן צו ווערן סיסטעמאַטיש באַאַרבעט. ער איז איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי זעלבסטשטענדיקע טיילן: הלכה און אגדה; די הלכה האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער אויסטייטשונג און באַגרינדונג פון די געזעצן, מיט זייערע פראַקטישע אויספירונגען און בכלל מיט אַלץ, וואָס שטיצט זיך אויף די געבאָטן פון דער תורה; דאַקעגן באַשטייט די אגדה פון מאָראַלישע און טעאָלאָגישע דרשות, געבויט אויף די פאַרשידענע ספּורים און מוסר־פּסוקים פון דער תורה און די נביאים, וואָס האָבן נישט די קראַפט פון אַ פאַרפליכטונג. די אגדות האָבן געהאַט דעם צוועק, אויסצוטייטשן דעם פשט פון פּסוק און באַזונדער, צו פלאַנצן אין די צוהערער (די אגדות פלעגן ס'רוב געדרשהנט ווערן פאַרן המון) גוטע מדות, צוגעבונדנקייט צו די זכרונות פון דער אומה און וואַרימע געפילן בנוגע צו אַלע אירע ליידן, פריידן און האָפענונגען.

אין דעם לעצטן טייל, אין דער אגדה, זיינען פון דעם גרויסן ר' יוחנן אויך פאַרבליבן גלענצנדיקע מוסטערן, וואָס זאָגן עדות אויף זיין מילדער, עניוותדיקער און מענטשנפריינטלעכער נאַטור. ער פלעגט זאָגן: „אויב דו האָסט געלערנט אַ סך תורה, האַלט זיך נישט גרויס דערמיט, דען דו ביזט דערצו באַשאַפן געוואָרן". ער האָט געפרעגט זיינע תלמידים: „וועלכער איז דער גוטער וועג, וואָס דער מענטש זאָל זיך באַהעפטן אין אים?" אויף דעם האָט רבי אליעזר געענטפערט: „אַ גוט אויג"; רבי יהושע — „אַ גוטער חבר", רבי יוסי — „אַ גוטער שכן"; רבי שמעון — „פאָרויסזען די צוקונפט" און רבי אליעזר האָט געענטפערט: „אַ גוט האַרץ". דאַן האָט רבי יוחנן געזאָגט: מיר געפעלן די רייד פון רבי אליעזר בן ערך בעסער פון אייערע רייד, ווייל אין זיינע רייד זיינען שוין דאָ אייערע אויך".

ר' יוחנן איז געשטאָרבן אויף זיין בעט אין די אָרעמס פון זיינע תל־

מידים. די לעגענדע דערציילט, אַז דער גרויסער חולה האָט פאַרן טויט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט, און ווען זיינע תלמידים האָבן אים געפרעגט: „אונדזער רבי, ליכט פון ישראל, רעכטער זייל, שטאַרקער האַמער, פאַר־וואָס וויינסטו?״ האָט ער זיי דערקלערט, אַז ער שרעקט זיך פאַר דעם אַל־מעכטיקן „מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״ און פאַר זיין משפט. דאַן האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט: „רבי! בענטש אונדז״; אויף דעם האָט ער געענטפערט: „הלואי זאָל די מורא פאַר גאָט זיין אויף אייך אַזוי שטאַרק, ווי די מורא פאַר מענטשן״. דאָס איז געווען נישט בלויז אַ רע־ליגיעזע צוואה, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע: דאָס פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן די מלוכה־דיסציפּלין, דאַרף זיך אונטערגעבן דער דיסציפּלין פון דעם געט־לעכן וואָרט און היטן זי אַזוי שטאַרק פונקט, ווי ווען זי וואָלט געשטיצט ווערן פון אַ מענטשלעכער מאַכט.

אַזוי האָט געלעבט און געווירקט דער מעכטיקער יידישער גייסט, וואָס שטייט ווי אַ ליכט־זייל אויף דער שוועל פון דער גאַנצער נאָך־חורבנ־דיקער ערא אין דער יידישער געשיכטע. ר׳ יוחנן האָט פאַראייניקט די פאַרבליבענע צעשפּליטערטע גלידער פון דער אומה און געמאַכט פון זיי איין גאַנצן פאָלקס־אָרגאַניזם, און אָט דעם אָרגאַניזם האָט ער פאַרזיכערט אַ ווייטערדיקע זיכערע עקזיסטענץ דערמיט, וואָס ער האָט אים בהדרגה אַרויסגעפירט פון דעם רוישיקן, פאַרוויקלטן מלוכה־לעבן און צוגעבראַכט צו דעם שטילן אָבער נישט ווייניקער רייכן לעבן פון גוט אָרגאַניזירטע קהלות, פון גייסטיקע, אייביקע שאַפונגען.

נאָך ר׳ יוחננס טויט האָבן זיינע תלמידים אָפּגעהאַלטן אַ באַראַ־טונג וועגן דער ווייטערדיקער הנהגה פון די פאָלקס־אַנגעלעגנהייטן און וועגן דעם אָרט, וואו עס זאָל פאַרגעזעצט ווערן די אָנגעהויבענע אַקאַדע־מישע טעטיקייט. די מערהייט פון די תלמידים איז געווען דערפאַר, אַז די ישיבה זאָל ווייטער אויך בלייבן אין יבנה; נאָר איין רבי אליעזר בן ערך, ר׳ יוחננס ליבלינג, איז באַשטאַנען דערויף, אַז די ישיבה זאָל דורכ־אויס איבערגעטראָגן ווערן אין חמת. און ער האָט זיינס דורכגעפירט: אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן, אַז די איבריקע תלמידים וועלן זיך אָן אים נישט קענען געבן קיין עצה, איז ער גלייך אַוועק אין דעם דערבייאיקן שטעטל חמת און זיך געגרינדעט דאָרטן אַן אייגענע באַזונדערע ישיבה. זיין האָפּ־נונג האָט זיך אָבער נישט פאַרווירקלעכט: אַן אָפּגעשניטענער פון דער

אַרומיקער וועלט און פון דעם לעבעדיקן געדאַנקען־אויסטויש, זיינען זיינע קענטעניש[ן] געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער און ווייניקער, און אין דער צייט, ווען ער, דער שטאַלצער בן ערך, האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זכר נאָך זיך אין דער יידישער געשיכטע, האָבן זיינע חברים פאָרגעזעצט די אָנגעהויבענע אַרבעט פון זייער גרויסן רבין און זייער נאָמען איז געבליבן צום אייביקן אָנדענק פאַר די קומענדיקע דורות. אינעם פאָדערגרונט פון דער דאָזיקער גרופּע געטרייע תלמידים זיינען אַרויסגעטראָטן ר׳ גמליאל הנשיא, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, און שפּעטער אויך ר׳ עקיבא בן יוסף, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם קבוץ פון די ערשטע תנאים.

יבנה איז אויף אַזאַ אופן פאַרבליבן אויך אויף ווייטער דער אויפהאַלטונגס־אָרט פון דעם גרויסן בית־דין, און ממילא אויך דער גייסטיקער צענטער פאַר דער גאַנצער אומה. די אַקאַדעמישע טעטיקייט האָט זיך אָבער פאָרט נישט דערהאַלטן בלויז אין יבנה אַליין, און מיט דער צייט זיינען אַנטשטאַנען נאָך צוויי גרויסע ישיבות, איינע אין לוד, אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ אליעזר, און די אַנדערע אין בקיעין (צווישן לוד און יבנה), אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ יהושע. די פּאַרטיפונג און פאַרברייטערונג פון דער יידישער געזעץ־לערע האָט פון דער דאָזיקער צענטראַליזאַציע אַ סך פאַרדינט. דערפאַר אָבער האָט שטאַרק געליטן דערפון איר איינהייט און גאַנצקייט, וואָס איז נאָך געווען גאַנץ שוואַך באַפעסטיקט און האָט זיך געשטיצט ביז אַהער נאָר אויף דער אויטאָריטעט פון דעם גרויסן רבן יוחנן. עס האָט זיך פונדאָסניי פונאַנדערגעקאָכט די אַלטע מחלוקת צווישן די בית שמאי און די בית הלל. יעדע ישיבה האָט אַנדערש אויסגעטייטשט די פּסוקים פון דער תורה און ממילא אויך — אַרויסגעדרונגען פון זיי אַנדערע אָנווענדונגען בנוגע צו פּראַקטישע, אַלטעגלעכע פראַגן. דאָס, וואָס אין איין אָרט איז געווען דערלויבט, איז פאַרבאָטן געווען אין אַ צווייטן, און „פון דער איינער תורה — ווי די לעגענדע דריקט זיך אויס — זיינען געוואָרן צוויי תורות״.

און אָט, כדי אַ סוף צו מאַכן מיט די דאָזיקע מחלוקתן, צו באַפעסטיקן די אָפּגעשוואַכטע איינהייט פון יידנטום און זי צו באַשיצן אויך אויף ווייטער פון יעדן ענלעכן אָנפאַל, — דאָס זיינען געוואָרן די לעבנס־אויפגאַבן פון רבן גמליאל, — ער האָט זיי דורכגעפירט מיט אַן אומגעווײנלע־

כער פעסטקייט און מיט דעם באַוואוסטזיין פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט, וואָס מאַכט ווייך אפילו די האַרטסטע מיטלען.

רבן גמליאל איז געווען דער זון פון דעם נשיא ר׳ שמעון בן גמליאל, וואָס האָט געהערט צו דער פּאַרטיי פון די מעסיקע זעלאָטן און איז געשטאַנען אַ געוויסע צייט בראש פון דער מלחמה קעגן די רוימער. בעת דעם אונטערגאַנג פון דער יהודהשער מלוכה איז ר׳ גמליאל, מסתמא, געווען נאָך יונג און נישט גענוג צייטיק, כדי איבערצונעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, ווי ס׳איז געווען צו יענער צייט די נשיאות (פּאַטריאַרכאַט) איבערן סנהדרין און ממילא אויך איבער דער יידישער אומה. מעגלעך איז אויך דאָס, אַז די רוימישע רעגירונג האָט די ערשטע צייט געקוקט קרום אויפן זון פון דעם פּאַטריאַטישן פּאַטריאַרך און נישט געוואָלט באַשטעטיקן די וואַל פון דער יהודהשער אינטעליגענץ. די נשיאות איבערן סנהדרין איז דערפאַר נאָר צייטווייליק איבערגעגאַנגען צו ר׳ יוחנן בן זכאי, און דעמאָלט איז שוין אויך פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז דער אמתער יורש פון דעם טיטול איז הלל אייניקל, וועמענס פאָטער, זיידע און עלטער־זיידע עס זיינען געווען נשיאים. נאָך ר׳ יוחננס טויט איז די נשיאות ממילא, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער, נאַטירלעכער פאַקט, איבערגעגאַנגען צו דעם געזעצלעכן יורש, און ווי ס׳איז צו גלויבן, האָט די רוימישע רעגירונג איצט שוין יאָ סאַנקציאָנירט די וואַל פון פאָלק. צום אונטערשייד פון זיין זיידן, ר׳ גמליאל הזקן, האָט מען דעם איצטיקן נשיא גערופן ר׳ גמליאל פון יבנה. פון זיין פּריוואַט־לעבן איז אונדז ווייניק באַקאַנט; דאָס ביסל אָבער, וואָס איז יאָ דערגאַנגען צו אונדז, זאָגט עדות אויף זיין מענטשלעך־שיינעם, מילדן כאַראַקטער. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע נחלאות, וועלכע ער פלעגט אָוועקגעבן אָרימע גערטנער אין אָרענדע פאַר אַ קליינעם פּרייז; ער האָט געהאַט שקלאַפן, און אין דער באַציאונג איז באַזונדער רירנדיק זיין ליבע צו דעם געצנדינערישן שקלאַף טאַבו, וועלכן ער האָט האַרציק באַוויינט, ווען יענער איז געשטאָרבן. ער האָט אים אפילו געוואָלט באַפרייען פאַרן לעבן, נאָר זיין שוואָגער, ר׳ אליעזר, האָט עס געפּונען פאַר אַ פאַרברעך קעגן געזעץ. ר׳ גמליאל האָט אויסער זיינע טיפע קענטעניש אין דער יידישער געזעץ־לערע, באַזעסן אויך פיל אַלגעמיינע, וועלטלעכע ידיעות: ער האָט געקענט די גריכישע און לאַטיינישע שפּראַכן און איז געווען גוט באַהאַוונט אין אַסטראָנאָמיע. פון דער נאַטור

אַ קרענקלעכער און שוואַכער, האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן אַן אומגעווייג־לעכן שטאַרקן ווילן, און דאָרט, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן כלל, וועגן דער אומה, — האָט ער נישט געוואוסט פון קיין שוואַכקייט.

ווי אַ נשיא (אויף רוימיש: פּאַטריאַרך) פון דער אומה האָט ר׳ גמ־ליאל געהאַט אין זיין מאַכט אויך געוויסע פּאָליטישע פונקציעס און עט־לעכע מאָל האָט ער געדאַרפט פאַרטרעטן די יידישע קהלות ביי דער רוי־מישער אַדמיניסטראַציע. די צייט פון זיין פּאַטריאַרכאַט איז געווען זייער אַן אומרואיקע, אי אינעווייניק, אי אויסנווייניק. פון איין זייט האָט די רוימישע רעגירונג, אונטער די בלוטיקע מלכים דאָמיציאַן און טראַיאַנוס, שטאַרק געררודפט די יידן פון דער רוימישער אימפּעריע און אַלע מאָל אַרויסגעגעבן קעגן זיי נייע גזירות; פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט זיך אין דער יידישער וועלט גופא אָנגעהויבן דעמאָלט די שפּאַלטונג צווי־שן די אָרטאָדאָקסישע אָנהענגער פון די יידישע געזעצן און טראַדיציעס און די פאַרשידענע קריסטלעכע סעקטעס, און ס׳איז פאָרגעשטאַנען אַ באַ־דייטנדיקע געפאַר, אַז די המונישע יידן זאָלן נישט איבערגיין מאַסנוויז אין די רייען פון די יידן־קריסטן (יודעאָ־קריסטיאַנער). דער נשיא איז צו־ליב דעם אַלעמען געצוואונגען געווען, אויסצונוצן זיין פולמאַכט מיט אַ געוויסער שטרענגקייט, מיט אַ געוויסער האַרטקייט אפילו, כדי צו קענען עפּעס אויפטון פאַר דער לאַגע, און דאָס האָט אַ סך געגעבן די מעגלעכ־קייט, אים צוצושרייבן פאַרשידענע בייזע און דעספּאָטישע כוונות. רבן גמליאל האָט אָוועקגעשטעלט פאַר אַ ציל, צוריקצוגעבן דער נשיאות איר כבוד און צו מאַכן איר פאַרן צענטער פון דעם געמיינדע־לעבן, כדי די איינהייט פון דער יידישער געזעץ־לערע זאָל אויף ווייטער זיין געשיצט פון דער צעשפּליטערונג, וואָס די דערמאָנטע ישיבות האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט. זיין פּלאַן איז דעריבער געווען, אַז יעדער דין, איבער וועלכן עס קומט פאַר אַ מחלוקת צווישן די פאַרשידענע ישיבות, זאָל געבראַכט ווערן פאַרן סנהדרין, וואו די אַנטגילטיקע אַנטשיידונג געהערט צום נשיא; דער־ביי האָט ער אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין דעספּאָטישע נייגונגען און האָט זיך נישט דערלויבט צו אַנטשיידן די צווייפלהאַפטע פראַגעס לויט זיין פערזענלעכן איינזען. ער האָט נאָר פאַראָרדנט, אַז דאָס סנהדרין זאָל צו־טרעטן פונדאַסגיי צו קאָנטראָלירן די כללים און יסודות פון די בית שמאי און בית הלל, כדי דאָן דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג, איין מאָל

פאַר אַלעמאַל פעסט צו באַשליסן, וועלכע כללים ס׳דאַרפן אַנערקענט ווערן פאַר דעם יסוד פון דער יידישער געזעצגעבונג. דער אויפטו איז אָבער ר׳ גמליאלן נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט; די לעגענדע דערציילט, אַז דריי מיט אַ האַלבן יאָר האָבן זיך געצויגן די דאָזיקע אַקאַדעמישע זיצונגען פון סנהדרין, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון ביידע פאַר־טייען, און קיינע פון זיי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן פון אירע מסורות און לאָגישע באַגרינדונגען. דאַן איז אַרויס אַ בת קול פון הימל און האָט אויסגערופן: „ביידע, אי די כללים פון בית שמאי, אי פון בית הלל, זיינען די רייד פון דעם לעבעדיקן גאָט; אין דער פּראַקטיק אָבער זיינען גילטיק נאָר די דינים פון בית הלל". די מערהייט מיטגלידער פון סנהדרין איז איינגעגאַנגען אויף דער געטלעכער אַנטשיידונג; נאָר איין ר׳ יהושע האָט זיך פון דעם בת קול אויך נישט געלאָזן איבערצייגן; ער האָט אויסגעשריגן: „מיר רעכנען זיך נישט מיט קיין בת קול! די תורה איז נישט אין הימל, נאָר אויף דער ערד". דער פאַרעקשנטער ווידערשטאַנד, — וועלכן עס האָט אונטערגעשטיצט אויך ר׳ גמליאלס שוואָגער, ר׳ אליעזר — האָט אָבער דאָך נישט געהאַט קיין דערפאָלג; ר׳ גמליאל האָט אויסגענוצט אַלע מיטלען, וואָס ער האָט נאָר געהאַט אין זיין מאַכט, ווי א נשיא, און האָט ענערגיש דורכגעפירט די באַשטימונג פון דער מערהייט.

אַזוי האָט זיך דערוויל געענדיקט די גרויסע מחלוקת, און די יידישע געזעץ־לערע האָט ענדלעך דאָך באַקומען אַ פעסטן איינהייטלעכן יסוד, אין דער געשטאַלט פון הללס מסורות און כללים. פאַר די יידישע מאַסן איז אָט די באַשטימונג געווען אַן אומגעהויערע פאַרלייכטערונג, ווייל זיי זיינען אַ דאַנק דעם באַפרייט געוואָרן פון אַ מאַסע דריקנדיקע גזירות און חומרות אינעם אַלטעגלעכן לעבן. די פאַנאַטישע אַנהענגער, ווידער, פון די דאָזיקע חומרות זיינען אויך נישט געשטערט געוואָרן, אין קיין זאַך, ווייל די באַשטימונג פון סנהדרין האָט בכלל נישט געטראָגן קיין רעפּרעסיוון כאַראַקטער. קיינער האָט די שמאיאיטן נישט געצוואונגען, צו ענדערן מיט אַמאָל זייער גאַנצע אַרט לעבן, לויט דעם גייסט פון די אָנגענומענע באַשלוסן; יעדער איינציקער פאַר זיך האָט גאַנץ פריי געקענט לעבן ווייטער אויך לויט זיינע שמאיאיטישע איבערצייגונגען, — עס האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן דער אַלגעמיינער נאָרמע, וועגן כלל. דאָ האָט ר׳ גמליאל אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע ענערגיע און זיין גאַנצע מאַכט, און דאָס

האָט אַרויסגערופן קעגן אים אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע; יעדער שריט פון דער מינדערהייט, צו שטערן דעם אָנגענומענעם באַשלוס פון סנהדרין, איז גע־וואָרן שטרענג באַשטראָפט, און דערביי האָט זיך ר׳ גמליאל נישט אָפּגע־שטעלט אפילו פאַר די באַרימטסטע געזעץ־לערער. און דאָס איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן: דער ענערגישער פּאַטריאַרך איז אַזוי ווייט אַוועק אין זיין אייפער פאַר דער איינהייט פון דער יידישער געזעץ־לערע, אַז ער האָט באַפוילן, אין גאַנצן נישט אַריינצולאָזן אין דער ישיבה קיין נישט ערלעכע און קריגערישע תלמידים.

אָט דער באַפעל האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם, און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט באַהאַלטענע טענות קעגן דעם דעספּאָטישן נשיא, וועלכער וויל הערשן איבער דעם גייסט פון זיינע חברים און צווינגען זיי, צו דענקען אַזוי ווי ער. דאָך האָט דערווייל נאָך קיינער נישט געוואָגט אָפּן אַרויסצוטרעטן קעגן דעם געאַכפּערטן ר׳ גמליאלן, און דאָס איז געשען ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך דערלויבט, אַרויפצולייגן די האַרטסטע שטראָף, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין מאַכט, דעם חרם (נדוי, שמתא), אויף דעם באַרימטן געזעץ־לערער ר׳ אליעזר בן הורקנוס. אַזוי ווי ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון שמאיס געזעץ־אויסטייטשונגען, האָט ר׳ אליעזר זיך פעסט געהאַלטן ביי די אַלטע, שמאיאיטישע, טראַדיציעס, און איין מאָל האָט ער קעגן דעם באַשלוס פון סנהדרין, וואָס האָט שוין געהאַט געפּסקנט די שאלה ווי די בית הלל, באַשטימט אַ דין לויט די בית שמאי. ווי אַ שטראָף דערפאַר, האָט ר׳ גמליאל באַפוילן, אויסצורופן אַ חרם אויף ר׳ אליעזרן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער לעצטער איז געווען זיי־נער אַ שוואָגער, און ווען עטלעכע חברים האָבן אים אויפמערקזאַם גע־מאַכט אויף ר׳ אליעזרס גרויסקייט, האָט ר׳ גמליאל אויסגערופן: „רבונו של עולם! פאַר דיר איינעם איז אָפן און אַנטפּלעקט, אַז נישט צוליב מיין כבוד און נישט צוליב דעם כבוד פון מיינע עלטערן (הללס קינדער) האָב איך דאָס געטון, נאָר צוליב דיין כבוד, עס זאָלן זיך נישט מערן קיין מח־לוקות ביי יידן!"

ר׳ גמליאל האָט אָבער געהאַט אַ טעות, ווען ער האָט געגלויבט, אַז אים וועט זיך איינגעבן מיט אַזעלכע מיטלען צו דערהאַלטן די איינ־הייט און דעם פּרעסטיזש פון סנהדרין. די רעפּרעסיעס קעגן איינצלנע באַ־רימטע מיטגלידער פון דעם קאָלעגיום זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער צוליב

דער אָפּאָזיציע, וואָס די דאָזיקע מיטגלידער האָבן אַרויסגעוויזן קעגן די החלטות פונעם נשיא, און דאָס האָט ווידער געגעבן מאַטעריאַל פאַר נייע קאָנפליקטן. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט דער צוזאַמענשטויס צווישן דעם מעכטיקן נשיא און דעם אָרימען אָבער באַליבטן און איינפלוסרייכן ר׳ יהושע בן חנניה. ר׳ יהושע, אַן אָרימער תלמיד חכם, וואָס האָט זיך געשפּייזט פון זיין אייגענער פיזישער אַרבעט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומגעווייגלעכער גוטהאַרציקייט און עניוות, אַזוי ווי ער איז אויסערלעך געווען זייער נישט שיין, פלעגט ער דאָך מאַכן דעם בעסטן איינדרוק אויף מענטשן, אַ דאַנק זיינע טיפע און שאַרפזיניקע איינפאַלן. בנוגע צו ר׳ גמליאלן האָט ר׳ יהושע זיך אויך געפונען אין דער אָפּאָזיציע, כאָטש ער איז בכלל געווען פון הללס תלמידים און האָט אַ לאַנגע צייט נישט אַרויסגעוויזן אָפן זיין אומצופרידנקייט מיט די באַשטימונגען פון נשיא. איין מאָל, האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז ר׳ גמליאל האָט באַשטימט דעם אָנהויב פון חודש תשרי — דער חודש, אין וועלכן עס פאַלן אויס די גרעסטע יידישע יום־טובים און אויך יום כפור — לויט די לבנה־באַאָבאַכטונגען פון צוויי נישט קיין זיכערע עדות. ר׳ יהושע האָט אָנגעוויזן אויף אַ באַדייטנדיקן פעלער אין ר׳ גמליאלס באַשטימונג און אויפגעפאָדערט די חברים פון קאָלעגיום, צו באַשטימען אַ נייע באַאָבאַכטונג פון דער לבנה און ממילא אויך צו ענדערן די צייט פון די יום־טובים. ר׳ גמליאלס שטענדיקער אָנהענגער און פאַרערער, ר׳ יוחנן בן נורי, און דער רייכער ר׳ דוסא בן הרכינס, זיינען דאָס מאָל אויך געווען אויף ר׳ יהושעס זייט און האָבן צוזאַמען מיט אים אָנערקענט, אַז די עדות זיינען פאַלשע. דער נשיא האָט אָבער דורכאויס געוואָלט דערהאַלטן זיין אויטאָריטעט, און ער האָט געשיקט זאָגן ר׳ יהושען: „איך בין גוזר אויף דיר, דו זאָלסט קומען צו מיר מיט דיין שטעקל און טאָרבע און געלט־בייטל אין דעם טאָג, וואָס לויט דיין רעכנונג פאַלט אויס אין אים יום כפור״. ר׳ יהושען האָט דער דיקטאַטאָרישער באַפעל שרעקלעך אָנגעגריפן, און אים איז שווער געווען צו פאָלגן ביי זיך, ער זאָל מחלל זיין דעם הייליקן יום־טוב. זיינע חברים, צווישן זיי אויך ר׳ עקיבא און דער אַלטער ר׳ דוסא, האָבן אים אָבער איבערצייגט, אַז ער מוז פאָלגן דעם נשיאס באַפעל, „וואָרום אויב מיר וועלן נעמען נאָכטראַכטן נאָך ר׳ גמליאלס בית דין, דאַרפן מיר שוין נאָכטראַכטן אויך נאָך אַלע בית־דינס, וואָס זיינען געווען ביי יידן

פון משה רבינו ביז היינטיקן טאָג״. דאָס האָט געווירקט אויף ר׳ יהושען און ער איז געקומען אין דעם באַשטימטן טאָג צו ר׳ גמליאלן, ווי יענער האָט אים באַפוילן. פון דער געהאָרכזאַמקייט איז ר׳ גמליאל געוואָרן אַזוי גערירט, אַז ער האָט אים האַרציק אויפגענומען און געזאָגט: „קום אַריין אין פרידן, מיין רבי און מיין תלמיד! מיין רבי — אין חכמה, און מיין תלמיד — ווייל דו האָסט מיר אַרויסגעוויזן אַזאַ געהאָרכזאַמקייט. וואויל איז דעם דור, אין וועלכן די גרויסע הערן זיך צו צו די קלענערע״.

דער דאָזיקער שלום האָט זיך אָבער נישט לאַנג געהאַלטן. צוליב די שטרענגע מיטלען, וואָס ר׳ גמליאל האָט אָנגעווענדט קעגן זיינע קעגנער איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, אַראָפּצוזעצן דעם דיקטאַטאָרישן נשיא פון זיין שטול, און אַרויפצוזעצן אויף אים אַן אַנדערן, אַ ווייניקער שטרענגן. אַזוי ווי ר׳ גמליאל האָט געהאַט אַ גרונט, חושד צו זיין ר׳ יהושען, אַז ער שטייט בראש פון דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, האָט ער אים נאָך עטלעכע מאָל האַרט אָנגעגריפן. ר׳ יהושעס אָנהענגער האָבן דאָס גוט געדענקט, און ענדלעך איז עס געקומען צו אַן אָפענעם אויסברוך, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער איבערקערעניש אין דעם סנהדרין פון יבנה. — דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם ווייטערדיקן אופן: צווישן די תקנות, וואָס די אַנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען, זיינען געווען אויך תפילות צוגעפּאַסטע צו יעדן קרבן, וואָס זיינען געווען אַ חוב פאַר אַלע יידן אי אין בית המקדש, אי אויסער אים. אָט דער מנהג, צו דאַווענען עטלעכע מאָל אין טאָג, האָט זיך פּראַקטיצירט ביי יידן פון גלות בבל אָן. אַזוי אָבער, ווי אין בית המקדש איז געווען נאָר אַ קרבן תמיד של שחר (אַ שטענדיקער פרימאָרגן־קרבן) און אַ קרבן של בין ערבים (פאַרנאַכטיקער קרבן) און נישט קיין קרבן פון ביינאַכט, איז די תפילה פון ביינאַכט אויך געווען נישט זייער פאַרשפּרייט און אַ סך מיטגלידער פון סנהדרין האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מעריב דאַווענען איז נישט קיין פליכט פאַר אַלע. קעגן דעם איז געווען ר׳ גמליאל, וועלכער האָט בכלל געזען אין די תפילות אַ שטאַרקן חיזוק פאַר דעם קיום פון דער אומה און האָט מתקן געווען, אַז יעדער ייד איז מחויב, צו דאַווענען דריי מאָל אין מעת לעת: אין דער פרי, פאַרנאַכט און ביינאַכט. האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַ מעשה, אַז איין תלמיד איז געקומען צו ר׳ יהושען און האָט אים געפרעגט: די תפילה פון ביי־

נאַכט איז אַ רשות, צי אַ חוב? און ר׳ יהושע האָט אים געענטפערט: אַ רשות. דערנאָך איז דער זעלביקער תלמיד געגאַנגען צו ר׳ גמליאלן און האָט אים אויך געפרעגט די זעלביקע שאלה, און ר׳ גמליאל האָט אים גע־ענטפערט: אַ חוב. האָט אים דער תלמיד געפרעגט: סטייטש, ר׳ יהושע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז ס׳איז אַ רשות? האָט ר׳ גמליאל אים געזאָגט: וואַרט, ביז די חכמים וועלן אַריינקומען אין בית המדרש, און ווען זיי זייַנען אַריינגעקומען, האָט ער געפסקנט, אַז מעריב דאַווענען איז אַ חוב. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דעם גאַנצן קאָלעגיום מיט דער שאלה: קיינער קריגט נישט אויף דער באַשטימונג מיינער? און ר׳ יהושע האָט געענטפערט: ניין! דאָס האָט דעם שטרענגן נשיא שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט אויסגעשריגן: „יהושע! שטעל דיך אויף דיינע פיס און זאָל מען איבער דיר עדות זאָגן! האָט זיך ר׳ יהושע געשטעלט און געזאָגט: ווען איך וואָלט זיין אַ לעבעדיקער און ער אַ טויטער, קען אַ לעבעדיקער אָפּ־לייקענען אַ טויטן; איצט אָבער, אַז איך לעב און ער לעבט — ווי קען איין לעבעדיקער אָפּלייקענען דעם אַנדערן? איז ר׳ גמליאל געזעסן און גע־דרשהנט און ר׳ יהושע איז אַלץ געשטאַנען אויף די פיס, ביז אַלע תלמידים זיינען אויפגעקאָכט געוואָרן און האָבן אַ געשריי געטון צו חוצפית דעם מתורגמן (דערקלערער, אויסטייטשער): האַלט! און ער איז שטיל געוואָרן. דאָ האָבן זיך פון אַלע זייטן דערהערט אויסרופן: „ווי לאַנג וועט ער אים (יהושען) אַזוי מצער זיין! שוין דאָס דריטע מאָל פייניקט ער אים! און ווער האָט שוין פון אים נישט געליטן, — קומט לאָמיר אים מעביר זיין פון דער נשיאות!" און דער גאַנצער קאָלעגיום איז גלייך צוגעטראָטן, אויסצואויילן אַ נייעם נשיא. דאָ זיינען געווען שטימען פאַר דעם זעל־ביקן ר׳ יהושע, ר׳ גמליאלס הויפּט־קעגנער, די מערהייט האָט אָבער נישט געפועלט ביי זיך, אַזוי שטאַרק צו קרענקען די אייגנליבע פון דעם אַלטן נשיא. און דער גורל איז געפאַלן אויף דעם יונגן ר׳ אליעזר בן עזריה, „וועלכער איז אי קלוג, אי רייך, אי אַ צענטער דור פון עזרא (הסופר), קלוג — אַז מ׳וועט אים פרעגן, וועט ער וויסן צו ענטפערן; רייך — אַז מ׳וועט דאַרפן זיך משתדל זיין פאַרן קייסער, וועט ער עס אויך קענען, און ער איז אַ צענטער דור פון עזראן — האָט ער זכות אבות און ר׳ גמליאל וועט אים נישט קענען באַשטראָפן".

מיט דער באַשטימונג פון ר׳ אליעזרן פאַר אַ נשיא, זיינען אָפּגע־

שאַפט געוואָרן פּיל פאַראָרדענונגען און באַגרענעצונגען, וואָס זיינען איינ־געפירט געוואָרן אין ר׳ גמליאלס צייטן. „אין יענעם טאָג האָט מען אָפּגע־זאָגט דעם שומר פון טיר (פון בית המדרש) און ס׳איז געגעבן געוואָרן רשות אַלע תלמידים אַריינצוגיין״. „דען ר׳ גמליאל האָט געהאַלטן, אַז לערנען מיט נישט קיין אויפריכטיקן תלמיד איז פונקט ווי צו וואַרפן אַ שטיין צו דער עבודה זרה, און ר׳ אליעזר בן עזריא האָט געדרשהנט: שטענדיק זאָל אַ מענטש עוסק זיין אין תורה און מצוות און אפילו שלא לשמה, ווארום פון שלא לשמה וועט ער קומען צו לשמה״. די רעפאָרם איז גלייך אויסגענוצט געוואָרן, און ווי די לעגענדע גיט אי־בער, זיינען צוגעקומען אין יענעם טאָג ביז דריי הונדערט בענק (לויט אַ צווייטן נוסח זיבן הונדערט בענק) אין בית המדרש. דערמיט האָבן זיך אָבער די פאָלגן פון דער איבערקערעניש נישט געענדיקט. די ווירקונג פון די נייע וואַלן איז געווען אַזוי באַדייטנדיק אַז דער טאָג, ווען די געשעע־ניש איז פאָרגעקומען, איז פאַרבליבן אין זכרון פון די ווייטע קומענדיקע דורות, ווי אַ באַרימטער היסטאָרישער טאָג (בו ביום, אותו היום). אונטער דעם פאָרזיץ פונעם נייעם נשיא האָט דאָס סנהדרין גענומען קאָנטראָלירן און פונדאַסנייע דורכשטודירן די אַלע געזעץ־באַשטימונגען און איינפירונ־גען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון ר׳ גמ־ליאלס אויטאָריטעט אינעם גייסט פון די בית הלל. פון די דאָזיקע געזעצן זיינען איצט אַ סך געוואָרן געענדערט; אַ גרויסע צאָל שאלות, איבער וועלכע ס׳האָט זיך שוין פון יאָרן געצויגן אַ מחלוקת צווישן די בית שמאי און די בית הלל, זיינען פון די „חכמי יבנה״ פאַרענטפערט געוואָרן אין דעם זין פון אַ פשרה: „נישט ווי דער און נישט ווי דער״; עס זיינען פאָר־געקומען אויך פאַלן, אַז די בית הלל אַליין האָבן חרטה געהאַט אויף זייע־רע פריערדיקע באַשטימונגען און אָנגעהויבן צו פּסקענען געוויסע הלכות, ווי די בית שמאי. דערביי האָט דער נייער נשיא אויפגעטון נאָך אַ וויכטי־קע זאַך: ער האָט געלאָזט צוזאַמענרופן די יעניקע אַלע, וואָס האָבן אַליין נאָך געדענקט די אויטאָריטעטן פון די פריערדיקע דורות און אויפגענומען פון זיי אַלע מסורות, וואָס זיי האָבן געהאַט. צווישן די דאָזיקע עדות האָבן זיך געפונען צוויי בעלי מלאכות פון ירושלים, וואָס האָבן איבערגעבראַכט אַ וויכטיקע מסורה נאָך פון שמעיה און אבטליון. דער פּראָטאָקאָל פון אָט

די היסטאָרישע זיצונגען איז דערגאַנגגען צו אונדז אין אַ קליינעם טראַקטאַט פון דער משנה אונטערן נאָמען „עדיות".

פון די פראַגן, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן „אין יענעם טאָג", זיינען באַזונדער וויכטיק די וויטערדיקע צוויי, וואָס האָבן אַ פּרינציפּיעלע, אַלגעמיינע באַדייטונג, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גר פון די עמונים, צי מעג ער נעמען אַ יידישע טאָכטער. ר' גמליאל האָט געפּסקנט, אַז ער טאָר דאָס נישט, ער האָט זיך געשטיצט אויף דעם בפירושן פּסוק: „לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה'" (עס זאָל נישט אַריינגענומען ווערן קיין זון פון עמון און מואב אין גאָטס געמיינדע); אויף דעם האָט ר' יהושע געענטפערט: „צי זיצן דען די עמונים און מואבים אויף זייערע ערטער? עס איז דאָך שוין לאַנג געקומען סנחריב און האָט אויסגעמישט די גאַנצע וועלט". אין דער צווייטער פראַגע האָט זיך גערעדט וועגן דער הייליקייט פון די צוויי ספרים, וואָס די מסורה האָט צוגעשריבן שלמה המלך, „שיר השירים" און „קהלת". די בית שמאי האָבן אַנערקענט, אַז „קהלת" איז געשריבן געוואָרן נישט מיט „רוח הקודש" און דאַרף נישט אַריינגענומען ווערן אין דער ריי פון די „הייליקע שריפטן". דאָס זעלבע איז געווען אויך מיט „שיר השירים"; געזיגט האָבן אָבער אין דער פראַגע די בית הלל — דער נאָמען שלמה המלך האָט מציל געווען די צוויי שיינע פּערלען פון דער אַלט־העברעאישער ליטעראַטור.

אַ מערקווירדיקן איינדרוק מאַכט ר' גמליאלס באַציאונג צו די אַלע געשעענישן פון „דעם טאָג". ווי זי ווערט געשילדערט אין דער לעגענדע. דער הייסער אָנהענגער פון אַ צענטראַלער אויטאָריטעט מאַכט האָט זיך איצט אַליין אונטערגעוואָרפן דער נייער אויטאָריטעט, און נישט אויפגעהערט זיך צו באַטייליקן אין די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען פון סנהדרין; און נישט נאָר דאָס — ר' גמליאל האָט איצט אליין אַנערקענט אַז ער איז צו ווייט פאַרגאַנגען אין דער פאַרטיידיקונג פון זיינע מיינונגען, און ער האָט געזוכט אויף זיך קודם כל, צו פאַריכטן אָט דעם פעלער. „ר' גמליאל האָט געזאָגט: אויב ס'איז אַזוי וועל איך גיין אים (ר' יהושען) איבערבעטן. ווען ער איז צוגעקומען צו ר' יהושעס וואוינונג, האָט ער געזען, אַז די ווענט פון שטוב זיינען שוואַרץ, און ר' יהושע זיצט און מאַכט נאָדלען". דאָס האָט אויף דעם רייך־דערצויגענעם אַריסטאָקראַט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, און ער האָט זיך אָפּגערופן: איז דאָס ווירקלעך דיין

פּרנסה ? ! אויף דעם האָט ר׳ יהושע אים געענטפערט: „ווײ איז צו דעם דור, וואָס דו ביזט זיין מנהיג, און ווײ איז צו דער שיף, וואָס דו ביזט איר פירער ! דו ווייסט נישט דעם צער פון די תלמידי חכמים מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך און פון וואָס זיי לעבן". האָט ר׳ גמליאל געזאָגט: „דו ביזט גערעכט ! זיי מיר מוחל!" ר׳ יהושע האָט זיך אָבער נישט אומ־געקוקט אויף אים. דאַן האָט ר׳ גמליאל ווידער געבעטן: „טו דאָס אין דעם זכות פון מיינע עלטערן"; דאָס האָט געווירקט: ר׳ יהושע האָט אים מוחל געווען און איז אַליין געגאַנגען זיך משתדל זיין, אַז ר׳ גמליאל זאָל צוריק באַקומען די נשיאות. איצט האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן דעם, ווי אַזוי צו פּועלן ביי ר׳ אליעזרן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם ערנ־טיטול, וואָס ער האָט ערשט באַקומען, און די שליחות האָט ר׳ עקיבא איבערגענומען אויף זיך. ר׳ אליעזר האָט אָבער גאָרנישט געקלערט איבער געוואָלט זיך אָנצוהאַלטן אָן דעם פּאַטריאַרכאַלן־שטול, און ער האָט גלייך אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ דעם נשיא בן נשיא; נאָר כדי נישט צו פאַרשעמען אינגאַנצן ר׳ אליעזרן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ר׳ גמליאל זאָל עפענען און פירן די זיצונגען פון קאָלעגיום צוויי שבתים, און ר׳ אליעזר — דעם דריטן שבת.

פון דאַן אָן איז די טעטיקייט פון סנהדרין געגאַנגען אָן גרויסע מחלוקתן און שרייענדיקע סכסוכים. ר׳ גמליאל האָט אויך ווייטער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, אָפּצוהיטן די איינהייט און די אויטאָריטעט פון דעם רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן צענטער. אים האָט זיך אָבער פאַרט נישט געקענט איינגעבן, צו דערשטיקן אינגאַנצן די פאַרשידנהייט פון די מיינונגען ,וואָס איז געלעגן אינעם עצם מהות פון די פלפולדיקע דרינ־גענישן און געזעץ־דערקלערונגען. דער אַקאַדעמישער קאַמף אין בית־מדרש האָט זיך נישט געלאָזן אונטערוואַרפן די שטרעבונג פון דעם פּראַקטישן פאָלקס־פירער, וואָס האָט קודם־כל געקלערט וועגן פאַרשטאַרקן די יידישע קולטורעלע אויטאָנאָמיע. ר׳ גמליאלן איז נאָר געלונגען ווייכער צו מאַכן אָט דעם קאַמף און נישט צוצולאָזן דערצו, אַז ער זאָל אָננעמען זייער זייער שאַרפע פאָרמען, ער איז אָבער נישט אימשטאַנד געווען, אים צו באַזייטיקן.

אַ דאַנק ר׳ גמליאלס ענערגישער הנהגה איז דאָס סנהדרין אין יבנה געוואָרן דאָס האַרץ פון דער יידישער אומה. די יידישע קהלות אין די

ווייטסטע לענדער האָבן געקוקט אויף דער נשיאות אין יבנה, ווי אויף אַן איבערבלייבעניש פון דער יידישער מלוכה, וואָס ווערט פאַרטראָטן פון אַן אייניקל פון דוד הויזגעזינד, און זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם נשיא קעניג־לעכן כבוד. דער לעצטער האָט באַזעסן די מאַכט, צו באַשטימען ריכטער, פּרנסים און אַלע אַנדערע פּאָסטנס פאַר די קהלות פון דער גאַנצער דיאַס־פּאָראַ, און די רוימישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך כמעט גאָרנישט גע־מישט אין די יידישע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. ביי דער גאַנצער הייסער שטרעבונג פונעם נשיא צו אייניהייט, האָט ער אָבער דאָך נישט געשטערט די פאָרשטייער פון אייגענע ישיבות אין זייער זעלבסטשטענדיקער טעטי־קייט; זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט, צו באַשטימען זייערע תלמידים פאַר ריכטער און פאָלקס־לערער ,און אָט די באַשטימונג האָט געהאַט די פולע קראַפט, אפילו אָן דער הסכמה פון נשיא. דער אַקט פון מסמיך זיין אַ תלמיד (געבן אים דעם טיטול רבי, לערער) פלעגט צוגיין זייער פייערלעך; אין דער קעגנוואַרט פון צוויי מיטגלידער האָט דער ראש־ישיבה אַרויפ־געלייגט די האַנט אויף דעם אַנערקענטן תלמיד, אָנגעטאָן אויף אים די טאָגאַ פון אַ תלמיד־חכם און אויסגערופן „רבי”. די דאָזיקע סמיכה האָט, אגב, נישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט דער סמיכה, וואָס מיר געפינען ביי די נביאים, וועלכע פלעגן אויך אָנשפאַרן די הענט אויף די קעפּ פון זייערע תלמידים, די בני הנביאים. דען דער באַגריף פון איבערגעבן דעם הייליקן גייסט איז בכלל פרעמד געוואָרן דעם יידנטום נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך אויפגעהערט צו ווייזן אין אים דערשיינונגען פון עכטער, געט־לעכער נבואה .די סמיכה פון די זקנים איז געווען נאָר אַ מין הסכמה אָדער עדות זאָגן אויף דעם מוסמך, אַז ער איז גענוג קאָמפּעטענט צו לער־נען אַנדערע און צו אַנטשיידן אַלערליי ריין־רעליגיעזע, ווי אויך יורידישע שאלות. דער מוסמך פלעגט אויך קריגן דעם טיטול זקן, וואָס האָט געדינט פאַר אַן אַטעסטאַט אויף צו קאָנען אַריינגענומען ווערן ווי אַ מיטגליד אין סנהדרין.

די עפנטלעכע זיצונגען פון סנהדרין פלעגן אויך צוגיין זייער פייער־לעך. דעם העכסטן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער נשיא, און פאַר אים, אין אַ האַלבן קרייז, האָבן זיך אַרומגעזעצט די אָנגעזעענסטע געזעצלערער. הינטער די דאָזיקע מיטגלידער זיינען געזעסן אין עטלעכע שורות די „זקנים”; הינטער זיי ווידער זיינען געשטאַנען די תלמידים און גאָר צו

לעצט איז דאָס פאָלק געלעגן אויף דער ערד און זיך צוגעהערט. עפּעמען די זיצונג פלעגט דער נשיא, מיט וועלכער ס׳איז הלכה אָדער מיט דעם אויסרוף: „פרעגט!", וואָס האָט געגעבן יעדערן פון קאָלעגיום דאָס רעכט, פאָרצולייגן זיינע ספיקות און שאלות. דער נשיא אליין האָט נישט גע־רעדט צום גאַנצן סנהדרין; ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס אָנטשיידן, האָט ער דאָס אין קורצן איבערגעגעבן דעם מתורגמן, און יענער האָט עס דער־נאָך געגעבן מסביר געווען און דערקלערט פאַרן גאַנצן עולם. ביי יעדער שאלה זיינען פאָרגעקומען דעבאַטן, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע מיטגלידער, און נאָר דער נשיא אליין האָט געהאט דאָס רעכט, זיי אָפּצושטעלן. ער פלעגט דערביי אויסרופן: נגמר הדין (ס׳זיינען גע־ענדיקט די פאַרהאַנדלונגען), און נאָכדעם איז מען צוגעטראָטן צו דער אָפּשטימונג, וואָס פלעגט זיך אָנהויבן ביי דיני ממונות (געלט־פראַגן) פון דעם גרעסטן מיטגליד און ביי די דיני־נפשות (קרימינאַל־פראַגן) פון דעם קלענסטן, כדי די קלענערע, נישט פעסט איבערצייגטע מיטגלידער פון געריכט זאָלן נישט באַאיינפלוסט ווערן אין זייערע מיינונגען פון די גרויסע.

באַזונדער וויכטיק און באַדייטנדיק איז געווען די פונקציע פון סנהד־רין בנוגע צו די באַשטימונגען פון די חדשים און יאָרן. די צענטראַלע אינסטיטוציע האָט געהאַט אויף זיך די פליכט, צוצושטעלן אַלע צעשפּריי־טע יידישע קהלות אין די וויטסטע לענדער געגויע ידיעות וועגן דעם, ווען עס פאַלן אויס די און די יום־טובים, און אַזוי ווי ס׳זיינען נאָך דאַן נישט געווען קיין פעסט־באַשטימטע קאַלענדאַר־אויסרעכנונגען, האָט דאָס סנהדרין אין יבנה געמוזט איינאָרדנען גענויע אָבסערוואַציעס איבער די פאַזן פון דער לבנה און באַזונדער איבער דעם דערשיינען פון דעם ערשטן לבנה־שטרייף, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם אָנהויב פון יידישן חודש.

אין פאַלעסטינע גופא און אין בבל פלעגט די באַשטימונג פון דעם נייעם חודש איבערגעגעבן ווערן אין די ווייטערע קהלות דורך אַ ספּע־ציעלן סיגנאַל: שייטערהויפנס, וואָס פלעגן אָנגעצונדן ווערן ביינאַכט אויף די שפּיצן פון די הויכע בערג; די יידישע קהלות אָבער אין די „מדינות הים": מצרים, קליין־אַזיע, גריכנלאַנד, וואוהין די סיגנאַלן האָבן נישט געגרייכט, — האָבן נישט געקענט וויסן גענוי דעם טאָג פונעם נייעם חודש אַזוי לאַנג, ווי ס׳זיינען נישט אָנגעקומען צו זיי די שלוחים פון

סנהדרין, דעריבער האָט מען מתקן געווען, אַז די קהלות אויסער פּאַלעס־טינע זאָלן, פון ספק וועגן, פייערן צוויי טעג יום טוב, אנשטאט איינעם, און אַט דער מנהג פון די טאָפּלטע יום טובים (יום טוב של גליות) איז פאַרבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג.

מיט דעם צוועק, צו פאַרשטאַרקן די איינהייט פון דער אומה, האָט ר׳ גמליאל מתקן געווען נאָך אַ וויכטיקע תקנה: ער האָט צוזאַמענגע־שטעלט איין באַשטימטן נוסח פון שול־תפילות (דאַווגען) פאַר אַלע יידן אין דער וועלט. אין דער צייט פון בית המקדש האָבן די תפילות, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, געדינט נאָר ווי אַ צוגאָב צו די קרבנות, זיי האָבן נישט געהאַט קיין זעלבסטשטענדיקע באַדייטונג. איצט אָבער, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און דער קולט פון די קרבנות איז אונטער־געגאַנגען, זיינען די תפילות געווען דער מיטלפּונקט פונעם רעליגיעזן לעבן, און דאָס האָט ר׳ גמליאל פאַראויסגעזען. ער מיט זיין בית דין האָבן אויסגעאַרבעט אַ פולשטענדיקן טעקסט פון אַלטעגלעכע תפילות, וואָס אַנטהאַלטן אַ רייע לויב־ און דאַנק־מזמורים צו דעם איינציקן גאָט פאַר די גרויסע לעבנס־מתנות (ליכט, לעבן, גייסט או״וו), וואָס ער שענקט דעם מענטשן טאָג־טעגלעך, און דאַן אויך עטלעכע האַרציקע נאַציאָנאַלע בקשות: עס זאָל צוריק אויפגעבויט ווערן די הייליקע שטאָט מיטן בית־המקדש, משיח זאָל קומען און אויסלייזן יידן פון גלות און די יידישע אומה זאָל בכלל צוריק באַקומען איר אַמאָליקן גלאַנץ, איר אַמאָליקע גרויסקייט. ר׳ גמליאל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט די שמונה־עשרה (אַכצן ברכות) ווי אַ חוב פאַר יעדן יידן דריי מאָל אין טאָג, און שמעון פון פקולי האָט די ברכות רעדאַגירט און צוזאַמענגעשטעלט. נישט אַלע געזעץ־לערער האָבן אָבער מסכים געווען צו דער נייער איינפירונג, און אַ באַזונדער התנגדות האָט אַרויסגעוויזן דער באַרימטער ר אליעזר בן הורקנוס, וועלכער האָט אַנערקענט, אַז יעדעס געבעט (תפילה) דאַרף אויסדריקן אַ געוויסן לעבעדיקן געפיל, אַ געוויסע שטימונג, און קוים מאַכט מען עס פאַר אַ קביעות, פאַר אַ באַשטימטן אייביקן נוסח, פאַרלירט עס אינגאַנצן דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער און הערט אויף צו זיין אַ תפילה.

אין יענער צייט איז אויך איינגעפירט געוואָרן דער סדר פון דאַווּ־נען בצבור. לויט דעם סדר האָט דער עפנטלעכער גאָטעסדינסט באַקומען אַ גאַנץ איינפאַכע פאָרם: יעדער ייד, וואָס האָט דערגרייכט אַ געוויסע

עלטער, אויב ער איז נאָר נישט קיין פאַרברעכער, מעג ווערן דער „שליח צבור" ,ד. ה. ער קען זיך אַוועקשטעלן פאַרן עמוד און פאָרזאָגן די תפילות אין נאָמען פון דער גאַנצער עדה.

דאָס רעליגיעזע לעבן פון פאָלק איז, אויף אַזאַ אופן, אין אַלע הינ־זיכטן רעגולירט געוואָרן דורכן סנהדרין און דעם נשיא, און די צעשטע־רונג פון בית המקדש האָט קיין גרויסן חלל נישט איבערגעלאָזט אין האַרץ פון יידנטום. דאַוונען, לערנען תורה און די איבעריקע אַנדערע מעשים טובים האָבן כמעט אינגאַנצן אויסגעפילט דעם פּלאַץ פון די קרבנות; מעשר די כהנים און לויים, פּאה (די תבואה פון די עקן פעלדער) און די איבעריקע שטייערן, וואָס האָבן זיך ביז דאַן פּראַקטיצירט אין יהודה, האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו פּראַקטיצירן איצט אויך; די פאַרשידענע געזעצן, וואָס האָבן זיך געשטיצט ביז אַהער אויף דער הייליקייט פון יהודהס ערד, זיינען אויך געבליבן אין זייער קראַפט, און בכלל האָט דאָס גאַנצע לעבן פון לאַנד נישט פאַרלוירן זיין פריערדיקן כאַראַקטער. עס זיינען נאָך צוגעקומען פאַרשידענע מנהגים, וואָס האָבן געזאָלט דערהאַלטן אין פאָלק דעם לעבעדיקן טיפן ווייטיק איבער דעם אונטערגאַנג פון גאָטס הויז. און צוזאַמען דערמיט אויך די שטאַרקע האָפנונג, אַז באַלד וועלן פאַר יהודה ווידער אומקערן אירע ליכטיקע צייטן. די פאָלקס־לערע האָט פון איין זייט אַזוי ווי פאַרפליכט יעדן יידן צו טרויערן איבער דעם חורבן פון יהודה, און אין דער זעלביקער צייט אויך געטרייסט, גע־פלאַנצט אין די הערצער פון אירע צוהערער די שענסטע האָפענונגען; די פיר תעניתים, וואָס די גולי בבל האָבן גענומען פרייוויליק אויף זיך, נאָכן אונטערגאַנג פון ערשטן בית־המקדש, זיינען איצט צוריק געוואָרן איינגעפירט; דאַקעגן זיינען פאַרבליבן אין זייער קראַפט די טעג פון היסטאָרישע נאַציאָנאַלע שמחות.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס אינעווייניקסטע יידישע לעבן. פון אויסנ־ווייניק האָט זיך יידן געלעבט נישט שלעכט אונטער וועספּאַסיאַנען און טיטוסן. אונטער דאָמיציאַנוסן דאַקעגן האָבן די יידישע אונטערטאַנען אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע געמוזט אויסשטיין אַ רייע שווערע רעפּרעסיעס, און ווי דאָס פאָלק האָט שפּעטער דערציילט איז דער נשיא צו יענער צייט געפאָרן קיין רוים, זיך משתדל זיין, אַז דער יידישער גורל זאָל ווערן פאַרבעסערט. דאָס זאָל האָבן געשען אין דער צייט, ווען דאָ־

מיציאַנוס האָט פּלוצלינג גוזר געווען אויף אַלע יידן פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, אַז אין אַ משך פון דרייסיק טעג זאָל פון זיי קיין זכר נישט איבערבלייבן. ווען ער האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ר׳ גמליאל און מיט אים זיינע חברים: ר׳ אליעזר בן עזריה, ר׳ יהושע בן חנניה און ר׳ עקיבא בן יוסף אונטערגענומען אַ רייזע קיין רוים. דערביי דערציילט די לעגענדע, אַז ווען זיי האָבן דערהערט דעם טומל פון דער פריילעכער שטאָט און פון קאַפּיטאָלישן טעמפּל, האָבן זיך ר׳ גמליאל, ר׳ יהושע מיט ר׳ אליעזרן פאַנאַנדערגעוויינט, אויף וואָס ר׳ עקיבא האָט זיי געזאָגט: ,,וואָס עפּעס וויינען? ! אויב גאָט גיט אַזוי פיל גוטס אַ נישט געהאָרכזאַמען פאָלק, טאָ וויפיל־זשע האָט ער שוין אָנגעגרייט אין דער צוקונפט פאַר זיינע קינדער״. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין רוים האָבן זיך די פירער פון דער אומה געווענדעט נאָך הילף צו אַ באַקאַנטן רוימישן סענאַטאָר, וואָס איז געווען גוט געניגט צום יידנטום, און די פרוי זיינע, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער יידישער תורה, האָט אים, דעם מאַן, צוגערעדט, ער זאָל זיך מקריב זיין פאַר זיין ,,יידישקייט״. דאָס מקריב זיין זיך, האָט געהייסן פּשוט: זיך נעמען דאָס לעבן, ווייל ס׳האָט גע־הערשט אַ מנהג דאָרטן, אַז אויב איין סענאַטאָר איז געשטאָרבן, איידער ס׳איז אויסגעפירט געוואָרן די באַשטימונג פון סענאַט, ווערט די לעצטע אָפּגעלייגט אויף אַ געוויסער צייט. און דער יידן־פריינטלעכער סענאַטאָר האָט געבראַכט דעם קרבן: ער האָט זיך פאַרסמט, אָנגענומען פאַרן טויט דעם יידישן גלויבן, 1) און די גזירה איז אונטער דער צייט בטל געוואָרן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רייזע פון די יידישע פאָרטרעטער קיין רוים זיינען דערגאַנגען צו אונדז נאָך אַ מאַסע לעגענדעס, וואָס דערציילן וועגן רעליגיעזע און פילאָזאָפישע וכוחים, וועלכע זאָלן האָבן פאָרגעקומען צווישן די יידישע זקנים און פאָרשטייער פון דער רוימישער אַריסטאָקראַ־טיע. די לעצטע האָבן געפרעגט: ,,אויב גאָט פאַראַכט אַזוי דאָס געצנ־דינסט, פאַרוואָס־זשע פאַרניכטעט ער נישט די געצן?״ אויף דעם האָבן די ,,זקנים״ געענטפערט: ,,ווען גאָט וואָלט מיט אַזעלכע מיטלען אויפגעוויזן די מענטשלעכע אַבערגלויבערייען, וואָלט אים אויסגעקומען צו פאַרניכטן

1) לויט אַן אַנדער נוסח האָט דער קייסער באַשטראָפט מיטן טויט דעם דאָזיקן סענאַטאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ ליבע צום יידנטום.

נישט בלויז די געצן, נאָר אויך די זון מיט דער לבנה און די שטערן, וועלכע אַ סך געצנדינער פאַרגעטערן. זאָל די גאַנצע וועלט דען אונטערגיין צוליב עטלעכע שוטים?" אַן אַנדער „מין" (נאָמען פון אַ געוויסער קריסטלעך־אַפּיקורסישער סעקטע) האָט געזאָגט ר' גמליאלן: „אייער גאָט איז אַ גנב — ער האָט אין שלאָף אַוועקגעגנבעט אַ זייט ביי אדמען!" אויף דעם האָט ר' גמליאלס טאָכטער געענטפערט: „גאָט האָט דאָ געהאַנדלט ווי יענער גנב, וואָס איז אריין אין אַ הויז, האָט צוגענומען אַ זילבערנע וואַזע און אַוועקגעשטעלט אויף איר אָרט אַ גאָלדענע; ער האָט צוגענומען ביי אדמען אַ זייט און האָט אים געגעבן אַ שיינע פרוי — אַ מיטאַרבעטערן — אַזעלכע גנבים קען מען זיך ווינטשן, צו האָבן אָפטער ביי זיך".

נאָכדעם ווי די געפאַר פון דער גזירה איז אַריבער האָט זיך די דע־פּוטאַציע אומגעקערט צוריק קיין יהודה, און ר' גמליאל האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך פון דעם יידישן פאָלקס לעבן, וואָס האָט זיך כסדר אַנטוויקלט אין דער ריכטונג פון שטרענגער פרומקייט און גאָטס־פאַרכטיקייט. עס האָבן זיך ווייטער פּראַקטיצירט די אַלע ריינהייטס גע־זעצן (הלכות טומאה וטהרה) פון בית המקדש, כאָטש אין אַן אַנדער פאָרם. די פרומע פרושים האָבן זיך געהיט צו עסן זייערע אַלטעגלעכע מאָלצייטן מיט דער זעלביקער ריינקייט און אָפּגעהיט די זעלביקע אַלע געזעצן, וואָס די כהנים און לויים האָבן געמוזט אָפּהיטן, און געגעסן זייערע הייליקע שפּייזן. די דאָזיקע פרושים האָבן זיך אויך שטאַרק אָפּגעהיט פון באַרירן אַ מת אָדער אַנדערע טמאדיקע קעגנשטאַנדן, און האָבן זיך געשפּייזט נאָר מיט אַזעלכע תבואות, וואָס זייערע בעלי־בתים האָבן פּינקטלעך אָפּ־געשיידט פון זיי אַלע געהעריקע תרומות און מעשרות. אָט די אַלע האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ מין אָרדען אָדער ברודערשאַפט פון „חברים" (אַזוי האָבן זיך די פרושים גערופן), וואָס האָט, ווי ס'איז צו גלויבן, געהאַט אויך אַ פּאָליטישע שאַטירונג; ווער עס האָט געוואָלט אויפגענומען ווערן פאַר אַ חבר, האָט זיך געמוזט פאַרפליכטן צו היטן אַלע כללים פון דער חבורה, און קוים האָט אימיצער זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט קעגן דעם אָרדען, איז ער גלייך געוואָרן אויסגעשלאָסן. צוגעמען אַ נייעם חבר האָבן געקענט נישט ווייניקער, ווי דריי אַלטע, און די אַלע, וואָס האָבן געהאַט וועלכע ס'איז שייכות צו דער רוימישער אַדמיניסטראַציע (מוכסניקעס, אויפזעער אא"וו) האָבן אין דעם אָרדען בכלל נישט געהאַט קיין צוטריט.

דער קעגנזאַץ פון די דאָזיקע „חברים״ זיינען געווען די עמי הארצים, ערד־אַרבעטער. די ערשטע, די חברים, זיינען געווען אין אַ געוויסער מאָס די יידישע פּאַטריציער. אַריסטאָקראַטן, די צווייטע — דער המון, די פּלעבעער. צווישן אָט דיביידע פאָלקס־קלאַסן איז געלעגן אַ מוראדיקער תהום; תהום; די עמי הארצים זיינען געוואָרן שרעקלעך פאַרווילדעט אין דער צייט פון די פּאָליטישע איבערקערענישן, און די גאָטספאַרכטיקע, געלערנטע „חברים״ האָבן געמוזט קוקן אויף זיי מיט אַ טיפער פאַראַכטונג. לויט די שילדערונגען פון די „חברים״ זיינען די עמי הארצים געווען פאַלש אין האַנדל, גראָב און ברוטאַל אין פאַמיליען־לעבן, ווילד און מערדעריש אין אומגאַנג מיט מענטשן און בכלל דאָס סימבאָל פון שלעכטס און זיטלעכער פאַרדאַרבנקייט; פון די רעליגיעזע געזעצן האָבן זיי אָפּגעהיט נאָר יענע, וואָס האָבן גערעדט צו זייערע רויע אינסטינקטן, און אין אַלע אַנדערע הינזיכטן זיינען זיי געווען חשוד אויף די שרעקלעכסטע פאַרברעכנס. דער תהום און די שנאה צווישן די עמי הארצים און חברים איז דעריבער כסדר געוואַקסן, און די זאַך איז ענדלעך דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז אַ חבר האָט נישט געגעסן ביי איין טיש מיט קיין עם הארץ און האָט זיך אָפּגעהיט פון צורירן צו אים, כדי נישט טמא צו ווערן. חתונה־פאַרבינדונגען צווישן די ביידע קלאַסן זיינען געווען אַ זעלטנהייט — עס האָט געהייסן, אַז „ווער עס מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַן עם הארץ, איז פּונקט, ווי ווען ער וואָלט זי בינדן און אַוועקלייגן פאַר אַ לייב״ (די עמי הארצים פלעגן גראָב באַהאַנדלען זייערע ווייבער און זיי שלאָגן), און די שנאה פון די עמי הארצים, דאַקעגן, צו די תלמידי חכמים איז אין אַלגעמיין געווען נאָך שטאַרקער, ווי ס׳איז געווען די שנאה פון אַ גוי צו אַ יידן. „ווען זיי וואָלטן אונז נישט דאַרפן צום געשעפטס־פאַרקער, — האָט ר׳ אליעזר געזאָגט, — וואָלטן זיי אונדז מערדעריש באַפאַלן און געהרגעט״, און ר׳ עקיבא, וועלכער האָט געשטאַמט פון די נידעריקע פאָלקס־שיכטן, האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אליין מודה געווען, אַז ווען ער איז געווען אַן עם הארץ האָט ער זיך געוואונטשן: „׳הלוואי זאָל איך באַגעגענען אַ תלמיד חכם אליין אין וועג, וואָלט איך, ווי אַן אייזל אים צעביסן״. דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער פּראָטעסט פון די פאַראַכטעטע און באַיקאָטירטע, פאַר וועלכע די אַריסטאָקראַטן־פּרושים האָבן זיך געהאַלטן גאוהדיק מיט זייער וויסן, תורה, און עשירות און

האָבן פאַרצוימט יעדן צוטריט צו זיך און צו דעם געמיינדע־לעבן.

און די פאָלגן פון דער שפּאַלטונג האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן. צוריקגעשטויסן פון יעדן אומגאַנג מיט די העכערע קלאַסן, אויסגעשלאָסן פון יעדער באַטייליקונג אין דעם לעבן פון דער קהלה, באַרויבט פון יעדער גייסטיקער ווירקונג און אָן אַ שום פירער און ראַטגעבער, — האָבן זיך אָט די פאַראַכטעטע פּאַריאַס ארייַנגעוואָרפן אין די אָרעמס פון דעם יונגן קריסטנטום. אַזוי ווי זיי האָבן נאָכגעטאָן דעם געקרייציקטן „משיח" אליין, וועלכער האָט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשענקט אָט די „באַליי־דיקטע און דערשלאָגענע", האָבן די ערשטע קריסטלעכע שלוחים אויך זיך געדרייט נאָר צווישן די נידעריקע שיכטן פון פאָלק. און די דאָזיקע שיכטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ טיף געפיל פאַר דער נייער לערע. אויף די פאַראַכ־טעטע און פאַרשטויסענע האָט געמוזט מאַכן אַ טיפע ווירקונג דער פאַקט, וואָס די הייליקע שלוחים זיינען געקומען צו זיי, האָבן געגעסן און גע־טרונקען מיט זיי צוזאַמען, און דערצו נאָך פאַרזיכערט, אַז נאָר צוליב זיי אַליין איז געקומען משיח און געוואָרן געקרייציקט, כדי זיי זאָלן אויך האָבן אַ טייל אין די אַלע פאַרמעגנס פון דער בעסערער וועלט! די געזעצ־לערע פון די פרושים האָט ביי זיי אָוועקגערויבט די עלעמענטאַרסטע רעכטן, און דאָ האָבן זיי געהערט פון דעם הייליקן פּאַולוס, אַז „נישט מיט מעשים און מצוות קען זיך דער מענטש רעכטפאַרטיקן, נאָר מיטן גלויבן אין משיחן"; דאָס איינציקע וואָס זיי איז געבליבן צו טאָן, איז דעריבער גע־ווען, זיך אָנצושליסן אין דער נייער עדה, וואָס האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און צוגעזאָגט צו עפענען אַלע טויערן פון דער הימל־מלוכה.

די געזעצלערער ,פאַרטיפט אין זייער אייפער פאַר דער פאַרמירונג פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן, האָבן איגנאָרירט פאַרזען יענע גרויסע מאַסן, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער אויסגעוואקסן פאַרביטערטע קעגנער פון דעם דאָזיקן לעבן, און נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן, זיך אַרומצוקוקן, איז שוין געשטאַנען פאַר זיי אַ מעכטיקער שונא, מיט אַ פאַרטיקער וועלט־און לעבנס־אָנשויאונג, — א שונא, וואָס האָט מיט ריזיקע כחות זיך גע־נומען צעשמעטערן און צעשטורעמען דעם פעלדזנפעסטן בנין פון טראַ־דיציאָנעלן יידנטום.

## קאַפּיטל צוויי

### די שפּאַלטונג צווישן יידנטום און קריסטנטום

מעכטיקע, גרויסע יידישע גייסטער האָבן דערהאַלטן דאָס יידנטום, און אין דער צייט האָבן אַנדערע, נישט ווייניקער מעכטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן, צוזאַמען מיט נאָך שטאַרקערע היסטאָרישע כחות, געשאַפן דאָס קריסטנטום. אַ גליק פאַר דער לערע פונעם גלילער איז געווען דאָס, וואָס דער ליידנשאַפטלעך־פייערדיקער, אומרואיקער שאול פון תרסי (פּאַולוס) איז פון אַ פאַרביסענעם, פאַנאַטישן קעגנער, געוואָרן נישט בלויז אַן אַנהענגער, נאָר אויך איר פרייִדיקער און הויפּט־באַגרינדער. אָן פּאַולוסן וואָלט די יעזוס־באַוועגונג פאַרבליבן נישט מער ווי אַ האַלב־איסייאישע סעקטע ,וואָס שטיצט זיך אויף אַ קליינער גרופּע עמי הארצישע חסידים און ענטוזיאַסטיש־היסטערישע פרויען. עס זיינען אָבער געווען אויך אַנדערע היסטאָרישע און וועזנטלעכע אומשטענדן, וואָס האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַר דעם דערפאָלג פון קריסטנטום; דאָ האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע פון איין זייט דער אינדיפערענטיזם פון די גריכיש־געבילדעטע יידן בנוגע צו די געבאָטן פון דער יידישער תורה, און פון דער צווייטער זייט, דער עקל, וואָס די בעסער־געשטימטע עלעמענטן פון דער גריכיש־רוימישער וועלט, האָבן אָנגעהויבן פילן צו די געצנדינערישע ווילדקייטן און איינרעדענישן. די העלעניסטן, ווי די אויבנדערמאָנטע יידישע עמי הארצים, האָבן אין פּאַולוסעס קריסטנטום געזען פאַר זיך אַן אומגעהויערע פאַרלייכטערונג: די דאָזיקע לערע האָט זיי איינגאַנצן באַפרייט פון די שווערע דינים און סיגים און געגעבן די מעגלעכקייט, צו לעבן אין אַלע הינזיכטן גלייך מיט די גויים, און צו פאַרבלייבן דערביי גוטע יידן. די צווייטע, ווידער, די גויים גופא, האָבן אנשטאט זייערע קערפּערלעכע געצן באַקומען דאָ די באַגרייפלעכע פאָרשטעלונג פון אַ געקרייציקטן משיח, אַ גאָט־מענטשן און גאָטס זון — דאָס איז געווען פאַר זיי דער לייכטסטער איבערגאַנג פון דער טראַדיציאָנעלער פּילגעטעריי צו דער געטלעכער איינהייט פון יידנטום.

באַזונדער גינסטיק פאַרן קריסטנטום האָט געווירקט די צעשטערונג פון בית המקדש און דער אויסערלעכער אונטערגאַנג פון דעם יידישן נאַ־ציאָנאַלן לעבן. די פאַרצווייפלטע יידן האָבן זיך איצט גערן איבערגעגעבן דעם גלויבן אין די הימל־חלומות און האָפנונגען פון דעם געקרייציקטן משיח. אין געוויסע הינזיכטן האָט די קריסטלעכע לערע געבראַכט אויך ממשותדיקע, פּאַקטישע נוצן. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די רוימישע אַדמיניסטראַציע האָט אַרויפגעלייגט אויף אַלע יידן פון דער רוימישער אימפּעריע אַ גרויסן קאָפּ־שטייער, און אַ סך יידן האָבן גע־פּרואווט אינגאַנצן פאַרלייקענען זייער אָנגעהעריקייט צו דער יידישער אומה. אונטער דער הערשאַפט פון די ערשטע צוויי פלאַוויאַנישע מלכים איז אַזאַ מין אויסערלעכע אַסימילאַציע פון קיינעם נישט געוואָרן גע־שטערט. דער דריטער הערשער פון דער דינאַסטיע, דאָמיציאַן, האָט זיך אָבער באַצויגן צו די דאָזיקע יידן פיל האַרבער: ער האָט באַפוילן שטרענג צו אונטערזוכן יענע יידן, וואָס האָבן פאַרלייקנט זייער יידישקייט. דאָס האָט געצוואונגען די עלצטע צו זוכן פאַרשידענע מיטלען, און אַ סך האָבן אפילו געפּועלט ביי זיך, צו לאָזן אָפּערירן דעם איינציקן יידישן צייכן אויף זייער לייב און אים צו מאַכן אומקענטיק; קעגן דעם איז שוין די רוימישע אַדמיניסטראַציע אינגאַנצן געווען מאַכטלאָז. דער פּאַקט איז אָבער שטאַרק געוואָרן פאַרפּאַלגט מצד דער יידישער געזעצגעבונג, וואָס האָט דערפאַר אָפּגעזאָגט פון עולם הבא. און דאָ איז געקומען פּאַולוס מיט זיין לערע, וואָס האָט באַפרייט אי פון מילה, אי פון אַלע אַנדערע מצוות און האָט נאָך צוגעזאָגט אַלע גליקן פון דער קומענדיקער מלכות השמים — דאָס האָט געמוזט מאַכן אַ שטאַרקן רושם אויף די יידן אין רוים און קליין־אַזיע.

אַזוי איז פון פאַרשידענע זייטן געוואַקסן די קהלה פון די קריסטוס־גלויביקע אין די ערשטע צענדליקער יאָרן נאָכן חורבן. דאָס איז שוין נישט געווען קיין גרופּע פון אומוויסנדיקע פּלעבעער, פון מוכסניקעס און ווייַ־בער, נאָר אַ באַשטימטע באַוועגונג מיט אַ מאַסע אָנהענגער פון די רייכע און אונטעליגענטע קרייזן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ווירקן, ווי אַ נייער עלעמענט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אין אַלע גרעסערע שטעט פון דער רוימישער אימפּעריע האָבן זיך געפונען קריסטלעכע קהלות, וועלכע

זיינען שוין פּאַקטיש געשטאַנען אויסער די ראַמען פון דעם יידישן לעבן, כאָטש די רוימער האָבן נאָך אַלץ געקוקט אויף זיי, ווי אויף יידן.

אָן אַנדער אויסזען, כאָטש דעם זעלביקן תוך, האָבן געהאַט די קריסטלעכע קהלות אין יהודה גופא. זיי זיינען געווען אַ באַזונדערע סעקטע אין קריסטנטום, אַ יידישע סעקטע מיט די יסודות פון ישוס לערע, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אויף דעם באָדן פון פּראַקטישן יידנטום, האָבן אָט די יידן־קריסטן אָדער „מינים" (אביונים, נזירים) כסדר באַטאָנט ישוס ווערטער: „גלויבט נישט, אַז איך בין געקומען מבטל זיין די געזעצן (פון דער תורה); ווער עס איז זיי מקיים און גיט זיי איבער אַנדערע, וועט גרויס זיין אין דער מלכות השמים". זייער באַציאונג אפילו צו קריסטוסן אליין האָט זיך אויך שטאַרק אונטערשיידט פון דער באַציאונג צו דעם „בן אלהים", וואָס פּאַולוס האָט געפּרעדיקט. די יהודהשע קריסטן, די וועלכע האָבן ווירקלעך געלעבט מיטן גלילער צוזאַמען און איבערגענומען פון אים דירעקט זיינע אידייען און מיינונגען, — זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן גרויסן מענטשן, וואָס איז אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן געבוירן געוואָרן פון זיינע עלטערן מרים און יוסף וואָס האָבן געשטאַמט פון דוד המלך. אָט דער זון פון בית דוד האָט מקרב געווען די מלכות השמים, ווייל ער האָט געלערנט מענטשן, זיך נישט גרויס צו האַלטן, צו פאַראַכטן מאַטעריעלע עשירות און זיך צו שטיצן און צו ליבן איינער דעם אַנדערן, ווי ברידער, ווי קינדער פון איין טאַטן — גאָט. זייער לאָזונג איז געווען ישוס אויסרוף: „גליקלעך זיינען די אָרעמע, דען זיי געהערט די מלכות השמים".

כדי צו פאַרשטאַרקן זייער איינפלוס, האָבן אָט די ערשטע און אָריגינעלע קריסטלעכע קהלות אָנגעווענדעט דאָס זעלביקע מיטל, וואָס פּאַולוס האָט אָנגעווענדעט, כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן זיין קריסטנטום. די מער געלערנטע צווישן די יהודהשע קריסטן האָבן צוזאַמען גענומען אַלע מסורות און לעגענדעס, וואָס האָבן נאָך פריש געלעבט אין זייערע קרייזן, און אויף דעם יסוד פאַרפאַסט ישוס לעבנס־געשיכטע. אין דער לעבנסבאַשרייבונג, וועלכער זיי האָבן אָנגערופן עוואַנגעליום, איז צווישן די פאַרשידענע מעשות וועגן ישוס הייליקייט און זיינע מופתים, באַזונדער באַטאָנט געוואָרן די הייליקייט ,וואָס ישו האָט צוגעשריבן די געבאָטן פון דער תורה. געשריבן זיינען די דאָזיקע עוואַנגעליעס געוואָרן אין דער אומ־

גאַנגס־שפּראַך פון די דעמאָלטיקע יהודהער: האַלב העברעאיש און האַלב אַראַמעאיש, און כאָטש דער טאָן איז דאָ נישט אַזוי לײַדנשאַפטלעך־שטור־מיש, ווי דער טאָן פון די פּאַאוליניש ע בריוו, האָבן זיי דאָך צוגעצויגן אויף זייער זייט אַ באַדייטנדיקע צאָל אָנהענגער פון די יידישע קרייזן. די נייע אָנהענגער האָבן גאַנץ ווייניק געדאַרפט ענדערן זייערע ביז אַהעריקע לעבנס־מנהגים און אַמשטאַרקסטן האָט זיך זייער אָנגעהעריקייט צום קריס־טנטום אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי האָבן אויפגעהערט האָפן אויף אַ ממשותדיקער נאַציאָנאַלער גאולה און זייַנען אײַנגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן אין די מיסטישע חלומות וועגן דער גאָענטער „מלכות השמים". זיי האָבן שטאַרק אָפּגעהיט דעם איסײאיש־קריסטלעכן מנהג פון טבילה און אויך די „הייליקע מאָלצייטן", וואָס האָבן זיך פּראַקטיצירט ביי די קריסטן פון אָנהויב אָן.

קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון די דאָזיקע יידן־קריסטן, וואָס האָבן געשטעלט אין געפאַר דעם קיום פון דער אומה און אונטערגעגראָבן דעם נאַציאָנאַלן יסוד פון יידנטום, האָט דאָס סנהדרין אין יבנה מתקן געווען פאַרשידענע תקנות, און דאָ האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער פּאַטריאַרכאַלישער נשיא גמליאל. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט דער לעצטער, צווישן די אַלטעגלעכע תפילות, וואָס ער האָט מתקן געווען, אריינגענומען אויך עטלעכע, וואו ס׳האָט זיך גערעדט באַזונדערס וועגן דער צוריק־אויפבויאונג פון ירושלים און דעם בית־המקדש. און אַזוי ווי די „מינים" האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען אָט די תפילות, האָט דאָס סנהדרין געפונען פאַר נויטיק אַרויפצולייגן אויף זיי אַ באַזונדער שטעמפּל פון פאַראַכטונג, און זיי אָפּזונדערן פון דעם יידישן שול־ און געמיינדע־לעבן. צו דעם צוועק האָט ר׳ גמליאל צוגעגעבן צו די אַכצן ברכות נאָך אַ ניינצנטע — קעגן די מינים, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז אין דעם געענדערטן נוסח פון דער ברכה: ולמלשינים אל תהי תקוה.

אַ צווייטער פּאַל פון אַרויסטרעטן שאַרף קעגן די „מינים" איז פאָר־געקומען אין סנהדרין, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער באַדייטונג פון די עוואַנגעלישע שריפטן. אויף דער פראַגע, צי האָבן נישט די דאָ־זיקע שריפטן עפּעס אַ רעליגיעזן ווערט צוליב די געטלעכע נעמען, וואָס ווערן אין זיי דערמאָנט, — האָט ר׳ טרפון דערקלערט, אַז מ׳מעג זיי פריי פאַרברענען, נישט געקוקט אויף דער געטלעכקייט פון די נעמען, מיט

וועלכע זיי זיינען פול. דערביי האָט ער צוגעגעבן די ווייטערדיקע שאַרפע כאַראַקטעריסטיק: „ווען אַ רויבער וואָלט זיך נאָכיאָגן נאָך איינעם, וואָלט פאַר אים גלייכער זיין זיך צו ראַטעווען אין דער שטוב פון אַ גע־צנדינער, איידער אין דער שטוב פון אַ „מין", ווארום די „מינים" וויסן דאָך פון דער תורה און לייקענען זי אָפּ, און די געצנדינער וויסן נישט פון איר".

די געצנדינער, וועלכע פאַולוס האָט געוואונען פאַרן קריסטנטום האָבן ווידער געהאַט גאָר אַן אַנדערע פאַרשטעלונג פון דער נייער לערע. אין די קרייזן איז דער באַגריף פון אַ משיח־אויסלייזער אין דער שפראַך פון די אַפּאָסטאָלן, אינגאַנצן פרעמד געווען און דער יחוס פון אַ בן דוד האָט דאָ אויך נישט געהאַט קיין שטאַרקן רייץ. דאָ האָט געקענט זיין די רייד נאָר וועגן אַ קאָנקרעטן געטלעכן וועזן, וועגן אַ גאָטס זון, און אַזוי האָבן די ערשטע געצנדינער־קריסטן ווירקלעך אויסגעטייטשט די פּראָפּאַ־גאַנדע פון די יידישע אַפּאָסטאָלן; און קוים איז ווידער אָנגענומען געוואָרן דער באַגריף פון אַ גאָטס זון, האָבן שוין ממילא געמוזט באַזייטיקט ווערן די אַלע דערשיינונגען און געשעענישן אין ישוס לעבן, וואָס האָבן אים געשילדערט ווי אַ מענטש. די נאַטירלעכע געבורט איז געוואָרן אַ מין פּראָפּאַנאַציע (חלול הקודש, פאַרשוועכונג) און פון דאַנען איז שוין נאָר איין טריט געווען צו דער פאַרשטעלונג, אַז גאָטס זון איז געבוירן געוואָרן פון אַ הייליקן גייסט.

דאָ האָט בכלל געפעלט דער יסוד פון דער אָריגינעלער קריסטוס־לערע — די גריכיש־רוימישע געצנדינער האָבן נישט געוואוסט נישט פון קיין תורה און נביאים, נישט פון קיין פּראַקטישע פאַרהייליקטע געבאָטן. דאָ האָט זיך אפילו נישט געלאָזן רעדן וועגן די וועזנטלעכע געבאָטן פון אָריגינעלן קריסטנטום. דאָס קאָמוניסטישע לעבן און די פאַראַכטונג צו מאַטעריעלער עשירות — דאָס לעבן אין די שטעט פון דער ציוויליזירטער רוימישער אימפּעריע האָט זיך נישט געלאָזט איינשליסן אין די ראַמען פון אַן אַסקעטישן וואַנדער־לעבן אין דער מדבר. דערביי האָבן די דאָזיקע געצנדינער נישט געהאַט קיין לעבעדיקע מסורות פון קריסטוסעס אייגענעם לעבן און ווירקן, און דער פועל־יוצא פון דעם אַלעם איז געווען, אַז יעדע העלעניסטישע קהלה האָט זיך געהאַט איר קריסטנטום. די קליינע תלמי־דים האָבן נאָכגעטאָן דעם גרויסן רבין, פאַולוסן, און אויב ער האָט גע־

פונען אין דער קריסטוס־לעגענדע די טיפקייט און ברייטקייט, וואָס ער האָט געוואָלט אין איר געפינען, האָבן זיי זיך אויך דערלויבט אויסצו־טייטשן די דאָזיקע תורה יעדערער אויף זיין שטייגער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי קלענערע און גרעסערע סעקטעס, און יעדע איינע האָט געהאַט אַן אַנדער אַפּאָסטאָל מיט אַן אַנדער לערע. באַזונדער שטאַרק איז געווען די צעשפּליטערונג אין קליין־אַזיע. אין די „זיבן שטערן און די זיבן גאָלדענע לייכטער" — די שטעט: עפעזוס, סמירנאַ, פּערגאַמוס, טאַ־טיראַ, סאַרדעס, פילאַדעלפיאַ און לאַאָדיצעאַ. דער צענטער פון געצנ־דינערישן קריסטנטום איז געווען עפעזוס; דאָ האָט פון אייביק אָן גע־הערשט אַ פיינדלעכע שטימונג קעגן יידן, און די דאָזיקע שטימונג האָבן די העלעניסטישע קריסטן איצט איבערגעטראָגן אויף זייערע גלויבנס־ברידער פון יידישער אָפּשטאַמונג. דאָס האָט נאָך מער פאַרטיפט דעם תהום צווישן די יידן־קריסטן און זייערע געצנדינערישע חברים, און דער קאַמף פון די ערשטע קעגן פּאַולוסן מיט זיינע תלמידים איז וואָס ווייטער אַלץ העפטיקער און שטורמישער געוואָרן. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו באַשולדיקן פּאַולוסן, אַפילו שוין נאָך זיין טויט, אַז ער האָט פאַר־שפּרייט אַ פאַלשע תורה און האָט אַריינגעלייגט אין קריסטנטום אַזעלכע כוונות, וואָס קריסטוס אליין איז געווען קעגן זיי. „ווי אַזוי האָט זיך קריסטוס געקענט באַווייזן צו דעם אַפּאָסטאָל פון די געצנדינער, (פּאַו־לוסן) — האָבן די יידן־קריסטן געפרעגט — ווען ער לערנט פונקט דעם היפּוך דערפון, וואָס קריסטוס האָט געלערנט?" און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געקענט שענקען אים דאָס, וואָס ער האָט געפּרעדיקט פולשטענדיקע פרייהייט פון דער תורה און מצוות, האָט אים יעדערער פון זיי געקרוינט מיט אַן אַנדער שפּאָט־נאָמען. בלעם, פאַרפירער, פאַלקס־פאַרדאַרבער — דאָס זיינען געוואָרן פּאַולוסעס געוויינלעכע עפּיטעטן און זיינע תלמי־דים האָבן פון די יידן־קריסטן באַקומען דעם נאָמען „שול פון שטן".

די דאָזיקע שפּאַלטונג צווישן יידן־ און היידן־קריסטן האָט אויסער דעם אָפיציעלן ריין ראַמאַנטישן יסוד געהאַט, ווי ס'איז צו גלויבן, אויך אַ פּאָליטישן הינטערגרונט. די יידן־קריסטן האָבן געטראָגן אַ טיפע שנאה אין האַרצן צו די רוימער, צו די רוימישע מלכים און פּראָקוראַטאָרן, און געזען אין זיי די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז און שלעכטס. אַ געוויסע „נבואה" פון איינעם פון די יידן־קריסטן זאָגט פאַר רוים די שרעקלעכסטע

פלאָגן און אומגליקן. זיי האָבן אפילו גאָרנישט געאָנט, אַז אָט די שטאָט וועט אַמאָל ווערן דער וועלט־צענטער פון קריסטנטום. דאַקעגן אָבער די פּאַאולינישע שלוחים האָבן כסדר געַרעדט וועגן אונטערוואַרפן זיך דער רוימישער מאַכט, וועלכע איז באַשטימט פון גאָט. „יעדערער זאָל זיך אונטערגעבן דער הערשנדיקער מאַכט, — האָט איינער פון די שלוחים געלערנט — דען עס איז נישטאָ קיין מאַכט נישט פון גאָט״. אַזעלכע חניפהדיקע רייד בנוגע צו דער זינדיקער רוים האָבן געמוזט אויפרייצן די יידישע מאַסן קעגן דעם גאַנצן סיסטעם פון די נייע קריסטן.

אַזוי זיינען די יידישע אָנהענגער פון ישוס לערע געוועז דערוויייל איינגאַנצן אַליין: צו זייערע חברים געצגדינער האָבן זיי זיך נישט צו־געקלעפּט און זייערע יידישע ברידער האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגערוקט פון זיי. אין די ערשטע צייטן האָט נאָך געהערשט אַ געוויסער אויסערלעכער פאַרקער צווישן די פּרושים געזעצלערער און געציילטע יידיש־קריסטלעכע פאַרשטייער. דער שטרענגער ר׳ אליעזר האָט זיך אָפּט אונטערגעהאלטן מיט דעם קריסט יאַקאָבוס און ווען ר׳ ישמעאלס אַ שוועס־טערנזון האָט זיך געדאַרפט אויסהיילן פון אַ גיפטיקן שלאַנגען־ביס האָט ער געקלערט זיך צו לאָזן „אָפּשפּרעכן״ דעם ווייטיק פון דעם זעלביקן יאַ־קאָבוסן מיט קריסטוסעס נאָמען. עס האָבן זיך נאָך פּראַקטיצירט דאַן אפילו חתונה־פאַרבינדונגען צווישן יידן און יידן־קריסטן, און דער תהום צווישן דיביידע פאָלקס־טיילן איז נאָך בכלל געוועזן גאַנץ פלאַך.

אָט דער צושטאַנד האָט אָבער געגוג לאַנג נישט געדויערט. דער אי־דעאַליזירטער און פאַרערטער גלילער האָט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ געטלעכן וועזן און די באַגייסטערונג פאַר אים איז געוואַקסן צוזאַמען דערמיט, ווי דער פאַקט האָט אָנגעהויבן ווערן אַ לעגענדע. וואָס מער די יידישע אָנהענגער האָבן זיך פאַרטיפט אינעם לעבן פון זייער משיח, אַלץ מער האָבן זיי גענומען שטודירן און פאַרשן די נביאים, כדי צו אַנטפּלעקן אין זיי אַלערליי רמזים אויף און אַזאַ גע־שעעניש אין ישוס לעבן, און דערנאָך האָט שוין געמוזט אַלץ אַזוי געשען — די רמזים פון דער נבואה האָבן דאָך געמוזט מקוים ווערן. די יידן־קריסטן זיינען דעריבער אויך נישט געבליבן ביי זייערע איינפאַכע פאַרשטעלונגען פון ישוס משיחטום, זיי אַליין האָבן נישט געפילט דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אַלע מאָל נענטער צוגענייגט צו די היידן־קריסטן, אין דער הינזיכט

פון צושרייבן ישוּן אַלערליי געטלעכע אייגנשאַפטן און וואונדער־כחות. אַזוי איז געוואקסן דער תהום צווישן דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום און די יידיש־קריסטלעכע סעקטעס; די „אביונים״, וועלכע האָבן אין געמיינ־זאמער, קאָלעקטיווער אָרעמקייט שטרענג אָפּגעהיט אַלע יסודות פון ישוס לערע, זיינען וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער געוואָרן, און דאַקעגן איז גע־וואַקסן די צאָל פון די „נזירים״, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אי פון דעם קריסטלעכן קאָמוניזם, אי פון דעם גרעסטן טייל געבאָטן פון יידנטום. זיי האָבן אָפּגעהיט מילה און שבת, דערביי האָבן זיי אָבער אויך געפייערט דעם טאָג פון ישוס לעבעדיק ווערן — זונטיק. דאָס האָט, נאַטירלעך, געמוזט אַרויסרופן קעגן זיי פאַרשידענע פאַרפאָלגונגען מצד דעם יידישן סנהדרין, און דער פּירוד איז ממילא נאָך שטאַרקער געוואָרן.

צו די „מינים״ אָדער יידן־קריסטן איז צוגעקומען מיט דער צייט נאָך אַ נייע סעקטע. די נייע לערע פון דעם „גאָט־מענטשן״, פאַראייניקט מיט די פילאָזאָפישע פשטלעך פון די אַלעקסאנדרינישע אַלעגאָריסטן, — האָט געשאַפן גאָר אַ נייע צונויפמישונג פון יידישע, קריסטלעכע און מיס־טישע עלעמענטן. פון דער צונויפמישונג האָט זיך ביי די היידן־קריסטן ווידער אויסגעבילדעט אַ נייע לערע — די מ י ס ט י ק פ ו ן ד ע ר ג נ אָ ז י ס . די דאָזיקע לערע האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער אַל־טער פראַגע: פון וואַנען שטאַמט דאָס שלעכטס אין דער וועלט, און ווי לאָזט זיך עס דאָס שלעכטס בכלל צוזאַמענפּאַסן מיט דעם באַגריף פון אַ גוטער און גערעכטער השגחה? — און האָט עס געפּרואווט פאַרענט־פערן די שאלות מיט דער אַנערקענונג פון אַ נייעם געטלעכן באַוואוסט־זיין. אין דעם קרייז פון אָט די גנאָסטיקער איז שפּעטער אַריבער דער באַרימטער תנא אלישע בן אבויה, וואָס האָט באַקומען דערפאַר דעם זידל־נאָמען א ח ר ; און ער איז נישט געווען איינער: צווישן די יידישע געזעצלערער גופא האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע, וואָס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער גנאָסטישער טעאָסאָפיע. אינעם יסוד פון דער דאָזיקער שיטה איז געלעגן דער פּערסישער דואַליזם, וואָס באַשטימט אַ באַזונדער געטלעכן מקור פאַר גוטס און אַ באַזונדערן פאַר שלעכטס, אַ באַזונדערן פאַר ליכטיקייט און אַ באַזונדערן פאַר פינצטערניש, און קעגן דער מיינונג איז פאַרפאַסט געוואָרן די ברכה „יוצר אור ובורא חושך״, צו ווייזן, אַז גאָט איז דער באַשעפער אי פון ליכטיקייט, אי

פון פינצטערניש, אי פון גוטס, אי פון שלעכטס. די בעלי התלמוד זײַנען שאַרף אַרויסגעטראָטן אויף קעגן יענע, וואָס האָבן באַטאָנט אין זייערע תפילות דעם באַזונדערן נוסח: „דיך, גאָט, לויבן די גוטע" אָדער „דיין נאָמען ווערט דערמאָנט צום גוטן", ווייל זיי האָבן געזען אין דעם אַ רמז אויף דער צוטיילונג פון גאָטס וועזן און אויף דער אנערקענונג פון צוויי באַזונדערע געטלעכע כוחות (שתי רשויות): אַ גוטן און אַ שלעכטן. צו דער זעלביקער עפּאָכע געהערט אויך ר' אליעזרס אויסרוף: „זאָלן אַלע וויסן און מאַכן וויסן און טיף איבערצייגט זיין, אַז גאָט איז דער באַשעפער, דער פירער אאַ"וו, דאָס הייסט: גאָט איז דער גאָט פון אַלץ, דער גאָט פון ליכטיקייט און פינצטערניש, דער גאָט פון קערפּער און פון גייסט — צוזאַמען".

אָט די אַלע אַקאַדעמישע דערקלערונגען זיינען אָבער דאָך צו שוואַך געווען צו באַשיצן דאָס יידנטום פון די אַנטי־יידישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ בולטער און שאַרפער אַרויסצעווייזן אין דעם לעבן און אידעען־גאַנג פון די קריסטלעכע סעקטעס. צו די אייביקע וכּוחים און שאַרפע טעאָרעטישע אַרויסטרעטונגען, זיינען מיט דער צייט צוגעקומען אויך ממשותדיקע צוזאַמענשטויסן, וואָס האָבן געטראָגן אַ פאַרביטערטן, פיינדלעכן כאַראַקטער, און סוף כל סוף האָט זיך דאָס סנהדרין געזען געצוואונגען, אַוועקצושטעלן די פראַגע שאַרף און קאַטעגאָריש: וועלכע שטעלונג דאַרף די יידישע קהלה אָננעמען בנוגע צו די יידן־קריסטן און צי דאַרפן נאָך די לעצטע איבערהויפּט באַטראַכט ווערן פאַר מיטגלידער פון כלל ישראל?

און די אָנטשיידונג איז אויך געווען קלאָר און באַשטימט — עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצושטעלן אַן אייזערנע וואַנט צווישן יידן און יידן־קריסטן. דאָס סנהדרין האָט פאַרבאָטן צו קויפן פון די מינים פלייש, ברויט און וויין, כדי אויף אַזאַ אופן איבערצורייסן יעדן פאַרקער צווישן דיביידע פאַלקס־שיכטן. איבער די קריסטלעכע ווערק איז אויסגערופן געוואָרן א חרם און מ'האָט זיי פאַרגלייכט מיט כשוף־ספרים. דערביי איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן אויך זיך צו היילן מיט די לחשים און אָפּשפּרעכענישן פון די קריסטן. די דאָזיקע באַשלוסן זיינען דורך באַזונדערע שלוחים צושיקט געוואָרן אין אַלע יידישע קהלות, כדי זיי זאָלן וויסן, ווי זיך צו באַגיין מיט זייערע יידיש־קריסטלעכע שכנים.

די לעצטע זיינען אָבער פון די אַלע גזירות ווייניק נתפּעל געוואָרן. זיי האָבן נישט בלויז נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מ׳שליסט זיי אויס פון דעם יידישן פאָלק, נאָר האָבן נאָך אַליין אויך זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע ביזאַהעריקע שטאַם־ און גלויבנס־ברידער. די דאָזיקע אָפּזאָגונג איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו „די העברער"; אין דעם בריוו באַמיט זיך דער געשיקטער שרייבער, אַרויסצודרינגען אויף אַ פּלפּולדיקן אופן פון די פּסוקים פון די נביאים, אַז ישו הנוצרי איז געווען דער כהן גדול אינעם גרויסן משכן פון דער געטלעכער נאַטור; „ער איז געקומען נאָר איינמאָל אינעם הייליקטום נישט מיט קיין בלוט פון שעפּסן און קעלבער, נאָר מיט זיין אייגן בלוט, און האָט אויסגעלייזט די וועלט אויף שטענדיק".

„ישוע דער משיח — שרייט אויס דער שרייבער פון בריוו — איז געווען נעכטן און ער איז דאָ היינט און וועט זיין אייביק; לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון פאַרשידענע פרעמדע תורות, דען בעסער איז פאַרן האַרצן, ווען עס שטיצט זיך אויף חסד און נישט אויף געזעצן וועגן עסן, — געזעצן, וואָס טויגן נישט פאַרן מענטשן; מיר האָבן אַ מזבח, וואָס די משרתים פון משכן טאָרן אויך פון אים נישט עסן, דען די קערפּער־טיילן פון די קרבנות, וואָס זייער בלוט איז געשפּרענקט געוואָרן אין קדשי קדשים דורכן כהן גדול צו פאַרגעבן די זינד, — זיינען פאַררעכנט געוואָרן מחוץ למחנה; דעריבער איז ישוע, ווען ער האָט געהייליקט דאָס פאָלק מיט זיין בלוט, אויך געפּייניקט געוואָרן אויסערן טויער (פון שטאָט); לאָמיר־זשע דעריבער אַרויסגיין צו אים מחוץ למחנה און טראָגן זיין שאַנד; דאָ האָבן מיר נישט קיין אייביקע שטאָט — מיר זוכן די שטאָט פון דער צוקונפט".

דאָס איז געווען אַ גרויסער מאָמענט נישט בלויז אין דער יידישער געשיכטע. דאָס יידנטום און דאָס קריסטנטום זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין צוויי פיינדלעכע, אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען, דער צווייג האָט זיך אָפּגעריסן פון בוים און אַליין אָנגעהויבן צו לאָזן וואָרצלען, — וואָרצלען, וואָס האָבן כסדר געזוכט, צו פאַרשטעלן און צו דערשטיקן דעם גרויסן אַלטן בוים, פון וועלכן זיי האָבן אַמאָל געצויגן זייער יניקה.

און דער קאַמף האָט זיך אַזוי גיך נישט געענדיקט. דער דערהאַל־

טונגס־אינסטינקט פון יידנטום האָט איצט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט זיין גאַנצער קראַפט און די גייסטיקע פירער פון דער אומה האָבן זיך געגנ־מען פאַר דעם אַלטן אויסגעפּרואווטן מיטל: אָפּצוימען, אָפּזונדערן. אַזוי ווי די ווירקונג פון דער גנאָסטישער לערע האָט פאַרכאַפּט גאַנץ ברייטע קרייזן פון פאָלק, האָט ר׳ עקיבא פאַרגעלייגט, מ׳זאָל באַהאַלטן פונעם המון (נ י ש ט ד ר ש ע נ ע ן) דעם טעקסט פון יענע שטעלן אין דער תורה און אין די נביאים, וואו עס רעדט זיך וועגן דער יצירה פון דער וועלט און וועגן דעם מהות פון דער העכסטער גאָטהייט (מעשי מרכבה), כדי אויף אַזאַ אופן אָוועקצונעמען דעם באָדן פון די אַלע גנאָסטישע טרוימערייען און מעטאַפיזישע גריבלעניש. די עוואַנגעלישע בריוו, שריפטן און ווערק זיינען אינגאַנצן געוואָרן פאַרבאָטן אין דער יידישער גאַס און די חכמים האָבן געלערנט, אַז לייענען ספרי מינים הייסט דאָס זעלבע, ווי לייקענען אין דעם יידישן גאָט און אין דער יידי־שער תורה. די תנאים פון יענער צייט האָבן געטאָן פאַרן יידנטום דאָס זעלבע, וואָס די נביאים האָבן געטון אין די אַלטע דורות: זיי האָבן אָפּ־געהיט די ריינקייט פון דער יידישער אמונה און דערהאַלטן אין פאָלק די ריינע באַגריפן פון יידנטום וועגן גאָטס פאַרהעלטעניש צו דער וועלט און צו די מענטשלעכע מעשים. און נישט נאָר פאַר דעם גייסט, — זיי האָבן געזאָרגט אויך פאַר די מצוות, פאַר די פּראַקטישע געבאָטן פון דער תורה. ווייל די גנאָסטיקער האָבן געלערנט, אַז די געזעצן שטאַ־מען נישט פון גאָט אַליין, נאָר פון אַ קלענערן געטלעכן כח; ווייל די קריסטן פון אַלערליי סעקטעס האָבן בכלל געזען אין די געבאָטן פון דער תורה, נאָר אַלעגאָרישע רמזים און בילדער, — האָט מען פון דער יידי־שער זייט באַטאָנט די בוכשטעבלעכע הייליקייט פון געזעץ און זיין שטרענגע קראַפט. די מצוות פון דער תורה זיינען נישט געוואָרן געגעבן פון רחמנות וועגן אָדער צוליב אַנדערע פאַרשטענדלעכע מענטשלעכע כונות, נאָר ווייל גאָטס אומבאַגרייפלעכער ווילן איז אַזוי געווען, און „ווער עס זאָגט (צו גאָט): אויף אַ פויגל־נעסט גרייכט דיין רחמנות*), הייסט מען אים שווייגן״, „ווייל ער מאַכט די מדות פון גאָט פאַר

1) ווייל עס שטייט אין דער תורה: דו זאָלסט נישט אוועקנעמען די פויגל־מוטער מיט אירע קינדער צוזאַמען; שיק אוועק פריער די מוטער און דערנאָך נעם דיר די קינדער.

רחמנות־געזעצן און אין דער אמתער זיינען זיי גאָר ג ז ר ו ת״.
אַזוי איז ביסלעכווייז איינגעזעצן אַוועקגעפאַלן די מאָראַליש־דערציערישע באַדייטונג פון געזעץ, און אויף דעם אָרט איז אין פאָלק געפלאַנצט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די געבאָטן פון דער תורה זיינען באַפעלן פון אַ שטרענגן האַר, פאַר דעם עובר זיין פון וועלכע מ׳ווערט שטרענג באַשטראָפט. דאָס איז געווען אַ ביטערער טעות, וואָס האָט זיך שעדלעך אָפּגערופן אויף דער גאַנצער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידנטום; פאַר דעם מאָמענט איז דאָס אָבער דורכאויס געווען נייטיק ווי אַ קעגנזאַץ צו די גריבלענישן און אַלעגאָרישע פשטלעך פון די קריסטלעכע גנאָסטיקער.

אין יענער עפּאָכע איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ וויכטיקערן שריט, וואָס האָט אויך געהאַט אַן אומגעהויערע באַדייטונג פאַר דעם קיום פון דער אומה: עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון די אַלט־יידישע הייליקע שריפטן און זיי ריין צו האַלטן פון יעדן פרעמדן עלעמענט. אין דער צייט פון די כנסת הגדולה איז דער ציקל „הייליקע שריפטן״ באַשטאַנען פון די דריי אָפּטיילונגען: תורה, די עלטסטע כראָניק (ביזן גלות בבל) און די נביאישע ביכער. פון יענער צייט אָן איז אָבער געשאַפן געוואָרן נאָך אַ גאַנצע ליטעראַטור פון פּסאַלמען, משלים, פילאָזאָפישע און לירישע ווערק, אַפּאָקאַליפּטישע נבואות און נאָך אַזעלכע הייליקע ספרים, און די אַלע טיילן זיינען ביסלעכוויז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער נייער אָפּטיילונג פון די הייליקע שריפטן, אונטערן נאָמען: כ ת ו ב י ם . צו די זיינען צוגעקומען נאָך אַ באַדייטנדיקע צאָל ווערק, וואָס זיינען אין דעם נייעם ציקל נישט אַריינגעגאַנגען, ווייל מ׳האָט זיי געפונען פאַר צו־וואָכעדיק, און זיי האָבן געטראָגן דעם נאָמען „ספרים חיצונים״.. דאָס סנהדרין אין יבנה האָט אָבער דעם צושטאַנד נישט געקענט איבערלאָזן אַזוי ווי ער איז געווען. דער גאַנצער ציקל פון דעם גייסטיקן אוצר, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן אַלגעמיין הייליקטום פאַר דער גאַנצער אומה, האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמוזט ווערן אָ פּ גע ש ל אָ ס ן , כדי עס זאָלן זיך אין אים נישט אַריינרייסן קיין זייטיקע ווערק. און דאָ, ביי דער געלעגנהייט, איז דערוועקט געוואָרן אַ פראַגע וועגן עטלעכע פון די ווערק, וואָס זיינען שוין אַריין אין די „שריפטן״; באַזונדערע וכו־

חים האָבן אַרויסגערופן די ספרים: „ש י ר ה ש י ר י ם", וואָס זעט אויס, ווי אַ וועלטלעך ליבעס־ליד אָן אַ שום רעליגיעזער שאַטירונג, און „ק ה ל ת", וואָס גראָבט אונטער מיט זיין סקעפּטיציזם די אמונה אין השארת הנפש. ביי די וכוחים האָט מען געפּרואווט דערמאָנען אויך דאָס, וואָס וועגן די ספרים איז שוין געווען אַמאָל אַ רייד ביי די חכמים און מ'האָט זיי געוואָלט „ב אַ ה אַ ל ט ן"; דאָס האָט אָבער נישט געווירקט, און סוף כל סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, איינצושליסן דיביידע ספרים, וואָס טראָגן אויף זיך שלמה המלכס נאָמען, אין דער ריי פון די הייליקע שריפטן. דער וכוח וועגן די דאָזיקע ספרים האָט זיך געענדיקט אין דעם „באַרימטן טאָג" פון דער אַקאַדעמישער איבערקערעניש אין יבנה, ווען ר' גמליאל איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער נשיאות, און ר' עקיבא האָט וועגן דעם געזאָגט, אַז ס'קען נאָך זיין אַ שטיקל קלער וועגן „קהלת", אָבער נישט וועגן „שיר השירים". „ס'איז נישט געווען — האָט ער אויסגערופן — אין דער וועלט נאָך אַזאַ גרויסער טאָג, ווי דער, ווען ס'איז געגעבן געוואָרן שיר השירים. אויב אַלע „שריפטן" זיינען קודש (הייליק) איז דער ספר — קודש קדשים (דאָס הייליקסטע הייליקטום)".

צו די „ספרים חצונים" (אויסנווייניקסטע ווערק, אַפּאָקריפן), דאַקעגן, האָבן זיך די מיטגלידער פון סנהדרין באַצויגן זייער שטרענג. זיי האָבן אָפּגעשלאָסן די כתובים און צוזאַמענגעשטעלט דעם גאַנצן ציקל פון די הייליקע שריפטן אין דער געשטאַלט, אין וועלכער זיי האָבן זיך דערהאַלטן ביי יידן ביז איצט (ת ו ר ה: בראשית, שמות, ויקרא במדבר, דברים: נ ב י א י ם: א) יהושע, שופטים, שמואל, מלכים; ב) ישעיה, ירמיה, יחזקאל, הושע, יואל עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי; כ ת ו ב י ם: מ ש ל י, א י ו ב, שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר, דניאל, עזרא, נחמיה, דברי הימים), און אַזעלכע ווערק, ווי דער „ערשטער ספר המכבים", „בן סירא" זיינען געבליבן אויסער דעם ביבלישן קאַנאָן. צו די ספרים חיצונים זיינען צוגערעכנט געוואָרן אויך די אַלע ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון די חשמונאים און די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, און האָבן זיך פאַררופן אויף אַלע אויטאָריטעטן („תהלות שלמה", „ספר חנוך" און נאָך אַנדערע), אָדער האָבן מיחס געווען זייערע

דערציילונגען צו די צייטן פון די אַלטע מלכים („יהודית״, „טוביה״). די גריכיש־געשריבענע ווערק פון דער יידיש־העלעניסטער ליטעראַטור זיינען אויך אַריין אין דעם ציקל (די שפּעטערדיקע מכבעער־ביכער, „שושנה״, „חכמת שלמה״), און אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט נישט שטאַרק אָפּגעהיט די דאָזיקע וואָכעדיקע ספרים, זיינען אַ סך פון זיי פאַרלוירן געגאַנגען און זייער גרעסטער טייל איז דערגאַנגען צו אונדז אין גריכישע איבערזעצונגען.

דעם זעלביקן גורל פון די אַפּאָקריפן האָבן געהאַט אויך די אַ פּ אָ־ ק אַ ל י פּ ט י ש ע ווערק, די אַלעגאָרישע זעאונגען און נבואות. צו די ווערק פון דעם טיפּ, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן לויט דעם מוסטער פון „ספר דניאל״, געהערן דער „פערטער ספר עזרא״ און די „זעאונגען פון ברוך (בן נריה)״. אין געהיימע אַלעגאָרישע בילדער ווערט דאָ (אין די ווערק) פאָרגעזאָגט דער קומענדיקער גורל פון דער יידישער אומה, וואָס האָט נאָר־וואָס איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. די מחברים פון „עזרא״ און „ברוך״ טרייסטן דאָס פאָלק דערמיט, וואָס די אַלע צרות האָט גאָט אויף אים אָנגעשיקט, כדי אים ריין צו מאַכן פון זיינע זינד, און אין דער צוקונפט וועלן אָנקומען פאַר אים ליכטיקע צייטן. „אָט דער יאָרהונדערט וועט זיך ענדיקן מיט עשוס ממשלה, און דער קומענדיקער וועט זיך אָנהויבן מיט דער ממשלה פון יעקבן (עזרא דער פערטער, 9); „ציון וועט זיין פאַרוויסט, דערנאָך אויפגעבויט, דאַן וועט זי ווידער פאַלן און בלייבן וויסט ביז אַ געוויסער צייט, נאָר צום סוף וועט זי באַנייט און באַרימט ווערן און וועט זיין געקרוינט אויף אייביק״ (ברוך ג׳ 34־31). די דאָזיקע צוויי זעאונגען, וואָס שטאַמען פון ארץ ישראל, זיינען געווען באַקאַנט צווישן אַלע יידישע קהלות אויף אין דער דיאַספּאָראַ. עס האָט זיך באַוויזן אַ גריכישע איבערדיכטונג פון „ברוך״, צו די זעאונגען פון „עזרא״ זיינען צוגעגעבן געוואָרן שטעלן מיט קריסטלעכע טענדענצן, און אָט די אַפּאָקריפן זיינען דערנאָך אַריין אין דעם ביבלישן קאַנאָן פון דער קריסטלעכער קירכע צוזאַמען מיט נאָך פיל אַנדערע „ספרים חיצונים״, וואָס דער קאַנאָן פון סנהדרין האָט זיי אויסגעשלאָסן״.

אַ באַדייטנדער געווינס פאַר דער ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע איז געווען די נייע גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבל. די גויטוועג־

דיקייט פון אַ נייער, ערלעכער ביבל־איבערזעצונג האָט זיך שטאַרק גע־פילט אין די נאַציאָנאַלע יידישע קרייזן צוליב דעם, וואָס די קריסטן האָבן אויסגענוצט די אַלטע איבערזעצונג פאַר די צוועקן פון זייער פּראָפּאַגאַנדע. זיי פלעגן לייענען ביי זייער גאָטעסדינסט קאַפּיטלען פון די נביאים אין דער אַלעקסאַנדרינישער איבערזעצונג פון די אַזוי גערו־פענע זיבעציקער (סעפּטואַגינטאַ), און כדי אַרויסצובאַקומען פון די הייִ־ליקע טעקסטן פאַרשידענע רמזים אויף קריסטוסעס לעבן און ווירקן, האָבן זיי דאָרט געענדערט און צוגעגעבן געוויסע שטעלן — ווי פאַר זיי האָט געפּאַסט. אין כעס איבער די דאָזיקע פאַלשקייטן, האָבן די אַלעקסאַנדרינישע יידן, פון זייער זייט, צוריק איבערגעמאַכט די צוגע־געבענע נוסאחות, כדי צו באַזייטיקן פון דאָרטן די טענדענציעזע רמזים, און אַזוי איז די סעפּטואַגינטאַ געוואָרן אַ מין קאַמפּס־פּלאַץ, אויף וועלכן יעדע פון די ביידע פּאַרטייען האָט איבערגעלאָזן אירע שפּורן.

אין די קרייזן פון דעם סנהדרין אין יבנה איז דעריבער געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, צו שאַפן אַ נייע פולשטענדיקע איבערזעצונג פון די הייליקע שריפטן, און גראָד האָט זיך דאָרט געפונען איינער, וואָס איז אַמבעסטן פּאַסנדיק געווען פאַר אַזאַ ריזיקער און פאַראַנטוואָרטלע־כער אונטערנעמונג; דאָס איז געווען אַ געוויסער מיטגליד פון אַ רייך־אַריסטאָקראַטישער גריכישער פאַמיליע, מיטן נאָמען ע ק י ל ס, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום יידנטום און איז געוואָרן אַן איבערגעגע־בענער אָנהענגער און פריינד פון די יידישע געזעצגעבער, ווי פון דער יידישער געזעצגעבונג גופא. עקילס איז לכתחילה גלייך צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט דעם צוועק, צו קעמפן מיט די אַלע קנייטשן און רמזים פון די קריסטלעכע דרשנים, און אַזוי ווי ער האָט באַזעסן גרינטלעך די ביידע שפּראַכן, העברעאיש און גריכיש, האָט ער זיך מיט אַן אומגע־ווײנלעכער פּינקטלעכקייט גענומען איבערזעצן די תורה וואָרט ביי וואָרט, נישט דורכלאָזנדיק קיין וואָרט, קיין אות. אים איז געווען טייע־רער די הייליקייט פון אָריגינאַל, ווי די שיינקייט פון דער איבערזעצונג, און ער האָט זיך אָפט דערלויבט צו פאַרבויגן אַפילו די נאַטירלעכע פאָרמען פון דער גריכישער שפּראַך דאָרט, וואו דאָס איז געווען נייטיק, כדי פּינקטלעכער איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון טעקסט. ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט האָט ער זי פאָרגעלייענט פאַר די געזעצלערער

ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע, און זיי זיינען געבליבן שטאַרק צופרידן; דאָ האָט ער זיך אָבער באַקאַנט מיט ר׳ עקיבאן און מיט זיין מעטאָדע, אויסצוטייטשן יעדן אות, יעדן תו פון דער תורה און אַרויסדרינגען פון אים אַ באַזונדער כונה, — און ער האָט זיך גענומען איבעראַרבעטן די איבערזעצונג פון דאָס ניי. אין דער צווייטער איבערזעצונג האָט עקילס נאָך פּינקטלעכער און בוכשטעבלעכער איבערגעגעבן דעם העברעאישן טעקסט, און די אויטאָריטעטן פון קאָלעגיום האָבן אויסגעדריקט זייער טיפע צופרידנקייט פון דער אַרבעט אין דעם מאמר: „גאָט האָט באַגאַבט יפתן (דאָס גריכנטום) מיט אַ שיינער שפּראַך, איצט וועט זי רוען אין די געצעלטן פון שם (דאָס יידנטום)״. אויף ווי ווייט עקילסעס ווערטלעך־טריי־ע איבערזעצונג פון דער תורה האָט אויסגענומען אַפילו ביי די פרומסטע איז צו זען דערפון, וואָס זי האָט באַקומען כמעט די הייליקייט, ווי דער העברעאישער טעקסט, און דאָס סנהדרין האָט זי רעקאָמענדירט אַלע יידישע קהלות צו דעם צוועק פון עפנטלעכע פאָרלעזונגען. אויף אַזאַ אופן איז די סעפּטואַגינטאַ אין די ערשטע צייטן ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון די יידישע קהלות און אַפילו די קריסטלעכע „אביונים״ האָבן אויך זיך באַנוצט בעסער ביי זייער גאָטעסדינסט מיט דער נייער איבערזעצונג, ווי מיט דער אַלטער. די דאָזיקע „אביונים״ זיינען אויך געווען קעגן די קינסטלעך־פאַלשע נבואה־רמזים איבער ישוס געטלעכקייט, און צווישן זיי מיט די איבעריקע געצנדינער־ און יידן־קריסטן זיינען אויף דעם באָדן פאָרגעקומען שטאַרקע סכסוכים. (עקילס, למשל, האָט איבערגעזעצט די ווערטער פון ישעיהו: „זע, אַ יונגע פרוי איז מעוברת, וועט אַ זון געבוירן און אים אַ נאָמען געבן עמנואל״, און די קריסטן האָבן געלייענט: „זע, אַ יונגפרוי וועט מעוברת ווערן״ — כדי אַריינצולייגן דעם נביא אין מויל אַ רמז אויף ישוס געבורט פון אַ הייליקער יונגפרוי).

דער דערפאָלג און פּאָפּולאַריטעט פון עקילסעס ביבל־איבערזעצונג איז פונדעסטוועגן געווען גאַנץ ווייניק דויערהאַפטיק. אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער באַגעגנט מען זי שוין זייער זעלטן, און צו אונדז זיינען דערגאַנגען פון איר נאָר די קליינע פראַגמענטן, וואָס האָבן זיך דערהאלטן אין דער ליטעראַטור פון די ערשטע קריסטלעכע לערער. לויט דעם מוסטער פון עקילסעס איבערזעצונג איז שפּעטער געמאַכט געוואָרן דער כאַלדעאיש־אַראַמעאישער תרגום פון דער תורה; דאָס איז דער תרגום אונקלוס

(פאַרגרייזט פון עקילס), וואָס איז גראָד זייער פּאָפּולער געוואָרן צווישן אַלע יידן פון דער דיאַספּאָראַ, און דרוקט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג צו־זאַמען מיטן העברעאישן טעקסט.

אַ באַזונדער אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע פאַרנעמען די ווערק פון יוסף בן מתתיהו אָדער, ווי מ׳האָט אים שפּעטער גערופן, יאָזעפוס פלאַוויוס. נאָך דעם טרויעריקן אויסגאַנג פון דער גרוי־סער נאַציאָנאַלער מלחמה, אין וועלכער ער, יוסף, האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פאַררעטער, — איז פאַר אים נישט געבליבן קיין אָרט צווישן די באַזיגטע. ער איז דאָן אין גאַנצן אַריבער אין לאַגער פון די רוימער און האָט זיך מיט זיי ענג צוזאַמענגעלעבט. וועספּאַסיאַן האָט אים געשענקט גרויסע שטרעקעס ערד אין יהודה אנשטאָט זיין נחלה נעבן ירושלים, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון דעם רוימישן גאַרניזאָן. יוסף איז אָבער נישט פאַרבליבן אין יהודה; ער האָט אַוועקגעגעבן זיין ערד אין אַרענדע, און איז אַליין אַוועק, מיט טיטוסן צוזאַמען, קיין רוים, וואו ער איז פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן פון זיין קייסערלעכן באַשיצער, און האָט בייגע־וואוינט אַלע פייערלעכקייטן און טריאומף־צוגן פון די פאַרשיכורטע באַ־זיגער איבער דער דערשלאָגענער יהודה. יוספן איז אַפילו געשענקט גע־וואָרן דאָס רעכט, אַרויסצונעמען זיינע פריינט און באקאנטע פון צווישן די געפאַנגענע און, ווי ס׳איז צו גלויבן, האָט ער אָט דעם זכות ברייט אויסגענוצט. פון דאָן אָן האָט ער פאַרבראַכט אין רוים אַן ערך דרייסיק יאָר, און זיך געפונען אין די העכסטע קרייזן פון דער דאָרטיקער געזעל־שאַפט. וועספּאַסיאַן האָט אים געגעבן דעם טיטל „רוימישער בירגער״ און באַשטימט אַ יערלעכע פּענסיע, און די זעלביקע גענויגטקייט האָבן אים אַרויסגעוויזן אויך די שפּעטערדיקע פלאַוויאַנישע מלכים, טיטוס און דאָ־מיציאַן.

ביי זיין גאַנצער צוגעבונדנקייט צו די רוימישע האַרן און זייער קולטור, האָט אָבער דער דאָזיקער געוועזענער חבר פון די יידישע „פּרושים״ דאָך נישט געקענט רואיק אַריבערטראָגן די פאַראַכטונג, וואָס זיינע ברי־דער האָבן אים אַרויסגעוויזן, און ער האָט כסדר געזוכט, זיך צו רעהאַבי־ליטירן, זיך ריינצוּוואַשן פון די אַלע חטאים, וועלכע מ׳האָט אים צוגע־שריבן. ער האָט געוואָלט איבערצייגן זיינע צאָרנדיקע ברידער, אַז אין דעם גאַנצן אומגליק פון דער אומה זיינען שולדיק געווען נאָר די „רוצחים״־

זעלאָטן, וואָס האָבן אויפגערייצט קעגן יהודה דעם כעס פון די אַלמעכטיקע רוימער, און אַזוי ער האָט באַזעסן אַ שטאַרקן ליטעראַרישן טאַלאַנט, האָט ער זיך גענומען באַשרייבן דעם גאַנצן מהלך פון די לעצטע יידישע מלחמות. געטריבן צו אַזאַ אַרבעט האָט אים אויך זיין פּאַטריאָטישער געפיל: די רוימישע היסטאָריקער האָבן פאַלש באַשריבן די לעצטע מלחמה, און חוזק געמאַכט פון די יידישע קעמפער, — און אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט דערפאַר, טאָמער וועלן די רוימישע הארן געפינען אין זיין באַשרייבונג עפּעס אַ פּגיעה בכבוד פאַר זיך, האָט ער געגעבן דאָס ווערק צו לייענען וועספּאַסיאַנען, טיטוסן, אַגריפּוסן און די אַנדערע הויכגעשטעלטע אנטייל־נעמער פון דער גרויסער מלחמה. די לעצטע האָבן באַשטעטיקט יוספס באַשרייבונגען, און ערשט דאַן האָט ער דאָס ווערק פאַרעפנטלעכט פריער אין זיין אייגענער שפּראַך, אין העברעאיש 1), און דערנאָך אויך אין גרי־כיש. דאָס ווערק האָט זיבן טיילן און נעמט ארום די גאַנצע עפּאָכע פון די חשמונאים און אדומער, די הערשאַפט פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן ביז דעם העלדישן אויפשטאַנד פון די פּאַטריאָטישע זעלאָטן, אין וועלכע דער אויטאָר זעט פונדעסטוועגן נישט מער, ווי אַ באַנדע פאַרברעכערישע פאָלקס־פאַרפירער, באַנדיטן און „רוצחים".

געענדיקט דאָס ווערק וועגן דער לעצטער עפּאָכע פון דעם יידישן לעבן, האָט זיך יוסף גענומען אַרבעטן איבער אַ ווערק, וואָס האָט אַן אומגעהייערע באַדייטונג פאַר דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע — די גע־שיכטע פון דער יידישער אומה, פון די אוראַלטסטע צייטן ביז צו דעם אונטערגאַנג פון בית שני. די „יהודהשע אַלטערטימער" — אַזוי האָט יוסף אָנגערופן זיין יידישע געשיכטע, וואָס איז לכתחילה גלייך געשריבן גע־וואָרן אין דער גריכישער שפּראַך — אנטהאלטן צוואַנציק ביכער, פון וועלכע די ערשטע צען גיבן איבער דעם גאַנצן היסטאָרישן מאַטעריאַל פון די ביבל־ווערק, מיט פאַרשידענע לעגענדאַרישע הוספות און באַלייכטונגען; דאָקעגן באַגעגענען זיך אין די אַנדערע צען ביכער פראַגמענטן פון אַזעלכע יידישע און גריכישע כראָניקעס, וועלכע זיינען צו אונדז גאָרנישט דער־גאַנגען, און בנוגע, למשל, צו דעם לאַנגן פּעריאָד פון די ערשטע חשמונאים

1) דער העברעאישער טעקסט פון דעם ווערק איז מיט דער צייט פאַרלוירן געוואָרן, און צו אונדז איז דערגאַנגען נאָר די גריכישע אויס־גאַבע.

ביז דעם יידיש־רוימישן קריג (אַן ערך פון צוויי הונדערט יאָר) איז יוספס באַשרייבונג אין זיינע „אַלטערטימער" כמעט דער איינציקער היסטאָרי־שער מקור, וואָס איז צוגעקומען צו אונדז און האָט אונדז געגעבן די מעג־לעכקייט זיך צו אָריענטירן אין דעם תהום פון די פאַרנעפּלטע תלמודישע לעגענדעס.

די „יהודהשע אַלטערטימער" זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ ריין נאַ־ציאָנאַלן גייסט. אין די שילדערונגען פון דער אַלטער יידישער פאַרגאַנ־גענהייט, האָט טיטוסעס פאַוואָריט נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן דער־פאַר, טאָמער וועט ער אָנגרייפן די רוימישע אייגנליבע, און ער האָט זיך באמת געגעבן די מי, אויפצוהויבן דעם יידישן נאַציאָנאַלן כבוד, צו וואַרפן אַ העלע און ליכטיקע שיין אויף דער יידישער תורה, אויף די גרויסע יידי־שע גייסטער. מיט דעם ווערק האָט יוסף אַלזאָ געקענט אָפּשוואַכן אין אַ געוויסער מאָס די שנאה, וואָס זיינע ברידער האָבן געפילט צו אים פאַר זיינע פאַררעטערישע מעשים; ער איז אָבער אַריינגעצויגן געוואָרן באַלד אין אַ שאַרפער פּאָלעמיק מיט אַ פאַרביטערטן קעגנער, וועלכער האָט אים געצוואונגען צוריק אויפצורודערן די אַלע אַמאָליקע וואונדן און זיי נאָך שטאַרקער פונאַנדערצורייסן.

דער דאָזיקער קעגנער איז געווען יוסטוס פון טבריה, דער פירער פון די דאָרטיקע זעלאָטן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם גלילשן אויפ־שטאַנד און אויך פאַרלאָזט די פאָן אין רעכטן ברען פון קאַמף. יוסטוס איז גלייך נאָך די ערשטע צוזאַמענשטויסן אַריבער אין אַגריפּוסעס לאַגער: דער לעצטער האָט אים מוחל געווען זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים און געמאַכט פאַר זיין סעקרעטאַר, און אַט דער געוועזענער פרייהייטס־קעמ־פער איז איצט אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ ווערק וועגן דער לעצטער מלחמה, אין וועלכן ער האָט אָנגעקלאָגט יוספן ווי אַ פיינד פון די רוימער און ווי אַ הויפּט־אָנפירער פון דעם גאַנצן גלילשן אויפשטאַנד. דער צוועק פון דעם ווערק איז געווען, צו קאָמפּראָמעטירן דעם פאַרהאַסטן יוספן אין די אויגן פון זיינע אדונים. די לאַגע אין רוים איז אָבער איצט, אין דאָ־מיציאַנס צייטן, געווען אַזעלכע, אַז יוספן איז פשוט פאַרגעשטאַנען אַ געפאַר פאַר זיין לעבן, און דאָס האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ביי אים איז רעכט געוואָרן, אַרויסצוטרעטן מיט אַן אָפענער גיפטיקער באַשולדי־קונג קעגן זיך אַליין, ווי אַ זון פון זיין פאָלק, אַבי נאָר זיך דערמיט ווי

ס׳איז ריינצעוואַשן פֿאַר די רוימער. יוסף האָט אַרויסגעלאָזט זיין „לעבנס־באַשרייבונג״, וואו ער האָט געדעדט הויפּטזעכלעך וועגן דער לעצטער מלחמה, און אין דער באַשרייבונג האָט ער זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז ער האָט באַלד פון ערשטן טאָג אָן פֿאַרראַטן זיין פֿאָלק, און נאָך ווי אַ קאָמאַנדאַנט פון דער יהודהשער פעסטונג אין גליל, האָט ער שוין געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אריבערצוגיין צו די רוימער.

די ווירקונג פון דעם בוך איז געווען אַן אָפּשטויסנדיקע, אַן עקלהאַפֿטיקע, און יוסף איז ווידער געוואָרן דער סימבאָל פון אַלדאָס בייזעס און פֿאַלשעס פֿאַר דער גאַנצער אומה. אים איז אָבער פֿאָרט נישט באַשערט געווען, צו שטאַרבן אין פולשטענדיקער פֿאַראַכטונג, און גראָד האָט זיך אים אין יענער צייט געמאַכט באַלד אַ גינסטיקע געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן ווי אַ פֿאַרטיידיקער און באַשיצער פון דעם יידישן כבוד, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופן אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו אים פון אַלע יידישע קרייזן. יוסף איז אַרויס מיט אַ ניי ווערק „קעגן אַפּיאָן״ אָדער „וועגן דער אַלט־קייט פון דעם יהודהשן פֿאָלק״, — אַ ווערק, וואָס האָט פֿאַראייביקט זיין נאָמען אין דער יידישער געשיכטע ווי אַ טיפער דענקער, וועלכער איז ווירקלעך דורכגעדרונגען געווען מיט אַ הייסער ליבע צו זיין פֿאָלק. „קעגן אַפּיאָן״ איז אַ פייערדיקע פֿאַרטיידיקונג פון יידנטום קעגן די אַלע פֿאַלשע אָנפֿאַלן און בלבולים, מיט וועלכע עס זיינען כסדר אַרויסגעטראָטן אַלערליי יודאָפֿאָבן אין פֿאַרשידענע צייטן, אָנהויבנדיק פון דעם עגיפּטישן כהן מאַנעטאָן ביז דעם באַרימטן חוצפּהדיקן יידן־פֿרעסער אַפּיאָן. דאָ האָט יוסף זיך נישט געשראָקן אַפילו פֿאַר זיינע רוימישע באַשיצער, פֿאַרטייידיקט אין דעם ווערק מיט אַ באַזונדער פייער די שיינקייט און טיפקייט פון די יידישע עטיש־רעליגיעזע אידעאַלן, דערלויבט ער זיך אַפילו צו באַטאָנען זייער יתרון אַנטקעגן די זעלביקע אידעאַלן פון דער גריכיש־רוימישער קולטור. עס פילט זיך דאָ אין יעדער שורה דער טיפער גייסטיקער פֿאַטריאָטיזם פון דעם פֿאָליטישן פֿאַררעטער, — דאָס שטאָלצע באַוואוסטזיין פון דער אייגענער קולטורעלער גרויסקייט, די איבערצייגונג פון דער אומגעהייערער באַדייטונג, וואָס די יידישע וועלט־ און לעבנס־אָנשויאונג האָט פֿאַר דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, און וואָס מען פֿאַרטיפט זיך מער אין דעם קליינעם ספר, קומט מען אַלץ מער צו דעם אויספיר, אַז אָט דער אַריסטאָקראַטישער סאַלאָן־פילאָזאָף איז נאָר על פּי

טעות אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם שטראָם פון די פּאָליטישע טומלענישן. זיין איינציק פאַרברעכן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געפּועלט ביי זיך אַמאָל איבערצונעמען די קאָמאַנדע פון אַ רעוואָלוציאָנערן גאַרניזאָן אין דער צייט, ווען ער האָט, ערשטנס, נישט געגלויבט אינגאַנצן אין דער רעוואָלוציע און איז, צווייטנס, איבערהויפּט נישט געווען קיין מענטש פון קריג און שווערד. די בלינדע אומשטענדן האָבן דעם פרידלעכן דענקער און היסטאָריקער געמאַכט פאַר אַ פירער פון צעהיצטע, צערייצטע סאָל־דאַטן — דערפון האָט געמוזט אַרויסקומען נאָר דאָס, וואָס ס׳איז אַרויס־געקומען: שוואַכמוטיקע אַרויסטרעטונגען, געפערלעכער סקעפּטיציזם און ענדלעך אויך — פאַרראַט.

# קאַפּיטל דריי

## דער נייער אויפשטאַנד קעגן רוים

דער לייכט־טורעם פאַר דער גאַנצער יידישער אומה איז געווען דאָס סנהדרין אין יבנה, און וויל מען ריידן וועגן די פּערזאָנען, וואָס האָבן גע־שפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער אינטענסיווער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן סנהדרין, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע פינף: דער נשיא רבן גמליאל, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ עקיבא בן יוסף און ר׳ ישמעאל בן אלישע.

אויב ר׳ גמליאל האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אין דעם קאָלעגיום די שטרעבונג צו אייגנהייט און אויטאָריטעט; די שטרעבונג, צו שאַפן אַ פעסטן מיטלפּונקט, וואו עס זאָל ווערן באַשטימט און נאָמינירט דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבן פון דער אומה, — האָט זיין שוואָגער ר׳ אליעזר פאַר־טראָטן פּונקט דעם היפוך דערפון: די שטרעבונג, זיך פעסט צו האַלטן ביי דער אייגענער איבערצייגונג, אַפילו אויך אין דעם פאַל, ווען זי איז קעגן דעם באַשלוס פון דער מערהייט. אַן אָנהענגער פון די בית שמאי, איז ר׳ אליעזר געווען קעגן די אַלע נייע מעטאָדן און פאָרמולעס (מדות) אויף צו דרשהנען די תורה און אַרויסצודרינגען פון איר געזעצן און כוונות. פאַר אים האָבן עקזיסטירט נאָר די מינדלעכע מסורות, וואָס ער האָט איבערגע־נומען בירושה פון די אַלטע אויטאָריטעטן, און זיין לעבנס־אויפגאַבע איז אויך באַשטאַנען נאָר אין דעם, אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן איבערגענומענעם מאַטעריאַל און אים איבערצוגעבן גאַנצערהייט די קומענדיקע דורות. זיין אומגעווייינלעכער זכרון האָט איינגעשלאָסן אין זיך אַ גאַנצן אוצר פון איבערגענומענע מסורות, און ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געזען אין אים „אַן אויסגעפּלאַסטערטע ציסטערנע, אין וועלכער עס גייט נישט פאַרלוירן קיין טראָפּן”; ער האָט אָבער אויסגעמיטן יעדע שאלה, אויף וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרטיקע תשובה, און אין אַזאַ פאַל פלעגט ער ענטפערן: „דאָס האָב איך פון מיינע רביים נישט געלערנט”.

ר׳ אליעזר איז בכן געווען דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט; ער איז

געווען דער זכרון, די „אויסגעפלאַסטערטע ציסטערנע”, וואָס לאָזט קיין טראָפּן נישט אויסרינגען, וועלכע לאָזט אָבער אויך קיין נייע טראָפּנס נישט אריינדרינגען. און אַזוי ווי די מערהייט פון קאָלעגיום איז שוין געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון הללס „מדות”, מיט דעם גייסט פון אויסטייטשן די ווערטער פון דער תורה און אַרויסדרינגען פון איר אַלע געזעצן אויף אַ זעלבסטשטענדיקן, לאָגישן אופן, — זיינען די צוזאַמענ־שטויסן צווישן אים און דעם סנהדרין געווען אומפאַרמיידלעך. דערצו איז ר׳ אליעזר געווען זייער איינגעעקשנט און לא די, וואָס ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן קיינמאָל פון זיין פרינציפּ, האָט ער נאָך געפאָדערט דורכאויס, אַז די צווייפלהאַפטיקע הלכות זאָלן ווערן פּראַקטיש דורכגע־פירט לויט זיין איבערצייגונג קעגן דעם באַשלוס פון דער מערהייט. עס איז דעריבער ענדלעך געקומען דערצו, אַז די חברים האָבן זיך צעבייזערט אויף אים און אָנגעווענדעט קעגן אים דעם שאַרפסטן מיטל, דעם חרם. די הלכה, איבער וועלכער דער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען, איז גראָד געווען נישט קיין זייער וויכטיקע, עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן דעם דעס־פּאָטישן טאָן, וועגן דעם שטרענגן ענטפער אויף אַלע אַרגומענטן פון די חברים: „איך טרעט נישט אָפּ פון מיינע רייד”, — און דער חרם איז גע־וואָרן אַרויסגערופן. די שליחות, איבערצוגעבן דעם שטרענגן געזעץ־לערער די ידיעה וועגן דער האַרטער שטראָף, האָט ווידער איבערגענומען אויף זיך דער באַליבטער ר׳ עקיבא. איינגעהילט אין שוואַרצן, האָט ער זיך אַוועק־געשטעלט פאַר ר׳ אליעזרן און געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים: „מיר דוכט, אַז די חברים שיידן זיך אָפּ פון דיר”. ר׳ אליעזן זיינען גערונען טרערן פון די אויגן; ער האָט אָבער מקבל געווען אויף זיך די גזירה פון סנהדרין: „ער האָט צעריסן אויף זיך די קליידער, אויסגעטון די שיך און זיך אַוועקגעזעצט, אָפּגערוקט, אויף דער ערד”. די לעגענדע גיט דערביי צו, אַז צוליב ר׳ אליעזרס טרערן, איז אַ דריטל פון אַלע תבואות און פרוכטן אין דער וועלט צעקלאַפּט געוואָרן און דאָס טייג ביי די ווייבער אין די הענט איז געוואָרן פייכט. פון דאַן אָן האָט ר׳ אליעזר געלעבט ווייט פון זיינע חברים און ווייט פון סנהדרין בכלל. בשעת דער צייט האָט ער געפּרואווט פאַרקערן מיט די יידן־קריסטן, וועלכע זיינען נאָך דעמאָלט נישט געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער קהלה, און ווען דאָמיציאַנס שלוחים האָבן אָנגעהויבן צו רודפן די קריסטן, און געזען אין

זיי אַ געפאַר פאַר אַ נייעם פאָליטישן אויפשטאַנד (ווייל לויט דער אמונה פון קריסטנטום האָט דער משיח, ישו, געשטאַמט פון די מלכי בית דוד), — איז ר׳ אליעזר אויך אַריינגעצויגן געוואָרן צווישן די באַשולדיקטע. דער טעות האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, און ווען דער שטאַטהאַלטער פון קסריה האָט זיך אויסגעדריקט: „ס׳איז אוממעגלעך, אַז אַ מיטגליד פון סנהדרין זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן״, האָט ר׳ אליעזר אים דער־קלערט. אַז ער האָט באמת נישט קיין געמיינזאַמעס מיט די קריסטן.

דער היפּוך פון ר׳ אליעזרס פאַרגליווערטקייט און אייזערנער קאָנ־סעקווענץ, איז געווען ר׳ יהושע בן חנניה. ער האָט אריינגעבראַכט אין סנהדרין דעם נאָכגעביקן, בויגזאַמען, פשרהדיקן עלעמענט און געשיצט אי די לערע, אי דאָס פאָלק פון איבערטריבענער איינזייטיקייט. ווי אַ לוי האָט ר׳ יהושע יונגערהייט נאָך געזען דעם גלאַנץ פון בית המקדש, וואו ער האָט געזונגען מיטן לויים־כאָר. ער איז אָבער נישט אַריין אין די רייען פון די קעמפער, און ווען ר׳ יוחנן בן זכאי האָט פאַרלאָזט די באַלאַגערטע הויפּטשטאָט, איז ר׳ יהושע מיט אים מיטגעגאַנגען. נאָך ר׳ יוחננס טויט איז ר׳ יהושע געוואָרן איינער פון די זיילן פון קאָלעגיום; ער האָט אָבער דערביי נישט אָוועקגעוואָרפן זיין באַשעפטיקונג, און אַדאַנק דעם טאַקע, וואָס ער איז אין זיין אַלטעגלעכן לעבן געשטאַנען נאָענט צו די ברייטע שיכטן פון פאָלק, האָט ער געהאַט אויף זיי זייער אַ שטאַרקע ווירקונג.

ר׳ יהושע איז געווען אַ טיפער ידען אין אַסטראָנאָמיע און האָט זיך בכלל באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע פיזישע און מעטאַפיזישע וויסנשאַפטן. זיין הויפּט־טעטיקייט איז אָבער דאָך געווען די יידישע געזעץ־לערע, און דאָ האָט ער זיך אינגאַנצן געהאַלטן ביי די כללים פון זיין גרויסן רבין ר׳ יוחנן בן זכאי. אַ מענטש פון לעבן מיט אַן אָפענעם, ליכטיקן בליק אויף גאָטס וועלט, איז ר׳ יהושע געווען קעגן יעדער פאָרעם פון עקסטרעמער פרומקייט, פון אַסקעטיזם, און ווען ער האָט געזען, אַז עס ווערט נתרבה די צאָל פון די פּרושים־אַסקעטן, וואָס ווילן קיין פלייש נישט עסן און קיין ווייַן נישט טרינקען, ווייל מען פלעגט זיך דערמיט באַנוצן אין בית המקדש צו קרבנות און נסכים, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיי מיט די שאַרפע ווערטער: „אויב אַזוי, דאַרפן מיר קיין ברויט נישט עסן, ווייל עס זיינען בטל געוואָרן די מנחות 1), און קיין וואַסער נישט טרינקען, ווייל

1) אַ מין ברויט־קרבן.

עס זיינען בטל געוואָרן די וואַסער־גיסונגען! דער תירוץ איז אָבער, אַז מ'איז נישט גוזר אויף אַ צבור אַזאַ גזירה, וואָס דער צבור קען דאָס נישט אויסהאלטן!" ר' יהושע איז געווען קעגן די אַלע חומרות און גזירות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום מקור אין געזעץ, און זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָר ווי אָפּצוימונגען, כדי צו פאַרהיטן די געזעצן גופא, און ביי איינעם אַזאַ פאַל האָט ער דאָס פאַרגליכן מיט אַ כלי אייל, אין וועלכער מען גיסט אַריין וואַסער: „וואָס מער וואַסער עס קומט אַריין, אַלץ מער אייל רינט אויס". דאָס האָט געהייסן, אַז וואָס מער באַשרענקונגען און חומרות עס ווערן איינגעפירט איבעריקע, אַלץ מער גייט פאַרלוירן פונעם עצם יידנטום, פון דער תורה גופא.

ר' יהושעס ווירקונג אויף דער פאַרמירונג פון יידנטום איז געווען אומגעהייער גרויס און פרוכטבאַר; אים איז אָבער באַדייטנדיק איבערגעגאַנגען דער חבר ר' עקיבא בן יוסף, וועלכער איז אַן אַ שום צווייפל געווען דער באַגאַבטסטער, אָריגינעלסטער און איינפלוסרייכסטער צווישן דער ריי גרויסע פערזענלעכקייטן פונעם דעמאַלטיקן סנהדרין. דאָס פאָלק האָט שפּעטער איינגעהילט די יוגנט־יאָרן פון זיין געליבטן פירער אין אַ נעפּל פון פּאָעטיש־שיינע, ראָמאַנטישע לעגענדעס. פון דעם נעפּל שיינט אָבער אַרויס אויך די ווירקלעכקייט פון זיין אָפּשטאַמונג, געבורט און דערציאונג. ר' עקיבא בן יוסף האָט געשטאַמט פון אָרימע גרים און אין דער יוגנט האָט ער זיך אויפגעהאלטן ווי אַ פּאַסטעך אין די גיטער פון דעם רייכן כלבא שבוע. דער אָרימער פּאַסטעך האָט אָבער באַזעסן אַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט, און די טאָכטער פון דעם ירושלימער מאַגנאַט, רחל, האָט זיך אין אים פאַרליבט. זי איז מרוצה געוואָרן מיט אים חתונה צו האָבן, אויב ער וועט אַוועק אין אַ ישיבה לערנען און ווערן אַ געבילדעטער מענטש, און ר' עקיבא האָט אָנגענומען די באַדינגונג: ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן פון איין ישיבה אין דער אַנדערער, און זיין נאָמען איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. אונטער דער צייט האָט זיך דער רייכער אַריסטאָקראַט דערוואוסט פון זיין טאָכטערס ליבע צו דעם אָרימען פּאַסטעך און ער האָט זי אַרויסגעטריבן פון זיין הויז; זי איז אָבער טריי געבליבן אירע געפילן, און נישט די שפּאָט פון אַלע, און אויך נישט דער הונגער איז אומשטאַנד געווען אויסצולעשן ביי איר אין האַרצן די גליענדיקע ליבע צו

דעם וואַקסנדיקן געלערנטן. 1) און זי האָט זיך דערוואָרט: דער פּאַסטעך איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער אין דעם סנהדרין פון יבנה, און באַלד אין זיין אייגענער ישיבה אין דעם שטעטל בני ברק (נעבן יבנה) געוואָרן אַ נייער, געוואַלדיקער צענטער, וואָס האָט צוגעצויגן טויזנטער תלמידים פון אַלע עקן פון לאַנד.

פאַר דער וויסנשאַפט פון יידנטום, פאַר דער יידישער געזעץ־לערע איז ר׳ עקיבא געווען דער דירעקטער נאָכפאָלגער פון הלל הזקן בנוגע צו דעם גאַנג פון אויסטייטשן די ווערטער פון דער תורה און נישט פאַרלאָזן זיך אויף דער מסורה אַליין. ער האָט אָבער אויף דעם יסוד געשאַפן אין גאַנצן אַ נייעם בנין, „אַ נייע שול". אזוי ווי ער האָט זיך געשטיצט אויף הללס יסוד, האָט ר׳ עקיבא געשאַפן אַן אייגענעם סיסטעם, פון וועלכן די קאָנסעקווענצן קומען שוין ממילא, פון זיך אַליין. דאָס דאָזיקע סיסטעם קוקט אויף דעם פאַרהאַנענעם מאַטעריאַל פון איבערגעגעבענע מסורות נישט ווי אויף אַ טויטן אוצר, וואָס וואַקסט נישט און פאַרמערט זיך נישט און מוז זיך שטיצן נאָר אויף דעם זכרון פון געציילטע מענטשן. ר׳ עקיבא באַטראַכט אָט דעם מאַטעריאַל, ווי אַן אייביקן לעבעדיקן קוואַל, אין וועלכן עס אַנטפּלעקן זיך אַלץ נייע אוצרות. ווי דעם העכסטן גרונטזאַץ פון זיין סיסטעם האָט ר׳ עקיבא אָוועקגעשטעלט דעם כלל, אַז דער הלכישער (גע־זעצן)־טייל פון דער תורה איז אין גאַנצן נישט גלייך צו די זעלביקע טיילן אין אַנדערע געזעץ־ביכער. די מענטשלעכע אויסשפּראַך באַנוצט זיך מיט געוויסע וואָרט־קלאַנגען, ווענדונגען, וואָרט־בילדער, איבערחזרונגען, פאַר־שענערונגען, — קורץ: מיט אַ געוויסער פאַרעם, וואָס האָט גאָרנישט צום עצם אינהאַלט און איז אויסגערעכנט נאָר פאַר דעם שענערן קלאַנג, פאַרן געשמאַק. אַנדערש איז עס אָבער מיט דער אויסשפּראַך פון דער געטלעכער תורה: דאָ איז קיין פאַרעם אַבסאָלוט נישטאָ, דאָ איז אַלץ אינהאַלט. דאָ איז נישטאָ איבעריק קיין וואָרט, קיין בוכשטאַב, קיין נקודה — יעדע נקודה, יעדער אויסדרוק, יעדער ביי־, נעבן־ און פאַרבינדונגס־וואָרט האָט אַן אייגענע, באַזונדערע, געטלעכע כונה. צו הללס זיבן מדות, האָט ר׳ עקיבא דעריבער צוגעגעבן אַ גאַנצע ריי נייע כללים און פאָרמולעס, וואָס האָבן געגעבן די מעגלעכקייט אָנצושעפּן גאַנצע בערג מיט הלכות אויף

1) די לעגענדע דערציילט, אַז זי האָט אַמאָל אין אַ שרעקלעכער נויט אָפּגעשוירן אירע שיינע צעפּ און זיי פאַרקויפט פאַר ברויט.

איין וואָרט פון דער תורה. לויט דעם סיסטעם, איז יעדע געוויינלעכע אויסטייטשונג פון דער תורה שוין אַליין געוואָרן אַ מקור פאַר נייע שלוס־פאָלגערונגען, און אַזוי האָט זיך עס געקענט ציען ביז דעם אומענדלעכן. „איך וועל מאַכן אַזוי, — האָט ר׳ עקיבא זיך אויסגערופן — אַז די ווער־טער פון די חכמים זאָלן בלייבן אויף אייביק", און ער האָט דורכגעפירט זיין סיסטעם מיט אַן אומגעוויינלעכער פעסטקייט, זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר די שאַרפסטע קאָנסעקווענצן. עס איז פאָרגעקומען אַ פאַל, אַז ר׳ עקיבאס אַ תלמיד, נחמיה פון עמאָוס (העמסוני), וועלכער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין רבינס סיסטעם און האָט אויך געדרשהנט אַלע אתן פון דער תורה 1), — האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו דרשהנען דעם „את" פונעם פסוק: את ד׳ אלהיך תירא (פאַר גאָט, דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן), ווייל ער האָט נישט געפּועלט ביי זיך, צוצוגעבן נאָך איין זאַך אין דער וועלט, וואָס דער מענטש זאָל זיין פאַרפליכטעט, מורא צו האָבן דערפאַר אַזוי ווי פאַר גאָט; דאַן איז ר׳ עקיבא געקומען און האָט געדרשהנט: „את ד׳" — דאָס מיינט מען: אים און זיין תורה, דאָס הייסט, אַז אויסער גאָט איז יעדער ייד מחויב זיך צו מורא האָבן אויך פאַר דער תורה (אָדער פאַר תלמידי חכמים).

מיט זיין סיסטעם האָט ר׳ עקיבא אויסגעבראַכן אַ נייעם וועג און געעפנט נייע האָריזאָנטן אויף דעם געביט פון דער יידישער געזעץ־פאָר־שונג. די תורה שבעל פה, יעדע איינציקע פון די אַלע מינדלעכע דינים און גזירות, אויף וועלכע אַ סך האָבן געקוקט, ווי אויף אייגענע, ווילקירלעכע אויפטואונגען, וועלכע האָבן גאָרנישט צו טון מיט דעם געטלעכן ווילן, — האָט איצט באַקומען אַן אָנשפּאַר אין וועלכן ס׳איז וואָרט פון דער תורה, און אַ סך הלכישע שטרייטיקייטן זיינען איצט ממילא געוואָרן איבערגע־ריסן. אויף די חברים פון קאָלעגיום האָט ר׳ עקיבאס נייער סיסטעם גע־מאַכט אַן אומגעוויינלעכן איינדרוק, און אַלע האָבן מודה געווען, אַז אָן דעם געניאַלן אויפטו פון די נייע כללים, וואָלטן די געזעצן פאַרגעסן אָדער געוואָרן פאַרנאַכלעסיקט. ר׳ עקיבאס שאַרפזיניקע איינפאַלן אין דער היי־זיכט פון געפינען אין דער תורה אַ רמז אָדער אַ אסמכתא (אָנשפּאַר) אויף וועלכער ס׳איז מסורה, האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג און דערשטוי־

1) א ת — דינט אין העברעאיש אויף די באַצייכענען די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש און די באַציאונג פון די ווערטער (פאַרטיקל).

נונג צוזאַמען, און אַזאַ גייסטיקער ריז, ווי ר׳ יהושע בן חנניה, האָט איין מאָל אויסגעשריען: „אָ, ווען איינער וואָלט אַראָפּגענומען די ערד פון דיינע אויגן, אונדזער רבי, יוחנן בן זכאי! דו האָסט אַמאָל געצווייפלט ביי דער באַשטימונג פון איין הלכה, ווייל דו האָסט נישט געקענט געפינען פאַר איר קיין מקור אין דער תורה, און אַט איז געקומען ר׳ עקיבא און האָט אַזאַ מקור גלייך געפונען!" מיט אַן ענלעכער באַגייסטערונג איז דורכ־געדרונגען אויך דער אויסרוף פון דעם באַרימטן ר׳ טרפון: „עקיבא! שיידן זיך פון דיר, הייסט ריכטיק, ווי שיידן זיך פון לעבן! מיט דיינע כללים מאַכסטו צוריק לעבעדיק דאָס, וואָס די מסורה אַליין האָט פאַרגעסן".

ר׳ עקיבא האָט אונטערגענומען נאָך אַ וויכטיקן שריט, וואָס האָט אויך געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער אַקאַדעמישער וועלט. ביז אים זיינען די הלכות געלערנט געוואָרן אָן אַ צוזאַמענהאַנג און נישט גרופּירטערהייט, אַזוי אַז עס האָט זיך געפאָדערט אַן אומגעווייגלעכער זכרון און אַן אומ־דערמידלעכע התמדה, כדי צו געדענקען זיי אין דעם משך פון יאָרן. דאָס האָט ר׳ עקיבא געוואָלט באַזייטיקן, און ער איז געקומען דעם .כרון צו הילף. ער האָט גענומען סיסטעמאַטיזירן די הלכות און זיי צוזאַמענשטעלן גרופּעסווייז לויטן אינהאַלט (וועגן שבת, וועגן עריות, וועגן געלט־ און קרימינאַל־ענינים אאז"וו). אַזוי זיינען אנטשטאַנען באַזונדערע, אָפּגעטייל־טע טעקסטן (מסכתות), און אין יעדער מסכתא האָט ער איינגעטיילט די געזעצן לויט דער צאָל (צום ביישפּיל: „ניין און דרייסיק אבות מלאכות (גרונט־אַרבעטן) זיינען פאַרבאָטן שבת", „אין פופצן פאַלן זיינען די פרויען פריי פון יבום א"א). די דאָזיקע „משניות דרבי עקיבא" האָבן געדינט ווי אַ יסוד פאַר דער שפּעטערדיקער פולשטענדיקער סיסטעמאַטיזירונג פון דער משנה.

רייכע פּערל זיינען דערגאַנגען צו אונדז פון ר׳ עקיבאן אויך אין דעם מאָראַל־ און רעליגיעז־פילאָזאָפישן טייל פון תלמוד, אין דער אַזוי גערו־פענער אגדה. ער האָט געזאָגט: „אַלץ (וואָס דער מענטש טוט) ווערט (פון גאָט) געזען, נאָר דער פרייער ווילן איז געגעבן, און די וועלט ווערט גע־משפּט מיט גוטס, און אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער צאָל מעשים, וואָס דער מענטש טוט" — דאָס קען גערעכנט ווערן פאַר אַ קורצער לייזונג פון דער אייביקער פראַגע וועגן דעם קעגנזאַץ צווישן דער געטלעכער השגחה און דעם מענטשנס פרייען ווילן. זיין מיינונג וועגן גאָטס באַציאונג צו דער

יידישער אומה, האָט ער אויסגעדריקט אין דעם ווייטערדיקן מאמר: „טייער איז דער מענטש, ווייל ער איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט. נאָך מער טייערער זיינען די יידן, וואָס גאָט רופט זיי אָן: קינדער, און האָט זיי געגעבן אַ טייערע כלי — די תורה".

ר' עקיבאס אָפּטימיזם האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר דעם גרויסן אומגליק פון דער אומה. די לעגענדע דערציילט: איין מאָל האָט ר' עקיבא געוואַנדערט אין דער געגנט פון דער פאַרוויסטער ירושלים צוזאַמען מיט ר' גמליאל הנשיא, ר' יהושע בן חנניה און ר' אליעזר בן עזריה. ווען זיי זיינען צוגעקומען נענטער צו דער שטאָט האָבן זיי געריסן קריעה, צום צייכן פון טרויער, און אַזוי זיינען זיי צוגעגאַנגען צום בית המקדש־באַרג. דאָ האָבן זיי געזען, ווי אַ שאַקאַל איז אַרויסגעלאָפן פון צווישן די חורבות פון בית המקדש, און זיי האָבן זיך פונאַנדערגעוויינט, נאָר איין ר' עקיבא האָט זיך געפרייט. דאַן האָבן די חברים געפרעגט: „פאַרוואָס פרייסטו זיך?" — „פאַרוואָס וויינט איר?" האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ פראַגע. — צי קען מען דען נישט וויינען, ווען מען זעט צו, ווי דער קדשי־קדשים, וואו קיינער אויסערן כהן־גדול האָט נישט געטאָרט אַריינקומען, איז געוואָרן אַן אָרט פאַר ווילדע חיות? — אָט דעריבער טאַקע פריי איך מיך — האָט ר' עקיבא געענטפערט; — אויב ס'איז מקוים געוואָרן די נבואה, אַז ירושלים וועט ווערן אַ הויפן חורבות, מוז דאָך מקוים ווערן אויך די צווייטע פאַרזאָגונג פון אונדזערע נביאים, — אַז ירושלים וועט ווערן צוריק אויפגעבויט.

אַ באַזונדער פּלאַץ אין דעם „כרם שביבנה" (דעם ווייַנגאָרטן אין יבנה: דאָס סנהדרין) האָט פאַרנומען ר' ישמעאל בן אלישע. אין דער אויסטייטשונג פון געזעץ האָט ער פאַרטראָטן דעם נאַטירלעכן זינען און, אַזוי צו זאָגן, דעם געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, און דאָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע בנוגע צו דעם פּלפּולדיקן לער־סיסטעם פון דעם געניאַלן ר' עקיבא.

אַ זון פון דעם לעצטן כהן גדול אין ירושלים, איז ר' ישמעאל, ווי אַ קינד נאָך, אַוועקגעפירט געוואָרן נאָכן חורבן קיין רוים צוזאַמען מיט אַלע געפאַנגענע. דאָ האָט ער דורך אַ צופאַל צוגעצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם באַרימטן ר' יהושע בן חנניה (ווען יענער איז געווען אין רוים) און דער לעצטער האָט אים אויסגעקויפט און אַוועקגע־

פירט קיין יהודה, וואו ער איז אין גיכן געוואָרן אַן אָנגעזעענער מיטגליד פונעם סנהדרין אין יבנה. וועגן אים ווערט אויך דערציילט, אַז ער האָט פאַרווענדט זיין גאַנץ פאַרמעגן, אויסצוהאַלטן און צו שטיצן די אָרימע מיידלעך, וועלכע זיינען פאַראָרימט און פאַריתומט געוואָרן אין דער צייט פון אויפשטאַנד.

אין קעגנזאַץ צו ר׳ עקיבאס כלל, אַז די געטלעכע תורה איז פול מיט רמזים און כוונות, ווייל זי איז אין גאַנצן אינהאַלט און האָט נישט קיין באַשטימטע פאָרעם, — האָט ר׳ ישמעאל כסדר באַטאָנט, אַז „די תורה באַנוצט זיך מיט אַ מענטשלעכער אויסשפּראַך" (דברה תורה בלשון בני אדם) און האָט אויך איבערחזרונגען, ווענדונגען, וואָרט־בילדער און רעדנערישע אויסמאָלונגען — צו דעם צוועק פון פאַרשענערן די פאָרעם, דרשהנען די אותיות אָדער די ביי־און נעבן־ווערטער פון דער תורה, הייסט בכן פשוט אַריינלייגן אין די דאָזיקע ווערטער אייגענע, פאַלשע כוונות — אַזעלכע, וואָס זיינען גאָרנישט פאַרהאַנען געווען אין דעם געטלעכן געדאַנק. ווי־זשע דען, בכן, זאָלן די מינדלעכע מסורות צוזאַמענגעבונדן ווערן מיט דער תורה? אויף דעם זיינען פאַרהאַן הללס זיבן מדות. אָט די מדות דרשהנען נישט די אותיות און נקודות פון דער תורה, נאָר דעם זינען, די לאָגישע כונה פון דעם געזעץ אין אַלגעמיין, אַזוי ווי ער איז אויסגעדריקט אין דער שפּראַך פון געזעצגעבער, און זיי, די מדות גופא, לאָזן זיך אויך אַרויסדרינגען פון דעם זינען פון דער תורה. ר׳ ישמעאל האָט צו די דאָזיקע זיבן מדות צוגעגעבן נאָך זעקס, און די אַלע דרייצן כללים זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי אַ יסוד פאַר דער אידישער געזעץ־אויסטייטשונג צוזאַמען מיט ר׳ עקיבאס סיסטעם:ביידע זיינען געבליבן גלייכבאַרעכטיקט און די חכמים פון די שפּעטערדיקע דורות האָבן זיך מיטביידן גלייך באַנוצט אין זייער אַקאַדעמישער טעטיקייט. ווי דער גרעסטער טייל פון די מער באַדייטנדיקע קאָלעגיום־מיטגלידער, האָט אויך ר׳ ישמעאל געהאַט אַן אייגענע ישיבה מיט אַ סך תלמידים, און די הלכות פון דער ישיבה זיינען דערגאַנגען צו אונדז אין תלמוד, אונטער דעם באַזונדערן נאָמען „תנא דבי ר׳ ישמעאל" (אין ר׳ ישמעאלס ישיבה איז געלערנט געוואָרן).

די דאָזיקע פינף זיילן פון סנהדרין — ר׳ גמליאל, דער פאַרטרעטער פון קאָנצענטרירטער איינהייט, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, דער דערהאַלטער פון די מסורות, ר׳ יהושע, דער קלוגער פאַרמיטלער און אויסגלייכער פון

שאַרפע סתירות, ר׳ עקיבא, דער שאַרפזיניקער געזעץ־דערקלערער און סיסטעמאַטיקער, און ר׳ ישמעאל, דער פאַרטרעטער פון דעם פשוטן פאַר־שטאַנד — האָבן צוגעבראַכט ביז אַ באַשטימטן פעסטן פונקט דעם פאַר־מירונגס־פּראָצעס פון יידנטום. זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף דעם גאַנצן בנין פון דער יידישער געזעץ־לערע, און אַדאַנק זיי איז די לעצטע געוואָרן אַזוי באַפעסטיקט, אַז זי האָט באַקומען די מעגלעכקייט נישט בלויז בייצושטיין קעגן יעדן איינפלוס, נאָר אויך צו האָבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע השפעה אויף אַנדערע. עס איז כסדר געוואַקסן די צאָל פון די אינטעליגענטע געצנדינער, וואָס זיינען אריבערגעגאַנגען צום יידנטום, און ווען מען נעמט אין באַטראַכט די שווערע קרבנות, וועלכע אַזאַ מין געצנדינער האָט געמוזט נעמען אויף זיך, ווען ער האָט זיך אָב־געשלאָסן אין דער יידישער אומה, מוז מען אנערקענען, אַז דאָס יידנטום אין זיין טראַדיציאָנעלער, אָרטאָדאָקסישער געשטאַלט, האָט באַזעסן נישט קיין קלענערע צוציאונגס־קראַפט, ווי דאָס באַנייטע, אַבסטראַקטע יידנטום — דאָס יידנטום פון די קריסטלעכע שלוחים. די לעצטע האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט ווי מיסיאָנערן־פּראָפּאַגאַנדיסטן, און גערעדט און איבערצייגט און געוויזן אַלערליי מופתים און אַלץ נאָכגעגעבן, אַבי צו געווינען נייע נפשות פאַר זייער לערע. דער ניי־באַקערטער קריסט האָט נישט געזנומען אויף זיך קיין שום פליכטן, ער האָט אַפילו נישט געדאַרפט ענדערן זיינע אַלטע לעבנס־מנהגים און געקענט בלייבן ווייטער אין דעם קרייז פון זיין פאַמיליע, ווייל עס האָט געהייסן ביי די שלוחים: „ווען אַ ברודער (קריסט) האָט אַן אומגלויביק (געצנדינעריש) ווייב, און עס גע־פעלט איר צו בלייבן וואוינען ביי אים, זאָל ער זיך פון איר נישט שיידן. און ווען אַ גלויביקע ווייב האָט אַן אומגלויביקן מאַן, און ער איז מרוצה צו וואוינען ביי איר, זאָל זי זיך פון אים נישט שיידן“.

ביים יידנטום איז אָבער די זאַך געווען גאַנץ אַנדערש. יידן האָבן אין דער צייט נישט געשיקט קיין מיסיאָנערן און לא די, וואָס זיי האָבן זיך נישט געיאָגט נאָך קיין גרים, האָבן זיי נאָך געמאַכט די גרים פיל שוועריקייטן, ווען יענע האָבן זיך שוין געהאַט אַנטשלאָסן צו מאַכן דעם שריט. זיי האָבן זיך געמוזט אין גאַנצן אָפּשיידן פון זייערע פאַמיליעס און אָפּזונדערן זיך פון זיי אין עסן, אין טרינקען און אין דעם גאַנצן אַלטעג־לעכן לעבנס־פאַרקער, און נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, זיינען דאָך

פאַרגעקומען אָפטע פאַקטן פון איבערגיין צום יידנטום אין די מזרח־לענ־דער, אין קליין־אַזיע און באַזונדער אין רוים, — אין דער הויפטשטאָט פון דעם לאַנד, וואו די יידן זיינען שוין דעמאָלט געוואָרן אויך אכזריותדיק פאַרפאָלגט און גערודפט.

צופרידנקייט און אַ געוויסן שטאָלץ האָט אַרויסגערופן אין די יידי־שע קרייזן דאָס איבערגיין צום יידנטום פון דעם גריכישן אַריסטאָקראַט עקילס. ער האָט געשטאַמט פון דער געגנט פּאָנטוס, וואו ער האָט געהאַט גרויסע נחלאות און אַ מאַסע שקלאַפן, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מענטש מיט טיפע נייגונגען און אַ גרינטלעכער פילאָזאָפישער בילדונג, האָט ער פאַרלאָזט דאָס געצנדינערײַ און זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די געצנ־דינער־קריסטן. באַלד האָט ער אָבער זיך אָפּגעזאָגט פון קריסטנטום און עס אויסגעביטן אויף דער לערע פון די יידישע חכמים. דעם יידנטום איז עקילס געבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן, און ער האָט אָפּגעהיט די שווערסטע פליכטן — ווי איינער פון די פרומסטע צווישן די יידן פון יענער צייט. ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, און די ברידער האָבן אים אַרויסגעצאָלט זיין חלק ירושה פאַר די געצנבילדער, וואָס זיי האָבן געירשנט, האָט ער פון דעם געלט נישט געוואָלט האָבן קיין הנאה און האָט עס אַריינגע־וואָרפן אין ים.

באַזונדער באַרימט האָט זיך עקילס געמאַכט אין דער יידישער וועלט מיט זיין איבערזעצונג פון דער ביבל, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל. אָט די אַרבעט האָט אים אַריינגעבראַכט אין דעם ענגן קרייז פון די גרויסע תנאים, און זיין ליבע צו ר׳ גמליאלן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען דער לעצטער איז געשטאָרבן, האָט ער, ווי אַ צייכן פון טרויער, געלאָזט פאַרברענען אַ מאַסע טייערע כלים און קליידער.

אין דער וועלט־שטאָט רוים האָט די דערשיינונג פון איבערגיין צום יידנטום אָנגענומען כמעט אַ מאַסן־כאַראַקטער. רוימער פון די העכסטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער דערהויבנקייט פונעם גאָט פון ישראל, מיט דעם גייסט פון זיין מערק־ווירדיקער געשיכטע און מיט די עטיש־רעליגיעזע יסודות פון זיין לערע, — זיינען געוואָרן אָדער האַלבע גרים און האָבן אָפּגעהיט געציילטע יידי־שע מצוות, אָדער זיי זיינען אין גאַנצן אַריבער צו דער יידישער קהלה. דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס קען זיך נישט דערקלערן די דאָזיקע

דערשיינונג, וואָס די רוימער אין זיין צייט פאַראַכטן זייערע געטער, זאָגן זיך אָפּ פון זייער פאָטערלאַנד, פון זייערע עלטערן, קינדער און שוועסטער, נאָר כדי זיך אָנצושליסן צו די יידן. אַן ענלעכע פאַרוואונדערונג האָבן מיר שוין, אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ציטירט פון דעם באַרימטען סאַטיריקער יוּאוועגאַל, און ווי ס'איז אָנצונעמען האָט אין רוים עקזיסטירט אַ גאַנץ באַזונדערער קרייז פון איבערצייגטע אָנהענגער פון יידנטום, קאָנצענטרירט ארום דעם באַרימטן עפּאַפראַדיטאָס, דעם איבערגעגעבענעם פריינט פון יוסף בן מתתיהו אָדער יאָזעפוס פלאַוויוס. פון די אַלע פאַקטן האָט אָבער קיין איינער נישט געמאַכט אַזאַ רושם אין רוים, ווי דער פאַקט מיט דעם אַלטן פעטער פון קייסער און געוועזענעם צווייטן קאָנסול פלאַוויוס קלע־מענס, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער הייסע ליבע צום יידנטום.

די ידיעה, אַז אַ קרוב פון קייסער, אַ פעטער פון דעם רשע, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש, און איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון יידנטום, האָט זיך דערטראָגן ביז צו דעם קרייז פון די געזעץ־לערער אין פּאַלעסטינע און אַרויסגערופן דאָרטן פאַנטאַסטישע האָפענונגען. דאָס איז געווען גראָד אין דער צייט, ווען דאָמיציאַן האָט דערהויבן צוויי זין פון דעם זעלביקן קלעמענס און זיי געמאַכט פאַר צעזאַרן, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז דער פאָטער פון דעם קומענדיקן קייסער זאָל זיין אַ הייסער אָנהענגער פון יידן און יידנטום!

אונטער דער צייט האָט זיך דער בלוטדורשטיקער דאָמיציאַן דער־וואוסט פון דער עפּידעמישער נייגונג צום יידנטום, וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט די אַריסטאָקראַטישע שיכטן פון דער רוימישער געזעלשאַפט, און ער איז געוואָרן שרעקלעך אויפגעקאָכט אי קעגן די דאָזיקע פאַררעטערישע רוימער, אי קעגן דער „אפיקורסישער" אומה בכלל. עס זענען נישט דער־גאַנגען צו אונז קיין גענויע ידיעות וועגן דאָמיציאַנס טעטיקייט אין זיינע לעצטע יאָרן; עס איז אָבער באַקאַנט, אַז ער האָט געלאָזט אויספירן אַ מאַ־סע טויט־שטראָפן איבער הויכגעשטעלטע רוימער פאַר זייערע נייגונגען צום יידנטום, און לויט איין נוסח האָט זיך דער זעלביקער קלעמענס אויך געפונען צווישן די דאָזיקע קרבנות 1).

1) דעם צווייטן נוסח האָבן מיר שוין איבערגעגעבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. לויט אים האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן, כדי אויף אַזאַ אופן צו ראַטעווען די יידן פון דער געפאַר, וואָס זיי איז פאַרגעשטאַנען.

צו יענער צייט געהערט, ווי ס׳איז צו גלויבן, אויך דער שרעקלעכער באַפעל, צו פאַרניכטן פאַר איין מאָל אַלע יידן פון דער רוימישער אימ־פעריע, — דער באַפעל, וואָס צוליב אים זיינען די פירער פון דער אומה געפאָרן קיין רוים זיך משתדל זיין און בעטן. די רעטונג פון דער גזירה איז געקומען אומדערוואַרט, אָן דער הילף פון די שלוחים: די הויפּישע פאַרשווערונג, אין וועלכער ס׳איז אַריינגעגאַנגען אויך זיין פרוי, האָט ענד־לעך באַפרייט די רוימישע וועלט פון דער שרעקלעכער חיה אין מענטשנ־געשטאַלט.

דאָמיציאַנס נאָכפאָלגער איז געווען דער חשובער זקן נערוואַ. גע־רעכט, קלוג און מענטשנפריינטלעך, האָט אים געפעלט נאָר די יוגנט אַליין, כדי צו באַפעסטיקן זיינע נייע אָרדענונגען און צוריק אויפצושטעלן דעם בנין פון דער רוימישער מלוכה, וואָס איז צעשפּליטערט און רואי־נירט געוואָרן פון דאָמיציאַנס גרויזאַמע אַכזריותן. אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז געזעסן אויף דעם רוימישן טראָן (פון סעפּט. 96 ביז יאַנואַר 98), האָט ער אויך באַוויזן אַ מאַסע אויפצוטון, סיי פאַר דער אַלגעמיי־נער אָרדענונג אין לאַנד, און סיי פאַר די געדרודפטע יידן און גרים. ער טאָר אין אַלעקסאַנדריע זיך געאיילט, צו געבן צו וויסן אין רוים וועגן דעם האָט זיך נישט גערעכנט פאַר קיין אַקט פון כפירה, און דערצו האָט ער אין אַ גרויסער מאָס פאַרלייכטערט אויף דעם צוואַנג פון דעם שענדלעכן יידנשטייער. לויט זיין פאַראָרדענונג האָבן אין גאַנצן אויפגעהערט די אכ־זריותדיקע העצעס קעגן יענע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון דעם אָפּצאָל, און די באַדייטונג פון דער הנחה איז געווען אַזוי גרויס פאַר די יידן פון דער רוימישער אימפעריע, אַז זיי האָבן געלאָזט אויס־גיסן אַ ספּעציעלע מטבע צום אָנדענק פון דעם קייסערלעכן חסד. די מטבע האָט געהאַט אויף איין זייט דאָס בילד פון קייסער, און אויף דער צוויי־טער זייט אַ פאַלמע (סימבאָל פון דער מלכות יהודה) מיטן אויפשריפט:

„די אָנקלאָגן וועגן דעם יידנשטייער זיינען אָפּגעשאַפט״.

ווי געזאָגט, איז די הערשאַפט פון דעם דאָזיקן מענטשלעכן הערשער געווען גאַנץ ווייניק דויערהאַפט: ער איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזן פאַר אַ יורש דעם שפּאַניער אולפּיוס טראַיאַנוס. מיט דער טראָן־באַשטיי־גונג פון טראַיאַנוסן הייבן זיך צוריק אָן די אַלטע פיינטלעכקייטן און ריי־בונגען צווישן די יידן און רוימער, און באַלד זיינען דיביידע פעלקער ווי־

דער געשטאַנען מיט וואָפן אין די הענט איינס קעגן דאָס אַנדערע.

דער מעכטיקער באַזיגער פון די דאַקייער ביים דונאַי, האָט געחלומט וועגן די לאַרבער־קרענץ פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, און זיין בליק איז געפאַלן אויף די לענדער פונעם ווייטן מזרח. איבער אַלע וועלט־טיילן האָבן געפלאַטערט די אייזערנע פליגל פון דעם רוימישן אָדלער. נאָר דאָרט, אין די טיפענישן פון אַזיע, האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע, בליענדע לענדער פרייע, זעלבסטשטענדיקע. דאָס האָט שטאַרק גערייצט די אייגנליבע פון דעם קייסער מיט די גרויסע חלומות, און ער האָט זיך פאַרנומען דורכצופירן זיי אָנצוקצולייגן פאַר די פיס פון זיין טראָן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין מעסאָפּאָטאַמיע (בבל) און אַרמעניע און איז צוגעקומען ביז דער הויפטשטאָט פון פּאַרטיע. דער קאַמף אַרום די דאָזיקע פּראָווינצן איז אים נישט אָנגעקומען שווער, און ער האָט געקענט האָפן, אַז באַלד וועט ער האָבן אין זיין מאַכט דיביידע טעריטאָריעס צווישן פרת און חדקל און צווישן אינדוס און גאַנגעס. דאָ איז אָבער, גאָר אומדערוואַרט אויסגע־וואַקסן אַ נייע קראַפט, וואָס האָט צעשטערט אַלע פּלענער פון דעם גרויסן הערשער.

די יידן, אָנגעקומענע פון נאָכן חורבן, ווי אויך אַלטע תושבים, האָבן דאָ געלעבט אין גרויסע מאַסן און פאַרנומען אַליין גאַנצע פּראָווינצן, וואו זיי האָבן געהאַט אייגענע פירער מיט גאַנץ זעלבסטשטענדיקע אינער־לעכע פאַרוואַלטונגען. די דאָזיקע יידן האָבן זיך געפילט גאַנץ גוט אונטער די פּאַרטישע מלכים, און אַזוי ווי זיי האָבן געזען פאַר זיך די געפאַר, אַרונ־טערצופאַלן אונטער דעם שרעקלעכן יאָך פון די צעשטערער פון זייער פרייהייט, פאָטערלאַנד און בית המקדש, — האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו נע־מען פאַרן געווער. נציבין, וואָס איז געווען אין גאַנצן באַפעלקערט פון יידן האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און האָט אָפּגעהאַלטן די מעכ־טיקע רוימער אַ לאַנגע צייט אויסער די טויערן פון שטאָט. מוטיק גע־קעמפט קעגן טראַיאַנס מחנה האָט אויך דאָס פירשטנטום אַדיאַבענע, וואָס איז געווען באַהערשט פון אַ יידישן קייסער (אַן אייניקל פון מונבז המלך), און אויב טראַיאַנוסן האָט זיך איינגעגעבן צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, האָט דאָס אים אָבער דאָך נישט געפירט נענטער צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיין חלום. אין דער צייט, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר געענדיקט דעם

קאַמף און האָט זיך אומגעקערט מיט זיין מחנה קיין אַנטיוכיע (115), האָבן די איינגעגנומענע פּראָווינצן צוריק אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד, און אַזוי האָט זיך די מלחמה פאַרשלעפּט אויף אַ לאַנגער צייט.

די אויפרעגונג צווישן די יידן פון דער דיאַספּאָראַ צוליב טראַיאַנוסעס אַרויסטרעטונגען איז דערוייל געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט. אויסער די פּאַרטישע לענדער האָבן זיך געפינען גרויסע יידישע מאַסן אויך אין סיריע, קליין אַזיע, מצרים און צפון אַפריקע. דאָס זיינען געווען אַנטלאָפענע פון דער גרויסער שחיטה אין יהודה, וועלכע האָבן זיך קוים געראַטעוועט אין די קהלות פון זייערע ברידער און געבראַכט מיט זיך דעם פרישן ווייטיק צוליב דער פאַרלוירענער היים און דעם גיפטיקן האַס צו די בלוטיקע באַזיגער. אַט די אויפגערייצטע שטימונג קעגן די רוימער איז איבערגעגאַנגען אויך צו די יידן תושבים פון די אַלע קהלות, און אין פיל ערטער האָט די דאָזיקע שטימונג גורם געווען ערנסטע צוזאַמענשטויסן צווישן די רוימער און יידן.

דער ערשטער אויסברוך פון דעם יידישן צאָרן אויסער די גרענעצן פון יהודה איז פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדריע, אין 73־טן יאָר, נאָך דעם טרויעריקן עפּילאָג פון דער גרויסער מלחמה, ווען די אַנטלאָפענע פון דער לעצטער פעסטונג מסדה זיינען אָנגעקומען מאַסנווייז קיין מצרים און האָבן איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פון דעם שרעקלעכן חורבן און פון דער אכזריות, מיט וועלכער די רוימער זיינען זיך באַגאַנגען מיט זייערע קרבנות. עס האָט געשמעקט מיט אַן איבערחזרונג פון די אַלע שרעקלעכע סצענעס אויף דעם עגיפּטישן באָדן. ווי אומעטום, איז אָבער די יידישע אַריסטאָקראַטיע דאָ אויך געווען געניגט מיושבדיק, נישט צו דערלאָזן צו אַזאַ שריט, און די געקומענע פאַנאַטישע זעלאָטן זיינען געצוואונגען געווען זיך צו צעשפּרייטן איבערן לאַנד. דאָ זיינען פיל פון זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער רוימישער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט זיי אָנגעטון די שרעקלעכסטע יסורים און געצוואונגען, צו אָנערקענען זיך פאַר געטרייע אונטערטאַנען פון דעם רוימישן קייסער. נישט אַלע מאָל אָבער איז דאָס געלונגען די רוימער: די פאַרעקשנטע זעלאָטן זיינען דאָ אויך נישט געוואָרן ווייכער און האָבן דעם שונא נישט געוואָלט נאָכגעבן.

אויף דעם יסוד פון די אַלע פאַקטן האָט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר אין אַלעקסאַנדריע זיך געאיילט, צו געבן צו וויסן אין רוים וועגן דעם

אויפשטאַנד פון די יידן אין עגיפּטן, און דאָס האָט דעם בייזן וועספּאַסיאַנען אַריינגעבראַכט אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט באַפוילן, צו באַשטראָפן די יידן אין עגיפּטן מיט דער האַרטסטער שטראָף, וואָס ער האָט נאָר געקענט פאַר זיי צוטראַכטן: פאַרמאַכן דעם טעמפּל אין לעאָנטאָפּאָליס, וואָס איז געשטאַנען איבער צוויי הונדערט יאָר און איז געווען דער צווייטער רעליגיעזער צענטער — נאָך דעם בית המקדש אין ירושלים. דערביי זיינען אַלע כלים פון דעם טעמפּל געוואָרן קאָנפיסקירט פאַר דעם רוימישן אוצר המלוכה, און דער בנין אַליין איז געוואָרן פאַרמאַכט און פאַרחתמעט.

דערמיט האָבן זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט די אומרוען. אין דער זעלביקער צייט, ווען וועספּאַסיאַנס משרתים זיינען געווען פאַרנומען מיט די יידישע זעלאָטן אין עגיפּטן, האָט אין דער שכנותדיקער קירענייקע אויפגעפלאַקערט אַ נייע באַוועגונג. דאָ האָט דער אָנגעקומענער קנאי יהונתן צונויפגענומען אַרום זיך ביז צוויי טויזנט מאַן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, און האָט געפּרואווט זיך אַנטקעגן שטעלן די רוימישע סאָלדאַטן. נאַטירלעך האָט אויך דער אויפשטאַנד זיך געענדיקט נישט בעסער פון די פריערדיקע. דער רוימישער פאַרוואַלטער פון דעם ליבישן ראַיאָן, קאַטולוס, האָט ענדלעך דאָך צעשלאָגן דאָס הייפל יידישע פּאַטריאָטן; דערביי האָט ער דעם דערמאָנטן יהונתן געפאַנגען און אַוועקגעפירט קיין רוים, ווי הויפּט־אָנפירער פון דער גאַנצער באַוועגונג. דער זעלביקער קאַטולוס האָט אפילו געפּרואווט אַריינציען די אָנגעזעענע יידן פון אַלעקסאַנדריע און רוים (צווישן די לעצטע אויך דעם באַרימטן יאָזעפוס פלאַוויוס,) ווי מיטשולדיקע אין דעם בונט. דער אויפטו האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן: די אַלע באַשולדיקטע זיינען באַפרייט געוואָרן, און זיין גאַנצן כעס האָט וועספּאַסיאַן אויסגעלאָזט צו דעם געפאַנגענעם יהונתן, וועלכן ער האָט פאַראורטיילט צו שווערער לייב־שטראָף און דערנאָך אים געלאָזט פאַרברענען לעבעדיקערהייט.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער זעלאָטישער שטורעם, וואָס האָט אויפגעטרייסלט אַלע יידישע קהלות פון דער רוימישער אימפּעריע. די שטרייטיקייטן און אויפשטאַנדן האָבן נאָך מער פונאַנדערגעבלאָזן די שנאה, וואָס האָט פון אייביק־אָן געהערשט צווישן דער גריכיש־רוימישער באַפעלקערונג און זייערע יידישע שכנים. און די יידן האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז

אויסצואוואַנדערן אין די פּאַרטישע לענדער, באַזונדער אין בבל. צום גליק־לעכסטן זיינען געווען די יידן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין צפון־אַראַביע און זיך באַזעצט אין דער געגנט פון מעדינאַ. זיי איז געלונגען, צו גרינדן דאָרטן אַ נייעם זעלבסטשטענדיקן יידישן ישוב, וואָס האָט עקזיס־טירט ביזן זיבעטן יאָרהונדערט. אין די ערשטע יאָרן האָבן אָבער די יידן אין די פּאַרטישע לענדער זיך אויך גאַנץ גוט געפילט. אַ דאַנק דער שוואַכ־קייט פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, זיינען דאָ די יידישע קהלות גע־ווען אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק אין זייערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן, און מיט דער צייט האָבן זיך פאָרמירט ביי זיי גרויסע צענטערן פאַר דער יידישער געזעץ־לערע, וואָס האָבן געדינט ווי דער יסוד פאַר דער שפּע־טערדיקער תלמודישער אַקאַדעמיע.

געקרעפטיקט און אָפּגעפרישט אונטער דער פּאַרטישער ממשלה, האָבן אָט די יידישע צענטערן דעריבער געמוזט טראָגן אין האַרצן אַ שטאַרקע שנאה צו זייערע אַמאָליקע רוימישע פאַרפאָלגער, און איצט, ווען די רוימער האָבן זיי דאָ אויך געפונען און געוואָלט אַריפּליייגן זייער האַנט אויף דער יידישער פרייהייט, — האָט זיך דאָס גאַנצע יידנטום אַ טרייסל געטון. די האָפענונג, וואָס די גייסטיקע פירער האָבן נישט אויפגעהערט צו פלאַנצן אין פאָלק, — די האָפענונג, אַז באַלד וועט דער בית המקדש ווערן צוריק אויפגעבויט, — האָט סטימולירט דעם פרייהייטס־גייסט פון דער יוגנט און אים שטענדיק געהאַלטן וואַך, און דערצו איז נאָך צוגע־קומען די חוצפּהדיקע אַכזריות, מיט וועלכער די רוימישע סאָלדאַטן, האָבן באַהאַנדלט די איינגענומענע באַפעלקערונגען. דאָס האָט דעם יידישן צאָרן צעפלאַקערט אין גאַנצן, און דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם האָט זיך, ווי אַן הוראַקאַן, דורכגעטראָגן דורך אַלע יידישע קהלות, אין די פּאַרטישע אַזוי אויך אין די לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע. „נידער מיט די רוימער!“ דאָס איז געוואָרן די לאָזונג פון דער גאַנצער דיאַספּאָראַ, און באַלד זיינען אויך אויסגעוואַקסן פירער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט בראש פון די אויפגערעגטע מאַסן, און אָפּגעווענדט דעם שטראָם פון זייער כעס און פאַרביטערונג אין איין באַשטימטער ריכטונג.

דעם ערשטן סיגנאַל צו דער באַוועגונג האָבן געגעבן די צוויי ברידער יוליאַנוס און פּאַפּאָס פון אַלעקסאַנדריע, וועלכע זיינען אָנגערופן געוואָרן „דער שטאָלץ פון ישראל“. זיי האָבן אַרויסגערופן צום קאַמף די יידן פון

דער פּראָווינץ קירעניייקע, און פון דאַנען האָט זיך דער אויפשטאַנד פונאַנ־דערגעטראָגן איבער אַלע רוימישע געביטן אין אַפריקע, וואו עס האָט זיך געפונען אַ קליינער טייל פון דעם רוימישן מיליטער. פון די קירעניייאישע יידן גופא האָט זיך אויך אויסגעטיילט באַזונדערס ווי אַן אַנפירער אַ געוויסער אַנדרעאַס אָדער, לויט אַן אַנדער נוסח, לוקואַס, און באַלד האָט דער אויסברוך אָנגענומען אַן ערנסטן שטורמישן כאַראַקטער. די יידן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער שוואַך־באַשיצטער רוימישער באַפעלקערונג מיט אַן אומגעוויינלעכער פאַרביטערטקייט, און ווען מ׳זאָל אַפילו אָננעמען, אַז די שילדערונגען פון די רוימישע מקורות וועגן די דאָזיקע געשעענישן זיינען שטאַרק איבערגעטריבן, בלייבט אָבער אַלץ דער פאַקט, אַז די אויפגעקאָכטע יידישע מאַסן האָבן זיך אַכזריותדיק נוקם געווען אין זייערע פאַרפאָלגער און געצוואונגען די געפאַנגענע רוימער, זיך צו ראַנגלען מיט ווילדע חיות.

געשטילט די צערייצטע נקמה־אינסטינקטן אינעם בלוט־שטראָם פון דער קירעניייאישער געצנדינערישער באַפעלקערונג1), — האָבן זיך די יידישע פּאַטריאָטן נאָך נישט אָפּגעשטעלט: זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט זייערע ברידער אין עגיפּטן. דאָ האָבן זיי צעשלאָגן די מחנה פון דעם אַלעקסאַנדרינישן שטאָטהאַלטער לופּוס, וואָס איז זיי אַרויס אַנטקעגן, און די גאַנצע פּראָווינץ איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. דאָס האָט אַרויס־גערופן אַ פאַרביטערטן צאָרן ביי דער געצנדינערישער באַפעלקערונג פון אַלעקסאַנדריע גופא און זי האָט מיט דער זעלביקער אכזריות אויסגעהר־געט די יידישע איינוואוינער פון שטאָט. באַלד זיינען אָבער אָנגעקומען די יידישע זיגער פון קירעניייקע, און האָבן זיך נוקם געווען פאַר די אומגע־קומענע ברידער. זיי זיינען באַפאַלן אַלעקסאַנדריע און האָבן זיי אויף אַזוי פיל חרוב געמאַכט, אַז די שטאָט האָט שפּעטער געמוזט כמעט פונדאָסניי ווערט אויפגעבויט. לופּוס מיט זיינע רוימישע מחנות האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן דעם שטראָם פון די צעווילדעטע יידישע מחנות, און דער פּחד פון די גריכן און רוימער אין דער עגיפּטישער הויפּטשטאָט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מאַסן פון זיי זיינען אין דער פינצטער אַנטלאָפן אויסערן שטאָט, און יעדער מינדסטער גערויש האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ טויט־ציטער־

1) לויט די דערמאָנטע גוזמאַדיקע רוימישע מקורות זיינען אין יענע טעג געפאַלן פון יידישע הענט ביז 220.000 געצנדינער.

ניש. אויף דעם אינדזל ציפּערן (קפריסין), וואו יידן האָבן שוין געוואוינט אַ לאַנגע צײַט און געהאַט אַ סך שולן, האָט זיך געשטעלט בראש פון דעם אויפשטאַנד אַ געוויסער אַרטעמיאָן, און אויך דאָ איז די אַרטיקע באַפעל־קערונג אין גאַנצן הילפלאָז געווען קעגן דעם ווילדן אויסברוך פון דער יידי־שער נקמה. די הויפּטשטאָט סאַלאַמיס, איז געוואָרן צעשטערט, און לויט אַ געוויסן איבערגעטריבענעם היסטאָרישן מקור, האָבן די יידן אויסגע־הרגעט אויף דעם אינדזל איבער 240.000 גריכן.

די ידיעות וועגן מאַסן־שחיטות פון גריכן און רוימער דורך יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געצוואונגען טראַיאַנוסן אָנצונעמען ענערגישע מיט־לען. פון בבל, וואו ער האָט זיך דאַן געפונען, האָט ער אָוועקגעשיקט אַ שטאַרקע מיליטערישע מאַכט, אונטער דער אָנפירונג פון מאַרטיוס טור־באָ מיט דעם אויפטראג, צו דערשטיקן די יידישע מרידה אין מצרים, קי־רענייקע און אויף דעם אינדזל ציפּערן. קעגן די יידן פון די אַזיאַטישע פּראָ־ווינצן האָט טראַיאַנוס אָוועקגעשיקט אַ צווייטע מחנה און האָט זי איבער־געגעבן זיין ליבלינגס־גענעראַל, דעם מאוריטאַנישן פירשט לוזיוס קוויע־טוס, וועלכן ער האָט דערנאָך באַשטימט פאַר זיין נאָכפאָלגער אויף דעם רוימישן טראָן. דער יידישער אויפשטאַנד האָט אַרומגענומען טראַיאַנוסן פון פאַרשידענע זייטן, און ווען עס וואָלט געווען מער אחדות, מער סיס־טעם אין דעם דאָזיקן ווילדן אויסברוך פונעם ביז אַהער אונטערדריקטן פאָלקס־צאָרן, וואָלט אפשר דער מעכטיקער ריזן־קערפּער פון דער רוימי־שער אימפעריע שוין דעמאָלט (117 — 116) באַקומען יענעם הארטן שטויס, וואָס ער האָט באַקומען אין עטלעכע הונדערט יאָר אַרום פון די צפון־לענדישע באַרבאָרן.

טורבאָ איז זייער פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו די צענטערן פון דעם יידישן אויפשטאַנד אין די פּראָווינצן, וואָס זיינען אים איבערגעגעבן גע־וואָרן, און נאָך אַ רייע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן איז עס געלונגען די רוי־מער צו ווערן די בעלי־בתים פון דער לאַגע, אַ דאַנק זייער גרעסערער צאָל קריגס־געלערנטע סאָלדאַטן און באַזונדער אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט גאַנצע מחנות רייטער־סאָלדאַטן קעגן די שלעכט באַ־וואָפנטע יידישע מאַסן. די יידישע קעמפער זיינען איצט אַריינגעפאַלן צו זייערע פריערדיקע קרבנות אין די הענט, און די לעצטע האָבן זיך אָן זיי ביטער נוקם געווען. די רוימישע לעגיאָנען האָבן אַרומגערינגלט די יידישע

געפאַנגענע און מיט די שפּיזן זיי דורכגעשטאָכן. דערביי האָבן זיי די פרויען געשענדט און געטויט אויף דעם גרויזאַמסטן אופן. טורבאַ האָט געלאָזט חרוב מאַכן אויך די אוראַלטע אַלעקסאַנדרינישע גרויסע שול, וואָס איז געווען אַ וואונדער־ווערק פון דער עגיפּטיש־גריכישער אַרכיטעקטור. דער זאַל פון שול איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די ווייטערע ווינקלען האָט מען נישט געהערט דעם חזנס שטים, און ביי יעדעס מאָל, ווען דער עולם האָט געדאַרפט ענטפערן „אמן", האָט מען געמוזט געבן דערצו אַ באַזונדערן סיגנאַל (אויפהייבן אַ פאָן). די דאָזיקע שול איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די געצנדינער, און האָט שוין געהאַט אַ סך קלעפּ איבערגעטראָגן. מיט דעם לעצטן פּאָגראָם איז זי אָבער אין גאַנצן געוואָרן צעשטערט, און צוזאַמען מיט איר איז אונטערגעגאַנגען אויך דער גלאַנץ פון דער יידישער קהלה אין אַלעקסאַנדריע.

געענדיקט זיין אַרבעט אין מצרים, האָט טורבאַ אַריבערגעפירט זיין מחנה אויף דעם אינדזל ציפּערן, וואו ער האָט אין גאַנצן פאַרטיליקט די יידישע איינוואוינער. און די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך נאָך דערמיט נישט געשטילט; איר שנאה צו די יידן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געשאַפן אַ געזעץ, לויט וועלכן קיין אייניקער פון דעם יידישן שטאַם טאָר קיינמאָל נישט באַטרעטן די ערד פון דעם אינדזל, אפילו אין דעם פאַל פון אַ שיפס־ברוך.

מיט נישט קיין קלענערן דערפאָלג און מיט נישט ווייניקער אַכזריות האָט געפירט דעם קאַמף קעגן די יידן פון בבל און אַרמעניע דער צווייטער „באַרואיקער", קוויעטוס. הייזער, גאַסן, וועגן און שטעגן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט טויטע יידישע קערפּערס, און ווי אַ באַלוינונג פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט, האָט אים טראַיאַנוס באַשטימט פאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער גאַנץ פּאַלעסטינע מיט באַזונדערע ברייטע פולמאַכטן. אַזוי ווי דער אַלגעמיינער פאָלקס־שטורעם האָט פאַרכאַפּט אויך די יידן פון פּאַלעסטינע, האָט קוויעטוס גלייך געפונען אַ גינסטיקן באָדן פאַר זיין אכזריות־דיקער „באַרואיקונג". טויזנטער יידישע קרבנות האָבן ווידער אָנגעפילט די שטעט פון יהודה, און דער טרויער איבער די געפאַלענע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס סנהדרין האָט באַשטימט אַ נייעם טרויער־צייכן צום אָנדענק פון דעם גרויסן פאָלקס־אומגליק — די כלות אין דעם טאָג פון דער חתונה זאָלן נישט טראָגן די געוויינלעכע בלומען־קרענץ.

נאָך די אַלע נצחונות איבער די יידישע מורדים . האָט טראַיאַנוס אַליין געמוזט פונדעסטוועגן פאַרלאָזן די איינגענומענע פּאָזיציעס אויף דעם פּאַרטישן באָדן, און דערביי האָט ער זיך אויך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין גאַנצן פּלאַן, צו פאַרוואַנדלען דאָס פּאַרטישע לאַנד אין אַ רוימישער פּראָווינץ. דאָס איז פאַר דעם שטאָלצן טרוימער געווען אַ צו שטאַרקער קלאַפּ און זיין געזונט איז דערפון שטאַרק רואינירט געוואָרן. אין אַ קראַנקן צושטאַנד האָט מען אים געבראַכט קיין אַנטיוכיע, און פון דאָרטן האָט מען אים צוגעפירט ביז ציליציע, וואו ער איז געשטאָרבן (117).

טראַיאַנוסעס הערשאַפט איז געווען אַ בלוטיקע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע. צום באַדויערן, זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין גענויע היסטאָרישע ידיעות וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער ווילדער צייט, און מיר מוזן זיך באַנוגן מיט די פאַרנעפּלטע לעגענדעס, אין וועלכע ס'איז גאַנץ שווער אויסצוגעפינען דעם פאַקטישן קערן. איין תלמודישע לעגענדע דערציילט: טראַיאַנוסעס ווייב האָט געבוירן אַ קינד תשעה באָב ביינאַכט, ווען אַלע יידן זיינען געזעסן אויף דער ערד און האָבן געקלאָגט אויף דעם חורבן פון בית המקדש. געשטאָרבן, ווידער, איז דאָס קינד חנוכה, ווען אַלע יידישע הייזער זיינען געווען פייערלעך אילומינירט צום אָנדענק פון די מכבישע נצחונות. און מוסרים האָבן זיך געפונען, וואָס האָבן דערטראָגן דער קייסערן, אַז יידן האָבן געטרויערט, ווען דער יורשעצר איז געבוירן געוואָרן, און געפראַוועט אַ יום־טוב — ווען ער איז געשטאָרבן, האָט דאָס דער קייסערן אַריינגעבראַכט אין גרויס גרימצאָרן און זי האָט אָוועקגעשריבן צו איר מאַן, דעם קייסער: איידער דו גייסט איינשטילן די באַרבאַרן, שטיל בעסער איין די יידן, וואָס האָבן אָן דיר מורד געווען. און טראַיאַנוס האָט איר געפאָלגט: ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף, און אַ שטאַרקער ווינט האָט אים געבראַכט קיין יהודה בלויז אין פינף טעג, אַנשטאָט דעם, וואָס געוויינלעך האָט דאָס געמוזט דויערן פיל לענגער. אַרויפגעטראָטן אויף דער יידישער ערד, האָט טראַיאַנוס־קיסר געטראָפן די חכמים, ווי זיי האָבן געדרשהנט דעם פסוק: „גאָט וועט אויף דיר אָנשיקן אַ ווייט פאָלק פון עק וועלט, וואָס וועט קומען צופליען מיט דער געשווינטקייט פון אַן אָדלער". האָט ער צו זיי געזאָגט: „איך בין דער אָדלער! איך האָב געדאַרפט פאָרן צען טעג און בין נאָר געפאָרן פינף־" — און ער האָט אַרומגערינגלט די יידן מיט זיינע לעגיאָנען און האָט זיי

געלאָזט אויסהרגענען. דערנאָך האָט דער קייסער זיך געווענדט צו די יידי־שע פרויען און געזאָגט צו זיי: „גיט זיך אונטער מיינע לעגיאָנען, ווען נישט — וועל איך טון מיט אייך דאָס זעלבע, וואָס מיט אייערע מענער". אויף דעם האָבן אים די פרויען געענטפערט: „טו מיט די קלענערע דאָס, וואָס דו האָסט געטון מיט די גרעסערע". דאַן האָבן די רוימישע סאָלדאָטן זיי אַלעמען אויסגעהרגעט און דאָס בלוט פון די פרויען האָט זיך צוזאַמענ־געגאָסן מיטן בלוט פון די מענער: עס איז געוואָרן איין גרויסער בלוט־שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן אַזש ביז דעם אינדזל ציפּערן.

די העלדן פון דער לעגענדע, די קייסערן פּלאָטינאָ, האָט טאַקע גע־שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם רוימישן הויף־לעבן פון איר צייט, און נאָר אַ דאַנק איר איז נישט דערפילט געוואָרן טריאַנוסעס לעצטער ווילן, אַז קוויעטוס זאָל זיין דער יורש פון דעם רוימישן טראָן. זי האָט גע־געבן צו וויסן דער אַרמיי, אַז איר מאַן האָט באַשטימט ווי אַ זון און טראָן־יורש זיין קרוב עליוס אַדריאַנוס, און דער לעצטער איז גלייך געקרוינט געוואָרן פאַר אַ הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע.

## קאַפּיטל פיר

### די בלוטיקע מלחמה אין יהודה

(140 — 117)

ווען ער איז אַרויפגעטראָטן אויף דעם רוימישן הערשער־שטול האָט אדריאַנוס געפונען פאַר זיך אַ רייע פעלקער אין אַ רעוואָלוציאָנערן צו־שטאַנד און עטלעכע פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך אויך געקליבן אָראָפּצו־וואַרפן פון זיך די קייטן פון דער רוימישער אויבערהערשאַפט. די דאָזיקע שטימונג האָט זיך באַזונדער שטאַרק פונאַנדערגעפלאַקערט נאָכן טויט פון דעם אייזערנעם טראַיאַנוס־קיסר, און באַלד זיינען אַלע מזרח־ און מערב־לענדער געווען אַרומגענומען פון אַ שטאַרקן רעוואָלוציאָנערן פלאַם, וואָס האָט געקענט ווערן שטאַרק געפערלעך פאַר דער גאַנצקייט פון דער מעכ־טיקער רוימישער אימפּעריע. און אָט דער צושטאַנד האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף דעם נישט זייער קריגערישן נייעם הערשער: ער האָט אָנגע־הויבן צו גיין אויף פּשרות, נאָכצוגעבן. זיין ערשטער שריט אויף דעם וועג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון יעטוועדער פּרעטענזיע אויף די פּאַרטישע לענדער און זיי איבערגעלאָזט די פריער־דיקע מושלים. דאַן זיינען געקומען די איבריקע רעוואָלוציאָנערע פעלקער, וועלכע ער האָט אויך באַהאַנדלט מיט דער זעלביקער נאָכגיביקייט, און ענדלעך די אויפגערעגטע יידן פון דער רוימישער אימפּעריע, וואָס אדריאַ־נוס האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער פריינטלעך צו זיי. ער האָט באַזייטיקט פון זיין אַמט אין פּאַלעסטינע דעם אכזריותדיקן קוויעטוס, און כאָטש ער האָט געהאַט דערביי גאָר אַן אַנדער כוונה, — די כוונה, פּטור צו ווערן פון אַ געפערלעכן פּרעטענדענט אויף דעם רוימישן טראָן — האָבן די יידן דאָך געזען אין דעם אַקט אַ חסד פון קייסער און האָבן דאָס אפילו באַטראַכט פאַר אַ ישועה פון הימל. קוויעטוס האָט גראָד געהאַט באַקומען דאַן אין זיינע הענט ווי געפאַנגענע די צוויי באַרימטע יידישע פירער, יוליאַנוס און פּאַפּאָס, וועלכע ער האָט זיך געקליבן צו טויטן, און נאָר אדריאַנוס באַפעל

האָט זיי מציל געווען פון דער אכזריותדיקער שטראָף. "ווען אייער גאָט איז אַזוי שטאַרק, — האָט זיך דער מעכטיקער קוויעטוס, ווי די לעגענדע דערציילט, געווענדט צו די געפאַנגענע — טאָ זאָל ער אייך מציל זיין פון מיינע הענט". אויף דעם האָבן די פאַראורטיילטע געענטפערט: "דו ביזט גאָרניש̅ט ווערט, אַז גאָט זאָל צוליב דיר ווייזן אַ נס, דען דו ביזט נישט קיין זעלבסטהערשער, נאָר אַן אונטערטאַן פון אַ העכערער מאַכט"; און אין דעם אויגנבליק, ווען די געפאַנגענע זיינען געפירט געוואָרן צו דעם מאַרטירער־טויט, איז אָנגעקומען דער שליח מיט דעם באַפעל, וואָס האָט אַראָפּגעזעצט דעם בלוטיקן שופט פון זיין ריכטער־שטול און אָפּגעשאַפט זיינע משפטים. דער טאָג פון דער דאָזיקער ישועה איז געפייערט געוואָרן, ווי אַ נאַציאָנאַלער געדענק־טאָג, אונטער דעם נאָמען יום טרינוס (12 אָדר)1).

אָט די אַלע נאָכגיביקייטן פון דעם נייעם הערשער האָבן אַרויסגע־רופן צווישן די יידישע מאַסן פון דער דיאַספּאָרא פאַרשידענע פאַנטאַסטי־שע האָפענונגען. אַזוי ווי אַלע יידישע אויפשטאַנדן קעגן די רוימער האָבן געצויגן זייער יניקה נאָר פון דער פאַרביטערטער טיפער שנאה, וואָס די יידן האָבן געטראָגן אין האַרצן צו די צעשטערער פון בית המקדש, איז די צוריק־אויפבויאונג פון דעם זעלבן געוואָרן דער איינציקער וועג אויף צו דערהאַלטן די פרידלעכע שטימונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. און ווען די פירער פון יידנטום האָבן דאָס דערקלערט אדריאַנוסן, האָט ער אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו פאַרווירקלעכן דעם פאָרשלאַג. זיין שרעק פאַר פאַרוויקלטע מלחמות, וואָס האָבן געקענט אַרויסשטעלן גרעסערע קריגס־העלדן פון אים, און דערצו זיין שוואַכקייט, אויפצושטעלן צוריק די חורבות פון באַרימטע אַלטע שטעט, האָבן זיך דאָ פאַראייניקט, צו באַפרי־דיקן דעם האַרציקסטן יידישן פאַרלאַנג. כדי צו צעטרעטן צו דער רעסטוי־ראַציע פון בית המקדש האָט מען געמוזט פריער די גאַנצע שטאָט מאַכן לעבעדיק, און באַלד זיינען הונדערטער אַרבעטער אַוועקגעשטעלט געוואָרן (אונטער דער אויפזיכט פון דעם באַרימטן עקילס) אַרום די חורבות פון דער פאַרוויסטער הויפּטשטאָט.

---

1) די פאָלקס־מסורה האָט צוזאַמענגעבונדן די געשעענישן פון טראַ־יאַנוסעס פּאַרטרעטער, קוויעטוס, מיטן נאָמען פון טראַיאַנוסן אַליין.

די קאַסטן פון דער דאָזיקער באַנייאונג זיינען געזאַמלט געוואָרן פון פאָלק, און בראש פון אָט דער זאַמלונגס־טעטיקייט זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די זעלביקע צוויי פירער, וועלכע זיינען אַ דאַנק אַדריאַנוסעס באַ־פעל נצול געוואָרן פון טויט. זיי האָבן אָרגאַניזירט עטלעכע צענטערן פאַר דער געלט־זאַמלונג, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג צווישן אַלע יידן פון דער דיאַספּאָראַ; פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן גרויסע סומעס געלט, די באַגייסטערונג פון די יידישע מאַסן צוליב דער האָפענונג, ווידער צו האָבן אַ הייליקן מיטלפונקט, איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און די פליגלען פון דער יידישער פאַנטאַזיע האָבן זיך שטאַרק פונאַנדערגעשפּילט. אַ געוויסער יידיש־גריכישער דיכטער האָט פאַראייביקט די פריילעכע שטימונג, וואָס האָט געהערשט דעמאָלט צווישן יידן, אין שיינע פערזן. ווי זיינע פאָרגייערס מיטן מויל פון דער סיבילע, אַזוי רעדט דער דיכטער אויך פון דער נאָענטער משיח־צייט, פון דעם גרויסן נצחון, וואָס דאָס יידנטום וועט אָפּהאַלטן איבערן היידנטום, און וועגן די אַלע גליקן, וואָס הייבן זיך אָן מיט דער הערשאַפט פון דעם „בלאָנדלאָקיקן גוט־האַרציקן קייסער“.

אויף וויפיל אָבער די יידן האָבן זיך געפילט גליקלעך פון דער גרויסער האָפענונג, ווידער צו האָבן זייער צענטער, זייער הייליקטום, אויף אַזוי פיל זיינען די קריסטן נישט צופרידן געווען פון אַדריאַנוסעס אויפטו. זיי האָבן די גאַנצע צייט כסדר געפּלאַנצט אין זייערע צוהערער דעם געדאַנק, אַז ישו, ווי געטלעכער משיח, האָט באַפרייט די וועלט פון קרבנות און דע־ריבער טאַקע איז דער בית־המקדש חרוב געוואָרן, און דאָ האָט גאָר גע־האַלטן דערביי, אַז דער בית־המקדש זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן! אַזאַ פאַקט האָט געקענט צו נישט מאַכן אַלע זייערע סברות און פשטלעך, און דער באַרימטער אַלעקסאַנדרינישער אַפּאָסטאָל באַרנאַבאַס געפינט פאַר טייטיק צו פאַרכאַפּן די געפאַר און זי פאַראויס אויסצוטייטשן. ער שרייבט צו זיינע חברים: „די יעניקע, וועלכע האָבן דעם בית המקדש צעשטערט, וועלן אים צוריק אויפבויען! דאָס וועט געשען. דורך זייערע מלחמות איז ער פון די שונאים צעשטערט געוואָרן, איצט וועלן זיי און די דינער פון זייערע שונאים אים צוריק אויפבויען, אָבער נאָר צוליב דעם, כדי די הייליקע שטאָט, דער בית המקדש און דאָס פאָלק ישראל זאָלן ווידער איבערגעגעבן ווערן (צו די שונאים)“.

צוזאַמען מיט די קריסטן האָבן די אַלטע יידישע שונאים, די שומרונים, אויך קרום געקוקט אויף דער ווידער־אויפבויאונג פון דער יידישער הויפּטשטאָט. זיי האָבן, ווי זייערע עלטער־זיידעס אַמאָל, אין דער צייט פון כרש מלך פרס, געמסרט די יידן פאַר דער צענטראַלער רעגירונג און איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די אויפגעבויטע הויפּטשטאָט מיטן בית המקדש וועט אויפמונטערן דאָס יידישע פאָלק און אים טרייבן צו נייע אויפשטאַנדן און איבערקערענישן. און די מסירות האָבן געווירקט: אין דער צייט, ווען דער רוימישער פאַרטרעטער אין פאַלעסטינע האָט צוגעזאָגט די יידן אַלע גליקן און פרייהייטן, האָט אדריאַנוס אַליין שוין אָנגעהויבן צוריקצוציען זיין אַמאָליקע הבטחה. אין אָנהויב האָט ער פונדעסטוועגן מורא געהאַט, אָפן צוריקצונעמען זיין וואָרט, און ער האָט אָנגעהויבן אָפּצוציען די אַרבעט מיט פאַרשידענע תרוצים און הינטערשפּיצלעך (ער האָט, למשל, געפּאָדערט, אַז דער בית המקדש זאָל אויפגעשטעלט ווערן נישט אויף דעם פריערדיקן פּלאַץ). ביסלעכווייז האָט ער אָבער אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע און דאָ איז קלאָר געוואָרן זיין אמתע כונה: ער האָט טאַקע באַשלאָסן, צוריק אויפצושטעלן דאָס פאַרוויסטע ירושלים, אָבער נישט ווי אַ יידישע הויפּטשטאָט, נאָר ווי אַ געצנדינערישער צענטער פאַר די מזרח־לענדער מיט אַ גרויסן יופּיטער־טעמפּל.

די קלאַנגען וועגן דער דאָזיקער שרעקלעכער ענדערונג האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרודערונג אין דער יידישער וועלט. עס האָט געהייסן, אַז דער רוימישער הערשער האָט חוזק געמאַכט פון דער יידישער אומה און זי אָפּגענאַרט, און דאָס האָט נישט געקענט פאַרבלייבן אָן אַ שאַרפן פּראָטעסט. זאָל יעדער ייד מיט זיין לעבן אָפּצאָלן דעם שונא פאַר דער גרויסער נאַציאָנאַלער באַליידיקונג — דאָס איז איצט געווען די שטימונג פון דער אויפגערעגטער יידישער יוגנט, און דער שאָטן פון דעם קומענדיקן בלוטיקן אויפשטאַנד האָט שוין געשוועבט איבער די יידישע בערג און טאָלן. די מיושבדיקע זקנים האָבן אָבער אויך נישט געשוויגן; זיי האָבן געקוקט רואיקער און ניכטערער אויף דער לאַגע און האָבן פאָרגעזען די אַלע שרעקלעכע פאָלגן, צו וועלכע עס קען פירן אַ פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן רוים. בראש פון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער באַרימטער ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער האָט נאָך ר׳ גמליאלס טויט געשפּילט די הויפּטראָל אין דער טעטיקייט פון סנהדרין, און ווען די אויפ־

געקאָכטע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך פאַרזאַמלט אינעם עמק יזרעאל, גרייט זיך אַרויפצוואַרפן, ווי צערייצטע חיות, אויף די פאַררעטערישע רוימער, איז ר׳ יהושע אַוועק אַהין און האָט זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע מיט באַרואיקנדיקע רייד. ר׳ יהושע האָט גערעדט צום פאָלק אין יענער פאַ־רעם, וועלכע איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט, צו שטילן דעם גלי פון אַן אויפ־גערייצטער מאַסע: ער האָט אין אַ שיינעם משל געשילדערט דעם ביטערן צושטאַנד פון דער יידישער לאַגע, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. „אַ לייב האָט אויפגעגעסן זיין פאַרצוקונג און אַ ביין איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז; האָט דאָס אים שטאַרק וויי געטון, און ער האָט צוגעזאָגט אַ גרויסע באַלוינונג יענעם פון די חיות, וואָס וועט אים דעם ביין פון האַלדז אַרויסציען. איז געקומען דער בושעל האָט אַריינגעשטעקט זיין לאַנגן שנאָבל ביים לייב אין האַלדז און האָט דעם ביין אַרויסגעצויגן; און ווען ער האָט געפּרואווט דערנאָך בעטן זיין באַלוינונג, האָט דער לייב זיך אָפּ־גערופן: דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט דיין קאָפּ אַרויסגעצויגן פונעם לייבס האַלדז. אַזוי זיינען מיר אויך: — האָט ר׳ יהושע געענדיקט זיין משל — מיר דאַרפן צופרידן זיין, וואָס מיר זיינען אַרויס גאַנצערהייט פון די הענט פון דער דאָזיקער אומה״.

ר׳ יהושעס מוסר האָט געווירקט אין דעם אויגנבליק און די יידישע מאַסן האָבן זיך דערווייל אָפּגעהאַלטן פון אַקטיווע אַרויסטרעטונגען. די שנאה צו דעם רוימישן הערשער האָט אָבער דאָך נישט אויפגעהערט צו גליען ביי זיי אין די הערצער. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס אַדריאַנוסן אַליין האָבן די יידן גאַרנישט געגעבן צו פילן דערווייל די ענ־דערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זייער באַציאונג צו אים. אויף זיינע ריי־זעס איבער קליין אַזיע און סיריע האָט ער באַזוכט אויך יהודה, און די באַפעלקערונג האָט אים אויפגענומען מיט אַזאַ גראַנדיעזער פייערלעכקייט, אַז דער סענאַט האָט געפונען פאַר נייטיק צו פאַראייביקן די דאָזיקע רייזע איבער יהודה דורך אַ ספּעציעלער מטבע. דאָ איז אויף איין זייט געשטאַ־נען אויסגעמאָלט דער קייסער אַנטקעגן אַ פרויען־געשטאַלט (מלכות יהודה) נעבן אַ מזבח, אויף וועלכןביידע האָבן זיך געקליבן מקריב צו זיין אַ קרבן. דערביי זיינען געשטאַנען דריי קינדער (די דריי פּאַלעסטינישע פּראָווינצן) און האָבן דערלאַנגט דעם קייסער פּאַלמען־צווייגן צום צייכן פון שלום.

באַלד האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן די אמתע באַציאונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן צו די רוימער און זייער הערשער. דער לעצטער האָט זיך אַלץ מער און מער צוזאַמענגעלעבט מיט דעם געדאַנק, צו מאַכן ירושלים פאַר אַ צענטער פון געצנדינעריי אין גאַנצן מזרח, און דאָס האָט כסדר פאַרשטאַרקט און פונאַנדערגעבלאָזן די פאַרביטערונג פון די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געזען אין אַדריאַנוסעס שריט די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין יהודה אינטענסיווע צוגרייטונגען צו דער נאָענטער מלחמה. די יידישע שמידערייען, וואָס האָבן געגאָסן כלי־זיין פאַרן רוימישן חיל, זיינען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם, אַז אין גיכן וועלן זייערע אויסאַרבעטונגען באַנוצט ווערן אין קאַמף מיט די פאַרטיידיקער פון דעם יידישן כבוד, און דאָס געווער איז פון איצט אָן באַאַרבעט געוואָרן אַזוי, אַז ס׳זאָל ניט ווערן באַשעדיקט די מערות אין די בערג פון יהודה האָבן געדינט די פאַרשוואוירענע מחנות ווי באַהעלטענישן פאַר די געזאַמלטע קריגס־מכשירים און אויך ווי גינסטיקע פאָזיציעס צו באַפאַלן דעם שונא פון הינטן. דערביי האָט דער באַרימטער ר׳ עקיבא אויך אַנטוויקלט אַן ענערגישע קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט מיט דעם צוועק, אויפצוהייבן די שטימונג פון פאָלק. דער דאָזיקער פלאַמענדיקער גייסט, וואָס איז נאָך ר׳ יהושעס טויט אָנערקענט געוואָרן פאַר דעם ראש פון סנהדרין, האָט פעסט געגלויבט אין דעם דערפאָלג פון דער איצטיקער פאַטריאָטישער באַוועגונג און איז איבערצייגט געווען, אַז דאָס איז דער לעצטער קריזיס, נאָך וועלכן עס וועלן זיך אָנהייבן די ליכטיקע צייטן פאַר דער דערשלאָגענער יהודה. ער האָט דעריבער געמאַכט איצט אַ רייזע איבער אַלע יידישע קהלות אין קליין אַזיע, בבל און פאַלעסטינע און אומעטום געוועקט, געמונטערט און גערופן צום קאַמף מיט רוים פאַר דער באַפרייאונג פון פאָטערלאַנד.

אַזוי זיינען סיסטעמאַטיש באַזאָרגט געוואָרן אַלע נויטיקע הכנות צום אויפשטאַנד. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען אַזוי פלאַנמעסיק און געשיקט, אַז אין דעם משך פון דער גאַנצער צייט האָט די רוימישע אַדמיניסטראַציע קיין זאַך נישט באַמערקט, און זי האָט זיך געכאַפּט ערשט דאַן, ווען אַלץ איז שוין גרייט געווען און דער אויפשטאַנד האָט זיך שוין פונאַנדערגעפלאַקערט. געווער, קאָמוניקאַציע־מיטלען, סאָלדאַטן — אַלץ איז געווען

גענוג און אין אַ גלענצנדיקער אָרדענונג און ווי פון זיך אַליין איז אויסגעוואַקסן אַ מעכטיקער קריגס־פירער, וועלכער האָט מיט זיין פּערזאָן נאָך מער פאַרשטאַרקט די פּאַטריאָטישע באַגייסטערונג און דעם קריגערישן מוט פון די יידישע מחנות. דאָס איז געווען אַ געוויסער בר־כוזיבא (פון דער שטאָט כוזיב), אַ מענטש מיט אַן אומגעווייגלעכן מוט, וועלכער האָט דער אָפּגעשוואַכטער רוים פון דער דעמאָלטיקער צייט פאַרשאַפט נישט ווייניקער צרות, ווי דער באַרימטער ה אַ נ י ב אַ ל אין די אַמאָליקע צייטן. פון בר כוזיבאַס אָפּשטאַמונג און יוגנט איז נישט איבערגעבליבן קיין שפּור אין דער יידישע׳ פאָלקס־לעגענדע. ווי יעדער רעוואָלוציע־העלד, איז ער אויך פּלוצלינג אויסגעוואקסן פון פאָלק און האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט א י ב ע ר אים, ווי דער איינציקער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער באַוועגונג, ווי די צענטראַלע פּערזאָן פון דעם גאַנצן מענטשנשטראָם, צו וועלכער אַלע מוזן זיך צוהערן. זיין ווירקונג איז געווען שטאַרק און באַצויבערנדיק נישט בלויז אויף די ברייטע מאַסן, נאָר אויך אויף די גרויסע געציילטע גייסטער פון דער אומה, און פון די האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט ר׳ ע ק י ב א. ווען ער האָט מיט התפּעלות אויסגערופן: „דאָס איז דער מלך המשיח!” און געלייענט אויף אים דעם פּסוק: דרך כוכב מיעקב (ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ שטערן פון יעקב); פון דאַן אָן האָט אים דאָס פאָלק אָנגעהויבן רופן ב ר כ ו כ ב א (דער זון פון די שטערן) און אונטער דעם שטאָלצן נאָמען איז זיין אָנדענקען פאַרבליבן אויך אין דער געשיכטע. — בכלל האָט ר׳ עקיבאס באַגייסטערונג אַ סך געווירקט, אויפצוהויבן פון איין זייט די שטימונג פון פאָלק בנוגע צו דעם דערפאָלג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און פון דער צווייטער זייט — צו פאַרגרעסערן ביי בר־כוכבאן אַליין די מיינונג וועגן זיך, וועגן זיין אַלמעכטיקייט. ר׳ עקיבא האָט געגלויבט, אַז נאָך דעם איצטיקן אויפשטאַנד וועלן זיך אָנהויבן די צוגעזאָגטע משיחס צייטן, און ער האָט אויסגעטייטשט אויף זיין צייט חגיס נבואה: „נאָך אַ ווײַלע, און איך וועל הימל און ערד מאַכן ציטערן, אומוואַרפן דעם טראָן פון די מלוכות און פאַרטיליקן די מאַכט פון די געצנדינער”. עס האָבן זיך, אמת, געפונען אויך מער מיושבדיקע צווישן די גייסטיקע פירער פון דער אומה, וועלכע האָבן געקוקט אויף ר׳ עקיבאס ענטוזיאַזם, ווי אויף אַ פאַלשער אילוזיע, ווי אויף אַ גייסטיקער פאַרבלענדעניש, און איינער האָט אָפילו

אפן און אַנטשלאָסן געזאָגט צו אים: „עקיבאַ! גראָז וועט אַרויסוואַקסן פון דיינע באַקן און דער בן־דוד (משיח) וועט נאָך אַלץ נישט זיין!״ ר׳ עקיבאס איינפלוס אויפן פאָלק איז אָבער פיל שטאַרקער געווען, און קוים האָט ער געקוקט אויף בר־כוכבאן, ווי אויף אַ שליח פון גאָט, וואָס האָט אויסצופילן אַ גרויסע שליחות און דערנענטערן די נאַציאָנאַלע גאולה, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אויך באַצויגן צו אים מער, ווי צו אַ געוויינלעכן וועלטלעכן פירער. די גאַנצע באַוועגונג האָט באַקומען אַ געוויסע רעליגיעזע שאַטירונג און פון אַלע לענדער זיינען גרויסע מחנות יידישע קעמפער געקומען צו דעם פאַרערטן מלך המשיח און זיך אַוועקגעשטעלט אונטער זיין פאָן. צו די לעצטע זיינען צוגעשטאַנען מאַסן פון די שכנישע געצנדינער, וועלכע האָבן אויך געקרעכצט אונטער דעם שווערן רוימישן יאָך און זיך געוואָלט פון אים באַפרייען, און עס האָט אויסגעזען, אַז דער מעכטיקער בנין פון דער רוימישער אימפעריע וועט דאָ באַקומען אַ געוואַלטיקן קלאַפּ, אַז די מיט צרות צוזאַמענגעהאַלטענע גלידער פון דעם ריזיקן אָרגאַניזם וועלן ביסלעכווייז צעפאַלן. מיר האָבן נישט קיין גענויע ידיעות וועגן דערווירקלעכער צאָל פון די קעמפער, וואָס בר־כוכבא האָט געהאַט אין זיין מאַכט; אויף וויפל אָבער ס׳איז צו אורטיילן לויט דער מוטיקער און פריילעכער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען, קען מען אָננעמען פאַר נישט איבערגעטריבן די צאָל פון פיר הונדערט טויזנט, ווי זי איז אָנגעגעבן אין אַ יידישן מקור, אָדער אפילו פינף הונדערט אַכציק טויזנט מאַן, — ווי עס גיט אָן דער גריכישער היסטאָריקער דיאָ קאַסיוס. מיט אַזאַ אַרמיי אין די הענט האָט זיך בר־כוכבא געפילט גאַנץ מונטער, און לויט אַ געוויסער לעגענדע זאָל ער אַפילו האָבן אויסגערופן: „גאָט! העלף נאָר דו אונדזערע שונאים; מיר וועלן זיך שוין אַליין העלפן!״ די זעלביקע לעגענדע דערציילט, אַז בר־כוכבא האָט איינגעפירט אַ געוויסן עקזאַמען פון העלדנמוט פאַר די, וואָס האָבן געוואָלט אַריינטרעטן אין זיין חיל: יעדער סאָלדאַט האָט זיך געמוזט אַליין אָפּהאַקן איין פינגער. קעגן דער איינפירונג זיינען אָבער שאַרף אַרויסגעטרעטן די געזעצלערער אינעם נאָמען פון דער תורה, וואָס פאַרבאָט אַזעלכע מעשים. דעמאָלט האָט בר־כוכבא אויסגעפונען אַן אַנדער מיטל, אויסצופרואוון די גבורה פון זיינע סאָלדאַטן: ער האָט געהייסן יעדערן אויסרייסן מיטן וואָרצל אַ צעדערבוים פון וואַלד לבנון.

קעגן דער דאָזיקער ריזיקער קראַפט איז דער רוימישער שטאַט־האַלטער אין יהודה גאָרנישט בכח געווען אויפצוטאָן. ער האָט אַפילו געפּרוּאווט עטלעכע מאָל אַנטקעגנשטעלן זיך די יידישע מחנות און דער־שטיקן דעם אויפשטאַנד מיט אַכזריותדיקע מיטלען. געענדיקט האָבן זיך אָבער די אַלע צוזאַמענשטויסן מיט דעם נצחון פון די יידישע פּאַטריאָטן, די צאָל פון וועלכע ס'איז כסדר געוואַקסן. ר ו פ ו ס אַזוי האָט גע־הייסן דער רוימישער שטאַטהאַלטער אין יהודה פון יענער צייט; (אין דער תלמודישער לעגענדע איז ער באַקאַנט אונטערן נאָמען ט ו ר נ ו ס־ר ו פ ו ס) איז געלאָפן מיט זיין גאַרניזאָן פון איין פעסטונג אין דער אַנדערער און אין דעם משך פון איין יאָר (פון 132 ביז 133) זיינען ביז פופציק באַפעסטיקטע פלעצער און איבער ניין הונדערט אָפענע שטעט און דערפער אין יהודה, גליל און שומרון איבערגעגאַנגען צו די רעוואָ־לוציאָנערן אין די הענט. אין דער ריי פון די דאָזיקע שטעט איז, ווי עס שיינט, געווען אויך ירושלים אַליין, און צו יענער צייט דאַרף מען צו־שרייבן די בראָנדזענע און קופּערנע משבעות מיט די אויפשריפטן: „שמעון" (בר־כוכבא) און איין זייט, און „לחרות ירושלים" (צו דער באַפרייאונג פון ירושלים) — אויף דער צווייטער.

ענדלעך האָבן זיך אין רוים דערטראָגן ידיעות וועגן דעם אויפ־שטאַנד אין יהודה און וועגן די שרעקלעכע מפלות פון דעם דאָרטיקן רוי־מישן שטאַטהאַלטער. דאָס האָט געמאַכט אויף אַדריאַנוסן אַ שווערן איינ־דרוק און ער האָט גלייך אַרויסגעשיקט קיין פּאַלעסטינע אַ גרויסע מחנה מיט סאָלדאַטן. די דאָזיקע מחנה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די לעגיאָנערן, וואָס האָבן זיך ביז אַהער געפונען אין פעניציע, עגיפּטן, אַראַביע, מעזיע און מויריטאַניע. די שיפן פון סיריע און פעניציע האָבן אָט די לעגיאָנען אַראָפּגעזעצט אויף די ברעגן פון פּאַלעסטינע און צוזאַ־מען מיט דער נייער אַרמיי זיינען אויך אָנגעקומען די באַרימטע רוימישע קריגס־פירער פּ ו ב ל י ו ס מ אַ ר צ ע ל ו ס, דער שטאַטהאַלטער פון סיריע, און ל אָ ל י ו ס א ו ר ב י צ י ו ס, דער פריערדיקער שטאַטהאַלטער פון נידער־דייטשלאַנד. דיביידע העלדן האָבן אָבער דעם רוימישן חיל נישט געבראַכט קיין ישועה; זיי האָבן אויך נישט געקענטביישטיין קעגן דעם אָנגריף פון די יידישע מחנות, און ביי די איצטיקע צוזאַמענשטויסן איז אויך דער נצחון געבליבן אויף דער יידישער זייט.

איבער די רוימישע געפאַנגענע זיינען די פּאַטריאָטן דאָס מאָל נישט באַגאַנגען קיין אַכזריותדיקע מעשים; דאַקעגן האָט אָבער בר־כוכבא זיך זייער פיינטלעך פאַרהאַלטן צו די יידן־קריסטן, וואָס האָבן געלעבט אין יהודה. זיי זיינען צו יענער צייט נאָך מער פאַרהאַסט געווען פון די רוי־מער גופא — אַלע האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף שפּיאָנען. אין דעם באַנייטן מלוכה־וועזן, ווען אַ סך יידישע געזעצן זיינען צוריק אַריין אין זייער קראַפט, האָבן די ריכטער אַרויסגעגעבן שטרענגע שטראָפן קעגן די דאָזיקע כלומרשטע יידן, וואָס האָבן זיך מיט אַ פאַרביטערטער עקשנות אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער גרויסער מלחמה פאַר דאָס זיין אָדער נישט־זיין פון דער יידישער אומה, און נאָך געשטיצט אָפט די רוי־מער, — כאָטש ס׳ווערט דערביי אין ערגעץ נישט דערמאָנט קיין טויט־שטראָף, ווי עס גיבן אָן פאַר אַ פאַקט די שפּעטערדיקע קריסטלעכע מקורות 1).

אַזוי האָט זיך די מלחמה געצויגן גאַנצע צוויי יאָר (132—134), און די רוימער האָבן פאַר זיך נישט געפונען קיין אויסוועג. די נייע צו־געשיקטע מחנות זיינען איינע נאָך דער אַנדערער געוואָרן צעקלאַפּט, און מיט יעדן נצחון פון דער יידישער מחנה איז אַלץ גרעסער געוואָרן די געפאַר, עס זאָלן זיך נישט אָנשליסן אין איר די לענדער פונעם גאַנצן מזרח. דאָס האָט געצוואונגען אַדריאַנוסן ער זאָל זיך אָנהויבן באַציען צו דעם אויפשטאַנד פיל ערנסטער, ווי ער האָט זיך באַצויגן צו אים ביז אַהער. ער האָט אָפּגערופן פון דער ווייטער בריטאַניע דעם באַרימטן יול־יוס סעווערוס און האָט אים אָוועקגעשיקט קיין יהודה. דער דאָזיקער העל־דישער קריגספירער, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט אונטערדריקט דעם פּאַטריאָטישן אויפשטאַנד פון די פרייהייט־ליבנדיקע ענגלענדער, איז אָנערקענט געוואָרן פון אַדריאַנוסן פאַר דעם איינציקן, וואָס איז אימ־שטאַנד זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם יידישן פייערדיקן פּאַטריאָטיזם.

---

1) כדי נאָך מער אָפּצוזונדערן די יידישע מאַסן פון די יידן־קריסטן האָט דאָס סנהדרין פון יענער צייט איינגעפירט אַ באַדייטנדיקע תקנה: אַזוי ווי די קריסטן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן אין זייערע תפילות מיט דעם זעלביקן טיטל פאַר קריסטוסן, מיט וועלכן די יידן האָבן גערופן נאָר גאָט אַליין (האַר, אדוני), — האָט דאָס סנהדרין פאַראָרדנט, אַז די יידן זאָלן אין זייערע תפילות און באַגריסונגען זיך נישט באַנוצן מיט דעם פולן נאָמען אדוני, נאָר מיט דער פיר־זילביקער באַצייכענונג (יהוה).

ביי זיין אָנקומען אויפן קריגס־פּלאַץ האָט סעווערוס געפונען פאַר זיך פון דער יידישער זייט אַן אויפגעמונטערטע און גוט אוועקגעשטעלטע ארמיי, אונטער דער אָנפירונג פון א גלענצנדיקן קריגס־העלד. ער האָט דעריבער נישט געפּועלט ביי זיך, אַרויסצוטרעטן אין אַן אָפענער מלחמה מיט דעם צענטער פון דער יידישער מחנה, און האָט זיך באגרענעצט מיט קלענערע אָנפאַלן אויף די פונאַנדערגעוואָרפענע יידישע מיליטער־אָפּטיילונגען. ווי וועספּאַסיאַן, האָט אויך סעווערוס באַזונדער אויסגערעכנט אויף דעם מאַנגל אין לעבנס־מיטל, וואָס וועט זיך סוף כל סוף דאָך מוזן אָנהויבן צו פילן איז דעם קליינעם איינגעשלאָסענעם לאַנד, וואו אַלע בירגער האָבן פאַרלאָזן זייערע פעלדער און אַקעראייזנס און זיך גענומען פאַרן שווערד און שפּיז. זיין ערשטע טעטיקייט איז דערפאַר באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס ער האָט געזען אָפּצושניידן אַלע וועגן פון לאַנד און צו פאַרטיליקן די קליינע יידישע מיליטערישע מחנות. אַזאַ טאַקטיק פאָדערט אַ סך צייט, זי פירט אָבער זיכערער צום ציל, און סעווערוס האָט געהאַט גענוג געדולד, זיך צו האַלטן ביי דער טאַקטיק ביזן לעצטן אויסגאַנג פון דעם שרעקלעכן קריג. די מלחמה האָט זיך געצויגן יאָרנלאַנג; די רוימער זיינען אָבער וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און פעסטער געוואָרן און האָבן ענדלעך אָנגעהויבן אָפּצונעמען ביי די יידן צוריק די איינגענומענע פּאָזיציעס. ביי די צוזאַמענשטויסן האָבן זיך אָן אַ שום צווייפל אָפּגעשפּילט וואונדערבאַרע סצענעס פון העלדנמוט און אויפגעפלאַמטן פּאַטריאָטיזם; עס זיינען אָבער, ליידער, קיין שום ידיעות נישט דערגאַנגען צו אונדז מיט פּרטים וועגן דעם דאָזיקן קאַמף אויף לעבן און טויט פון דער יידישער אומה. די העלדישע מעשים פון בר גיורא און יוחנן פון גוש־חלב זיינען פאַראייביקט געוואָרן — אפשר קעגן זייער אייגענעם ווילן — אין די היסטאָרישע ווערק פון זייער גרעסטן שונא, און דאַקעגן האָבן די לעצטע קריגס־גבורות פון די יידישע העלדן, די לעצטע שטורם־אויסברוכן פון דער יידישער לעבעדיקער קראַפט, — נישט געפונען פאַר זיך קיין גריפעל, וואָס זאָל זיי אויפצייכענען אויף היסטאָרישע טאָוולען פאַר די קומענדיקע דורות. און נישט בלויז די יידישע, אַפילו די ר ו י מ י ש ע  שילדערונגען פון דעם קריג, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פון דעם רעדנער  אַ נ ט אָ נ י ו ס   י ו ל י אַ נ ו ס — זיינען אויך פאַרלוירן געגאַנגען. דערגאַנגען צו אונדז פון יענער מערקווירדיקער

עפּאָפּעע זיינען נאָר עטלעכע תלמודישע לעגענדעס, וואָס שילדערן די יידישע העלדישקייט, די יידישע טויטמוטיקע באַגייסטערונג. די פּופּציק באַפּעסטיקטע פּלעצער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די יידישע הענט, זיינען אַלע צוריק איבערגעגאַנגען צו די רוימער, און די לעצטע פעסטונג, אַן וועלכער ס'האָבן זיך אָנגעקלאַמערט די איבערגעבליבענע יידישע קעמ־פער, איז געווען ב י ת ר, אַ יונגע שטאָט נישט ווייט פון ים, צו דרום זייט פון קסריה. דאָ האָבן זיך אַרום בר כוכבאַן צוזאמענגענומען אַלע אַנטלאָפענע און געראַטעוועטע פון גאַנצן לאַנד, און די באַלאַגערונג פון דער פעסטונג איז סעווערוסן נישט אָנגעקומען לייכטער, ווי וועספּאַ־סיאַנוסן ירושלים ביי דעם פריערדיקן אויפשטאַנד. די אונטערערדישע היילן און וועגן האָבן אַ לאַנגע צייט פאַרזאָרגט די באַפעלקערונג מיט נאַרונגס־מיטל און אַ טייכל וואָס זאָל זיך האָבן געפונען אין שטאָט, האָט זיי געשיצט פון וואַסער־מאַנגל. ענדלעך איז אָבער אויך אָט דער לעצטער ווינקל פון לאַנד געפאַלן. וועגן די סיבות פון דעם רוימישן נצחון זיינען פאַראַן אין דער לעגענדע עטלעכע נוסחאות. לויט איין נוסח האָבן צוויי שומרונים איבערגעגעבן די רוימער דעם פּלאַן פון די אונטערערדישע וועגן; לויט אַ צווייטן — האָבן די רוימער איינגענומען דאָס טייכל און עס האָט אויסגעפּעלט וואַסער, און לויט אַ דריטן — איז די דעראָבערונג פון ביתר אין אַלגעמיין געווען אַ רעזולטאַט פון פאַררעטערישן שפּיאָ־נאַזש. עס האָט זיך דערציילט אין פאָלק, אַז אַ געוויסער באַרימטער צדיק, מיטן נאָמען ר' אליעזר פון מודיעין, האָט זיך אָנגעקליידט אין אַ זאַק מיט אַש און געפאַסט און גאָט געבעטן, ער זאָל זיך מרחם זיין איבער דער אומגליקלעכער שטאָט און נישט איבערגעבן זי דעם שונא אין די הענט. האָבן די תפילות געווירקט און דער רוימישער שר, מיד פון דעם האַרט־נעקיקן פאַרביטערטן קאַמף, האָט שוין געוואָלט אינגאַנצן אויפגעבן די באַלאַגערונג. דאַן איז צו אים געקומען אַ שומרוני און געזאָגט: דו וועסט איינעמען די שטאָט, ווען דו וועסט געפינען אַ מיטל אַרויפצוואַרפן אַ חשד פון פאַרראַט אויף איר הייליקן שוצגייסט, אויף דעם אַלטן ר' אלי־עזרן; „דען אַזוי לאַנג — האָט ער צוגעגעבן — ווי די דאָזיקע הון וואַל־גערט זיך אין אַש, וועט ביתר נישט ווערן איינגענומען". און דער זעל־ביקער שומרוני האָט זיך אַליין גלייך גענומען דורכצופירן דעם טייוולאַ־נישן פּלאַן. ער האָט זיך דורך אַ אונטערערדישן גאַנג אַריינגעגנבעט אין

שטאָט און ווען ער איז צוגעקומען צו דעם הייליקן ר׳ אליעזר, האָט ער אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. פאַרזונקען אין זיינע תפילות האָט זיך דער הייליקער זקן גאָרנישט צוגעהערט צו דעם שפּיאָנס רייד און אים גאָרנישט באַמערקט. די אַרומיקע אָבער, וואָס האָבן צוגעזען די סצע־נע, האָבן דאָס דערטראָגן צו בר־כוכבאן, און ער האָט געלאָזן ברענגען צו זיך דעם שומרוני, וועלכער האָט דאָ פאַרענדיקט זיין אָנגעהויבענע אַרבעט. אויף בר־כוכבאס פראַגע: וואָס ער האָט גערעדט מיט ר׳ אלי־עזרן? האָט דער שומרוני געענטפערט: „וועל איך דיר זאָגן דעם אמת, וועט מיך מ יי ן האַר טויטן, וועל איך דיר דעם אמת נישט זאָגן — וועסט ד ו מיך טויטן; וויל איך שוין בעסער דורך מיין האַנט פאַלן, איי־דער פאַרראַטן די סודות פון מיין האַר". פון דער תשובה האָט בר־כוכ־בא געדרונגען, אַז ס׳עקזיסטירט עפּעס אַ פאַררעטערישער אָפּמאַך צווישן ר׳ אליעזרן מיטן אויסנווייניקסטן שונא, און ער האָט ר׳ אליעזרן, וועל־כער איז געווען זיינער אַ נאָענטער קרוב, אויך גערופן צו זיך און געפאָ־דערט פון אים אַ דערקלערונג וועגן זיינע אונטערהאַנדלונגען מיטן שונאס שליח. ר׳ אליעזר האָט אויף דעם געענטפערט, אַז ער ווייס גאָרנישט פון וואָס צו זאָגן, און דאָס האָט דעם צערייצטן קריגס־פירער אַריינגעבראַכט אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט דעם קוים־לעבעדיקן גרויסן זקן אַ שטויס געטון מיטן פוס, און יענער איז אַנידערגעפאַלן — טויט. באַלד דערויף האָט זיך געהערט אַ בת־קול פון הימל: „דו האָסט דעם אָרעם פון ישראל געליימט און זיין אויג געבלענדט, דערפאַר וועט דיין אָרעם געליימט און דיין אויגן ווערן געבלענדט; און אין דעם זעלביקן טאָג איז ביתר געפאַלן און בר־כוכבא געוואָרן געטויט. די דאָזיקע לעגענדע איז אויך דער איינ־ציקער קוואַל וואו עס רעדט זיך וועגן דעם סוף פון דעם געוואַלטיקן יידי־שן העלד. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז איין רוימישער סאָלדאַט האָט געבראַכט בר־כוכבאָס קאָפּ און זיך באַרימט, אַז ער האָט דעם העלד גע־טויט; דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַ ליגן, ווייל מען האָט דערנאָך געפונען בר־כוכבאָס קערפּער אַרומגעוויקלט פון אַ שלאַנג, און סעווערוס האָט זיך אויסגעדריקט: „ווען אַ גאָט וואָלט דעם מענטשן נישט געטויט — וואָלט קיין מענטשנקראַפט אים קיינמאָל נישט בייגעקומען".

די רוימישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די איינגע־נומענע שטאָט, האָבן זיך גענומען פאַר זייער געוויינלעכער אַרבעט: די

שחיטה צווישן דער שטאָט־שער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז די פערד זיינען ביז די נעזער געגאַנגען אין בלוט, און דער שטראָם פון דעם דאָזיקן בלוט האָט זיך, ווי א טייך, געצויגן ביז צום ים, וואָס איז געווען אַ מייל ווייט פון שטאָט, און האָט מיטגעצויגן מיט זיך שווע־רע פעלדזנשטיינער. דריי הונדערט יונגע קעפלעך פון יידישע קינדער האָט מען געפונען צעשמעטערט אין אַ שטיין, און פון דער גאַנצער יוגנט אין ביתר זאָל זיך האָבן געראַטעוועט, נאָר דער איינציקער זון פונעם פאַ־טריאַרך. די פאַרטיליקונג האָט אַרומגענומען די גאַנצע מענלעכע באַפעל־קערונג, און ווען די פרויען פון די אויסגעהרגעטע האָבן געוואָלט באַשטע־טיקן פאַר די בית דינס דעם פאַקט פונעם טויט פון זייערע מענער — האָבן זיי נישט געפונען קיין לעבעדיקע עדות. די אַלגעמיינע צאָל פון די געפאַנגענע און געפאַלענע אין דעם איצטיקן בר־כוכבאשן קריג דער־גרייכט אין דער יידישער מסורה אַן אומגעהויערע ציפער, און דאָך ווערט זי באַשטעטיקט אויך פון אַ רוימישן קוואַל. דער גוט־אינפאָרמירטער גריכישער היסטאָריקער דיאָ קאַסיוס דערציילט, אַז אויסער די אומגעקו־מענע פון הונגער און פייער, זיינען אויפן שלאַכטפעלד אַליין געפאַלן ביז פינף הונדערט טויזנט מאַן. דער דאָזיקער מענטשן־חורבן דאַרף אָבער צוגעשריבן ווערן נישט נאָר די יידישע מחנות אַליין — אויך די רייען פונעם רוימישן חיל זיינען אויסגעראָטן און פאַרטיליקט געוואָרן. אַ גרוי־סער טייל פון די רוימישע לעגיאָנען האָט זיין לעבן איבערגעלאָזט אין די יהודהשע בערגער און טאָלן, און ווען אַדריאַנוס האָט זיך געווענ־דעט צום סענאַט מיט דער ידיעה וועגן סעווערוסעס נצחון, האָט ער נישט געוואָגט, אָנצוהייבן די דערקלערונג מיט דעם געוויינלעכן נוסח: „איך און די אַרמיי געפינען זיך אין אַ גוטן צושטאַנד", ווייל צופיל טוי־זנטער לעבנס פון דער דאָזיקער אַרמיי האָט דער דאָזיקער נצחון גע־קאָסט. איבער דעם טעם האָט דער סענאַט אויך נישט באַשטימט קיין טריאומף־צוג פאַרן קייסער, ווי דער מנהג איז געווען, און נאָר סע־ווערוס אַליין האָט באַקומען דעם ערן־צייכן פון אַ טריאומפאַטאָר.

מיטן אונטערגאַנג פון דער שטאָט ביתר (135) איז נאָך די מלחמה אין גאַנצן נישט געווען געענדיקט. עס זיינען נאָך געבליבן פאַנאַנדער־געוואָרפן איבערן לאַנד אַ ריי קלענערע אָפּטיילונגען פון דער יידישער מחנה, וואָס פלעגן זיך באַהאַלטן אין די מערות און וועלדער און אַנ־

פאַלן פון הינטן אויף די רוימער. כדי צו פאַרלעשן די דאַזיקע לעצטע האַלאָוועשקעס פונעם גרויסן פייער, האָט סעווערוס צעשטעלט מערערע וואַך־פּאָסטנס אין פאַרשידענע פונקטן פון לאַנד אַזוי, אַז די, וואָס זיינען נצול געוואָרן פון איין וואַך, האָבן געמוזט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אַנדערער. אַזוי זיינען ביסלעכווייז אַלע סאָלדאַטן אויסגעהרגעט, אַלע אויפגעשטאַנענע שטעט און דערפער פאַרברענט און דאָס גאַנצע לאַנד חרוב ומוחרב געוואָרן. די געפאַנגענע, וועלכע זיינען באַשטאַנען ס׳רוב פון ניט דערוואַקסענע קינדער און פרויען, האָט מען טויזנטערווייז צונויפגע־שלעפּט אויף די שקלאַפן־מערק אין חברון און עזה, און צוליב דעם, וואָס די אַנגעבאָטענע סחורה איז געווען אַזוי פיל, זיינען די געפאַנגענע אַוועק־געגעבן געוואָרן פאַרן קלענסטן פּרייז דעם ערשטן און בעסטן. די איבער־געבליבענע פון דער אומגעהייערער שקלאַפן־מחנה זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין עגיפּטן, און דאָ זיינען מאַסן פון זיי אומגעקומען אין וועג פון הונגער און פון ים־שטורעם. עס זיינען נאָך אָבער אַלץ געבליבן אַנט־לאָפענע, וואָס זיינען געלעגן באַהאַלטן אין אָפּגעלעגענע מערות, כדי צו איבערוואַרטן די שרעקלעכע יאַגד פון די רוימישע סאָלדאַטן. אַזוי ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין שפּייז־מיטלען, האָבן זיך אָט די אומגליקלעכע געשפּייזט מיט דעם פלייש פון די מתים, וואָס זיינען אין אַנהויב הויפנס־ווייז געלעגן אַנגעוואָרפן אויף די פעלדער. אַזוי ווי די יאַגד פון די רוימער האָט זיך אַזוי גיך נישט געענדיקט, און די באַהאַלטענע האָבן געמוזט לעבן אין זייערע היילן אַ לאַנגע צייט, האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו דעם שרעקלעכן געשמאַק פון מענטשנפלייש, און יעדן טאָג האָט אַן אַנדערער פון די הייל־איינוואוינער געמוזט אַרויסגיין און אויפזוכן דעם קערפּער פון אַ געפאַלענעם. האָט זיך געמאַכט איין מאָל, — דערציילט די לעגענדע — אַז איינער פון די אומגליקלעכע האָט געגומען פון דער ערד אַ טויטן קער־פּער און האָט דערקענט אין אים זיין פאָטער. איז ער אַוועק צוריק אין דער מערה און געזאָגט צו די חברים, אַז ער האָט גאָרנישט געפונען; האָבן זיי אַרויסגעשיקט אַ צווייטן שליח און דער האָט יאָ געבראַכט אַ קערפּער, וואָס מ׳האָט גלייך אויפגעגעסן. דערנאָך האָט זיך אָבער דער זון דער־וואוסט, אַז דאָס איז געווען דער זעלביקער קערפּער, וועלכן ער האָט איי־בערגעלאָזן, האָט ער זיך פונאַנדערגעווייגט און געשריען: „ווי צו די קינדער, וואָס שטילן זייער הונגער מיטן פלייש פון זייער פאָטער״, און

שפּעטער האָט מען געלייענט אויף זיי די נבואה פון יחזקאל: לכן אבות יאכלו בנים בתוכך ובנים יאכלו אבותם (דערום וועלן עלטערן עסן זייערע קינדער ביי דיר און קינדער — זייערע עלטערן). די רוימער האָבן אָבער די אומגליקלעכע דאָס דאָזיקע עלנטע לעבן אויך נישט פאַרגונען. מ׳האָט זיי דורכאויס געוואָלט אַרויסקריגן פון זייערע באַהעלטעניש, און שלוחים האָבן אויסגערופן אין גאַנצן לאַנד, אַז יענע, וועלכע וועלן זיך פרייוויליק אונטערגעבן, וועט מען שענקען דאָס לעבן. מיט אַזעלכע מיטלען איז די רוימער געלונגען, צונויפצוזאַמלען טויזנטער פון די דאָזיקע באַהאַלטענע אין דעם טאָל רמון (בקעת רמון), פון וואַנען ס׳איז אַרויס דער ערשטער סיגנאַל צום קאַמף. דאָ האָט דער רוימישער אַריסטאָקראַט זיך אויסגע־לאַכט פון די לייכטגלויביקע, און געזאָגט: „איידער איך וועל האָבן אויפ־געגעסן דעם קוכן מיט דעם שטיקל הון, וועל איך זוכן איינעם פון זיי און אים נישט געפינען", — און די אַרומיקע סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע שווערדן און שפּיזן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דער גרויסער זיגער זאָל נישט בלייבן קיין ליגנער. גליקלעך זיינען געווען נאָר יענע, וועלכע האָבן באַוויזן אַריבערצוגיין די גרענעצן פון בבל און אַראַביע — אַהין האָט די רוימישע אכזריות נישט געקענט דערגרייכן. אין די לענדער פון דער רוי־מישער אימפּעריע אויסער יהודה האָבן די יידן אויך געפילט אויף זיך אַדריאַנוסעס גרימצאָרן: ער האָט איינגעפירט פאַר זיי אַ באַזונדער לייב־אָפּצאָל, וועלכער איז נאָך פיל דריקנדיקער געווען פון דעם יידנשטייער, וואָס וועספּאַסיאַן האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער שטורמישער אויסברוך פון דעם יידישן פרייהייטס־פלאַם, וואָס האָט אין משך פון דעם לעצטן יאָרהונדערט איינ־געשלונגען אַ גרויסן טייל פון גאַנצן פאָלק. די יידישע אומה האָט ווידער באַקומען אַזאַ קלאַפּ, וואָס וואָלט געגנוג געווען צו פאַרטיליקן דעם שטאַרקסטן פאָלקס־אָרגאַניזם. די יידישע אומה איז אָבער נישט געוואָרן פאַרטיליקט. עס האָבן זיך נאָר טיפער און געדיכטער אָנגערוקט די שוואַר־צע וואָלקנס אויף דעם יידישן הימל; יידן האָבן פון איין זייט טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און פון דער צווייטער זייט — העכער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל; אין דער יידישער גאַס האָט מען אויפ־געהערט צו לאַכן, און „פון דעם לעצטן אויפשטאַנד (פולמוס) האָט מען

גוזר געווען, אַז די כלה זאָל נישט געטראָגן ווערן אין איר חופה־שטול דורכן שטאָט".

און אָט דער פאַקט, וואָס זיינע לעגיאָנען זיינען אומשטאַנד געווען צו פאַרניכטן דאָס יידישע לאַנד, אָבער נישט די יידישע אומה, — האָט אַדריאַנוסן נישט געלאָזן רוען. הויפּנס פון צענדליקער טויזנטער אומגע־קומענע יידן האָבן באַדעקט די מיט בלוט דורכגעווייקטע פעלדער פון זייער פאַרוויסטן פאָטערלאַנד. דאָס האָט אָבער נאָך נישט געשטילט דעם נקמה־דאָרשט פונעם רוימישן הערשער. ער האָט געוואָלט פאַרניכטן דורכ־אויס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אומברענגען די גאַנצע אומה, און ער האָט זיך גענומען דורכפירן די דאָזיקע אויפגאַבע מיט אַן אומגעוויינלע־כער פאַרביסנקייט און אכזריות.

אַדריאַנוסעס ערשטער שריט אויף דעם וועג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דער פריערדיקן טיניוס־רופוס צוריק באַשטימט פאַר אַ פּראָקוראַ־טאָר איבער יהודה. די כונה פון דער באַשטימונג איז געווען בולט און אָפן: רופוס האָט גוט געקענט דאָס יידישע לעבן און איז דער איינציקער אומשטאַנד געווען, דורכצופירן די נייע גזירות, וועלכע האָבן געהאַט דעם צוועק, איבערצורייסן די אַלע גייסטיקע און רעליגיעזע פעדים, וואָס האָבן צונויפגעבונדן די איבערגעבליבענע גלידער פון פאָלק און געמאַכט פון זיי איין גאַנצן אָרגאַניזם. כדי אַרויסצורייסן דעם לעבנס־נערוו פון דער יידי־שער אומה: די איבערגעבליבענע חורבות פון ירושלים מיטן בית המקדש, האָט רופוס זיך קודם כל גענומען, צו פאַרניכטן די דאָזיקע שפּורן. ער האָט געהייסן אָפּרייניקן דעם בית־המקדש־באַרג פון דעם הויפן שטיינער און באַלקנס, וואָס זיינען דאָ געלעגן אָנגעוואָרפן נאָך פון טיטוסעס צייטן אָן, און געלאָזן דורכאַקערן דעם גאַנצן שטח פון דער ערד, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דער בית־המקדש. די שטאָט אַליין, דאַקעגן, האָט אַדריאַ־נוס געלאָזט פון דאָס ניי אויפבויען, און איצט האָט אים שוין קיינער נישט געשטערט, צו מאַכן ירושלים פאַר אַ געצנדינערישן צענטער. ער האָט באַ־זעצט די שטאָט מיט אויסגעדינטע רוימישע סאָלדאַטן, גריכן, סיריער, פעניציער און בכלל מענטשן פון די פאַרשידנסטע נאַציאָנאַליטעטן — אויסער דער יידישער. די נייע שטאָט האָט באַקומען דעם נאָמען עליאַ קאַפּיטאָלינאַ (לכבוד דעם קייסער עליאָס אַדריאַנוס און דעם גאָט יופּיטער פון קאַפּיטאָליום) און איז געבויט געוואָרן לויט דעם גריכישן סטיל, מיט

צוויי מאַרק־פּלעצער, אַ פֿאָלקס־טעאַטער און אַנדערע עפֿנטלעכע געביי־דעס. אויפֿן אָרט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען, איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסאַרטיקער יופּיטער־טעמפּל און דאָ האָט זיך אויך געפֿונען אַדריאַנוסעס סטאַטוע. ווי ס׳גיט איבער אַ קריסטלעכע מסורה, איז אויף דעם אָרט, וואו ס׳האָט זיך געפֿונען קריסטוסעס קבר, אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ טעמפּל פֿאַר דער געטין ווענעראַ, און אַזוי האָבן זיך דאָ געפֿונען סטאַטועז און בילד־זיילן פֿון נאָך אַנדערע גריכישע און פֿעניצישע געטער. אויף דעם וועג, וואָס האָט געפֿירט צו בית לחם, איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ זייל מיטן אַ חזיר־קאָפּ, וואָס האָט די יידן באַזונדער שטאַרק געקרענקט. געשוינט זיינען נישט געבליבן אויך די שומרונים; אויף דעם באַרג גריזים, וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען זייער הייליקער טעמפּל, האָט אַדריאַנוס אויך געלאָזט אויפֿשטעלן אַ יופּיטער־טעמפּל.

דערביי אַליין האָט זיך אָבער אַדריאַנוסעס פֿאַרניכטונגס־פּאָליטיק נאָך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך גענומען פֿאַר אַ מוסטער דעם אַמאָליקן סירישן דעספּאָט אַנטיוכס עפּיפֿאַנוס, און ווי יענער האָט ער אויך אָנגעהויבן אָנצואווענדן די אכזריותדיקסטע, שרעקלעכסטע צוואַנגס־מיטלען, כדי אָפּצורייסן די יידן פֿון זייער אמונה, פֿון זייערע לעבנס־מנהגים. די האַרטסטע שטראָפֿן זיינען באַשטימט געוואָרן פֿאַרן אָפּהיטן די דריי הויפּט־יסודות פֿון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן: מילה, שבת און לערנען די תורה. נישט אומבאַשטראָפֿט זיינען אָבער געבליבן אויך די ווייניקער באַדייטנדיקע געבאָטן פֿון דער יידישער תורה און אַפֿילו יענע מנהגים, וואָס האָבן געהאַט בלויז אַ געזעלשאַפֿטלעכן, און נישט קיין רעליגיעזן יסוד. כדי זיך צו באַוואָרענען פֿון געהיימע פֿאַרברעכנס קעגן די דאָזיקע באַפֿעלן, האָט רופֿוס אָרגאַניזירט אַ גאַנצן שטאַב פֿון שפּיאָנען און מוסרים וואָס האָבן נאָכגעשפּירט די טריט פֿון יעדן יידן און פֿאַרן היטן דעם מינדסטן יידישע מנהג — גלייך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער אכזריותדיקער באַשטראָפֿונגס־מאַכט. אַזוי האָבן זיך אין דער יידישער געשיכטע ווידער איבערגעחזרט די מוראדיקע פּלאָגן און צרות פֿון עפּי־פֿאַנעסעס צייטן, און דער אונטערשיד צווישן די ביידע דעספּאָטן איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס אַדריאַנוס האָט קיין פּאָזיטיווע געצנדינערישע מעשים נישט געפֿאָדערט פֿון זיינע יידישע קרבנות. נישט קענען אָפּהיטן די יידישע געבאָטן איז אָבער פֿאַר יידן אויך געווען גענוג שרעקלעך, און

דער גאַנצער פעריאָד פונעם חורבן ביתר ביז אַדריאַנוסעס טויט ווערט אין דער יידישער פאָלקס־מסורה באַצייכנט ווי די צייט פון גזירות, רדיפות און שמד.

שרעקלעכער נאָך פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ס׳איז בטל געוואָרן דער גרויסער גייסטיקער צענטער אין יבנה, און די ברייטערע מאַסן פון פאָלק האָבן נישט געוואוסט, ווי זיך נוהג צו זיין: צי זאָלן זיי זיך שטרענג האַלטן ביי דעם געבאָט פון דער תורה און דערפאַר זייער לעבן מקריב זיין, אָדער זיי זאָלן מציל זיין דאָס לעבן און זיך אונטערגעבן צייטווייליק דער טרויעריקער נויטווענדיקייט. כדי צו באַשטימען די לאַגע, זייגען זיך צונויפגעקומען די איבערגעבליבענע געזעץ־לערער אויף אַ געהיימער באַראַטונג אין לוד; דאָ האָבן זיך אין אָנהויב צעטיילט די מיינונגען. אַנדערע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז יעדער ייד איז מחויב זיך מוסר נפש צו זיין, זיין לעבן אַוועקצוגעבן פאַר יעדן געבאָט פון דער תורה, אָן אַ שום אונטערשיד, צי די זאַך, וואָס מען צווינגט אים צו טון, איז אַ האַרבע צי אַ לייכטע; און דאַקעגן האָבן אַנדערע דערקלערט, אַז עובר זיין געצוואונגענערהייט הייסט נישט עובר געווען, און אַז ס׳איז קעגן דעם גייסט פון דער תורה גופא, אַוועקצוגעבן דאָס לעבן אַפילו פאַר דעם האַרבסטן פון אירע געבאָטן; אָט די געזעץ־לערער זיינען דעריבער געווען דערפאַר, אַז ביי די איצטיקע שרעקלעכע רדיפות מעג מען דינען אַפילו עבודה זרה — אַבי צו בלייבן לעבן. ענדלעך איז אָבער געלונגען צו געפינען אַ מיטל־וועג צווישן די דאָזיקע עקסטרעמע מיינונגען, און נאָך דער אָפּשטימונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויף אַלע מצוות פון דער תורה מעג מען עובר זיין, כדי נישט צו ווערן געטייט, ,אויסער אויף די דריי: עבודה זרה (געצנדינסט), גלוי עריות (זנות) און שפיכת דמים (מאָרד). דאָס איז געווען אַ נאַרמע פאַרן כלל; עס האָבן זיך אָבער געפונען מאַסן יחידים, וואָס האָבן זיך מיט דער נאָרמע נישט גערעכנט: זיי האָבן אָפּגעהיט אַלע געבאָטן פון דער תורה און דערפאַר אַוועקגעגעבן דאָס לעבן. אין דער הינזיכט האָבן אַ באַזונדער העלדנמוט אַרויסגעוויזן די געזעץ־לערער גופא, וועלכע זיינען אָם מיינסטן געוואָרן פאַרפאָלגט פון די רוימישע שפיאָנען. זיי פלעגן זיך פאַרקלייבן אויף די ווייטסטע דעכער און דאָרטן לערנען מיט זייערע תלמידים, און ווען ר׳ עקיבא האָט אַמאָל אין אַזאַ מאָמענט באַמערקט אַ רוימישן שפיאָן, האָט ער געהייסן די תלמידים

לייענען די תּפילה „שמע ישראל" שטילערהייט, כּדי דער שפּיאָן זאָל נישט דערהערן. די גאַנצע ביטערע דערשלאָגנקייט פון יענער שרעקלעכער צייט, איז אויסגעדריקט אינעם מאמר פון דעם באַרימטן ר' ישמעאל: „פון דעם טאָג, וואָס די מלכות רומי האָט זיך פאַרשפּרייט און אָנגעהויבן גוזר צו זיין אויף אונדז שווערע גזירות, און איז מבטל תּורה און מצוות, און לאָזט אונדז נישט מל זיין אונדזערע קינדער, — וואָלט געווען דאָס בעסטע, אַז מיר זאָלן גוזר זיין אויף זיך אַליין, נישט צו נעמען קיין ווייבער און נישט צו האָבן קיין קינדער, כּדי אברהמס געשלעכט זאָל פאַרלענדט ווערן פון זיך אַליין".

נישט ווייניק איז געווען די צאָל אויך פון יענע, וואָס האָבן זיך גאָרנישט געוואָלט אויסבאהאלטן פון די רוימישע באַאַמטע און אָפן אָפּ־געהיט די מינדסטע געבאָטן פון יידנטום, זיך גאָרנישט גערעכנט מיט דער מוראדיקער שטראָף. אויף די דאָזיקע „יידן פון ארץ ישראל אין דער צייט פון שמד, איז — ווי ס'דריקט זיך אויס אַ תּלמודישע אגדה — גע־לייענט געוואָרן דער פּסוק: לאוהבי ולשומרי מצותי (צו מיינע ליבהאָבער און היטער פון מיינע געבאָטן). מ'פרעגט אים: פאַרוואָס גייסטו געטויט ווערן? ווייל איך האָב געהאלטן דעם לולב; פאַרוואָס גייסטו געהאנגען ווערן? ווייל איך האָב געגעסן מצה פּסח; פאַרוואָס גייסטו פאַרשטיינט אָדער געקעפּט ווערן? ווייל איך האָב געלערנט תּורה און מל געווען מיין קינד". דאָס זיינען געווען די געווייגלעכסטע שטראָפן און אויך די לייכטס־טע, ווייל פיל שרעקלעכער פון די, איז געווען די לאָגע פון יענע, וועלכע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו לעבעדיקע ענויים, צו לאַנגזאַמע גיהנום־יסורים. די מסורות וועגן יענע שטראָפן זיינען פּשוט שוידערהאַפטיקע: „אייזערנע קוגלען האָט מען ארונטערגעלייגט די פאַראורטיילטע אונטער די אָרעמס און קנוילן פון וואָל האָט מען געווייקט אין וואַסער און אַרויפ־געלייגט אויפן האַרצן פונעם פאַראורטיילטן, כּדי דאָס פייער זאָל אים נישט אַדורכנעמען גלייך און ער זאָל נישט באַלד שטאַרבן"; „די מלכות האָט גוזר געווען, אַז ווער עס לייגט תּפילין, דעם זאָל מען צעשמעטערן דעם מוח, און נאָך אַזעלכע מוראדיקע גרויזאַמקייטן, וואָס גייען איבער די שרעקלעכסטע פאָרשטעלונג פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע. פאַר־באָטן געוואָרן איז אויך די ייִדישע קליידונג, און אין מדרש דערציילט זיך: „איין מאָל האָבן צוויי תּלמידים פון ר' יהושע געענדערט זייער קליי־

דונג אין דער צייט פון שמד. האָט זיי אָנגעטראָפן אַ רוימישער אויפ־זעער, און געזאָגט צו זיי: זענט איר די קינדער פון דער תורה — גיט אַוועק דאָס לעבן פאַר איר, און אויב איר זענט נישט אירע קינדער — פאַרוואָס־זשע גיט איר אַוועק דאָס לעבן ? האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר זיינען אירע קינדער און גיבן אַוועק פאַר איר דאָס לעבן, נאָר ס׳איז נישט דער מענטשלעכער שטייגער, בידים אַוועקצוגעבן דאָס לעבן״.

און נאָך דער גאַנצער שמירה מיט די אַלע אוממענטשלעכע שטראָפן, וואָלטן די פרומע יידישע מאַסן דאָך אומשטאַנד געווען ווי ס׳איז אָפּצונאַרן די רוימישע אויפזעער, — ווען נישט געוויסע יידישע פאַררעטער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער זייט פון דער רוימישער אַדמיניסטראַציע און איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַלע באהאלטענע קנייטשעלעך פון דער יידישער תורה און אויף די אַלע תחבולות, מיט וועלכע די יידן באַנוצן זיך, כדי פאַרבייצוגיין דעם באַפעל פון דער מאַכט. דאָס זיינען געווען אַם מיינסטן געוויסנלאָזיקע קאַריעריסטן, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער נשמה פאַר דעם דאַנק פון האַר, און אַנדערע פון זיי האָבן געהערט צו די גנאָסטישע פאַרטייען, וועלע האָבן געהאלטן פאַר אַ הייליקע פליכט צו שטערן די טעטיקייט פון די פראַקטישע יידישע געבאָטן. צו די דאָזיקע פאַרביטערטע שונאים פון דעם יידישן געזעץ האָט געהערט אויך דער באַרימטער געזעץ־לערער אלישע בן אבויה, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צו די מינים און האָט באַקומען דערפאַר דעם נאָמען אחר (אַן אַנדערער). ער האָט געלערנט די רוימישע אויפזעער, אונטערצושיידן אַ וויכטיקן רעליגיעזן אַקט פון אַ נישט וויכטיקן און צו וויסן, וואָס עס הייסט אַן אמתער פאַרברעך קעגן דעם יידישן דין. די לעצטע זיינען אויף אַזאַ אופן באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע איינצלהייטן פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבן און האָבן שוין דערשמעקט פון דער ווייטן, וואו עס קומט פאָר אַ רעליגיעזע האַנדלונג.

די באַקאַנטשאַפט פון די רוימער מיט דעם כאַראַקטער פון דער יידישער אומה איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ באַזונדער אכזריות צו פאַרפאָלגן די פאַקטן פון לערנען מיט תלמידים און זיי געבן סמיכה. מיט די פאַרפאָלגונגען האָבן אַדריאַנוסעס שלוחים געטראָפן דאָס יידנטום אינעם געפערלעכסטן פונקט, ווייל ביי די באַדינגונגען פון יענער צייט זיינען די דאָזיקע צוויי וועגן געבליבן כמעט די

איינציקע אויף צו דערהאלטן די אומה. די געזעץ־לערער, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט לערנען מיט תלמידים, זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט אַן אכזריותדיקן טויט, און דעם זעלביקן סוף האָבן געהאַט אויך יענע, וואָס האָבן געגעבן סמיכה וועמען ס׳איז פון די יונגע געלערנטע. פאַר אַט דעם לעצטן פאַרברעך זיינען אַפילו די קהלות געווען פאַראַנטוואָרטלעך: די שטאָט מיט דער גאַנצער סביבה, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער אַקט פון סמיכה, זיינען געוואָרן פאַרברענט און צעשטערט. — אין די פאַרפאָל־גונגען זאָל אויך האָבן געהאַט דער דערמאָנטער אחר אַ גרויסע שולד; וויינקסטנס ווערט פון אים דערציילט, אַז ער האָט אַ סך געזעץ־לערער איבערגעגעבן די רוימער אין די הענט, און אויף די יונגע תלמידים האָט ער אויך געפּרואווט ווירקן, זיי אָפּצוררייסן פון דער יידישער געזעץ־לערע.

ביי אַזאַ לאַגע האָבן זיך, נאַטירלעך, געמוזט געפינען אויך מער מיושבדיקע, רואיקערע, וואָס האָבן געראָטן זיך אונטערצוגעבן און איבער־צוּוואַרטן די שלעכטע צייט. צו די האָט געהערט אויך ר׳ יוסי בן קסמא; פון אים ווערט דערציילט, אַז ווען ר׳ חנינא בן תרדיון איז געקומען צו אים, האָט ער זיך צו אים געווענדעט מיט די ווערטער: „חנינא מיין ברו־דער! דו ווייסט נישט, אַז גאָט אַליין האָט דער אומה איבערגעגעבן די מאַכט! זי האָט זיין בית המקדש חרוב געמאַכט, זיין פּאַלאַץ פאַרברענט, אויסגעהרגעט זיינע פרומסטע און בעסטע קינדער. — און דאָך לעבט זי נאָך; און איך האָב געהערט זאָגן פון דיר, אַז דו זיצסט און ביסט עוסק אין לערנען, נעמסט צונויף ארום דיר תלמידים און האַלסט אַ ספר תורה אין שויס — מיך וועט נישט וואונדערן, ווען מ׳וועט דיך מיט דיין ספר תורה צוזאַמען פאַרברענען!"

פאַר זיינע פרידלעכע געדאַנקען איז דער דאָזיקער ר׳ יוסי שטאַרק חשוב געווען אין הויף פון דעם רוימישן שטאַטהאַלטער, און ווען ער איז געשטאָרבן זיינען אַלע רוימישע גדולים נאָכגעגאַנגען נאָך זיין ארון. זיין ווירקונג אויף די חברים איז אָבער געווען זייער אַ שוואַכע, און ווען מען האָט דעם זעלביקן ר׳ חנינא ווירקלעך געכאַפּט שפּעטער לערנען מיט תלמידים, האָט ער אַפילו נישט געפּרואווט אָפּלייקענען, און אָפן דער־קלערט: „איך האָב עוסק געווען אין לערנען, ווי מיין גאָט האָט מיך גע־באָטן".

צו דעם דאָזיקן ר׳ חנינא האָט די פאָלקס־מסורה צוגעגעבן נאָך ניין הייליקע מאַרטירער, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דעם קיום פון דער יידישער תורה; דאָס זיינען די באַרימטע „עשרה הרוגי מלכות״, פון וועלכע די לעגענדע ווייסט צו דערציילן אַזעלכע רירנדיקע און שוידערהאַפטיקע פאַקטן, און דער וויכטיקסטער פון וועלכע ס׳איז געווען ר׳ עקיבא. אָט דער געוועזענער פייערדיקער אַגיטאַטאָר פאַר דעם אויפשטאַנד קעגן רוים, האָט זיך נאָך דעם שרעקלעכן אויסגאַנג פון דעם גרויסן חלום, איבערגע־געבן מיט דעם גאַנצן גלי פון זיין נשמה דער גייסטיקער דערציאונג פון פאָלק און דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעץ־לערע. ער האָט פאַר־געזעצט זיין אַקאַדעמישע טעטיקייט אין דעם קרייז פון אַ גאַנצער ריי תלמידים, כאָטש ער האָט זיך באַמיט דערביי ווי ווייט מעגלעך, זיך אויס־צובאהאלטן פון דעם רוימישן שפּיאָנאַזש. אומזיסט האָט אים פּפּוס בן יהודה געוואָרנט, ער זאָל זיך נישט איינשטעלן צו לערנען מיט זיינע תלמידים, ווייל די בליקן פון די שפּיאָנען לויערן אויף אים און וועלן אים ענדלעך פון דעם באַהאַלטנסטן ווינקל אויסגעפינען; ר׳ עקיבא האָט אים אויף דעם געענטפערט מיט דעם ווייטערדיקן משל: „אַ פוקס איז אַמאָל געשטאַנען אויפן ברעג פון אַ טייך און געזען, ווי די פיש אין וואַסער יאָגן זיך און שפּרינגען איבער פון איין אָרט אין אַנדערן. „פון וועמען אַנטלויפט איר עס?״ האָט דער פוקס געפרעגט. „מיר אַנטלויפן — האָבן די פיש געענטפערט — פון די נעצן, וואָס די מענטשן שטעלן אָן, אונדז צו פאַנגען״. דאַן האָט דער פוקס געזאָגט: קומט זשע אַרויס אויף דער יבשה וועלן מיר לעבן איך מיט אייך צוזאַמען, ווי עס האָבן געלעבט מיינע עלטערן מיט אייערע. אויף דעם האָבן די פיש זיך אָפּגערופן: דו ביסט עס דער פוקס, וואָס מ׳רופט אים דער קליגסטער פון אַלע חיות, דו ביסט דאָך גאָר אַ נאַר; מה־דאָך אין וואַסער, אינעם קוואַל פון אונדזער לעבן, האָבן מיר מורא, הייגט אויף דער יבשה, וואו מיר קענען נישט לעבן, דאַרפן מיר דאָך געוויס מורא האָבן. אַזוי זיינען אויך: אויב מיר שרעקן זיך פאַר אַ געפאַר, בשעת מ׳לערנט די תורה, וועגן וועלכער עס שטייט גע־שריבן: כי היא חייך וארך ימיך (זי איז דיין לעבן און דיין לאַנגיאָריקייט), טאָ וואָס־זשע וועט שוין זיין, ווען מיר וועלן זיך אין גאַנצן אָפּשיידן פון איר?״

אין אַ קורצער צייט אַרום איז פּפּוסעס נבואה מקוים געוואָרן: מען

האָט ר׳ עקיבאן געכאַפּט לערנען מיט די תלמידים און אַריינגעזעצט אין געפענגעניש, דאָ האָט רופוס אים באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער אכזריות, ווייל ער האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן בייגן די רעליגיעזע עקשנות פון דער גרעסטער יידישער אויטאָריטעט. ער האָט אים אָפּגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט אין געפענגעניש אונטער דער שטרענגסטער שמירה. די חברים גע־זעץ־לערער, וועלכע זיינען אָן ר׳ עקיבאן געבליבן פאַריתומט און אָן אַ רבין, האָבן אָבער אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי צוצוקומען צו דעם גרויסן געפאַנגענעם און צו באַקומען פון אים אַ תשובה אויף די צווייפלהאַפטיקע שאלות. עס האָט געטראָפן, אַז מ׳האָט געגעבן אַ שליח דריי הונדערט דינרים, ער זאָל זיך איינשטעלן און אַריינקומען צו ר׳ עקיבאן. אַמאָל פלעגט מען זיך דערביי באַנוצן מיט אַ פּשוטן געשיקטן איינפאַל; אַזוי האָט זיך ר׳ יוחנן הסנדלר איין מאָל פאַרשטעלט פאַר אַ הויזירער, און פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער טיר פון געפענגעניש און אויס־געשריען: „ווער קויפט נאָדלען! גאָפּלען! אַז ס׳איז פאַרגעקומען אַ חליצה צווישן אים און איר — ווי איז דער דין?״ און ר׳ עקיבא האָט אים אַרויסגעענטפערט דורכן פענצטער: אַ שפינדל האָסטו? אאז״ו — ס׳איז כשר״.

אַזוי איז ר׳ עקיבא אָפּגעזעסן אין תפיסה יאָרנלאַנג, און ווען רופוס האָט געזען, אַז די עקשנות פון דעם גרויסן יידישן געזעץ־לערער איז פיל שטאַרקער פון זיינע צוואַנגס־מיטלען, האָט ער געגלויבט, זיך נוקם צו זיין אין אים מיט אַ מוראדיק־אכזריותדיקער טויט־שטראָף: ער האָט גע־לאָזט אָפּשינדן ר׳ עקיבאן דאָס לייב פון די ביינער מיט אייזערנע קאַמען. דער עקזאַלטירטער הימל־מענטש האָט זיך אים אָבער אויך איצט נישט אונטערגעגעבן: ר׳ עקיבא האָט מיט אַן אומגעווייגלעכער רואיקייט אי־בערגעטראָגן די שרעקלעכע יסורים, און זיינע ליפּן האָבן נישט אויפגע־הערט צו שעפּטשען די תפילה: „שמע ישראל, ד׳ אלהינו, ד׳ אחד!״. די דאָזיקע קאַלטקייט האָט איבערראַשט דעם אכזריותדיקן בלוט־שופט, רו־פוסן, און ער האָט אויסגערופן: „צי ביסטו נישט אַ כישופמאַכער, און מיט כישוף מאַכסטו דיר אַזוי לייכט דיינע ווייטיקן?״ אויף דעם האָט ר׳ עקיבא געענטפערט: איך בין נישט קיין כישופמאַכער, נאָר מיין גאַנץ לעבן האָב איך געלייענט דעם פסוק: ואהבת את ד׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך (דו זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין גאָט מיטן גאַנצן האַרצן,

מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן גאַנצן פאַרמעגן); דאָס ערשטע און דאָס דריטע האָב איך מקיים געווען: איך האָב ליב געהאט גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן פאַרמעגן. דאָס צווייטע אָבער איז מיר נאָך נישט געקומען. איצט־זשע, ווען ס'האָט זיך מיר געמאַכט מקיים צו זיין דעם „ובכל נפשך" — זאָל איך אים נישט מקיים זיין?" און ר' עקיבא האָט נישט אויפגעהערט צו לייענען די תפילה, ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיטן אויסרוף, וואָס אנטהאלט אין זיך דעם תמצית פון גאַנצן יידנ־טום — „ד' אחד!" (גאָט איז איינציק). דער טויט פון דעם גרויסן פירער, וואָס איז געווען נישט ווייניקער אומגעוויינלעך פון זיין לעבן, איז גע־בליבן ווי אַ מוסטער פאַר די קומענדיקע דורות און די גאַנצע מאַרטירער־גרופּע איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען: „ר' עקיבא מיט די חברים". די אַקאַדעמישע קרייזן האָבן מיט ר' עקיבאס טויט פאַרלוירן דעם שאַרפ־זיניקסטן געזעץ־לערער, דעם רבין, און זיי האָבן געזאָגט: „פון ר' עקיבאס טויט זיינען די אָרעמס פון דער תורה געבראָכן און די קוואַלן פון דער חכמה — פאַרשיט".

מיט נישט קיין קלענערער גייסט־שטאַרקייט און הייליקן העלדנמוט האָט זיך אויסגעצייכנט אויך דער מאַרטירער־טויט פון דעם דערמאָנטן ר' חנינא בן תרדיון. אים האָט מען איינגעוויקלט אין די פאַרמעטן פון זיין ספר־תורה און אַזוי אַרויפגעלייגט אויף אַ שייטערהויפן פון טרוקענע צווייגלעך. דערביי האָט מען, כדי צו פאַרשטאַרקן און צו פאַרלענגערן די גיהנומדיקע יסורים, אַרויפגעלייגט אים אויפן האַרצן געווייקטע, נאַסע וואָל־קנוילן. די אכזריות פון דעם טויט איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז דער תליון אַליין האָט שוין דאָס נישט געקענט אריבערטראָגן און געראטן ר' חנינאן, ער זאָל אַראָפּנעמען די קנוילן פון האַרצן, כדי ער זאָל גיכער פאַרברענט ווערן. ר' חנינא האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט געזען אין דעם אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד. דאָס האָט דעם פּראָפעסיאָנעלן רוצח אין גאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים: „ער האָט פאַרגרעסערט די פלאַ־מען, האָט אַראָפּגענומען די קנוילן פון ר' חנינאס האַרץ און איז אַליין אויך — אַריינגעשפּרונגען אין פייער". צוזאַמען מיט ר' חנינאן איז פאַראור־טיילט געוואָרן צום טויט אויך זיין פרוי, און זייער טאָכטער איז אַוועק־געפירט געוואָרן אין אַ בית־הזונות.

פון די איבעריקע מאַרטירער זיינען דערגאַנגען צו אונדז פּרטים נאָר

וועגן ר׳ ישמעאל בן אלישע, ר׳ שמעון, ר׳ חוצפית המתורגמן, ר׳ ישובב הסופר און ר׳ יהודה בן בבא. דער לעצטער האָט זיך געשראָקן דערפאַר, עס זאָל נישט איבערגעריסן ווערן די גאַנצע קייט פון דער מסורה, ווייל אָן דער סמיכה פון די אומגעקומענע „זקנים״ וועלן די איבערגעבליבענע תל־מידים נישט באַזיצן קיין אויטאָריטעטע קראַפט. ער האָט דעריבער צוזאַ־מענגענומען זעקס פון ר׳ עקיבאס בעסטע תלמידים, און האָט זיי מסמיך געווען. געטון האָט ער עס „צווישן צוויי גרויסע בערג און צוויי גרויסע שטעט — צווישן אושא און שפרעם״; דאָ האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף די באַרימטע תלמידים: ר׳ מאיר, ר׳ יהודה ברבי אלעאי, ר׳ שמעון בן יוחאי, ר׳ יוסי בן חלפתא, ר׳ אלעזר בן שמוע און ר׳ נחמיה — און זיי דערמיט אויטאָריזירט ווי זעלבסטשטענדיקע געזעצלערער און ריכטער. דערווייל איז אָנגעלאָפן אַ מחנה רוימישע סאָלדאַטן, האָט ר׳ יהודה אויס־געשריען צו די תלמידים: „קינדער! אַנטלויפט!״ האָבן זיי צו אים געז־זאָגט: „און וואָס וועט מיט דיר זיין?״ אויף דעם האָט ער געענטפערט: „איך ליג פאַר זיי, ווי אַ פאַרלאָזענער שטיין״. דאַן זיינען די תלמידים זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן און פון דעם גרויסן זקן זיינען די סאָל־דאַטן נישט אָפּגעטראָטן פריער, ביז זיי האָבן צעלעכערט זיין קערפּער, ווי אַ זיפּ.

אויסער די הרוגי מלכות פון דעם אַקאַדעמישן קרייז, זיינען געווען אויך אַנדערע, וואָס זיינען אומגעקומען מיט דעם שטראַלן־קראַנץ פון אַ מאַרטירער־קרוין אויף די קעפּ. פון די האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט די באַרימטע צוויי אַנפירער פון דעם פריערדיקן אויפשטאַנד, לוליאַנוס און פפּוס. צוליב זייער גרויסן אַנזען, האָט מען זיי פאַרגעלייגט, זיי זאָלן בלויז טרינקען וואַסער פון אַ קאָלירטן גלאָז, כדי די אַרומיקע זאָלן עס אָננעמען פאַר געצנווייַן; זיי האָבן זיך אָבער דערפון אויך אָפּגעזאָגט און זיך אונטערגעוואָרפן די אכזריותדיקסטע יסורים.

אַזוי האָט זיך אַדריאַנוס נוקם געווען אין די איבערגעבליבענע פון דעם גרויסן אויפשטאַנד; און נישט נאָר די לעבעדיקע — אויך אויף די טויטע האָט זיך זיין צאָרן אויסגעגאָסן. ער האָט באַפוילן, נישט צו לאָזן מקבר זיין די אַלע געפאַלענע און פאַרמשפטע. די פעלדער און וועגן פון יהודה זיינען פאַרוואָרפן געווען מיט טויטע קערפּערס, און דערפון האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד פאַרשידענע מגפות. מיט דער אומענטש־

לעכקייט האָט אַדריאַנוס געוואָלט אי אָפּשרעקן די איבערגעבליבענע טיילן פון דער אומה, זיי זאָלן מער נישט וואַגן צו חלומען וועגן באַפרייען זיך פון רוים, אי דערנידעריקן די יידן אין די אויגן פון די שכנהשע באַפעל־קערונגען, אי פשוט אויסראָטן דאָס לעצטע געדעכעניש פון דער יידישער אומה אויף יהודהס ערד. דערגרייכט האָט ער אָבער נישט מער, ווי די ערשטע צוויי, די יידישע אומה איז געבליבן, ווי אַן אייביקער מאָנומענט אויף די חורבות פון אַלע אַלטע קולטור־פעלקער — די מעכטיקע רוים אויך איינגעשלאָסן. דער גייסטיקער הערצאָיזם פון די „באַרבאַרישע יהודהער" האָט שפּעטער דערשטוינט אַפילו אַדריאַנוסן אַליין, און לויט אַ יידישער מסורה זאָל ער אַפילו האָבן זיך ארויסגערופן איין מאָל: „גרויס איז דאָס שפּעלע, וואָס שטייט צווישן זיבעציק וועלף!"

אַ געוויסע ווירקונג אין דער הינזיכט פון אָפּשוואַכן דעם צובונד צו דער יידישער אומה האָט געהאַט אַדריאַנוסעס אינקוויזיטאָרישע טעטיקייט אויף די יידן־קריסטן. פאַרפאָלגט פון די יידישע פּאַטריאָטן אין דער צייט פון אויפשטאַנד, זיינען זיך די דאָזיקע יידן־קריסטן צעלאָפן אין די שטעט אויף יענער זייט ירדן און האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן. דער אומגליק־לעכער אויסגאַנג פון דעם קריג מיט זיינע טרויעריקע פאָלגן האָט אָבער געמוזט ווירקן אויך אויף זיי. אין דעם „שקוץ משומם" (יופּיטער בילד), וואָס אַדריאַנוס האָט אַוועקגעשטעלט אויפן הר הבית, האָבן זיי געזען אַ צייכן פון דעם שרעקלעכן וועלט־געריכט, וואָס דערנענטערט זיך, פון דעם שרעקלעכן טאָג, ווען ישו וועט זיך ווידער באַווייזן אין די וואָלקנס. דערביי האָבן אַדריאַנוסעס אכזריותדיקע פאַרפאָלגונגען זיי אויך נישט אויסגע־מיטן, ווייל די רוימישע באַאַמטע האָבן נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אַ יידן און אַ קריסט. דאָס האָט געצוואונגען די פונאַנדערגעוואָרפענע קריסטלעכע גרופּעס, זיך צוזאַמענצורייידן און זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּצורייסן אין גאַנצן פון דער יידישער אומה. די אַרבעט פון דורכפירן דאָס, האָבן גענומען אויף זיך צוויי לערער פון דער קריסטלעכער קירכע, קוואַדראַטוס און אַריסטידעס; זיי זאָלן האָבן צוגעשטעלט אַדריאַנוסן אַ געשריבענע דערקלערונג וועגן דעם, אַז דאָס קריסטנטום איז אַ זעלבסט־שטענדיקע רעליגיע, וואָס האָט קיין צוזאַמענהאַנג נישט מיטן יידנטום, און די אָנהענגער פון דעם נייעם גלויבן דאַרפן נישט ליידן פאַר די זינד פון יענע, מיט וועלכע זיי האָבן נישט קיין געמיינזאַמעס. פון יענער צייט

אָן דאַטירט די פולשטענדיקע פאַראייניקונג און פאַרשמעלצונג פון די מערסטע יידישע מיט די געצנדינערישע קריסטלעכע סעקטעס, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג געהאט אָפּגעריסן פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. די יידן־קריסטן האָבן אויפגעהערט צו היטן די עטלעכע מצוות פון דער יידישער תורה, וואָס זיי פלעגן ביז דאַן נאָך אָפּהיטן, האָבן אָנגענרמען דעם אינהאלט פון קריסטנטום אין דער געשטאַלט, ווי ער האָט זיך אויספאָרמירט צווישן די געצנדינערישע קריסטן, און האָבן צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט בראש פון זייער געמיינדע, ווי אַ בישאָף, דעם נישטגעמלטן מאַרקוס. אַזוי ווי די קריסטן האָבן זיך צוגעחנפעט צו אַדריאַנוסן און אויסגעפּועלט ביי אים גרויסע חסדים און הנחות, האָבן זיך געפונען אויך אַ סך יידן, וואָס זיינען אַריין אין זייער קהלה, זיי האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן זיך באַפרייען פון די שרעקלעכע רדיפות און פאַרפאָלגונגען; דאָס האָט נאָך מער פונאַנדערגעריסן די שוואַכע פעדים, וואָס האָבן צונויפגעבונדן דאָס יידנטום מיטן קריסטנטום, און פון דאַן אָן זיינען אָט דיביידע וועלט־ און לעבנס־אָנשויאונגען שוין געשטאַנען איינע אַקעגן דער אַנדערער נישט ווי פיינטלעכע גלידער פון איין און דעם זעלביקן שטאַם, נאָר ווי צוויי גאַנץ זעלבסטשטענדיקע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס.

# קאַפּיטל פינף

## דער נייער צענטער אין גליל

(140 ־ 210)

די מלחמה מיט אַדריאַנוסן איז געווען די לעצטע פּראָבע פון דער יידישער אומה, זיך צו באַפרייען פון דעם רוימישן יאָך מיט דער הילף פון איר פיזישער קראַפט. דאָס פאָלק האָט צוזאַמענגענומען זיינע לעצטע כוחות און איז געגאַנגען זיך שלאָגן אויף לעבן און טויט מיט זיין אייביקן שונא; געענדיקט האָט זיך אָבער דער קאַמף אויך דאָס מאָל מיטן נצחון פון שונא, און יהודה איז געלעגן אַ האַלב טויטע פאַר זיינע פיס. די שטעט צעשטערט, דאָס לאַנד פאַרוויסט, די איינוואוינער טויט אויפן שלאַכט־פעלד אָדער אויפן עשאַפאָט, פאַרשטעקט אין אַ פינצטערער מערה אָדער אין די אָרעמס פון שונא גופא — אַזוי האָט אויסגעזען דער גאַנצער דרום־טייל פון לאַנד (יהודה) נאָך דעם „חורבן ביתר". אויסער דער ניי אויפגע־בויטער „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ", וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די חורבות פון ירושלים, און וואו קיין ייד האָט נישט געטאָרט אַריינקומען, זיינען די אַלע געוועזענע בליענדיקע שטעט געבליבן כמעט אָן אַ שום באַפעלקע־רונג. און דער זעלביקער גורל איז אויסגעפאַלן אויך אויף דעם שטעטל יבנה, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס באַנייטע סנהדרין. די פאַרוויסטונג פון דרום־פּאַלעסטינע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער גאַנצער טערמין יהודה „יודעאַ" האָט פון דעמאָלט אָן אויפגעהערט באַנוצט צו ווערן אין די רוימישע דאָקומענטן און אנשטאָט אים איז דאָרט אַריין אין געברויך דער טערמין סיריאַ־פּאַלעסטינע.

מער באַפעלקערט, כאָטש אויך גענוג פאַרוויסט, איז געבליבן דער צפון־טייל פון לאַנד, דאָס אַזוי גערופענע גליל. אַהין האָבן איצט אויס־געוואַנדערט די אַלע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון אַדריאַנוסעס פאַרפאָלגונגען, און דאָרט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ נייעם פאָלקס־צענטער. דאָס איז פאַרגעקומען נאָך דעם, ווי אַדריאַנוס איז גע־

שטאַרבן (183), און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע רעאַקציע קעגן זיינע אכזריותן און רדיפות. אויפן רוימישן טראָן איז אַרויף אַנטאָניוס פיוס (אַנטונינוס־קיסר), און ער האָט אָפּגעשאַפט די אַלע עדיקטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן דער יידישער אמונה; אויף זיין ספּעציעלן באַפעל איז יידן דערלויבט געוואָרן אָפּצוהיטן אַלע געבאָטן פון זייער גלויבן, צווישן די אויך דעם געבאָט פון מילה, וועלכער איז פריער פאַרבאָטן געווען ווי אַן אַקט פון קאַסטראַציע. 1)

פאַר דער דאָזיקער אָפּשאַפונג פון די שרעקלעכע „שמד־גזירות האָבן די יידן זיך משתדל געווען, און לויט אַ געוויסער תלמודישער לעגענדע, איז די זאַך פאַרגעקומען אויף דעם וויטערדיקן אופן. אין קסריה, די רעזידענץ פון דעם רוימישן שטאַטהאַלטער, האָט זיך געפונען אַ פאַרנעמע רוימישע מאַטראָנע, וואָס האָט שטאַרק מיטגעפילט די יידישע צרות און האָט דערביי געהאט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די פאַרשטייער פון דער רוימישער אַדמיניסטראַציע. האָבן זיך צו דער מאַטראָנע געווענדעט דער תנא ר׳ יהודה בן שמוע מיט זיינע חברים, און געפרעגט ביי איר אַן עצה, וואָס צו טון קעגן די אוממענטשלעכע פאַרפאָלגונגען, וואָס די יידן האָבן אויסצושטיין פון דער רוימישער מאַכט; ווי אַן ענטפער אויף דעם האָט זיי די מאַטראָנע געראַטן, זיי זאָלן פּרוּאוון בעטן רחמים ביי דער העכערער אַדמיניסטראַציע — אפשר וועט זי ווייכער ווערן; און די שלוחים האָבן אַזוי געטון; זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביינאַכט פאַרן פּאַלאַץ פון שטאַטהאַלטער און געוויינט און געשריען: „גאָט אין הימל ! צי זיינען מיר דען נישט אייערע ברידער, קינדער פון איין פאָטער ! צי זיינען מיר דען נישט פון איין מאַמע געבוירן ! מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון אַלע פעלקער, וואָס איר זענט גוזר אויף אונדז אַזעלכע שווערע גזירות !״ די דאָזיקע בקשה האָט געווירקט, און אין אַ קורצער צייט ארום איז אָנגעקומען די בשורה, אַז אַלע פריערדיקע גזירות זיינען אָפּגעשאַפט. דער טאָג, ווען די בשורה איז אָנגעקומען, איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער רשימה פון די נאַציאָנאַלע געדענק־טעג: עס האָט געהייסן, אַז דאָס פאָלק איז ווידער געוואָרן פריי.

1) קאַסטרירן — הייסט מסרס זיין. בנוגע צו פרעמד־גלויביקע איז דער פאַרבאָט קעגן מילה איצט אויך פאַרבליבן אין זיין קראַפט; צוזאַמען דערמיט איז געבליבן אין זיין קראַפט אויך דער באַפעל, וואָס האָט פאַרבאָטן יידן אַריינצוקומען אין „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ״ (די געוועזענע ירושלים).

די ידיעה, אַז די רדיפות און גזירות קעגן דער יידישער אמונה זיינען בטל געוואָרן, האָט זיך גלייך פונאַנדערגעטראָגן אין אַלע לענדער, וואו די איבערגעבליבענע פון דעם גרויסן שטורעם האָבן עמיגרירט, און פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צוריק קיין פּאַלעסטינע מאַסן אַנטלאָפענע און באהאלטענע. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען אויך די זעקס תלמידים פון דעם באַרימטן ר׳ עקיבא, וועלכע ר׳ יהודה בן בבא האָט געגעבן סמיכה. זיי זיינען געהאט אַנטלאָפן קיין בבל, און האָבן שוין געוואָלט דאָרטן עפענען ישיבות; איצט אָבער האָבן זיי זיך אומגעקערט אינעם לאַנד פון דעם געוועזענעם גרויסן גייסטיקן צענטער. די דאָזיקע ערשטע שוואַלבן פון דער קומענדיקער גייסטיקער אויפלעבונג האָבן זיך גלייך צונויפגעזאַמלט אין דעם היסטאָרישן רמון־טאַל (בקעת רמון), צו באַשטימען די יאָרן און חדשים, ווייל אין די אַלע יאָרן פון שמד האָט מען נישט געקענט רעגולירן דעם שמיטה־יאָר און דאָס האָט געקענט ברענגען צו גרויסע אומאָרדענונגען אין דעם יידישן קאַלענדאַר־וועזן. דאַן האָבן זיי זיך באַזעצט אין דעם גלילשן שטעטל אושאַ, און זיך דערקלערט ווי אַ קליין־סנהדרין, דערביי האָבן זיי זיך נישט באַגנוגנט מיט זייער אויטאָריטעט, און באַמיט זיך צוצוציען קיין אושאַ די לעבענגעבליבענע געזעץ־לערער פון אַלע עקן לאַנד.

אַזוי איז דער צעריבענער, מיט בלוט פאַרגאָסענער און האַלב־גוססער פאָלקס־אָרגאַניזם שוין צו זיך געקומען, און די געזעץ־לערער האָבן זיך ווידער גענומען אַרייגצוגעבן אין אים מוט און שטאַרקייט. די מיטגלידער פון דער איצטיקער גרופּע תנאים האָבן פאָרגעזעצט די טעטיקייט פון זייערע פאָרגייערס און ווידער צוזאַמענגעקניפּט די מסורה, — כאָטש זייער צאָל איז געווען נישט גרויס. די באַדייטנדיקסטע פון דעם איצטיקן קאָלעגיום זיינען געווען ר׳ שמעון, אַ זון פון דעם לעצטן פּאַטריאַרך ר׳ גמליאל, ר׳ נתן פון בבל, ר׳ מאיר און ר׳ שמעון בן יוחאי. דער ערשטער, ר׳ שמעון בן גמליאל, האָט זיך מיט נסים געראַטעוועט פון אַדריאַנוסעס האַנט און איז אַנטלאָפן קיין בבל. ווי אַ געזעצלעכער יורש פון דעם פּאַטריאַרכן־טיטול האָט ער אָבער נישט געקענט בלייבן פון דער ווייטן, ווען עס האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ נייער סנהדרין, און קומענדיק קיין אושא איז ער ווירקלעך גלייך אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם נשיא פון קאָלעגיום. דעם קאָמפּלעט פון דער נשיאות האָבן אויסגעפילט ר׳ נתן פון בבל

ווי אַן „אב בית דין" און ר׳ מאיר ווי „חכם". אין דער ערשטער צייט זיי־נען אַפילו פאָרגעקומען פאַרשידענע סכסוכים צווישן דעם נשיא און די איבעריקע מיטגלידער פון קאָלעגיום, און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מיטן זון זאָל געשען דאָס אייגענע, וואָס מיטן פאָטער: מ׳זאָל אים מעביר זיין פון דער נשיאות; מיט דער צייט האָט זיך אָבער איינגעגעבן די סכסו־כים אויסצוגלייכן און ר׳ שמעון איז געבליבן אויף זיין הויכן פּאָסטן. צו דעם שלום האָט פיל געהאָלפן דאָס, וואָס די סכסוכים זיינען ס׳רוב געווען פּרינציפּיעלע (ווייל ר׳ שמעון, ווי זיין פאָטער, האָט אויך כסדר געשטרעבט צו פאַרגרעסערן דעם אויטאָריטעט און די איינהייט פון סנהדרין), און קיינער האָט דעם יונגן נשיא נישט געקענט חושד זיין אין פּערזענלעכע פניות. די כאַראַקטעריסטיק פון דעם לעצטן שפּיגלט זיך אָמבעסטן אָפּ אין דעם אַפאָריזם, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז פון אים אין די „פרקי אבות": „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף אמת, גערעכטיקייט און שלום".

די אָריגינעלסטע און באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייט פון יענעם קרייז איז אָבער געווען נישט דער נשיא. ר׳ שמעון האָט באַקומען די נשי־אות און איז געווען דער קאָפּ פון סנהדרין נאָר צוליב זיינע דינאַסטישע רעכט אויף דעם טיטול; פיל גרעסער און באַדייטנדיקער איז אָבער געווען די טעטיקייט און די ווירקונג פון דעם דערמאָנטן ר׳ מאיר. וועגן דער אָפּ־שטאַמונג פון דעם דאָזיקן גרויסן גייסט האָבן זיך אין פאָלק אַרומגעטראָגן פאַרשידענע נוסחאות, און לויט איין אגדתא זאָל ער אַפילו האָבן געווען זיין אַן אייניקל אָדער אַן אור־אייניקל פון דעם רוימישן קייסער נעראָ (ני־רון־קיסר), וועלכער איז, ווי די מזרח־פעלקער האָבן געגלויבט, נישט גע־הרגעט געוואָרן, נאָר אַנטלאָפן ערגעץ אין טיף אַזיע און זיך דאָרט מגייר געווען. ווי דער גרעסטער טייל פון די תנאים האָט זייך ר׳ מאיר אויך דער־נערט פון אַ מלאכה; ער איז געווען אַן איבערשרייבער און פלעגט מאַכן קאָפּיעס פון די הייליקע שריפטן. אַזוי ווי ער האָט דערפונדן אַ מיטל, צי מאַכן דעם כתב גלאַנצענדיקער און דויערהאַפטיקער (ער האָט אַריינגע־טון אינעם טינט קופּער־וויטריאָל; אויף גמרא־לשון: קנקנתום), איז ער גע־ווען באַרימט אין זיין פאַך און האָט פאַרדינט דריי שקלים אַ וואָך; דערפון האָט ער צוויי דריטל אויסגעגעבן פאַר זיין פאַמיליע און מיט דעם איבע־ריקן געשטיצט די אָרימע חברים.

ר׳ מאיר האָט געהאַט פאַר אַ פרוי די געלערנטע טאָכטער פון דעם

באַרימטן ר׳ חנינא בן תרדיון, מיטן נאָמען ברוריה, און אַזוי ווי די צווייטע
טאָכטער פון דעם מאַרטירער איז, צוזאַמען מיטן פאָטערס טויט, אַוועק־
געפירט געוואָרן אין אַ שאַנד־הויז, האָט ער זיך, גלייך ווי ער איז צוריקגע־
קומען קיין פּאַלעסטינע, גענומען זוכן די שוועגערין, כדי זי צו באַפרייען.
ער איז געגאַנגען פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, און ווען ער איז גע־
קומען אין דער שטאָט, וואו זיין ווייבס שוועסטער האָט זיך טאָקע געפּר־
נעץ, האָט ער פריער געוואָלט דערגיין, צי זי איז נאָך ריין. צו דעם צוועק
האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רוימישן ריטער, און ווען ער איז איבער־
צייגט געוואָרן אין איר אומשולד, האָט ער אונטערגעקויפט די שומרים און
זי אַרויסגענומען. ווען די אַדמיניסטראַציע האָט זיך דערוואוסט פון דעם
פאַקט, האָט זי אַרויסגעשיקט שלוחים, נאָכצויאָגן די אַנטלאָפענע; ר׳ מאיר
האָט אָבער זייער געשיקט געשפּילט זיין ראָל ווי אַ רוימער, און אַזוי אַרום
איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער געפאַר. באַקאַנט איז אויך
די רירנדיקע אגדה, וואָס שילדערט די גייסטיקע גרויסקייט פון ר׳ מאירן
מיט זיין פרוי, די באַרימטע ברוריה. „ס׳איז געווען אַ מעשה ביי ר׳ מאירן,
אַז ער איז געזעסן און האָט געדרשהט צו מנחה־צייט שבת, און אין דער
היים זיינען דערווייל געשטאָרבן זיינע צוויי קינדער. וואָס האָט געטון
זייער מוטער? האָט זי זיי אַוועקגעלייגט אויפן בעט און איבערגעדעקט
מיט אַ ליילעך. אין אָוונט איז ר׳ מאיר געקומען פון בית המקדש; פרעגט
ער: וואו זיינען מיינע צוויי קינדער? זאָגט זי: זיי זיינען אַוועק אין בית
מדרש. שטוינט ער: איך האָב דאָך געקוקט אין בית המדרש און האָב זיי
נישט געזען? האָט זי אים געגעבן אַ כוס צו הבדלה און ער האָט הבדלה גע־
מאַכט, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו איר: מיינע קינדער וואו
זיינען? און זי האָט אים ווידער געענטפערט: זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען
דאָרטן און דאָרטן און וועלן באַלד קומען. דאַן האָט זי אים דערלאַנגט עסן,
און ווען ער האָט אָפּגעגעסן האָט זי זיך אָפּגערופן: רבי, איך האָב צו
פרעגן א שאלה: איינער האָט ביי מיר איינגעלייגט אַ פּקדון און איצט
וויל ער אים אָפּנעמען; זאָל איך אים אָפּגעבן, צי נישט? האָט ער צו איר
געזאָגט: מיין טאָכטער! ווי שיקט זיך עס, נישט אָפּצוגעבן יענעמס פּקדון?
אויף דעם האָט זי געענטפערט, אַז אָן זיין וויסן האָט זי עס נישט געוואָלט
אָפּגעבן; דערביי האָט זי אים אָנגענומען פאַרן האַנט, צוגעפירט צום בעט
און אָפּגעדעקט דאָס ליילעך, האָט ער דערזען זיינע צוויי טויטע קינדער

און זיך פונאַנדערגעוויינט, און זי האָט געזאָגט: רבי, דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מ׳דאַרף אומקערן דעם פקדון, ווען יענער קומט אים מאָנען; עס שטייט געשריבן: ד׳ נתן, ד׳ לקח, יהי שם ד׳ מברך (גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען: זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט)".

די חברים אין קאָלעגיום האָבן געקוקט אויף ר׳ מאירן, ווי אויף אַ גייסטיקן ריז, „וואָס רייסט אויס בערג און צעמאָלט זיי איינס מיטן אַנדערן", און דערצו איז ער געווען אַזוי זעלבסטשטענדיק אין זיינע מעשים און מיינונגען, אַז ער האָט זיך דערלויבט אפילו צו שטיין אין באַציאונגען מיט דעם פאַררעטערישן אלישע בן אבויה (אחר) און צו לערנען פון אים געוויסע צווייפלהאַפטע הלכות. אויף די פאַרוואורפן פון זיינע חברים, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף די באַציאונגען, האָט ר׳ מאיר געענטפערט: „איך האָב געפונען אַ מילגראָם; זיין קערן האָב איך אויפגעגעסן און די שאָלעכץ אָוועקגעוואָרפן". ער האָט אַמאָל באַגלייט זיין אפיקורסישן רבין צופוס, זיך אונטערגעהאַלטן מיט אים אין לערנען, בשעת יענער איז געזעסן אויף זיין פערד. פלוצלינג האָט זיך אחר אָפּגערופן צו זיין תלמיד־באַגלייטער: „מאיר, קער זיך אום. דאָ ענדיקט זיך אַ תחום־שבת". — „קום דו אויך צוריק", האָט ר׳ מאיר געפּרוּווט. — 'פאַר מיר, האָט אחר געענטפערט, זיינען פאַרשלאָסן אַלע טויערן פון תשובה, און עס איז שוין לאַנג אַרויס אַ בית־קול און געזאָגט: „קערט זיך אום אַלע פאַרפירטע קינדער, אויסער אלישע־אחר, וועלכער האָט דערקענט מיין כח און מורד געווען אָן מיר". שפּעטער, ווען אחר איז קראַנק געוואָרן, איז ר׳ מאיר געקומען צו אים און ווידער געבעטן: „קער זיך אום", און אלישע „האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און איז געשטאָרבן וויינענדיק".

אַ דאַנק די באַציאונגען מיט זיין רבין, דעם גנאָסטיקער האָט ר׳ מאיר אַליין זיך אויך אָפּט אונטערהאַלטן מיט נישט יידישע פילאָזאָפן. אַ באַזונדער האַרציקע פריינטשאַפט האָט געהערשט צווישן אים און דעם נעאָ־פּלאַטאָניקער איינימאָס פון גדרה, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער פאַרערער פון יידנטום און האָט געהאַלטן, אַז פּלאַטאָ מיט פּיטאַגאָראַסן האָבן געשעפּט זייער חכמה פון דער יידישער תורה, און ווען איינימאָס האָט געטרויערט נאָך זיינע עלטערן איז דער גרויסער יידישער געזעץ־לערער געגאַנגען אים טרייסטן. די דאַזיקע טאָלעראַנץ האָט ר׳ מאיר אַרויסגעוויזן נישט בלויז בנוגע צו איינציקע פאַרשטייער פון דער געצנ־

דינערישער וועלט, נאָר בנוגע צו דער גאַנצער געצנדינערישער וועלט בכלל; ער האָט געלערנט: „פון וואַנען ווייסן מיר, אַז אַ געצנדינער, וואָס איז עוסק אין דער תורה, האָט דעם דין, ווי אַ כהן־גדול? ווייל עס שטייט געשריבן: „אלה החקים והמשפטים, אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" (דאָס זיינען די געזעצן, וואָס דער מענטש דאַרף זיי אָפּהיטן און לעבן מיט זיי): עס שטייט האדם (דער מענטש), דאָס הייסט, אפילו אַ געצנדינער האָט דעם דין ווי אַ כהן־גדול, אויב ער איז עוסק אין דער תורה".

בנוגע צו דער הלכהשער מסורה האָט זיך ר' מאיר געהאַלטן ביי דעם סיסטעם פון זיין רבין, ר' עקיבא. די חברים האָבן געזאָגט אויף אים, אַז מ'קען קיינמאָל נישט דערגיין געננו, וואָס ער וויל, ווייל ער פלעגט מיט זיינע שאַרפזיניקע פּשטלעך און פלפולים ברענגען באַווייזן אי פאַר, אי קעגן דער באַשטימונג פון אַ געזעץ, און אָפטמאָל האָט ער אַפילו באַוויזן מיט זיין שאַרפער דיאַלעקטיק — מתיר צו מאַכן דאָס, וואָס איז אין דער תורה גופא בפירוש פאַרבאָטן, אָדער פאַרקערט. צווישן זיינע תלמידים האָט זיך געפונען איינער מיטן נאָמען סומכוס, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין אומגעווייגלעכער חריפות און פלפולדיקע געננג. האָבן די חכמים געזאָגט אויף אים מיט אַ שאַרפער איראָניע: ער איז אַ גרויסער חריף, נאָר פסקענען אַ שאלה ביי יידן קען ער נישט. די דאָזיקע התנגדות צו דעם גייסט פון פלפול און שאַרפזיניקע סאָפיזמען האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אַ געוויסער מאָס אויך בנוגע צו ר' מאירן אַליין, און אַ סך פון זיינע הלכות זיינען נישט אָנגענומען געוואָרן אין דער פּראַקטיק.

ר' מאיר האָט פאַרגעזעצט ר' עקיבאס טעטיקייט נישט נאָר אין דעם סיסטעם, ווי אַזוי צו דרשהנען די הלכות פון דער תורה, — ער האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט דער סיסטעמאַטישער צוזאַמענשטעלונג פון די גע־זאַמלטע געזעצן און מסורות. דאָס איז געווען אַ העכסט דרינגענדיקע באַ־דערפעניש אין יענער צייט פון רדיפות און מאַרטירער־טויטן, וואָס האָט פּלוצלינג אָפּגעריסן פון לעבן כמעט אַלע באַדייטנדיקע געזעץ־לערער, און ר' עקיבאס תלמיד האָט דאָס דאָזיקע באַדערפעניש גלענצנדיק אויסגע־פילט. ער האָט צונויפגענומען דעם גאַנצן לער־מאַטעריאַל פון די גרויסע רביים, און אים סיסטעמאַטיש באַאַרבעט אונטער דעם טיטול משנה.

אַ רייכע און פּילזייטיקע פּערזענלעכקייט איז געווען אויך דער צוויי־טער פון קאָלעגיום, ר' שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט געהאַט זיין ישיבה

איאן דעם גלילשן שטעטל תקוע. אין קעגנזאַץ צו זיין פאָטער יוחאי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי די רוימישע באַאַמטע, איז ר׳ שמעון געווען אַ ביטערער שונא פון די רוימער און זייער קולטור, און ווען ער האָט זיך אַמאָל דערלויבט, צו זידלען די „מלכות הרשעה״ פאַר אַ גרויסן עולם, האָט מען עס צוגעטראָגן צו דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אים דערפאַר פאַרמשפט צום טויט. ר׳ שמעון איז דאַן אַנטלאָפן און האָט זיך באַהאַלטן אין אַ מערה. דאָ האָט ער אָוועלעבט אַ גאַנצע ריי יאָרן (ביז אדריאנוס טויט), זיך געשפייזט מיט די טייטלען פון דעם בוים, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, און מיטן וואַסער פון דעם דאָרטיקן טייכל, און דאָס האָט זייער שלעכט געווירקט אויף זיין געזונט־צושטאַנד: דאָס לייב איז ביי אים אין גאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט געשווירן און וואונדן. איין מאָל האָט ער געפראוווט אַרויסטרעטן פון זיין באַהעלטעניש, ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די שרעקלעכע צייטן זיינען שוין אַריבער, און איז אָוועק צוריק אין לאַנד, כדי זיך אויסצוהיילן פון די שווערע וואונדן, האָט ער זיך געבאָדן אין די וואַרימע וואַסער־קוואַלן פון טבריה (חמי טבריה), און אויס דאַנקבאַרקייט צו דער שטאָט, וואו ער איז באַפרייט געוואָרן פון זיין שווערער קרענק, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ גענויען פלאַן פון די שטאָטישע פלעצער, וועלכע זיינען טמא, און וועלכע זיינען ריין, כדי אויף אַזאַ אופן אַראָפּצונעמען פון דער גאַנצער שטאָט דעם חשד פון טו־מאה, וואָס איז אַלט געווען שוין איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר[1].

אַט דער פאַקט פון אָפּלעבן אַ לאַנגע צייט אין אַ מערה האָט גע־דינט דעם פאָלק ווי אַ קאַנווע פאַר פאַרשידענע לעגענדעס און וואונדער־דערציילונגען, און ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער ניכטערער און שטרענג־לאָגישער געזעץ־לערער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעל־מופת, אין אַ מענטשן פון סודות און מיסטישע פאַנטאַזיעס. די דאָזיקע לע־גענדעס האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו וועבן אַזש ביזן טיפן מיטלאַלטער, און ווען ס׳איז אין דרייצנטן יאָרהונדערט געפונען געוואָרן דער אַזוי גע־רופענער „זוהר״, האָט דאָס פאָלק אים אויך צוגעשריבן ר׳ שמעון בן יוחאין. די אויטאָריטעט און די הייליקייט פון דעם בוך איז פון דאַן אָן

[1]) די שטאָט טבריה איז געבויט געוואָרן פון הורדוס־אַנטיפּאַ לכבוד דעם קייסער טיבעריוס; די פרומע יידן אָבער האָבן דאָ נישט געוואָלט וואוינען, ווייל אויף דעם פלאַץ איז געווען אַמאָל אַ בית עולם און זיי האָבן געהאַט אויפן פלאַץ אַ חשש פון טומאה.

כסדר געוואַקסן, און צוזאַמען מיט אים איז געוואַקסן אויך די קדושה פון דעם כלומרשט מיסטישן תנא; פון זעכצנטן יאָרהונדערט אָן איז ר׳ שמעונס קבר אין מרון געוואָרן אַ פּונקט, וואוהין עס ציען זיך די פרומע יידן פון אַלע לענדער, און ביז היינטיקן טאָג ווערט נאָך דער קבר באַזוכט פון אַ מאַסע פּיליגרימען.

אויף ווי ווייט די היסטאָרישע ווירקלעכקייט איז קעגן דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק פון ר׳ שמעון בן יוחאי, לאָזט זיך באַזונדער דייטלעך זען זיין באַציאונג צו דער הלכהשער מסורה. אין זיינע אויסטייטשונגען פון געזעץ איז ר׳ שמעון געווען פּונקט דער היפּך פון ר׳ עקיבא און ר׳ מאירן. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט אויסצופאָרשן געגנוי דעם טעם, דעם לאָגישן גרונט פון געזעץ, כדי אַרויסצוציען דערפון פאַרשידענע נייע שלוסן, נייע מעגלעכקייטן. זיין דערקלערונג הויבט זיך שטענדיק אָן מיט דער פראַגע: פאַרוואָס האָט די תורה געזאָגט דאָס און דאָס (מפני מה אמרה תורה)? און אויף דער שאלה, למשל, פאַרוואָס האָט די תורה געהייסן איבערלאָזן פאה (די עקן פון דער נישט געשניטענער תבואה) אויף די פעלדער, גיט ער אָן פיר טעמים, וועלכע שטיצן זיך אַלע אויף דעם געוויינלעכן מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

פון ר׳ שמעון בן יוחאי זיינען דערגאַנגען צו אונדז אויך אַ סך זייער גאַראַקטעריסטישע אגדהשע מאמרים. אַ פאַרביסענער קעגנער פונעם גאַנצן רוימערטום, האָט ער זיך שטענדיק אויסגעדריקט וועגן זיי מיט די שאַרפסטע ווערטער, און ווען איינער פון די חברים האָט געפּרואווט לויבן די אויסערלעכע ציוויליזאַטאָרישע טעטיקייט פון די רוימער: די מאַרקפּלעצער, די בריקן, די בעדער, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט, — האָט ר׳ שמעון אויסגעשריגן מיט כעס: „אַלץ, וואָס די רוימער האָבן געמאַכט, האָבן זיי געמאַכט נאָר פון זייער באַקוועמלעכקייט וועגן. זיי האָבן פאַרפּוצט די שטאָטישע מאַרק־פּלעצער, זדי אַוועקצוזעצן דאָרטן אויסגעלאָסענע פרויען; זיי האָבן אויסגעבויט בעדער, כדי צו וואַשן און רייניקן זייערע קערפּערס; זיי האָבן אויפגעשטעלט בריקן, כדי אויפצומאָנען די שטייערן״. אין זיין באַציאונג צום לעבן בכלל האָט ר׳ שמעון אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין אַסקעטישע נייגונגען. ער דריקט זיך אויס אין איין אָרט: „די תורה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר מן־עסער. דען ווי אַזוי קען עס אַ מענטש זיצן און לערנען, און נישט וויסן, וואו ער וועט נעמען צום עסן און טרינ־

קען; זיצן און זיך פשטלען און נישט וויסן, וואו ער וועט נעמען אַ קלייד אויפן לייב?" ער האָט געהאַט אַ גרויסן קרייז תלמידים, און ווייל ער האָט איבערגעלעבט אַלע זיינע חברים, איז ער געווען אַ געוויסע צייט כמעט די איינציקע אויטאָריטעט פאַר אַלע פראַגן פון דעם רעליגיעזן לעבן.

דער דריטער, לויט זיינע מעלות, אין דעם נייעם קאָלעגיום איז געווען ר' יהודה ברבי אלעאי, אַ געבוירענער פון דעם שטעטל אושא גופא און אויך אַ דאָרטיקער תושב, וועלכער איז אין אַ סך הינזיכטן ענלעך געווען צו ר' יהושע בן חנניה. באַשיידן, קלוג, געשיקט און באַריידעוודיק, האָט ער שטענדיק זיך באַמיט צו מילדערן די אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישן די רוימער און דער יידישער אומה, און ער ווערט אומעטום באַצייכנט מיט דעם טיטול „חכם" און ראש המדברים. ווי ר' יהושע, האָט ער זיך אויך דערנערט פון אַ מלאכה, און זיין שפרוך איז געווען: „גרויס איז די אַרבעט — זי באַערט דעם אַרבעטער; ווער עס לערנט נישט זיין זון קיין מלאכה, טרייבט אים צווישן גזלנים". ביי דעם כלל האָט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, שטאַרק געהאַלטן ר' יהודהס חבר, ר' יוסי בן חלפתא, וועלכער איז געווען לויט זיין פּראָפעסיע אַ גאַרבער (בורסקי). ר' יוסי האָט צוזאַמענגעקליבן אַ רייע משנות אונטער דעם גריכישן נאָמען נימוקין; ער האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ קורצע כראָניק פון בריאות עולם ביז דעם בר־כוכבאשן קריג, אין דער דאָזיקער כראָניק („סדר עולם"), וואָס האָט אַ געוויסע באַדייטונג פאַר דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, באַמיט זיך ר' יוסי אויסצופילן און אויסצוגלייכן די פאַרנעפּלטע און צווייפלהאַפטע דאַטעס פון די הייליקע שריפטן. דאַקעגן אָבער פון אַלעקסאַנדער מוקדון אָן האַלט ער זיך גאַנץ זעלבסטשטענדיק, און ס'בלייבט נאָר צו באַדויערן דעם פאַקט, וואָס די נאָטיצן אין דער כראָניק זיינען זייער קורץ.

פון ר' עקיבאס איבריקע תלמידים זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין פּרטים; באַקאַנט איז נאָר, אַז אויסער די דאָזיקע ישיבות אין גליל, האָט זיך געפונען נאָך איין ישיבה אין יהודה, און די חכמים פון יענער ישיבה ווערן אָנגערופן „רבותינו שבדרום".

צווישן די אַלע אויסגערעכנטע תנאים האָט פאַרנומען אַ באַזונדערן אָרט דער אויבנדערמאָנטער ר' נתן, אַ זון פון דעם „ראש גלותא" (פאַטריאַרך) אין בבל. צו אונדז זיינען נישט דערגאַנגען קיין ידיעות וועגן די סיבות, וואָס האָבן געצוואונגען אָט דעם אַריסטאָקראַטישן געלערנטן צו

פאַרלאָזן זיין רזאיקע היים אין בבל און צו קומען קיין פּאַלעסטינע אין דער צייט, ווען אויף יעדערן איז געהאַנגען די שווערד פון פּיין און שמד. עס איז נאָר באַקאַנט, אַז אין דעם רעסטאוּרירטן סנהדרין אין אושא איז אים געגעבן געוואָרן דער טיטול „אב בית דין". ר' נתן האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אין דעם יורידישן טייל פון דער יידישער געזעץ־לערע און אין אַסטראָנאָמיע, און ווי דער גרעסטער טייל פון די תנאים אין יענער צייט האָט ער אויך סיסטעמאַטיזירט באַזונדערע זאַמלונגען פון הלכות, וועלכע רופן זיך אויף זיין נאָמען „משנת דרבי נתן" אָדער „תוספתא דרבי נתן".

פון די אַלע געזעץ־לערער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דאָס באַנייטע סנהדרין אין אושא, וואָס האָט ענערגיש געאַרבעט פאַר דער אויפלעבונג פון דער יידישער געזעץ־לערע, וואָס האָט פון אייביק אָן געהאַט די זעלביקע באַדייטונג ווי די אויפלעבונג פון דעם יידישן לעבנס־גייסט. די טעטיקייט פון דעם סנהדרין אין דער ריכטונג איז געוואָרן נאָך מער אינטענסיווער און ענערגישער, אַ דאַנק דער געפאַר פון אַ טיפער שפּאַלטונג, וואָס האָט זיך אָנגערוקט פון בבל. דאָ האָט פּאַסירט דאָס ווייטערדיקע: אין דער צייט, ווען די געזעץ־לערער אין גליל האָבן געאַרבעט מיט אַלע כחות צוריק פליסיק צו מאַכן דאָס פאַרגליווערטע בלוט פון דעם יידישן פאָלקס־גייסט, צוריק צו שאַפן איין גייסטיקן צענטער פאַר דער גאַנצער אומה, אָפּצוהיטן פון פאַרלוירן גיין דעם מאַטעריאַל פון די איבערגעגעבענע הלכות און מסורות דורך סיסטעמאַטישע זאַמלונגען, — אין דער צייט האָט אַ יהודהשער עמיגראַנט אין בבל זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידייע, איבערצוטראָגן אַהין דעם צענטער פון דער אומה, ד"ה צו גרינדן דאָרטן אַ נייעם סנהדרין, וואָס זאָל איבערנעמען אין זיינע הענט אַלע אָנגעלעגנהייטן פון כלל־ישראל. גערופן האָט מען דעם עמיגראַנט חנניה. דאָס איז געווען אַ ברודער־זון פון דעם באַרימטן ר' יהושע בן חנניה, וועלכן דער גרויסער פעטער האָט אַוועקגעשיקט פון ארץ־ישראל, כדי אים אויף אַזאַ אופן צו דערווייטערן פון דעם איינפלוס פון די מינים (יידן־קריסטן). חנניה האָט זיך באַזעצט אין נהר פקוד, נישט ווייט פון נהרדעה, און ווען ער האָט אָרגאַניזירט דאָרטן אַ גרויסן בית־דין אין דער געשטאַלט פון סנהדרין, האָט ער זיך אַליין גענומען די נשיאות, און באַשטימט אַ געוויסן נחוניא פאַרן אב בית דין. דער דאָזיקער בית דין איז גלייך צוגעטראָ־

טן צו באַשטימען דעם יאָר פון שמיטה און בכלל אַלע יידישע קאַלענדאַר־פראַגן. און די דאָרטיקע קהלות, וועלכע זיינען אין דער צייט פון שמד אין גאַנצן געבליבן אָן אַ שום צענטראַלער אינסטיטוציע, האָבן האַרציק באַגריסט דעם נייעם סנהדרין ביי זיי אין לאַנד. אין פאַלעסטינע האָט אָבער די ידיעה וועגן דעם סנהדרין אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט. דאָ האָט מען אין דעם פאַקט געמוזט זען אַ געפאַר פאַר דער אייניקייט פון יידנטום, און דער פאַטריאַרך ר׳ שמעון בן גמליאל האָט געפונען פאַר זיין פליכט, אַנצואווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי אָפּצושוואַכן די באַדייטונג פון דעם גלות־צענטער און אפילו אויך אים צו באַזייטיקן אין גאַנצן. צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט צוויי שלוחים, ר׳ יצחק און ר׳ נתן, מיט אַ בריוו צו דעם נשיא פון יענעם סנהדרין, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם טיטול: „למעלת קדושתו של חנניה (צו זיין הייליקייט — חנניה)”; שטאַרק גערירט און געשמייכלט פון אַזאַ כבוד, האָט חנניה זייער האַרציק און פריינטלעך אויפגענומען די שלוחים פון ארץ־ישראל, און פאַרגעשטעלט זיי פאַר זיין קאָלעגיום מיט פאַרשידענע שבחים און קאָמפּלימענטן. „דאָס זיינען די גרעסטע פון יידן, — האָט ער אויף זיי אויסגערופן — זייערע עלטערן האָבן משמש געווען אין בית המקדש, און זיי זיינען געקומען לערנען אין אונדזער ישיבה. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך די שלוחים דערוואָרבן דעם צוטרוי און די אַכטונג פונעם גאַנצן קאָלעגיום. און ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך גענומען דורכפירן זייער שליחות: קאָמפּראָמיטירן דעם סנהדרין אין נהר־פקוד און אויסווירקן ביי די יידישע קהלות אין בבל, זיי זאָלן זיך צוריק ווי פריער אונטערוואַרפן דער אויטאָריטעט פון דעם איינציקן צענטער אין לאַנד פון די אבות. זיי האָבן געלייענט פאַרן פאָלק דעם אינהאַלט פון די בריוו, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, אין וועלכע ס׳איז דערקלערט געוואָרן, אַז אַזוי ווי די שמד־גזירות זיינען בטל געוואָרן, די חכמים האָבן זיך אומגעקערט יעדערער אין זיין היים און דאָס סנהדרין האָט זיך ווידער צונויפגעזאַמלט אין דער שטאָט אושא,— דאַרפן אַלע יידישע קהלות זיך צוהערן צו די פאַראָרדענונגען פון דעם איינציקן צענטער, און חנניה איז נאָר אַ פאַרברעכער און אַ פורץ־גדר, ווען ער וויל צערייסן די אחדות פון דער אומה און באַשאַפן אַ נייעם צענטער אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל. כדי צו דעמאָנסטרירן אָפן פאַרן גאַנצן פאָלק די אומגעזעצלעכקייט פון חנניהס באַשטימונגען, האָט

איינער פון די שלוחים אַראָפּגעלייענט פון דער טריבונע: „אלה מועדי חנניה בן אחיו של ר׳ יהושע" (דאָס זיינען די יום־טובים פון חנניה, ר׳ יהו־שעס ברודערן־זון), ווי אַ פּאַראָדיע אויף דעם פּסוק פון דער תורה: „אלה מועדי ד׳ (דאָס זיינען די יום־טובים פון גאָט); דער צווייטער שליח האָט אויך געטון דאָס זעלבע און פּאַראָדירט די נבואה: „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים", און געלייענט אויפן קול „כי מבבל תצא תורה ודבר ד׳ מנהר פקוד (דען פון בבל וועט אַרויסגיין תורה און גאָטס וואָרט פון נהר פקוד). די דאָזיקע איראָנישע אויסרופן האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן פאַרזאַמלטן עולם, וועלכער האָט זיך איצט ערשט אַרומגעזען, אַז ווען זיי שטיצן חנניהס אינסטיטוציע קען עס טאַקע ברענגען שאָדן דער אחדות פון דער אומה און אַז זיי רייסן זיך דערמיט אָפּ פון זייערע ברי־דער אין ארץ ישראל און פון דער תורה. אומזיסט האָט חנניה איצט גע־פּרוּווט אָפּשוואַכן די ווירקונג פון די שלוחים דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַמיט, זיי אַראָפּצואַוואַרפן און צו פאַרדעכטיקן: די אויפגעמונטערטע שלוחים האָבן אָפן דערקלערט, אַז דאָס קעגן־סנהדרין אין בבל האָט די זעל־ביקע באַדייטונג, ווי אַ צווייטער מזבח, ביי וועלכן חנניה און נחוניא דינען פאַר כהנים גדולים, און ווער עס שטיצט אָט דעם סנהדרין זאָגט זיך דער־מיט אָפּ פון גאָט און פון כלל ישראל. חנניה האָט זיך פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט געוואָלט אונטערגעבן, און געפּרוּווט זיך צו ווענדן צו ר׳ יהודה בן בתירא, וועלכער האָט געהאַט אַ ישיבה אין נציבין, אויף דער גרענעץ צווישן דער פּאַרטישער און רוימישער מלוכה. ר׳ יהודה האָט אָבער אויך אָנערקענט, אַז יעדער ייד איז מחויב זיך אונטערצוּוואַרפן דער אויטאָרי־טעט פונעם גרויסן בית דין אין ארץ ישראל. דעמאָלט האָט ר׳ חנניה שוין נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זיין גרויסן חלום; ער האָט צעשיקט בריוו אין אַלע קהלות פון גלות, אין וועלכע ער האָט אָפּגע־רופן זיינע קאַלענדאַר־באַשטימונגען און דערמיט האָט זיך געענדיקט די צענטראַלע טעטיקייט פון דעם סנהדרין אין בבל.

אונטער דער צייט איז אין דעם קאָלעגיום פון אושא גופא פאָרגעקו־מען אַ שטאַרקער סכסוך, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו די זעלביקע קאָנ־סעקווענצן, צו וועלכע עס האָט אַמאָל געבראַכט דער סכסוך צווישן ר׳ גמ־ליאלן און ר׳ יהושען אין יבנה. ר׳ שמעון בן גמליאל, וואָס האָט געוואָלט אויפהייבן די באַדייטונג פון דער נשיאות, האָט געפּרוּווט איינפירן אַ מין

עטיקעט, וואָס האָט געזאָלט אויסצייכענען אים פון די איבריקע פּרעזידיום־מיטגלידער, ר' נתן און ר' מאיר. די דאָזיקע עטיקעט האָט באַפוילן: „ווען דער נשיא קומט אַריין שטעלט זיך אויף דאָס גאַנצע פאָלק, און קיינער זעצט זיך נישט פריער, ביז ער זאָגט נישט: זיצט; ווען דער אב בית דין קומט אַריין, מאַכט מען צוויי שורות פוןביידע זייטן, ביז ער קומט צו צו זיין פּלאַץ, און ווען דער חכם קומט אַריין, בלייבט איינער זיצן און איינער שטעלט זיך אויף אַזוי לאַנג, ביז ער זעצט זיך אויף זיין אָרט". אָט די רעפאָרם איז איינגעפירט געוואָרן אָן דעם וויסן פון די ביידע פּרעזידיום־מיטגלידער, און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען און האָבן באַמערקט דעם שנוי אינעם צערעמאָניאַל, האָבן זיי זיך שטילערהייט פאַרשוואוירן, צו באַליידיקן דעם נשיא פאַרן גאַנצן עולם דערמיט, וואָס זיי וועלן אים באַוואַרפן פון אַלע זייטן מיט שאלות, אויף וועלכע ער וועט נישט וויסן צו ענטפערן. מיט דעם מיטל האָבן זיי געגלויבט, צוצוברענגען די זאַך אַזוי וויית, אַז דאָס קאָלעגיום וועט אויסדריקן דעם נשיא זיין אומצוטרוי און אויסוויילן גלייך אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. דער איינפאַל האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן; ר' שמעון האָט זיך דערוואוסט פון דער פאַרשווערונג קעגן אים און האָט זיך צוגעגרייט מיט תשובות אויף אַלע מעגלעכע שאַלות, ער האָט אַפּעלירט צו דעם גאַנצן קאָלעגיום, און האָט אויסגעפּועלט אַ דערלויבעניש, אויסצושליסן די „רעוואָלוציאָנערן" פון דער פאַרזאַמלונג. ווען ר' נתן מיט ר' מאירן זיינען דערנאָך געקומען האָבן זיי טאַקע געפּרנען פאַר זיך די טירן פון בית־מדרש פאַרשלאָסן, און דאָס האָט זיך געמוזט שלעכט אָפּרופן אויף דער גאַנצער אַקאַדעמישער טעטיקייט פון קאָלעגיום: אַ סך צווייפלהאַפטע הלכות, זיינען געבליבן נישט דערקלערט און ס'איז ענדלעך געקומען דערצו אַז איינער (ר' יוסי בן חלפתא) האָט אָפן אויסגעשריגן: „די תורה איז אויסנווייניק און מיר זיינען אינעווייניק!" דאַן איז דער נשיא געוואָרן ווייכער און האָט דערלויבט די אויסגעשלאָסענע אַריינצוקומען אין בית מדרש, נאָר ער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי אַן אַנדערע אַקאַדעמישע שטראָף. דער שטאָלצער ר' מאיר האָט זיך אָבער איצט אויך נישט געוואָלט אונטערגעבן; ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערצערענען דעם פאַרביטערטן נשיא, און דער לעצטער האָט זיך געזען געצוואונגען, אויסצורופן אויף אים אַ חרם. דאָס האָט ר' מאירן נאָך מער אויפגעקאָכט, און ער האָט אויסגעשריגן: „איך רעכן מיך נישט מיט אייער חרם אַזוי

לאַנג, ווי איר וועט מיר נישט דערקלערן, פאַרוואָס און צוליב וואָס איר האָט מיך מחרים געווען". דער רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענשטויס איז געווען דאָס, אַז ר' מאיר האָט זיך דערווייטערט אין גאַנצן פון סנהדרין און זיך באַזעצט ערגעץ אין קליין אַזיע, וואו ער איז אויך געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, מ'זאָל דעם ארון מיט זיין קערפער אַוועקשטעלן אויפן ברעג ים, וואָס גייט דורך ארץ ישראל, וועט עס הייסן, אַז ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דער הייליקער ערד.

די צייט פון ר' שמעונס נשיאות איז רייך געווען אויך אין פאַרפאָלגונגען און אומרוען פון אויסנווייניק. די שנאה צווישן יידן און רוימער איז פון דעם אַדריאַנוסישן קריג אָן כסדר געוואַקסן, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון אַנטאָנינוסעס ממשלה האָבן יידן געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע גזירות און רדיפות. אויף ווי ווייט די דאָזיקע רדיפות האָבן דערשלאָגן די שטימונג פון פאָלק, איז צו זען פון דעם מאמר, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז אין ר' שמעון בן גמליאלס נאָמען: „אויב די ערשטע ,וואָס האָבן דערשמעקט נאָר אַביסל צרות פון דער מלכות רומא הרשעה, זיינען אַזוי אָראָפּגעפאַלן ביי זיך, הייגט אַ פּשיטא שוין מיר, וואָס וואַלגערן זיך אָפּ טעג, יאָרן, דורות און תקופות אין דער דאָזיקער מלכות און זינקען ביזן האַלדז אין צרות און גזירות! מיר נעמען אויך פאַר ליב אָן די צרות, נאָר ווען מיר וואָלטן וועלן אויסשרייבן זיי אַלע, וואָלטן מיר קיין מאָל נישט געענדיקט". עס זיינען אפילו פאַראַן רמזים פון רוימישע מקורות וועגן געוויסע רעוואָלוציאָנערע אומרוען, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין פאַלעסטינע, אינעם לעצטן יאָר פון אַנטאָנינוסעס הערשן (161). דער דאָזיקער פּרואוו פון אַ נייעם אויפשטאַנד איז, ווי ס'איז צו גלויבן, געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די הכנות צו דער מלחמה, וואָס די פּאַרטאַנער האָבן אין יענער צייט ווידער געפּרואווט אונטערנעמען קעגן רוים. צו די דאָזיקע אומרוען באַציט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, אויך די תלמודישע אגדה פון יענער צייט, וואָס דערציילט, אַז די רוימישע רעגירונג האָט געפּרואווט אַוועקנעמען ביי יידן דאָס רעכט, צו האָבן אייגענע ציוויל־געריכטן. אַ צווייטע תלמודישע לעגענדע רעדט אויך וועגן שווערע רעפּרעסיעס קעגן יידן, וואָס האָבן געצוואונגען דעם גרעסטן גייסטיקן־לערער פון דער עפּאָכע, ר' שמעון בן יוחאי, צו פאָרן קיין רוים, זיך משתדל זיין פאַר זיינע ברידער.

אין דער באַציאונג צו די האָפענונגען, וואָס יידן האָבן געלייגט אויף דער מלחמה, וועלכע האָט זיך צעפלאַקערט צווישן די פאַרטאַנער און רויּמער אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון מאַרק אורעליוס, איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער מאמר פון דעם זעלביקן ר׳ שמעון בן יוחאי: ער האָט געזאָגט: „ווען דו זעסט אַ פערסישן (פּאַרטישן) פערד צוגעבונדן צו איינער פון די מצבות אין ארץ־ישראל, האָף אויף דאָס אָנקומען פון משיחן״. ענלעך דערצו און נאָך מיט מער באַשטימטקייט האָט זיך אויסגעדריקט ר׳ יהודה ברבי אלעאי: „די צעשטערער (פון ירושלים) איז באַשערט צו פאַלן פון פערסישע (פּאַרטישע) הענט״.

אָט די פיינטלעכע געפילן פון יידן בנוגע צו רוים האָבן געדינט דעם קייסער ווערוסן, וואָס האָט געפירט די מלחמה מיט די פאַרטאַנער, ווי אַ מאָטיוו פאַר נייע רעפּרעסיעס קעגן די יידן פון דער רוימישער אימפּעריע. ווערוס האָט באַנייט אדריאַנוסעס באַפעל, און האָט פאַרבאָטן יידן די מצוות: שבת, מילה, און טבילה. די פאַרפאָלגונגען האָבן אָבער זיך נישט לאַנג געצויגן, און נאָך ווערוסעס טויט, ווען אויף דעם רוימישן טראָן איז פאַרבליבן נאָר מאַרק אורעליוס אַליין, זיינען די דערמאָנטע גזירות געוואָרן אָפּגעשאַפט. דער דאָזיקער געקרוינטער פילאָזאָף איז איבערהויפּט געווען אַ קעגנער פון צוואַנגס־מיטלען און פאַרפאָלגונגען, און אויך דאָס קריסטנטום האָט אין זיין צייט לייכטער אָפּגעאָטעמט.

וועגן דעם זעלביקן קייסער־פילאָזאָף זיינען דערגאַנגען צו אונדז פאַרשידענע ידיעות, וועלכע זיינען זיך סותר איינע די אַנדערע; פון איין זייט דערציילן די תלמודישע אגדות זייער פיל וועגן די האַרציקע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן אורעליוסן (אַנטאָנינוס־קיסר) און דעם יידישן פּאַטריאַרך; און דאַקעגן שילדערן די רוימישע קוועלן גאַנץ אַנדערש אורעליוסעס באַציאונג צו יידן. דאָרט דערציילט זיך, אַז ווען ער איז געווען אין יהודה (175), איז ער געווען שטאַרק אומצופרידן דערפון, וואָס די באַפעלקערונג האָט אים נישט געגעבן פייערלעך אויפגענומען, און ער האָט אויסגעשריגן: „אָט ענדלעך, האָב איך געזען אַ פאָלק, וואָס איז נאָך ערגער פון די מאַראָקמאַנען, קוואַדען און סאַרמאַטען!״

אין יענער צייט איז אין דעם אינערלעכן לעבן פון דער יידישער אומה פאָרגעקומען אַ באַדייטנדיקע געשעעניש: ר׳ שמעון בן גמליאל איז געשטאָרבן און דער פּאַטריאַרכן־שטול איז איבערגעגאַנגען צו זיין זון ר׳

יהודה, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ יהודה הנשיא. געבוירן אין דער עפּאָכע פון די שמד־גזירות, ווען דאָס פאָלק האָט מיט זיין לעבן גע־מוזט באַצאָלן פאַר דעם גרויסן חלום פון פרייהייט און זעלבסטשטענדי־קייט, איז ר׳ יהודה אַזוי ווי דערצויגן געוואָרן גלייך מיט דעם געדאַנק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסט אַוועקצושטעלן די אינעווייניקסטע גאַנצ־קייט, אייניקייט און שטאַרקייט פון פאָלק אַזוי, אַז קיין שום ווינטן זאָלן אים נישט קענען מער צעשפּליטערן און צערייסן, און ער האָט אָט די אויפ־גאַבע דורכגעפירט. ווי זיין עלטער־זיידע הלל האָט ר׳ יהודה אויך מיט זיין אייגענער פערזאָן געשאַפן אַ פעסטן באָדן פאַר דער אויטאָריטעט פון דער אינסטיטוציע, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין רשות, און דאָס ווערק, וואָס איז פון אים געשאַפן געוואָרן, האָט די דאָזיקע אויטאָריטעט געזי־כערט און פאַראייביקט.

ר׳ יהודה איז געווען זייער רייך און זיין הויף האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אַ קעניגלעכן לוקסוס, אין פאָלק האָט זיך געזאָגט, אַז די פערד־שטאַלן פונעם נשיא האָבן מער ווערט, ווי די שאַץ־קאַמערן פון דעם פער־סישן קעניג. פון דער עשירות האָבן אָבער די אָרומיקע און די הונדערטער תלמידים פון זיין קאָלעגיום מער גענאָסן, ווי ער אַליין. ווען עס האָט אויס־געבראָכן אַ שרעקלעכער הונגער אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, האָט דער יידישער נשיא געעפנט זיינע תבואה־מאַגאַזינען און געטיילט קאָרן די נויטבאַדערפטיקע. אין אָנהייב האָט ער געהאַט באַשטימט, אַז עס זאָלן געשטיצט ווערן נאָר „בעלי מקרא, בעלי משנה און בעלי תלמוד״, נישט קיין „עמי הארצים״; ווען איינער פון די תלמידים האָט אָבער אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף דער אומערלעכקייט פון אַזאַ מין באַשטימונג, און האָט זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער: „רבי! שפּייז מיך, ווי אַ ראָב, ווי אַ הונט״ — האָט ר׳ יהודה אָנערקענט די אומגערעכטיקייט און גע־זאָגט: „זאָלן אַלע אַריינגיין״. אַן ענלעכער פאַל איז פאָרגעקומען אַ צוויי־טן מאָל, וואו דער נשיא האָט אויך אַרויסגעוויזן פריער זיין אָנגעבוירענע האַרטע נאַטור און דערנאָך — אַ סך מענטשן־פריינטלעכקייט און רחמנות; עס זיינען געקומען צו אים די טעכטער פון דעם פאַררעטערישן תנא אלישע־אחר און געבעטן שטיצע. האָט זיי דער פּאַטריאַטישער נשיא אָפּגעזאָגט און געלייענט אויף זיי דעם פּסוק: אל יהי לו מושך חסד ואל יהי חונן לי־תומיו (ער זאָל צו אים נישט אַרויסווייזן קיין גענאָד און זאָל נישט זיין

באַרמהערציק צו זיינע יתומים)ז דאַן האָבן זיך די טעכטער אָפּגערופן צו אים: „רבי! געדענק זיין תורה און פאַרגעס זיינע מעשים", און ר' יהודה האָט מיט טרערן אין די אויגן זיי געגעבן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

צוליב נישט באַקאַנטע סיבות איז דאָס סנהדרין אין יענער צייט איבערגעטראָגן געוואָרן פון איין אָרט אין אַנדערן: פון אושא קיין שפרעם. פון שפרעם קיין בית שערים און פון בית שערים קיין צפורי. אין צפורי האָט זיך דאָס סנהדרין אַריבערגעצויגן צוליב ר' יהודהן אַליין, ווייל די לופט האָט דאָ זייער גוט געווירקט אויף דעם געזונט־צושטאַנד פונעם קרענקלעכן נשיא. אין צפורי האָט דאָס סנהדרין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון זיין אויטאָריטעטער מאַכט; דאָ האָט זיך געפונען אַ פולשטענדיקער קאָמפּלעט פון 70 מיטגלידער, וועלכע האָבן געהאַט צו אַנטשיידן אַלע געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן פון דער אומה, לויט דעם צערעמאָניאַל, וואָס איז געווען איינגעפירט אינעם סנהדרין פון „לשכת הגזית". איבער די דאָזיקע זיבעציק מיטגלידער איז געשטאַנען דער נשיא, וועלכער האָט האָט באַזונדערן אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט, און אין פאָלק האָט זיך געזאָגט, אַז פון משהן אָן איז נישט געווען אַזאַ פאַראייניקונג פון תורה און גדולה אין איין אָרט, ווי ביי ר' יהודה הנשיא. פירן די ישיבה, השגחה געבן אויף דער הנהגה פון די יידישע קהלות, ענדגילטיק באַשטימען די קאַלענדאַר־אויסרעכענונגען, מסמיך זיין תלמידים, אָנפירן די זיצונגען פון סנהדרין, — אָט די אַלע פונקציעס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון דעם מעכטיקסטן נשיא, און זיין פּאָפּולאַריטעט איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז דאָס פאָלק האָט אים גערופן בלויז רבי, און געוויזן דערמיט אַז אַלע איבעריקע געזעצלערער האָבן אַנטקעגן אים נישט קיין באַדייטונג. מיט דער צייט האָט דאָס סנהדרין אַליין געגעבן דעם נשיא מער רעכט וויפל עס האָבן געהאַט אַלע נשיאים פאַר אים; ר' יהודה איז געווען זעלבסטהערשער אין זיין קאָלעגיום — ער האָט נישט געהאַט נישט קיין אב בית דין, נישט קיין חכם. ווען דער גאַנצער קאָמפּלעט פון סנהדרין האָט באַשטימט איינעם אויף אַ פּאָסטן אָדער געגעבן איינעם סמיכה אָן דעם נשיאס הסכמה, האָט די באַשטימונג אָדער די סמיכה נישט געהאַט קיין באַדייטונג, אָבער ווען דער נשיא האָט באַשטימט אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איינעם ווי אַ ריכטער אָדער געזעצלערער, — איז די באַשטימונג געווען גילטיק.

די קהלות אין און אויסער ארץ ישראל זיינען געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיטן פּאַטריאַרך, און ער פלעגט באַשטימען פאַר זיי באַאַמטע, ריכטער און לערער. אַזוי האָבן זיך די ראשים פון דער קהלה אין סימאָנאַ געווענדעט צום נשיא מיט דער בקשה, ער זאָל זיי שיקן אַ מענטשן, וואָס זאָל פאַרלייענען פאַר זיי,, לערנען זיי און משפטן צווישן איינעם און אַנדערן״, און ר׳ יהודה האָט זיי געשיקט איינעם פון זיינע תלמידים ר׳ לוי בר סיסי, רעקאָמענדירט אים מיט דער דערקלערונג: ,,איך גיב אייך אַזאַ מענטשן, ווי איך בין״. אַן אַנדער תלמיד ר יהודהס מיטן נאָמען רבה בר חנא פון כפרי אין בבל, האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט אין ארץ ישראל, און אַז ער האָט געוואָלט זיך אומקערן אהיים, האָט ער, דורך זיין פעטער ר׳ חייא, געבעטן פונעם נשיא רשות, צו מעגן דאָרטן ,לערנען און פּסקנען״. אַזאַ מין סמיכה פונעם נשיא האָט באַקומען אויך זיין צווייטער תלמיד פון בבל אבא אריכא, וועלכער איז שפּעטער (אונטערן נאָמען רב) באַרימט געוואָרן ווי איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין זיין לאַנד. נאָר איין איינציקער מענטש איז געווען דאַמאָלט אין דער יידישער וועלט, וואָס האָט זיך געקענט פאַרגלייכן צו דעם פּאַטריאַרך אין ארץ ישראל בנוגע צו מאַכט און כבוד — דער ראש גלותא אין בבל. און ר׳ יהודה האָט אים אפילו מקנא געווען, וואָרום אויב יענער האָט נישט געשפּילט קיין גרעסערע ראָל פון אים אין דער יידישער וועלט גופא, האָט ער אָבער געהאַט מער אָנזען ביי דער פּאַרטישער רע־גירונג, בשעת די נשיאות אין פּאַלעסטינע איז פון רוים העכסטנס נאָר געוואָרן טאָלערירט.

אַ געבוירענע הערשער־נאַטור, האָט ר׳ יהודה אָבער זיך מיט דעם ניט גערעכנט אין דער פּראַקטיק. אין זיין ממשלה האָט ער זיך געהאַלטן, ווי אַן אומבאַגרענעצטער הערשער, און זיין באַציאונג צו די תלמידים איז געווען אַ שטרענגע, אַ געביטערישע. יעדערער פון זיי האָט שטענדיק געמוזט געדענקען, אַז ער שטייט נישט בלויז פאַר אַ לערער, נאָר אויך פאַר אַ הערשנדיקער פּערזאָן און די מינדעסטע פרייהייט אין דער האַל־טונג בנוגע צום פּאַטריאַרך, איז שטרענג געוואָרן באַשטראָפט. צווישן דער גרויסער צאָל תלמידים פון בבל, וואָס האָבן זיך געפונען אין ר׳ יהודהס אַקאַדעמיע, איז געווען איינער מיטן נאָמען חייא (פון אחיה), וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אומגעווייגלעכע מעלות, און איז געווען באַרימט מיט

זיין אומפאַרמאַטערלעכער טעטיקייט צו פאַרשפּרייטן די תורה צווישן די ברייטע שיכטן פון פאָלק. דעם דאָזיקן ר׳ חייא האָט ר׳ יהודה אליין אויך שטאַרק געשעצט און ליב געהאַט, און געזאָגט אויף אים: „אַ גרויסער מענטש, אַ הייליקער מענטש״; און דאָך האָט ער אים נישט געקענט שענקען דעם פאַקט, וואָס ער, ר׳ חייא, האָט זיך דערלויבט צו מאַכן אַ שפּאַס מיט אים. דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם ווייטערדיקן אופן: ר׳ יהודה האָט זיך אַמאָל אָפּגערופן צו זיין געליבטן תלמיד: „אלץ, וואָס אַ מענטשן וועט מיר הייסן טאָן, וועל איך טאָן, נאָר נישט דאָס, וואָס די בני בתירא האָבן אַמאָל געטאָן בנוגע צו מיין זיידן הלל, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער נשיאות און אים אָוועקגעזעצט אויף זייער שטול. ווען דער ראש גלותא (עקזילאַרך) פון בבל, רב הונא, וואָלט געקומען אַהער, וואָלט איך אים נאָר אַוועקגעזעצט אויבן־אָן, ווייל ער איז פון שבט יהודה און איך בין פון שבט בנימין (לויט אַן אַנדערן נוסח: ווייל ער קומט אַרויס פון דוד המלך פון דער מענלעכער און פון דער ווייבלעכער ליניע), אָבער מיין פלאַץ וואָלט איך אים נישט אָפּגעגעבן״. אין אַ צייט אַרום איז ר׳ חייא אריינגעקומען און האָט אויסגערופן: „רב הונא, דער ראש גלותא פון בבל קומט אַהער״. דאָס האָט אויפן פּאַטריאַרך געמאַכט אַן איינדרוק און ער איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג. ערשט דאַן האָט אָבער ר׳ חייא דערקלערט: „זיין ארון קומט אָן, ווייל ער האָט אָנגעזאָגט פאַרן טויט, מ׳זאָל איבערפירן זיינע ביינער קיין ארץ ישראל און זיי דאָרטן ברענגען צו קבורה״; פאַר דעם שפּאַס האָט דער נשיא דערווייטערט פון זיך דעם תלמיד אויף דרייסיק טעג. אַ צווייט מאָל איז פאָרגעקומען, אַז ר׳ חייא האָט באַקומען אַ שטאַרקן אויסרייד פון פּאַטריאַרך דערפאַר, וואָס ער האָט געלערנט מיט צוויי תלמידים אין גאַס, קעגן דעם באַפעל פון נשיא, וואָס האָט פאַרבאָטן צו לערנען אין אַן עפנטלעך אָרט.

אַן ענלעכע געפילפולקייט האָט ר׳ יהודה אַרויסגעוויזן אויך בנוגע צו זיין תלמיד שמעון בר קפרא. דער דאָזיקער תלמיד איז, אויסער זיין גרויסקייט אין לערנען, געווען אויך אַ גלענצנדיקער קענער פון דער העבּ־רעאישער שפּראַך, און דערצו — אַ געשיקטער דיכטער און סאַטיריקער. האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז ביים נשיא אין שטוב איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסע געזעלשאַפט, און דעם וויציקן בר קפרא האָט זיך פאַרגלוסט מאַכן אַ שפּאַס מיטן איידים פון נשיא, בר אלעשה, וועלכער איז געווען

זייער רייך, אָבער פּראָסט און דערצו נאָך אַ גרויסער בעל גאוה. פון די פאַרזאַמלטע האָט יעדערער געפונען אַן אַנדער זאַך, צו פרעגן דעם נשיא, און נאָר איין בר אלעשה איז געזעסן שווייגנדיק. איז צו אים צוגעגאַנגען בר־קפרא און איינגערעדט, ער זאָל אויך עפּעס פרעגן דעם נשיא, און דער־ביי האָט ער אים אויפגעגעבן אַן עפּיגראַם, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ ביי־סנדיקע סאַטירע קעגן געוויסע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום נשיא. בר־אלעשה האָט די סאַטירע נישט פאַרשטאַנען ,און פאַר־געלייענט דאָס לידל פאַר זיין שווער. יענער האָט אָבער גלייך באַמערקט בר־קפּראס מיין און זיך געווענדט צו דעם שמייכלענדיקן דיכטער, האָט ער ער מיט אָפענער פאַראַכטונג געזאָגט: „ווער ביזטו ? איך קאָן דיך נישט!” ערשט דאַן האָט בר־קפרא זיך ארומגעזען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט מער קיין האָפענונג צו באַקומען סמיכה פונעם נשיא. דעם דאָזיקן פּסק האָט געהאַט אויך מר־שמואל ,איינער פון די באַרימטע תלמידים פון בבל, וואָס האָט געלערנט אין ר׳ יהודהס ישיבה און אפילו אויך אויסגעהיילט אים פון זיין שווע־דער קראַנקייט, ווייל רבי האָט געהאַלטן, אַז שמואל איז מער דאָקטאָר און אַסטראָנאָם, ווי געזעצגעבער, האָט ער אים נישט געוואָלט מסמיך זיין פאַר אַ געזעצלערער, און אַזוי ווי ער האָט אליין געפילט אַז דאָס איז נישט קאָרעקט בנוגע צו אַ מענטשן, וואָס האָט אים דערהאַלטן ביים לעבן, — האָט ער זיך אַמאָל געפּרוּווט פאַרענטפערן פאַר שמואלן. דער לעצטער האָט זיך אָבער פריער געכאַפּט און אים געענטפערט איראָניש: „אומזיסט דער צער! איך זע, אַז ס׳איז שוין אויף מיר אַזוי נגזר געוואָרן און אין אדם הראשונס בוך איז גע־שטאַנען געשריבן, אַז שמואל ירחינאה וועט האָבן נאָר דעם טיטול „חכם” און נישט „רבי”.

בנוגע צו דער געזעצגעבנדיקער פּראַקטיק האָט ר׳ יהודה אַרויס־געוויזן אַן אומגעווייגלעכע זעלבסטשטענדיקייט, און ווי אַן אייניקל פון דעם גרויסן הלל האָט ער דאָס אַלע מאָל געטאָן נישט כדי צו באַלעסטיקן און באַשווערן דאָס יידישע לעבן, נאָר כדי עס צו פאַרלייכטערן. ער האָט איינגעפירט תקנות מיט גרייסע פאַרלייכטערונגען אין אַ סך דינים און מנהגים, וועלכע זיינען געווען פאַרהייליקט אין פאָלק צוליב זייער אַלט־קייט, און האָבן קיין יסוד נישט געהאַט אין דעם איצטיקן לעבן. צו די

לעצטע האָבן אָנגעהערט אויך די אַלע דינים וועגן שמיטה און מעשרות, וואָס האָבן שטאַרק געדריקט דאָס פאָלק ביי דעם איצטיקן סיסטעם פון קאָפּ־ און ערד־שטייערן. ר׳ יהודה האָט אפילו געוואָלט אין גאַנצן מבטל זיין דעם דין פון שמיטה, ווי אַ געזעץ, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט צו די איצטיקע לעבנס־באַדינגונגען פון די יידישע מאַסן; אַזוי פיל האָט ער שוין אָבער מורא געהאט אויף זיך צו נעמען, ווען ער האָט געזען די גרויסע התנגדות, וואָס יענע פאַרלייכטערונגען האָבן אַרויסגערופן צווישן די קאָנ־סערוואַטיווע עלעמענטן פון סנהדרין. צווישן זיי האָט זיך באַזונדער אויס־געצייכנט ר׳ פּנחס בן יאיר, דער איידעם פון דעם אויבן־דערמאָנטן ר׳ שמעון בן יוחאי. אומגעווייינלעך פרום און אַסקעטיש, האָט זיך אָט דער ר׳ פּנחס אויסגעצייכנט אויך מיט אַ שטאַרקן פּאַטריאָטישן געפיל, און פול מיט פאַרצווייפלונג פלעגט ער שטענדיק קלאָגן: ,זינט עס איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש האָבן די חברים און פּאַטריאָטן אָנגעהויבן זיך צו שעמען, און די אנשי מעשה זיינען אָרים געוואָרן, און עס האָבן זיך גע־שטאַרקט בלויז די קולאַק־ און צונג־מענטשן; קיינער פרעגט נישט און קיינער זוכט נישט ,און מיר מוזן האָפן נאָר אויפן טאַטן אין הימל״. ר׳ פּנחס האָט שטאַרק מחמיר געווען אין די מצוות, וואָס זיינען געווען פאַר־בונדן מיט דער הייליקייט פון ארץ ישראל און האָבן זיך דאָרטן פּראַק־טיצירט, ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען. זיין שטרענגקייט אין דער הינזיכט האָט געדינט ווי אַ שטאָף פאַר פאַרשידענע איראָנישע מעשיות, און אין פאָלק האָט זיך דערציילט, אַז ווען איינער האָט אַמאָל געפּרואווט אונטערטראָגן ר׳ פּנחסעס אייזל נישט קיין געמעשרטן האָבער, האָט עס דער אייזל גלייך דערשפּירט און נישט געוואָלט פאַרזוכן.

וועגן דעם סכסוך, וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן דעם נשיא און ר׳ פּנחסן, צוליב דער פראַגע פון שמיטה איז דערגאַנגען צו אונז די וויי־טערדיקע אגדה, וואָס כאַראַקטעריזירט אויך אין אַלגעמיין די באַציאונג צווישן די דאָזיקע גרויסע גייסטער. דער נשיא האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס יענעם יאָר איז געווען אַ שטאַרקע נישט־געראָטעניש אויף די פעלדער און ס׳איז פאַרגעשטאַנען די געפאַר פון אַ הונגער. און ער האָט געוואָלט מתיר מאַכן שמיטה כלומרשט נאָר אויף דעם יאָר, ווי אַן אויס־נאַם; ווען ער האָט אָבער געפּרואווט אַ רעד טאָן מיט ר׳ פּנחסן, און אים אָנגעהויבן אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם, וואָס ,,די תבואות זיינען

נישט געראָטן״, — האָט אים ר׳ פּנחס גלייך איבערגעשלאָגן מיט דער באַ־מערקונג: „די ביטערע קרייטעכצער זיינען געראָטן״. דאָס האָט געהייסן: אויב דאָס פאָלק וועט קיין ברויט נישט האָבן, זאָל עס זיך שפּייזן מיט ביטערע קרייטעכצער און די מצוה פון דער תורה טאָר נישט בטל ווערן. ר׳ יהודה האָט מער שוין נישט גערעדט מיט ר׳ פּנחסן וועגן דעם; נאָר איין מאָל האָט זיך געמאַכט אַז ר׳ פּנחס איז אָנגעקומען אין דער געגנט פון רבים הויף, איז רבי אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן און פאַרבעטן צו זיך אויף אַ מאָלצייט. אויף דעם האָט ר׳ פּנחס געענטפערט, אַז ער וועט קומען צוריקוועגס, ווייל איצט איז ער פאַרנומען אין אַ מצוה־ענין. דערביי האָט ער דערקלערט דעם אומצופרידענעם נשיא: „דו מיינסט, אַז איך האָב מיך איינגעשפּאַרט נישט נהנה צו זיין פון קיינעם? יידן זיינען הייליק. אַן אַנדערער וויל מהנה זיין און האָט נישט מיט וואָס; אַ צווייטער האָט יאָ מיט וואָס, און וויל נישט; דו ווילסט און האָסט מיט וואָס — בין איך גרייט ביי דיר צו עסן״. ווען ער איז צוריק געקומען, איז ער גראָד געגאַנגען דורך דעם הויף, וואו ס׳זיינען געשטאַנען ווייסע מויל־אייזלען האָט ער געזאָגט: „דער מלאך המות איז ביי אים אין שטוב, וועל איך ביי אים עסן? האָט רבי זיך דערוואוסט, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: איך וועל זי פאַרקויפן! — ס׳שטייט: ולפני עור לא תתן מכשל (פאַר אַ בלינדן זאָלסטו קיין שטרויכלונג נישט אַוועקלייגן), האָט ר׳ פּנחס געענט־פערט — איך וועל זיי מפקיר זיין! וועסטו אָנטאָן נאָך מער שאָדן. האָט ר׳ פּנחס איינגעוואָנדן: — איך וועל זיי לאָזן מסרס זיין! — ס׳איז אַ צער בעל חיים. — איך וועל זיי הרגענען! — וועסטו עובר זיין אויף בל תשחית. און אַזוי לאַנג האָבן זיי זיך געשפּאַרט, ביז סאיז אויסגעוואַקסן אַ הויכע וואַנט צווישן זיי״.

ביי דער שטאַרקער התנגדות פון דעם פאַרהייליקטן ר׳ פּנחס בן יאיר, האָט דער נשיא פונדעסטוועגן דאָך נישט נאָכגעגעבן און זיינע פאַרלייכ־טערונגען אין דעם רעליגיעזן לעבן פון פאָלק זיינען פאַרבליבן אין זייער קראַפט. צווישן אַנדערעס האָט ר׳ יהודה אויסגעשלאָסן עטלעכע פאַלעס־טינישע ראַיאָנען (בית שאן, קסריה אא״וו), וועלכע זיינען פון אייביק אָן עווען באַפעלקערט פון געצנדינער) פון כלל ארץ ישראל, און אויף אַזאַ אופן זיי באַפרייט פון די אַלע געבאָטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער הייליקייט פון דער יידישער ערד. ר׳ יהודה האָט אין געוויסע הינזיכטן

פאַרלייכטערט אויך די געזעצן וועגן שבת, וועלכע האָבן שטאַרק געדריקט דאָס פאָלק און פאַרוואַנדלט דעם שבתדיקן טאָג אין אַ טאָג פון פיין און נויט.

אָט די אַלע פאַרדינסטן פון דעם געאַכפּערטן נשיא זיינען קליין אין פאַרגלייך מיט דער אונטערנעמונג, וואָס האָט געמאַכט זיין נאָמען אומשטערבלעך און אויפגעעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע — די אָפּשליסונג פון דער משנה. פון יענער צייט אָן, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרואוו צונויפצוזאַמלען דעם הלכהשן מאַטעריאַל (אונטערן נאָמען עדיות), זיינען שוין געהאַט אַריבער עטלעכע דורות, און דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן. הונדערטער נייע מעגלעכקייטן און הלכות זיינען געוואָרן דערקלערט און באַשטימט אין די פאַרשידענע ישיבות פון די גרויסע געזעצלערער, און די זאַך איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז די אַלטע טראַדיציע, לויט וועלכער די אַלע דערקלערונגען, „געזעץ־אויסטייטשונגען און בכלל נייע הלכות האָבן גע־מוזט איבערגיין פון דור צו דור בעל פּה (אויסנווייניק, מינדלעך) כדי דערמיט צו באַטאָנען די הייליקייט פון דער געשריבענער געטלעכער תורה (תורה שבכתב), — אַז אָט די טראַדיציע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעצלערע. וואָס ווייטער איז אַלץ מער אוממעגלעך געוואָרן, צו געדענקען אויפין קאָפּ די אומגעהויערע צאָל הלכות, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן און פאַרוויקלען זיך ,און די עטלעכע סיסטעמאַטיזירטע זאַמלונגען פון ר׳ עקיבא און ר׳ מאיר האָבן שוין איצט אויך גאַנץ וויניק באַפרידיקט די פאָדערונג פון דער אַרבעט.

אָט די ערנסטע לאַגע האָט שטאַרק באַאומרואיקט דעם ווייטזיכטיקן נשיא און ער האָט זיך גענומען פאַר דער גרויסער אַרבעט — צונויפצו־זאַמלען אין איין ווערק דעם גאַנצן הלכהשן מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געשאַפן און אויסגעפורעמט פון די אַלטסטע צייטן אָן — די כנסת הגדולה, — ביז דער עפּאָכע פון די לעצטע ישיבות. אין דער זאַמלונג, אונטערן נאָמען מ ש נ ה, האָט ר׳ יהודה אריינגעגעבן נישט בלויז די באַשטי־מונגען פון יעדער הלכה, נאָר אויך די פאַרהאַנדלונגען, די שקלא וטריא וועגן איר. דערביי האָט ער אָבער אליין שוין מכריע געווען צווישן די פאַר־שידענע מיינונגען און נישט איבערגעלאָזט כמעט קיין שום הלכה אָן אַ

קלאָרער באַשיידונג. כדי אריינצוברענגען מער אָרדענונג אין דער אומגעהויערער מאַסע פון געזעצן באַשטימונגען און פאַרהאַנדלונגען וועגן די פאַרשידנסטע פראַגן פון דעם געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן האָט ר׳ יהודה איינגעטיילט דעם מאַטעריאַל אין באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע גרופּעס, לויט דעם כאַראַקטער פון די פראַגן, וואָס זיינען אין זיי באַהאַנדלט געוואָרן. אויף דעם יסוד זיינען אַנטשטאַנען אין דער משנה זעקס אָפּטיילונגען (סדרים), אונטער די ווייטערדיקע נעמען און מיט די ווייטערדיקע אינהאַלטן: א) זרעים (וואַקסונגען) — אַלע געזעצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ערד (פאה,, שמיטה, מעשר אא״וו); ב) מועד (יום־טוב — די געזעצן וועגן שבת, וועגן אַלע יום־טובים, תעניתים אאז״וו; ג) נשים (פרויען) — אַלע געזעצן, וואָס באַהאַנדלען די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי; ד) נזיקין (שאָדן־טאָן) — אַלע געזעצן וועגן דער באַציאונג צווישן איין מענטשן און דעם אַנדערן (בירגערלעכן און קרימינאַל־געזעצן) און וועגן דער טעטיקייט פון געריכט; ה) קדשים (הייליקייטן) — וועגן קרבנות, שחיטה, כשר און טריפה אא״וו; ו) טהרות — (ריינקייטן) — וועגן די ריינקייטס־פליכטן פון די לויים און געוויינלעכע יידן, וועגן דער היגיענישער ריינקייט אין פאַמיליען־לעבן (נדה) אאז״וו. אָט די גרופּעס האָבן זיך ווידער איינגעטיילט אויף קליינע אָפּטיילונגען (מסכתות), און עטלעכע פון די מסכתות, וואָס זיינען געווען קליין, כדי צו פאַרנעמען אַ גאַנצן „סדר״, זיינען אריינגענומען געוואָרן אין זייטיקע גרופּעס כאָטש זיי האָבן צו יענע נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות אַזוי, למשל, איז אין דעם סדר „זרעים״ אריין די מסכתא „ברכות״, וואָס באַהאַנדלט אַלע תפילות און ברכות אין שול און אין הויז; אין דעם סדר נשים — די מסכתא „נדרים״ (וועגן אַ נדר טאָן) און „נזיר״ (וועגן נזירות און באַזונדער הייליקייט); אין דעם סדר נזיקין — דער טראַקטאַט וועגן געצנדינעריי („עבודה זרה״) און די זאַמלונג פון עטישע אַפאָריזמען (פרקי אבות).

דאָס איז געווען אַ ריזן־אַרבעט, דעם כאַאָס צו באַלייכטן און צו סיסטעמאַטיזירן, צונויפנעמען אין איין ריי אַ מאַסע געזעצן, אַרויסצוגעפינען די צוזאַמענגעהעריקייט אָדער די קעגנזעצלעכקייט פון די דאָזיקע געזעצן, און דאָס אַלץ קורץ און בינדיק צו פאָרמולירן. דער קצור און די אויסדריקלעכקייט איז דאָ נאָך באַזונדער געווען נויטיק, ווייל דאָס ווערק איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן נישט ווי אַן אָפּגעשלאָסענער קאָדעקס,

נאָר ווי אַ געדענק־בוך (ספר זכרון) פאַר זיך און פאַר די תלמידים. די שפּראַך פון דער משנה איז די אַקאַדעמישע העברעישע שפּראַך פון יענער צייט, וואָס איז געווען פיל פשוטער און פּראָזאַישער פון דעם הויך־פּאָעטישן ביבלישן דיאַלעקט, דערפאַר אָבער אויך פיל רייכער, מיט פיל מער באַשטימטקייט און נענטער אין אַ געוויסער מאָס צו דעם אַלטעגלעכן אַראַמישן דיאַלעקט. די דאָזיקע שפּראַך איז געווען איינגעפירט אינעם הויף פון נשיא, און אין פאָלק האָט זיך שפּעטער דערציילט, אַז אפילו די דינסטן דאָרטן האָבן געקענט גוט העברעאיש.

געשאַפן ווי אַ ספר זכרון, איז די שפּראַך פון דער משנה, ווי געזאָגט, זייער קורץ, און דאָס האָט שפּעטער געבראַכט צו נייע מיינונגס־פאַר־שידנקייטן און אויסטייטשונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע יאָרהונ־דערטער דערצן אַ האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אויך דער פאַקט, וואָס די משנה איז געוואָרן מיט דער צייט פיל מער, ווי אַ ספר זכרון — די אויטאָריטעט פונעם גרויסן נשיא איז געווען אַזוי גרויס אַז זיין ספר זכרון איז אָנגענו־מען געוואָרן פון גאַנצן פאָלק, ווי אַ הייליק געזעץ־בוך, ווי אַ צווייטע תורה, און די הלכות פון דער משנה זיינען אליין געוואָרן אַ מין אייזערנער יסוד, אויף וועלכן ס'האָבן זיך שפּעטער אויסגעבויט גאַנצע פּיראַמידן פון נייע אויסטייטשונגען און פּלפּולים. די אַלע געזעצלערער, וואָס זייער נאָמען ווערט דערמאָנט אין דער משנה, באַקומען אין פאָלק דעם ערן־טיטל ת נ א י ם , בשעת די אויסטייטשער פון דער משנה און בכלל אַלע געזעצ־לערער פון ר' יהודהן אָן, טראָגן דעם נאָמען א מ ו ר א י ם .

ווען ער האָט געענדיקט די משנה, האָט ר' יהודה נאָך געלעבט אַ סך יאָרן, און אויף וויפיל ס'איז אַרויסצודרינגען פון די נישט קלאָרע ידיעות, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז פון יענער זייט איז דעמאָלט די יידישע לאַגע אין פּאַלעסטינע וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער. מיט דער הערשאַפט פון מאַרק אוירעליוסעס זון, קאָמאָדוס, הייבט זיך אָן די ריי פון מערדעריש־ווילדע טרעגער פון דער קרוין, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע דערשטיקט און דערשטאָכן, כדי צו פאַרכאַפּן דעם טראָן. קאָ־מאָדוס האָט באַשטימט פאַר אַ פאַרוואַלטער איבער סיריע און פּאַלעס־טינע דעם אכזריותדיקן פּעסצעניוס ניגער ,און ווען די איינוואוינער פון יהודה האָבן זיך געפּרואווט צו אים ווענדן מיט דער בקשה, ער זאָל אַביסל פאַרלייכטערן די אומדערטרעגלעכע משא פון אַלערליי שטייערן, האָט ער

זיי געענטפערט: „איר פאַרלאַנגט, איך זאָל פאַרלייכטערן די שטייערן פון אייערע פעלדער און איך וואָלט וועלן אַרויפלייגן אַן אָפּצאָל אויף דער לופט, וואָס איר אָטעמט איין". נאָך קאָמאָדוסעס טויט האָבן די פּרעטאָריאַנער פאַרקויפט די רוימישע קרוין דעם שענדלעכן דידיוס יוליאַנוס. יעדער איז אָבער אויך באַלד דערהרגעט געוואָרן, און עס איז אויסגעבראָכן אַ בלוטיקער בירגער קריג צווישן סעפּטימוס סעווערוס און פּעסצעניוס ניגער, אין וועלכן עס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אויך די יידן פון פּאַלעסטינע. די יידן וואָס האָבן געקענט ניגערס אכזריות, האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון סעפּטימוס סעווערוס, און אין דערזעלביקער צייט זיינען די שומרונים צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פון דעם געווע־זענעם סירישן פאַרוואַלטער. געענדיקט האָט זיך די מלחמה מיט סעווערוסעס נצחון, און ער האָט זיך ביטער נוקם געווען אין די שומרונים: ער האָט אוועקגענומען די בירגער־רעכט פון דער שומרונישער שטאָט שכם און פאַרוואַנדלט אין אַ רוימישער קאָלאָניע די שטאָט שומרון. דאַקעגן האָט ער זיך צו די יידן באַצויגן מיט חסד און זיי צוריקגעגעבן עטלעכע פון די זכיות, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן בעת דעם אדריאַנוסישן קריג.

אין יענער צייט זיינען ווידער פאַרגעקומען באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן רוימישע סאָלדאַטן און יידישע יונגעלייט, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו פאַרשידענע רעוואָלטירנדיקע מחנות, און האָבן שטאַרק באַאומרואיקט די רוימער. אַזוי ווי זיי האָבן אליין זיך ניט געקענט געבן אַן עצה מיט די „רויבער", האָבן די רוימער זיך געווענדעט צו די צוויי אָנגעזעענע יידישע געזעצלערער ר' אלעזר (אַ זון פון דעם באַרימטן רוימער־פיינט ר' שמעון בן יוחאי) און ר' ישמאל, מיט דעם פאָרשלאָג, אַז זיי זאָלן העלפן דער רוימישער מאַכט אין איר קאַמף מיט די „באַנדיטן". און די געזעצלערער האָבן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אָנגענומען: זיי האָבן מיט פאַרשידענע מיטלען אויסגעשפּיאָנירט די יידישע פאַרברעכער און זיי אי־בערגעגעבן אין די הענט פון דער אַדמיניסטראַציע. דאָס האָט אָבער אַרויס־גערופן קעגן זיי אַ פאַרביטערטן כעס אין פאַרשידענע קרייזן פון פאָלק. ר' יהושע בן קרחה (לויט אַן אַנדער נוסח: ר' עקיבאס אַ זון) האָט געשיקט זאָגן ר' אלעזרן: דו, עסיק, זון פון ווייַן (שלעכטער זון פון גוטן טאַטן!) ביז ווען וועסטו עס איבערגעבן דאָס פאָלק פון אונדזער גאָט צום הרגענען?" און ווען ר' אלעזר האָט געפּרואווט זיך צו פאַרענטפערן: „איך רוים אויס

די דערנער פון ווײנגאָרטן" — האָט ר׳ יהושע שאַרף אָפּגעענטפערט:
„זאָל קומען דער בעל הבית פון ווײנגאָרטן און אויסרוימען זײַנע דער־נער!" דער צווייטער, ר׳ ישמעאל, האָט זיך פאַרטיידיקט דערמיט, וואָס די רוימער האָבן אים געצוואונגען, זיי צו העלפן אויפזוכן די „גנבים". אויף דעם האָט אים דאָס פאָלק געענטפערט: „דײַן טאַטע וואָס איז גע ווען פיל בעסער פון דיר האָט געשוויגן, נישט געוואָלט רעדן קיין גוטס אויף רוים און האָט געמוזט דעריבער אַנטלויפן קיין לאַאָדיצעע. פאַרוואָס זאָלסטו אויך נישט אַנטלויפן?".

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע אומרוען זײַנען נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן קיין באַזונדערע גזירות קעגן יידן, נאָר קעגן די פּראָזעליטן (גרים) האָט סעווערוס אַרויסגעגעבן שאַרפע געזעצן. לויט איינעם פון די באַ־פעלן איז יעדער געמלטער געצנדינער געוואָרן פאַרטריבן פון לאַנד און זײַן פאַרמעגן איז געוואָרן קאָנפיסקירט; נאָך אַ גרעסערע שטראָף האָבן באַקומען יענע ,וואָס האָבן זיך באַטייליקט ביי דער אָפּעראַציע פון מל זײַן — זיי האָט געדראָט דער טויט, און דיזעלביקע שטראָף איז באַשטימט גע־ווען אויך פאַר די יידן, וואָס האָבן געלאָזן מל זײַן זייערע שקלאַפן.

אָט די אַלע געשעענישן זײַנען פאָרגעקומען נאָך בעתן לעבן פון דעם אַלטן פאַטריאַרך, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן גענויע פערציק יאָר (ביז אַרום 210). די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט דער נשיא פאַר־בראַכט אין שווערע פיזישע ליידן ;זײַן גייסטיקע רואיקייט האָט אים אָבער אויך דאַן נישט פאַרלאָזט. ער האָט צונויפגערופן אַרום זיך זײַנע קינדער און די מער באַדייטנדע געלערנטע און זיי איבערגעגעבן זײַן לעצטן ווילן בנוגע צו די פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן פון דעם ווייטערדיקן הויז־לעבן און דער פאָלקס־פירונג. „גמליאל מײַן זון — האָט ר׳ יהודה אָנגע־זאָגט — זאָל זײַן „נשיא" אויף מײַן אָרט און זײַן ברודער שמעון — דער „חכם" אין די זיצונגען פון סנהדרין"; דאַן האָט ער נאָך געבעטן, מ׳זאָל „נישט קלאָגן נאָך אים אין די שטעט און נישט מבטל זײַן איבער דעם די קינדער פון לערנען". אין אַ קורצע צייט אַרום איז דער גרויסער נשיא געשטאָרבן, און דאָ ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ווייט דאָס פאָלק האָט פאַרגעטערט דעם פאַטריאַרך און אים געשעצט. נאָך ביי דער גסיסה פון דעם געאַכפּערטן ר׳ יהודה האָבן זיך שוין געפונען אין צפורי טויזנטער יידן פון אַלע עקן לאַנד, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ

און אַזוי ווי נישט געוואָלט גלויבן, אַז די ענדע פון יעדן שטערבלעכן וועט ענדלעך קומען אויך אויף דעם הייליקן פירער פון דער אומה. די שפּאַנונג און די אויפרעגונג פון די פאַרזאַמלטע האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די חכמים האָבן מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין צו־שטור־מישע און צו־שטאַרקע אויסברוכן פון טרויער, ווען דאָס פאָלק וועט זיך דערוויסן, אַז דער גרויסער פירער איז טויט. זיי האָבן דעריבער פאַראָרדנט, אַז קיינער זאָל נישט אַרויסברענגען פאַרן מויל די ווערטער „רבי איז גע־שטאָרבן", און ווען רבי יהודה איז טאַקע אויסגעגאַנגען, האָט זיין תלמיד שמעון בר קפרא געגעבן צו וויסן וועגן דעם דעם פאַרזאַמלטן פאָלק אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. ער איז אַרויף אויף אַ הויכן אָרט, האָט זיך געוויזן פאַרן פאָלק אין צעריסענע קליידער און גערופן מיט אַ וויינענדיקן קול:

„מלאכים און שטערבלעכע האָבן זיך געראַנגלט איבער דעם
הייליקן ארון,
האָבן די מלאכים באַזיגט די שטערבלעכע, און ס'איז געפאַנגען
דער הייליקער ארון!"

פון האַרצן פון פאָלק האָט זיך אַרויסגעריסן דער געשריי: „אונ־זער הייליקער רבי איז געשטאָרבן!" זייער געוויין האָט אָפּגעהילכט אַזש אין גבתה, וואָס איז געווען פיר מייל ווייט פון צפורי. דער המון וואָס האָט באַגלייט דעם ארון, האָט, לויט דער מסורה, פאַרנומען דעם גאַנצן וועג פון צפורי ביז בית שערים, וואו דער נשיא איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה; און צום צייכן פון אויסערגעוויינלעכן טרויער האָט מען מתיר געווען די כהנים, זיך צו באַשעפטיקן מיט דער קבורה פונעם גרויסן נפטר כאָטש דאָס איז זיי, לויט דער תורה, פאַרבאָטן. „היינט איז קיין כהונה נישטאָ!" האָבן די חכמים שאַרף דערקלערט—: דאָס סנהדרין און די כהונה האָבן מיט יראת הכבוד געבויגן דעם קאָפּ פאַר דעם „הייליקן רבין", וואָס האָט פאַרקערפּערט מיט זיך די אייביקייט פון דער תורה.

פון ר' יהודהס נאָכפאָלגער, ר' גמליאל דעם דריטן (210־225) ווייס די געשיכטע צו דערציילן נאָר דאָס, אַז ער האָט פּינקטלעך אָפּגעהיט דעם פאָטערס פאַראָרדענונגען. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָליטישער לאַגע פון יהודה אין יענער צייט און פאַר דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם דאָזיקן פּאַטריאַרך, זיינען די מאמרים, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון אים צו אונדז אין די פרקי אבות. אין דעם מאמר זאָגט זיך: „ס'איז גוט צו לערנען

תורה ווען מ׳האָט דערביי עפּעס אַ וועלטלעכע באַשעפטיקונג, דען אָט די טאָפּלטע אַרבעט מאַכט פאַרגעסן אין זינד; תורה אָן אַ מלאכה איז נישט מעגלעך און דער סוף איז, אַז דאָס ברענגט צו זינד. — אַלע, וואָס פאַרנע־מען זיך מיט כלל־זאַכן, זאָלן עס טאָן לשם שמים, וועט זיי דער זכות פון זייערע עלטערן ביישטיין און זייער צדקה וועט בלייבן אייביק". „אייך אָבער — האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע תלמידים — זאָג איך צו דעם גרעסטן שכר, פּונקט ווי ווען איר וואָלט זיך באַשעפטיקט מיט כלל־ענינים. זייט פאָרזיכטיק קעגנאיבער דער (רוימישער) מאַכט, דען זיי זיינען מקרב אַ מענטשן נאָר דעמאָלט, ווען זיי דאַרפן אים; זיי פאַרשטעלן זיך פאַר פריינד, ווען זיי דאַרפן דערפון עפּעס האָבן, און שטייען נישט ביי אין אַ נויט. — מאַך זיין (גאָטס) ווילן, ווי דיין ווילן, כדי ער זאָל מאַכן זיין ווילן ווי דיי־נעם. זיי מבטל דיין ווילן פאַר זיינעם, כדי ער זאָל מבטל זיין די ווילנס פון אַנדערע פאַר דיין ווילן".

די דאָזיקע וואָרענונג, זיך צו פאַרהאַלטן מיט אַ געוויסער פאָרזיכ־טיקייט צו די פאַרשטייער פון דער מאַכט און זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון זייערע חניפות און הבטחות, — האָט אַווירקלעכן יסוד אין דער דאַמאָל־טיקער פּאָליטישער לאַגע פון יהודה. נאָך דעם טויט פון סעפּטימוס סעווע־רוס איז רוים, אין דעם משך פון אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט, געווען מער אַ סיריש־אַזיאַטישע, ווי אַן אייראָפּעאישע מלוכה. קלוגע כיטרע סירישע פרויען זיינען געווען די טאָן־געבער פון דעם רוימישן מלוכה־לעבן — אַזעל־כע זיינען געווען יוליאַ דאָמנאַ, סעווערוסעס ווייב, איר שוועסטער יוליאַ מעזאַ און אירע צוויי טעכטער יוליאַ סאָעמיאַ און יוליאַ מאָמעאַ. אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אַן אומגעהייערע השפעה אויף דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון דער אומגעהויערער וועלט־מלוכה, האָבן אָט די סירישע פרויען פונעם שטעטל עמעסאַ, וואו ס׳האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדיקע יידישע קהלה מיט אַ מאַסע אָנגעזעענע יידן און גרים, — זיך געפילט אין אַ געוויסער מאָס נענטער צו יידן, און אויב זיי האָבן געטראָגן אין האַרצן כעס און פאַראַכטונג, איז עס גיכער געווען צו מיוחסדיקע רוימער און זייער אויפ־פירונג. אין אַ יאָר אַרום נאָך דער דערמאָרדונג פון סעווערוסעס זון קאַ־ראַקאַלאַ, — וועלכער האָט דערקלערט די אייגנוואוינער פון אַלע אונטער־געוואָרפענע פּראָווינצן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע רוימישע בירגער — איז סאָעמיאַס זון, העליאָגאַבעל, אויסגערופן געוואָרן פון דעם סירישן לעגיאָן

פֿאַר אַ קייסער. אָט דער ווילד־אויסגעלאַסענער הערשער, וואָס איז געווען שטאַרק פֿאַרקאָכט אינעם קולט פֿונעם סירישן גאָט בעל, האָט אפֿילו זיך געלאָזט מל זיין און נישט געגעסן קיין חזיר. דאָס איז אָבער געווען נישט מער, ווי אַ מיטל צוצוציען די באַפֿעלקערונג צו דעם קולט פֿון בעל.

אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די דאָזיקע מושלים האָט זיך די יידישע לאַגע באַדייטנד פֿאַרבעסערט — זיי האָבן נישט געהאַט איצט אַזוי פֿיל צו ליידן פֿון דער רוימישער גאוה, פֿון דער פֿאַרריסנקייט, מיט וועלכער די רוימער האָבן שטענדיק געקוקט אויף זיי און אויף זייער גלויבן. ביי די אַלע מעשים תעתועים וואָס דער דערמאָנטער העליאָגאַבעל האָט אָנגעטאָן אין דער צייט פֿון זיין הערשן, האָט זיך אָבער אין זיין טעטיקייט אָנגעזען איין באַשטימטע כונה: ער האָט געוואָלט אונטערגראָבן די רוימישע איי־גנאַרטיקייט, די רוימישע געטער־וועלט. אין דעם טעמפּל פֿאַרן זון־גאָט, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט אין רוים, האָט ער אָפּגעגעבן אַ פּלאַץ אויך פֿאַרן קולט פֿון יידן, קריסטן און שומרונים, און פֿון דער יידישער זייט האָט זיך אויך געמערקט אַ געוויסע פֿריינטלעכע דערנענטערונג צו דער אויסנ־ווייניקסטער וועלט. ר׳ גמליאלס צוויי באַגאַבטע זין, יהודה און הלל, האָבן גרינטלעך דערלערנט די גריכישע שפּראַך און די גריכישע ליטעראַ־טור, כדי צו קענען פֿרייער פֿאַרקערן מיט דער רוימישער וועלט, און די זאַך איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפֿילו אין דער פֿריזור־פֿאָרם האָבן דעם פּאַטריאַרכס זין זיך צוגעפּאַסט צו דער רוימישער מאָדע, כאָטש דאָס איז ביז דאַן געווען פֿאַרבאָטן.

וועגן אָט דער צו־שטאַרקער התקרבות האָט עס ר׳ גמליאל מרמז גע־ווען אין זיין מאמר פֿון פּרקי אבות. די ווירקונג פֿון דעם אָנזאָג איז אָבער, ווי ס׳איז צו גלויבן, נישט געווען שטאַרק. ר׳ גמליאלס נאָכפֿאָלגער, ר׳ יהודה דער צווייטער האָט נאָך מער דורכגעבראָכן די וואַנט, וואָס האָט ביז אַהער אָפּגעטיילט די יידן פֿון דער אַרומיקער וועלט און געאַרבעט מיט אַלע כחות, צו מאַכן דאָס יידישע לעבן פֿרייער און צו שאַפֿן אַ באַדן פֿאַר שכניש־פֿריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען צווישן יידן און געצנדינער. ער האָט מבטל געווען אַ געוויסן טייל פֿון די „אכצן גזירות״, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די שטורמישע צייטן מיטן צוועק, אָפּצורייסן וואָס מער די יידן פֿון דער געצנדינערישער וועלט. אַזוי ווי ער האָט גע־שטרעבט אריינצוברענגען מער ליכט און מונטערקייט אין דער יידישער

גאַס, האָט ר׳ יהודה נשיא דער צווייטער אָפּגעשאַפט אויך די תקנה, לויט וועלכער די כלה האָט נישט געטאָרט ווערן געטראָגן דורך דער שטאָט אין איר פּאַראַדנעם חופּה־קלייד, צום צייכן פון טרויער צוליב די אומגליקן פון דעם אַדריאַנוסישן קריג. און צו דעם זעלביקן צוועק, האָט ער אפילו געקלערט אונטערצוברעכנגען טיילוויז אָדער אינגאַנצן דעם שטרענגן תענית פון ניינטן אב (תשעה באב), וואָס איז איינגעפירט געוואָרן צום אָנדענק פון די שרעקלעכע געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע. דאָס לעצטע האָט זיך אים נישט איינגעגעבן דורכצופירן, צוליב דער שאַרפער התנגדות מצד דער מערהייט מיטגלידער פון קאָלעגיום. און ווען ר״ שמלאי פון לוד האָט פאַרגעלייגט דעם נשיא, דורכצופירן נאָך עטלעכע נויטיקע פאַרלייכטערונגען אין דער באַציאונג צווישן יידן און געצנדינער, האָט ער געענטפערט: „לאָז אָפּ, מ׳וועט מיך פאַרשרייען פאַר אַ מקיל״.

אין זיין אייפער פאַר דער דערנענטערונג צווישן יידן און רוימער, האָט זיך ר׳ יהודה דער צווייטער נישט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר בפירושע הלכות אין דער זאַמלונג פון זיין גרויסן זיידן. אַזוי האָט ער מתיר געווען די קדושין צווישן אַ יידיש קינד און אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַן אומגעזעצלעכער פאַרבינדונג צווישן אַ יידן מיט אַ געצנדינער אָדער אַ שקלאַף, בשעת ר׳ יהודה הנשיא דער ערשטער האָט אַזעלכע קדושין דערקלערט פאַר אומגילטיק; דער איצטיקער נשיא האָט אויך מתיר געווען יידן ,זיך צו באַטייליקן אין די נאַציאָנאַלע יום־טובים פון די רוימער, כאָטש די משנה האָט עס שטרענג פאַרבאָטן, ווייל די דאָזיקע דינאַסטיע־אָדער פאָלקס־יום־טובים זיינען ס׳רוב געווען פאַרבונדן מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אָט די דערנענטערונג צווישן יידן און רוימער האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אַ דאַנק דער פריינטלעכער באַציאונג פונעם נייעם קייסער אַלקעסאַנדער סעווערוס צום יידנטום בכלל און צו דעם יידישן פאַטריאַרך בפרט. דער דאָזיקער צווייטער קייסער פון סירישער אָפּשטאַמונג (אַ זון פון דער סיריערן יוליאַ מאַמעאַ) איז געווען איינער פון די איידלסטע און געבילדעטסטע מענער אויף דעם טראָן פון די צעזאַרן. אַזוי ווי ער האָט באַקומען אַ מאָראַלישע דערציאונג, האָט אַלעקסאַנדער אין דער יוגנט נאָך שוין געטראָגן אין האַרצן אַ געוויסן געפיל פון רעספּעקט פאַר דער הויכער מאָראַל פון יידנטום און קריסטנטום. אין זיין הויז־פּאַלאַץ האָט ער לעבן

די בילדער פון די רוימישע געטער און צעזאָרן געלאָזט אוועקשטעלן אויך די געשטאַלטן פון אברהם און קריסטוס. אויף אַלע עפנטלעכע געביידעס און פּאַלאַצן האָט דער קייסער געלאָזן אויסהענגען הללס דעוויז: „דאָס, וואָס דו ווילסט נישט מ׳זאָל דיר טאָן, טו אויך נישט דעם צווייטן״ און פּאָר די סאָלדאָטן אפילו, האָט ער דורך ספּעציעלע העראָלדן געלאָזן אויס־שרייען אָט דעם אָנזאָג, ווען זיי האָבן זיך געקליבן אַרויפצואוואַרפן אויף דעם האָב און גוטס פון די באַזיגטע.

ווען ער האָט פאַרברענגט אַ לענגערע צייט אין סיריע צוליב זיין מלחמה מיט די פּערסיאַנער, האָט אַלעקסאַנדער זיך עטלעכע מאָל צוזאַ־מענגעטראָפן מיט דעם יידישן פּאַטריאַרך. און דער לעצטער האָט אויף דעם רוימישן קייסער געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק, אַז ער האָט אים גע־שענקט אַ סך פּריווילעגיעס פאַר זיך און באַדייטנדיק פאַרלייכטערט די יידישע לאַגע. דאָס סנהדרין האָט ווידער באַקומען אין זיין מאַכט אַלע געריכטס־אָנגעלעגנהייטן פון דער יידישער באַפעלקערונג; יידן איז דער־לויבט געוואָרן צו קומען אין זייער אַמאָליקער הויפּטשטאָט, די איצטיקע עליאַ־קאַפּיטאָלינאַ; אינעם שמיטה־יאָר זיינען די ערד־באַזיצער באַפרייט געוואָרן פון ערד־שטייערן, און בכלל האָט די סימפּאַטיע פונעם יונגן קייסער צו יידן אָנגענומען אַזעלכע ממשותדיקע פאָרמען, אַז די אַרומיקע גריכיש־רוימישע באַפעלקערונגען האָבן דאָס אים נישט געקענט מוחל זיין און אים געקרוינט דערפאַר מיט דעם שפּאָט־נאָמען סירוס אַרכיסינאַגאָגוס (סירי־שער שול־עלטסטער).

אַ דאַנק די וויכטיקע פאַרלייכטערונגען פון דער רוימישער מאַכט, וואָס די יידן האָבן באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון פירשטלעכן נשיא, איז דער פּרעסטיזש פון ר׳ יהודהן געוואָרן שטאַרק געהויבן. אים איז, ווי אַ „קרוב למלכות״, דערלויבט געוואָרן אַזוינס, וואָס איז אַנדערע געווען פאַרבאָטן. און ער אליין האָט אויך געקוקט אויף זיך נישט בלויז, ווי אויף אַ גייסטיקן פירער, נאָר אויך, ווי אויך אַ האַלב־וועלטלעכן הערשער פון דער יידישער אומה. ער האָט איבערגעטראָגן זיין רעזידענץ פון צפּורי קיין טבריה, און צוזאַמען מיט אים האָט זיך אַהין אַריבערגעטראָגן אויך דאָס סנהדרין. טבריה איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן דער צענטער פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין פּאַלעסטינע. זי איז דאָס שוין פאַר־בליבן אין דעם משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער. דאָ האָט געלעבט און

זיך געעלטערט דער געאַכפּערטער פּאַטריאַרך, ער האָט געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצן שטאַט מיט טראַבאַנטן און באַוואָפּנטע דינער, וואָס האָבן אים געדינט ווי אַן אויספירונגס־מאַכט אין זיין אַדמיניסטראַטיווער און גע־ריכטלעכער טעטיקייט, און אַזוי ווי דער דאָזיקער פירשטלעכער שטאַט האָט געפאָדערט גרויסע הוצאות, האָט דער נשיא זיך געזען געצוואונגען, צו פאַרגרעסערן דעם אָפּצאָל פון פאָלק פאַר דער אויסהאַלטונג פון זיין הויף. פון דעם אָפּצאָל, ווי פון אַלע מלוכה־שטייערן בכלל, האָט דער נשיא נישט באַפרייט אפילו די באַדייטנדיקסטע געזעצלערער, קעגן דעם אַנגענו־מענעם מנהג, לויט וועלכן די אַלע, וואָס האָבן מקבל געווען אויף זיך דעם עול תורה זיינען פּטור פון דעם עול מלכות. די חכמים האָבן זיך געפילט אַנגעגריפן פון דער פאַראָרדענונג, וואָס האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין איין שורה מיט די עמי הארצים, און האָבן געטראָגן דערפאַר אַ פאַר־דרוס אויפן נשיא ,און באַזונדער האָט זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכנט ר׳ שמעון בן לקיש. איינער פון די באַדייטנדיקסטע אויטאָריטעטן אין דער יידישער געזעצלערע, האָט דער דאָזיקער בן לקיש נישט אויסגעמיטן קיין איינציקע געלעגנהייט צו באַליידיקן דעם נשיא און אים פאַרצואוואַרפן זיינע נישט ערלעכע מעשים בנוגע צו די חברים געזעצלערער און צום פאָלק. איין מאָל איז פאָרגעקומען אין סנהדרין אַ פאַל, אַז די תלמידים האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַ נשיא, וואָס האָט געזינדיקט; דערביי האָט ר׳ שמעון בן לקיש אָפּן אויסגערופן: „א נשיא, וואָס האָט געזינדיקט, שלאָגט מען אים מלקות, צי נישט?" „מ׳שלאָגט אים מלקות, און ס׳איז גענוג אויף דעם אַ בית־דין פון דריי" — איז געווען דער ענטפער. „און ער בלייבט ווייטער נשיא?" האָט ר׳שמעון ווידער געפרעגט. — „ניין, האָט ר׳ חגי געענטפערט, אויב ער וועט בלייבן ווייטער נשיא, וועט ער אונדז אַלע הייסן אויסהרגענען". די דאָזיקע שקלא וטריא אין דער קעגנוואַרט פונעם נשיא אליין האָט דעם לעצטן שטאַרק באַליידיקט, און ער האָט גע־שיקט איינע פון זיינע טראַבאַנטן צו אַרעסטירן בן לקישן. דער לעצטער האָט זיך אָבער פריער מקדים געווען און איז אַנטלאָפן קיין מגדלא. אויף צומאָרגנס — האָט זיך אין פאָלק שפּעטער דערציילט — איז ר׳ יוחנן געקומען אין קאָלעגיום, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט עפענען די זיצונג, האָט ער געמאַכט מיט די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט. — ווע־מען זוכסטו ? האָט דער נשיא אים געפרעגט. — בן לקישן זוך איך, —

האָט ר׳ יוחנן געענטפערט — ווי אַזוי קען איך אָנהויבן רעדן וועגן דער הלכה, אַז איך האָב נישט דעם שליסל צו איר ? — וואו איז דען בן לקיש ? האָט דער נשיא ווידער געפרעגט — ער איז אַנטלאָפן קיין מגדלא. — מאָרגן וועל איך מיט דיר אָרויסגיין אים אַנטקעגן און מיר וועלן אים צוריקברענגען, — האָט דער נשיא אויף דעם געזאָגט, און ווען זיי זיינען אויף צו־מאָרגנס ווירקלעך געקומען קיין מגדלא און דער נשיא האָט געפרעגט בן־לקישן, פאַרוואָס אים איז פּלוצלינג איינגעפאַלן, פאַרצולייגן אַזעלכע שאלות אין בית־המדרש, האָט דער לעצטער געענטפערט : „און דו האָסט גע־גלויבט, אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב מורא פאַר דיר, וועל איך אויסמיידן שטעלן פון גאָטס תורה ?״.

אַ צווייטער ענלעכער פאַל איז פאָרגעקומען אַן אַנדער מאָל איבער אַן אַנדער פראַגע. דאָס איז געווען נאָך אַלעקסאַנדערס טויט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכער טאַנץ אַרום דעם רוימישן טראָן; אין דער צייט און אין אַ משך פון גאַנצע פופציק יאָר האָט געהערשט די אַנאַרכיע איבערן גאַנצן לאַנד. אין פיר מאָנאַטן האָבן פינף קיסרים־אוזורפּאַטאָרן זיך אויסגעקוילעט איינער דעם אַנדערן, און אָט די איינטאָגיקע מושלים, אַזוי ווי זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זיינען נישט זיכער מיט דעם קומענדיקן מעת־לעת, האָבן געקלערט נאָר וועגן איין זאַך : אַרויסרייסן וואָס מער געלד פון די אונטערגעוואָרפענע פראָווינצן און אַנזאַמלען זיך אוצרות. די דאָזיקע שווערע אָפּצאָלונגען פלעגן אויפגעמאָנט ווערן נישט אַזוי ווייט פון די אונטערטאַנען, ווי פון זייערע פאָרשטייער, און וועגן זיי האָט זיך אַמאָל דער נשיא געקלאָגט פאַר בן־לקישן: „בעט גאָט פאַר מיר — איך קען שוין נישט אַריבערטראָגן פון די רוימישע אדונים״. אויף דעם האָט אים בן לקיש שאַרף אָפּגעענטפערט: „נעם דו נישט, וועט מען פון דיר אויך נישט נעמען״. אַזאַ מין ביטערן פאָרוואורף פאַר די שווערע שטייערן, מיט וועלכע ער האָט באַלעסטיקט דאָס פאָלק, איז דעם נשיא אויסגעקומען צו הערן אויך פון אַן אַנדערן געלערנטן, ר׳ יוסי בן מעון. דער לעצטער האָט געדרשנט אין שול פאַרן גאַנצן עולם : גאָט ברוך הוא פאָדערט אַ רע־כענונג פון די כהנים: פאַרוואָס האָט איר ניט עוסק געווען אין דער תורה ? האָט איר דען ניט געהאַט קיין פיר־און־צוואַנציק מתנות כהונה ? און די כהנים ענטפערן : דו האָסט אונדז גאָרנישט געגעבן.. באַלד ווענדעט זיך גאָט צו די יידן און זאָגט: „הערט, איר בית ישראל, פאַרוואָס גיט איר

נישט די כהנים די פיר־און־צוואַנציק מתנות־כהונה, אַזוי ווי איך האָב אייך פאַרגעשריבן אין דער תורה ?" און זיי ענטפערן : צוליב דעם הויז־געזינט פון נשיא, וואָס נעמט אַוועק ביי אונדז אַלץ, וואָס מיר האָבן!".

ר' יהודה האָט געהערט די דאָזיקע דרשה און געוואָלט שטרענג באַשטראָפן דעם אַגיטאַטאָר. אים האָב אָבער אָפּגעהאַלטן דערפון ר' יוחנן מיט ריש־לקישן, וועלכע האָבן אים פאַרגעשטעלט ר' יוסין ווי אַ גרויסן געלערנטן. דאַן האָט דער נשיא געשיקט רופן ר' יוסין צו זיך, און כדי אים אויסצופרואוון צי ער איז באמת אַ בן תורה, האָט ער אים געפרעגט: וואָס איז די באַדייטונג דערפון, וואָס עס שטייט אין דער תורה „כאִמה בתה" (ווי די מאַמע אַזוי איר טאָכטער)? אויף דעם האָט אים ר' יוסי געענטפערט: וואָסער דור — אַזאַ נשיא, וואָסער מזבח — אַזעלכע כהנים.

נאָך אַ גרעסערע אומצופרידנקייט אין די אַקאַדעמישע קרייזן האָט אַרויסגערופן דער פאַקט ,וואָס דער נשיא האָט צו־ברייט אויסגענוצט זיין רעכט. אליין צו באַשטימען שופטים און לערער אין די קהלות פון זיין יע־פּאַרכיע. עס איז אפילו געקומען אַזוי ווייט, אַז די מיטגלידער פון קאָלעגיום האָבן חושד געווען דעם נשיא אין שוחד, און זיי האָבן נישט געוואָלט אַנערקענען פאַר קיין „זקנים" יענע, וואָס דער נשיא האָט זיי מסמיך געווען אליין, אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אייגמאָל איז פאַרגעקומען אַ פאַל, אַז דער נשיא האָט באַשטימט פאַר אַ שופט אַ געוויסן עושר, וואָס איז דערצו נישט ראוי געווען, און באַפוילן דעם באַרימטן ר' יהודה בן נחמני, ער זאָל זיין יענעמס מתורגמן (אויסטייטשער, דערקלערער). דער מתורגמן האָט געפאָלגט און צוגעבויגן די אויערן צום מויל פון דעם נייעם שופט, כדי צו הערן פון אים, וואָס ער האָט צו לערנען דאָס פאָלק; יענער האָט אָבער געשוויגן און נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן. דאַן האָט בר נחמני אויסגעשריען אויפן קול דעם פסוק פון דער נבואה : הוי אומר לעץ הקיצה עורה לאבן דומם הוא יורה ! הנה הוא תפוש זהב וכסף וכל רוח אין בקרבו (ווי דעם, וואָס זאָגט צו אַ בוים :שטיי אויף! צו אַ שטומען שטיין: דערוואַך! ער וועט לערנען ? ער איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און זילבער און קיין גייסט איז אים נישטאָ).

קעגן די דאָזיקע גאָלד־שופטים האָבן די מיטגלידער פון קאָלעגיום אַרויסגעגעבן באַזונדערע תקנות, כדי דאָס פאָלק זאָל וויסן, זיי נישט צו

אַכטן: פאַר אַזאַ שופט דאַרף מען זיך נישט אויפשטעלן, מ׳רופט אים נישט „רבי״, און דער טלית, וואָס ער טראָגט, איז ווי אַ זאָטל פון אַן אייזל.

אָט די אומצופרידנקייטן, וואָס האָבן אייגנטלעך געשטאַמט פון דעם אינעווייניקסטן אַנטאַגאָניזם צווישן דער וועלטלעכער און גייסטיקער מאַכט, האָבן פון דעסטוועגן נישט אונטערגעגראָבן אין גאַנצן די אויטאָריטעט פון נשיא, וואָס איז דאָך געבליבן באַליבט ביי זיין עניוות און נאָכגעביקייט. אַ פירשטלעכע פערזאָן מיט ברייטע פולמאַכטן און מיט אַ צוטריט צו די העכסטע קרייזן פון דער רוימישער וועלט, איז דער יידישער נשיא דאָך שטענדיק געגאַנגען אָנגעטון אין פשוטע לייוונטענע קליידער, און עס האָבן נישט געהאָלפן דערביי אַפילו די טענות פון זיינע חברים ר׳ חנינא און ר׳ יוחנן, וועלכע האָבן אים געפּרואווט איבערצייגן, אַז דער כבוד פון דער נשיאות פאָדערט, ער זאָל דערשיינען פאַרן פאָלק אין אַ פּאַראַד־מלבוש. אויף ווי ווייט ר׳ יהודה איז געווען באַליבט און געשעצט פון פאָלק, איז צו זען פון דעם גרויסן כבוד, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעגעבן נאָך זיין טויט. ווי ביי דער קבורה פון זיין זיידן, איז אויך אין דעם טאָג פון ר׳ יהודהס טויט בטל געוואָרן די כהונה, און דער כהן ר׳ זעירא איז געניית געוואָרן זיך צו באַשעפטיקן מיטן נפטר.

מיט די נאָכפאָלגער פון ר׳ יהודה דעם צווייטן, ר׳ גמליאל דעם פערטן און ר׳ יהודה דעם דריטן, הויבט זיך אָן די ירידה פונעם פּאַטריאַרכאַט אין פּאַלעסטינע. פון די דערמאָנטע צוויי נשיאים איז נישט געבליבן קיין שפּור אין דער יידישער געשיכטע, און ווי ס׳איז צו גלויבן, האָבן זיי נאָר דערפילט זייערע אָפיציעלע פליכטן און זיך באַמיט צו דערהאַלטן דאָס אויסערלעכע אָנזען פונעם פּאַטריאַרכישן „הויף״. נישט דער נשיא איז איצט געווען דער טאָן־געבער פון דעם יידישן פאָלקס לעבן, נאָר דער קאָלעגיום פון די געזעץ־לערער, די ישיבה. דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע שטראַלן פון דעם יידישן גייסט, דאָ איז אָן אַן אויפהער פאָרגעזעצט געוואָרן די גרויסע אַרבעט פון פונאַנדערוויקלען און אויסטייטשן יעדעס וואָרט, יעדן אות פון דער תורה — די איינציקע פירנדיקע, שיצנדיקע און פאַראייניקטע קראַפט, וואָס האָט געמוזט ארייננעמען אין זיך דאָס לעבן פון פאָלק אינגאַנצן: מיט אַלע זיינע איינצלהייטן, מיט די מינדסטע קנייטשן פון דעם אַלטעגלעכן פאַרקער, צווישן זיך, ווי מיט דער אַרומיקער וועלט. דער פאַקט, וואָס די גרעסטע צאָל הלכות איז דורך דעם גרויסן

נשיא ר׳ יהודה דעם ערשטן שוין געהאט צונויפגעזאַמלט געווען אין איין ווערק, — אָט דער פאַקט האָט געמאַכט נאָך לעבעדיקער און אינטענסיווער די אַקאַדעמישע טעטיקייט אין די ישיבות. איין טייל פון דער בייער פלעיאַדע געזעצלערער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער באַהאַנדלונג און צונויפזאַמלונג פון יענע הלכות, וועלכע ר׳ יהודה האָט פאַרגעסן אַריינצונעמען אין דער משנה, און פון דער צווייטער זייט האָט זיך אַן אַנדער גרופע פאַרנומען מיט די הלכות פון דער משנה גופא, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דאָרטן אין אַ נישט־באַשטימטער פאָרעם אָדער, פון וועלכע מ׳קען אַרויסדרינגען אַ נייע מעגלעכקייט, אַ נייעם דעטאַל. צו די ערשטע, די נאָכזאַמלער, האָבן געהערט ס׳רוב די תלמידים פון דעם גרויסן פאַטריאַרך — דיזעלביקע, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין זיין ריזיקער אונטערנעמונג: ר׳ חייא, ר׳ הושעיא, אבא אריכא (רב), בר קפרא, ר׳ לוי, ר׳ ינאי, לוי בר סיסי. די דאָזיקע האַלבע תנאים האָבן צונויפגענומען די אַלע הלכות וואָס ר׳ יהודה האָט פאַרגעסן אָדער באַוואוסטזיניק דורכגעלאָזט, און צוזאַמענגעשטעלט פון זיי „צוגאָבן״ צו דער משנה אונטער די נעמען „תוספתות און „בריתות״; די צוגאָבן האָבן שוין אָבער נישט געהאַט דיזעלביקע אויטאָריטעט, וואָס די משנה אַליין, און האָבן באַקומען דעם נאָמען „אויסווייניקסטע משניות״ (משנה חיצונה), וואָס סהאָט געהייסן, אַז די באַציאונג פון די דאָזיקע צוגעגעבענע הלכות בנוגע צו די הלכות פון דער משנה איז די זעלביקע, ווי די באַציאונג פון די אַפּאָקריפן צו די ספרים פון דעם תנ״ך: די לעצטע זיינען אַבסאָלוט הייליק, דינען ווי אַ יסוד, בשעת די ערשטע זיינען ווערק פון צווייטן ראַנג און זייער הייליקייט איז נישט אומבאַדינגט.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע זאַמלונגען פון צוגעגעבענע הלכות (תוספתות, „בריתות״), זיינען אנטשטאַנען אין יענער צייט אויך אַ מין פסעוודאָגראַפן, זאַמלונגען פון פאַרשידענע הלכות און אגדות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער פאָרעם פון אַ פירוש צו די הייליקע שריפטן און האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון איינעם פון די אַלטע אויטאָריטעטן. אַזעלכע זיינען געווען די מכילתא — אַ פירוש צו דעם צווייטן ספר פון דער תורה (שמות), וואָס ווערט צוגעשריבן ר׳ ישמעאלן; ספרא אָדער תורת כהנים — אַ פירוש אויף דעם דריטן ספר פון דער תורה (ויקרא), וואָס טראָגט אויף זיך די נעמען פון ר׳ יהודה בן אלעאי און ר׳ עקיבא; ספרי — אַ

פירוש אויף די לעצטע צוויי ספרים פון דער תורה (במדבר און דברים).

אין דער עפּאָכע פון די לעצטע צוויי פּאַטריאַרכן, ר׳ יהודה דעם צווייטן און ר׳ גמליאל דעם פערטן, פאַרנעמט שוין אָט די „נאָכזאַמלונג" אַ נישט־באַדייטנדיקן אָרט אין דער אַלגעמיינער טעטיקייט פון די פּאַר־שידענע ישיבות. עס הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון די אמוראים, פון די דערקלערער, וואָס וועבן ווייטער די אייביקייט פון דער יידישער געזעצ־לערע און באַנוצן זיך דערביי מיט די זעלביקע פאָרמולעס און כללים, מיט וועלכע עס האָבן זיך ביז אַהער באַנוצט די תנאים, נאָר אנשטאָט דעם, וואָס די תנאים האָבן געהאַט פאַר זיך ווי אַן אויטאָריטעט, ווי אַ הייליקן יסוד — די תורה, די „הייליקע שריפטן", האָבן די אמוראים זיך שוין גע־גריבלט איבער די ווערטער פון דער משנה. די תורה איז געוועזן אויסגע־דרשהנט: אין אירע פסוקים האָט זיך שוין קיין זאַך נישט געלאָזט אַריינ־לייגן און פון זיי האָט זיך שוין נישט געלאָזט אַרויסדרינגען קיין שום מעגלעכקייט. איצט האָט זיך געעפנט אַ נייער קוואַל פאַר אַלערליי מעג־לעכע פאַלן און לעבנס־פאַקטן אין דער געשטאַלט פון רבי׳ס ענציקלאָפּע־דיע. די קורצע שפּראַך פון דער משנה, אירע ווייניק מאָטיווירטע באַ־שטימונגען, די גרויסע צאָל קאָנצענטרירטע און אומבאַשטימטע אויסדרוקן — דאָס אַלץ האָט געגעבן מאַטעריאַל אויף צו דערקלערן, אויף אויסצו־טייטשן די כונה פון דער אָדער יענער משנה און ממילא אויך — אַרויס־צודרינגען פון איר אַ נייע מעגלעכקייט, אַ נייע הלכה.

דער ערשטער פון דער פלעיאַדע אמוראים אין פּאַלעסטינע איז גע־ווען ר׳ חנינא בר חמא. איינער פון די גרעסטע מיוחסים אין זיין צייט און אַ תלמיד פון ר׳ יהודה הנשיא דעם ערשטן, האָט ער, צוליב אַ געוויסער שנאה פון דעם לעצטן, זיך נישט דערדינט צו דעם טיטל „רבי". פאַרן טויט האָט אָבער ר׳ יהודה אָנגעזאָגט זיין זון, ער זאָל באַשטימען חנינאן פאַר דעם עלצטן אין דער ישיבה פון צפורי. דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט ר׳ חנינא פון דעסטוועגן נישט אָנגענומען גלייך, ווייל ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ גרעסערן פון זיך, אויף ר׳ אפסן, און נאָר ערשט, ווען ר׳ אפס איז גע־שטאָרבן, איז ר׳ חנינא געוואָרן ראש ישיבה.

דאָ האָט ר׳ חנינא געלייגט דעם גרונטשטיין צו דעם גרויסן בנין פון דער אַזוי גערופענער גמרא (תלמוד). ער האָט זיך דער ערשטער גע־נומען באַנוצן מיט די אַלע מדות און כללים, וואָס זיינען אים געווען באַ־

וואוסט, אויף צו דערקלערן דעם פשט פון די משניות און בריתות. און נישט נאָר טעאָרעטיש — ער האָט זיך אויך פּראַקטיש געהאַלטן ביי די באַשטי־מונגען פון דער משנה, און וואָס ער האָט דאָרטן נישט געפונען, האָט ער זיך נישט דערלויבט אַליין צו פּסקענען, כאָטש דאָס איז געווען אַ פּשוטע עלעמענטאַרע זאַך.

אויסער זיין גרויסקייט ווי אַ געזעצלערער ,איז ר׳ חנינא באַזונדער באַרימט געווען אויך ווי אַ צדיק און מוסטער פון ערלעכקייט. ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ מגפה אין לאַנד און די באַפעלקערונג האָט געהאַט טענות צו אים, פאַרוואָס ער איז נישט מתפלל און זעט נישט, אַז די מגפה זאָל אָפּגעטון ווערן, האָט ער זיי געענטפערט: „איין זמרי (וואָס האָט געהאט באַציאונגען מיט אַ טאָכטער פון אַ געצנדינערישן פאָלק), איז געווען אין משה צייטן, זיינען געפאַלן פון יידן פיר און צוואַנציק טויזנט מאַן. היינט האָבן מיר אַ סך זמרים, און איר האָט נאָך טענות ?״ פון אים ווערט נאָך דערציילט: ס׳האָט זיך איין מאָל געמאַכט אַ טריקעניש אין ארץ ישראל. דאָס פאָלק האָט מתפלל געווען, געבלאָזן שופר, געפאַסט און געטון בכלל אַלץ, וואָס דער שטייגער איז געווען צו טון אין אַזאַ פאַל, און עס האָט נישט געהאָלפן — קיין רעגן האָט זיך נישט געוויזן. זיינען געקומען די איינוואוינער פון צפּורי צו זייער רבין ר׳ חנינא, און זיך געקלאָגט פאַר אים: דיין חבר ר׳ יהושע בן לוי, וואָס זיצט אין דרום ,איז מתפלל צו גאָט און ברענגט רעגן. ר׳ חנינאן האָט פאַרדראָסן אָט די אמונה אין דער אַל־מעכטיקייט פון אַ צדיק און ער האָט זיי אָוועקגעשיקט פון זיך, נאָר אין אַ צייט אַרום, ווען דער רעגן איז ווידער פאַרהאַלטן געוואָרן, האָט ר׳ חנינא געשיקט נאָך יהושע בן לוי, ער זאָל מתפלל זיין. און ביידע האָבן מתפלל געווען, אָבער — אומזיסט. דאַן האָט ר׳ חנינא געשטראָפט זיינע שטאָט־לייט און געזאָגט: „נישט יהושע בן לוי ברענגט דעם רעגן אין דרום און נישט חנינא האַלט אויף דעם רעגן אין צפון, נאָר די יידן פון דרום האָבן ווייכע הערצער; זיי הערן זיך צו צו די רייד פון דער תורה און פאָלגן, דערפאַר גיט זיי גאָט זייערע רעגנס צו דער צייט; איר אָבער, איינ־וואוינער פון צפורי, אייער האַרץ איז האַרט, איר הערט זיך נישט צו צו די רייד פון דער תורה און היט זיי נישט אָפּ — גיט אייך גאָט קיין רעגן נישט״.

די צווייטע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט פון דער ערשטער ריי

אמוראים איז ר׳ יוחנן בר נפחא. ר׳ יוחנן איז דער איינציקער פון די אמוראים, וואָס די פאָלקס־מסורה האָט אונדז איבערגעגעבן אַלע דעטאַלן פון זיין לעבן, און האָט אַפילו געפונען פאַר וויכטיק צו שילדערן זיין שיינ־קייט. אַ געבוירענער יתום, איז ר׳ יוחנן גאַנץ יונג אָנגעקומען ווי אַ תלמיד אין דער ישיבה פון דעם גרויסן פּאַטריאַרך (ר׳ יהודה דעם ערשטן). זיין אָרט איז דאָרט געווען, ווי ער אַליין האָט דערנאָך דערציילט, אין דער זיבעצנטער שורה הינטער רב׳ן (אבא אריכא), און ווען רבי מיט רב׳ן האָבן זיך געשפּאַרט וועגן אַ הלכה, האָבן זייערע ווערטער אים אויסגעזען, ווי פייערדיקע פונקען, וואָס פליען פון מויל, און ער האָט זיי נישט פאַר־שטאַנען. פון דער ישיבה איז ר׳ יוחנן אַריבער אין די ישיבות פון ר׳ הושעיא אין קסריה און ר׳ חנינא אין צפורי. מיט ר׳ חנינאן האָט אָבער ר׳ יוחנן נישט געקענט שטימען. ר׳ חנינא האָט געזען אין דער משנה דעם תמצית פון דער תורה שבעל פה און יעדע הלכה פון דאָרטן איז פאַר אים געווען אַן אייזערנער יסוד, פון וועלכן מען טאָר נישט אָפּטרעטן; ר׳ יוחנן איז אָבער געווען פיל שאַרפער און דערפינדערישער. אים האָט זיך געוואָלט קאָנטראָלירן די הלכות פון דער משנה, אויסגעפינען זייערע ריכטיקע מאָ־טיוון, און דערנאָך אַרויסצודריגגען פון זיי גאַנץ נייע דינים און פאָרמו־לעס, און ער האָט זיך געקלאָגט: „וואָס זאָל איך טון מיט דעם אַלטן? וואָס איך בין מתיר, אסרט ער, און וואָס ער אסרט, בין איך מתיר״.

דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געגרינדעט אַן אייגענע ישיבה אין טבריה. דאָ איז ער געוואָרן די רעכטע האַנט פונעם נשיא (ר׳ יהודה דער צווייטער) און האָט באַקומען פון הויף אויך אַ שטענדיקע פּענסיע אויף זיינע הוצאות, דערפאַר האָט ער געקריגן דעם נאָמען ר׳ יוחנן דבי נשיאה (יוחנן פון נשיאס הויף). אין טבריה האָבן זיך אַרום דעם חריפישן ר׳ יוחנן אַרומגעקליבן מאַסן תלמידים פון אַלע עקן לאַנד. און דאָ איז ער געוואָרן איינער פון די זיילן פון דעם פּאַלעסטינישן תלמוד. ווען ער האָט אַנאַלי־זירט יעדע הלכה פון דער משנה און זיך דערגרונטעוועט ביז דעם לאָגישן יסוד אירן, — איז ר׳ יוחנן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס זיינען פאַרהאַן אַ סך הלכות אין דער סתם משנה (אַנאָנימע משנות), וואָס זיינען קעגן דער מערהייט פון די אַלטע אויטאָריטעטן. ער האָט זיך דעריבער שטאַרק גערעכנט אויך מיט די תוספתות און בריתות און אָפּטמאָל באַשטימט דעם דין לויט דער בריתא קעגן דעם נוסח פון דער משנה.

אין דער פּראַקטיק איז ר׳ יוחנן געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן נשיא, און ווי יענער איז ער אויך נוטה געווען, צו פאַרלייכטערן די גע־באָטן פון דעם אַלטעגלעכן לעבן און בכלל אַריינצוברענגען מער ליכט און וועלטלעכקייט אין דער יידישער גאַס. ר׳ יוחנן האָט דערלויבט יידן זיך אָפּצוגעבן מיט „חכמת יון" (גריכישע קלוגהייט) און האָט זי זאָגאַר אַוועק־געשטעלט אין איין שורה מיט דער תורה; דערביי האָט אים אָבער זיין פּאַטריאָטיזם שטאַרק אָפּגעשטויסן פון די רוימער, און ער האָט געטראָגן אין האַרצן אַ ביטערע שנאה צו זיי. ר׳ יוחנן פלעגט אָנווענדן אויף דער „מלכות הרשעה" (רוים) די נבואה פון דניאלן וועגן דער „פערטער חיה", און גע׳עצהט זיינע ברידער, זיי זאָלן זיך האלטן וואָס וייטער פון די רוי־מישע באַאַמטע און נישט האָבן קיין צוטרוי צו זיי. ער האָט געדרשהנט: „ואלו עיינין כבני אנשה לה" (דניאל) — דאָס מיינט מען די מלכות הרשעה, וואָס ברענגט אַריין אַ שלעכט אויג אינעם מענטשנס (יידנס) פאַרמעגן; (זיי זאָגן:) יענער איז אַן עושר — לאָמיר אים מאַכן פאַרן הויפּט־אויפמאַנער פון די שטייערן, יענער איז רייך — לאָמיר אים מאַכן פאַר אַ מיטגליד פון שטאָט־ראָט, כדי ער מיט זיין פאַרמעגן זאָל אונדז דינען".

ר׳ יוחננס נאָענטסטער חבר און מיטאַרבעטער איז געווען זיין שוואָ־גער ר׳ שמעון בן לקיש, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ריש לקיש. דער דאָזיקער אמורא איז געווען פּונקט דער היפוך פון ר׳ יוחנן און זיינע ביי־גונגען און אייגנשאַפטן, און אַליין איז ער אויך געווען פול מיט סתירות און קאָנטראַסטן. אין דער יוגנט האָט ריש לקיש געלערנט מיט ר׳ יוחנן צוזאַמען אין דער ישיבה פון ר׳ יהודה הנשיא; דערנאָך האָט ער אַוועקגע וואָרפן דאָס לערנען, און אַזוי ווי ער האָט באַזעסן פון דער נאַטור זייער אַ געזונטן אָרגאַניזם, האָט ער זיך פאַרדונגען אין אַ צירק ווי אַ גלאַדיאַ־טאָר (קעמפער מיט ווילדע חיות). איין מאָל — דערציילט די פאָלקס־לע־גענדע — איז ריש לקיש, דער באַרימטער אַטלעט, געגאַנגען שפּאַצירן אויפן ברעג פון ירדן, און האָט געזען פון דערווייטן ווי ר׳ יוחנן באָדט זיך. האָט ער זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זיין שיינקייט און איז אויך אַריינ־געשפּרונגען אין וואַסער. דעמאָלט האָט ר׳ יוחנן זיך אָפּגערופן צו זיין אַמאָליקן חבר: „דיין קראַפט וואָלט געפּאַסט פאַר דער תורה"; אויף דעם האָט אים ריש לקיש גלייך אָפּגעענטפערט: „און דיין שיינקייט פּאַסט פאַר

פרויען". ר' יוחנן האָט זיין חבר נישט אָפּגעלאָזט, און צוגעזאָגט אים זיין שיינע שוועסטער פאַר אַ ווייב, אויב ער וועט זיך אומקערן צום לערנען. און דער גלאַדיאַטאָר האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג: ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון זיינע פיזישע גבורות און זיך איבערגעגעבן דעם שטודיום פון דער תורה. מיט דער צייט איז דער געוועזענער גלאַדיאַטאָר געוואָרן איינער פון די זיילן פון ר' יוחננס ישיבה, און ווי אויף ר' מאירן אַמאָל האָט מען אויך אויף אים געזאָגט: ריש לקיש אין בית־מדרש איז אַ קראַפט, וואָס רייסט אויס בעזי און צעמאָלט זיי איינס אין אַנדערן. ריש לקיש איז אויך באַרימט געווען מיט זיין אומגעוויינלעכער ערלעכקייט. אַ פאַרטרויערטער, מיט אַן אייביקן מעלאַנכאָלישן אויסדרוק אויפן פנים, איז ער געווען זייער פאַרזיכטיק אין זיין אומגאַנג מיט מענטשן, אַזוי, אַז דער מענטש, וואָס ריש לקיש איז מיט אים געגאַנגען אין גאַס, איז שוין דער־מיט אַליין אַטעסטירט געוואָרן פאַר אַן ערלעכן מאַן, וואָס מען קען שליסן מיט אים אַלערליי אָפּמאַכן אָן עדות. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן מערקווירדיקן גייסט איז אויך זיין גאַנג אין דער אגדה. ווען די חכמים אין בית־מדרש האָבן זיך געשפּאַרט וועגן דער צייט פון איובן: צי ער איז געווען אין משהס צייטן, צי אין די צייטן פון די שופטים, — האָט ריש לקיש זיך אַוועקגעשטעלט און דערקלערט: איוב איז נישט געווען און האָט נישט געלעבט — דאָס איז נאָר אַ משל. ריש לקיש איז געווען אויך קעגן די יידישע נעמען פון די מלאכים: ער האָט געהאַלטן, אַז די דאָזיקע נעמען זיינען איבערגעגאַנגען צו יידן פון די בבלישע און פערסישע פעלקער.

געשטאָרבן איז ריש לקיש אויף אַ וואונדערבאַרן אופן, און די פאָלקס לעגענדע האָט דעם טויט אויך צוזאַמענגעבונדן מיט דעם נאָמען פון זיין שוואָגער און חבר. זי דערציילט, אַז איין מאָל האָט אויסגעבראָכן זייער אַ הייסער ויכוח צווישן דיביידע שוואָגערס, וואָס האָבן די גאַנצע צייט שטאַרק ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן. דער אינהאַלט פון דעם ויכוח איז געווען אַ געוויסע הלכה, און ווען ריש לקיש האָט מיט אַ באַזונדער עקשנות פאַרטיידיקט זיין מיינונג, איז ר' יוחנן זייער אויפגערעגט געוואָרן און האָט אים דערמאָנט זיין אַמאָליקע באַשעפטיקונג אין צירק. ריש לקיש האָט זיך פון דער באַליידיקונג געפילט שטאַרק אָנגעגריפן, און ווען ר' יוחנן האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיין דורכדרינגנדיקן, שאַרפן בליק, האָט

אים ריש לקיש נישט איבערגעטראָגן: דער געוועזענער ריז איז קראַנק גע־וואָרן און געשטאָרבן.

צווישן די באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן פון יענער צייט פאַרנעמט אַ באַזונדער פּלאַץ דער באַרימטער ר׳ יהושע בן לוי. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַן „אב בתורה" און אין דער הלכהשער פּראַקטיק איז זיין מיינונג אָנגענומען געוואָרן, אַפילו ווען זי איז געווען קעגן די מיינונגען פון ר׳ יוחנן און ריש לקיש. באַזונדער גרויס איז געווען ר׳ יהושע אין דער אגדה, און זי האָט אים דערנאָך צוגעשריבן אַלערליי מופתים און איבערנאַטיר־לעכע מעשות. לויט אירע שילדערונגען האָט אליהו הנביא אַנטפּלעקט דעם געטלעכן ר׳ יהושע אַלע סודות פון וועלט און לעבן, און דער מלאך המות אַפילו איז נישט געווען אומשטאַנד אים צו באַהערשן, ווייל ר׳ יהושע האָט אים אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער פון די הענט און איז לעבעדיקערקייט אַריין אין גן־עדן. פון דאָרטן זאָל ר׳ יהושע, דורכן מלאך המות גופא, האָבן געשיקט אַ בריוו צום נשיא מיט אַן אויספירלעכער שילדערונג פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין יענע וועלטן, און דאָס זאָל עס זיין די „מעשה דרבי יהושע בן לוי", אָדער די „מסכתא גן עדן וגיהנם".

גרעסער נאָך פון ר׳ יהושען אויף דעם געביט פון דער אגדה איז געווען דער אויבנדערמאָנטער ר׳ שלמאי. ער האָט דער ערשטער אויפגע־הויבן די אגדה ביז צו דער מדרגה פון אַ פילאָזאָפישער לערע און אויף אַלץ, וואָס איז פון אים דערגאַנגען צו אונדז, ליגט דער שטעמפּל פון אַ שיינעם מענטשלעכן גייסט מיט אַ גרויסן פאַרשטאַנד. ער האָט שטודירט די יידישע געזעצן פון זייער דאָגמאַטישן און עטישן שטאַנדפּונקט, און האָט איינגעטיילט די תרי"ג (זעקס הונדערט דרייצן) מצוות פון דער תורה אין צוויי קאַטעגאָריעס: רמ"ח (צוויי הונדערט אַכט און פערציק) „מצוות עשה" (פּאָזיטיווע געבאָטן; זאַכן, וואָס דער מענטש איז פאַרפליכטעט זיי צו טון), קעגן די צוויי הונדערט אַכט און פערציק גלידער פון דעם מענטש־לעכן קערפּער, און שס"ה (דריי הונדערט פינף און זעכציק) „מצוות לא תעשה" (נעגאַטיווע געבאָטן;; וועגן די זאַכן, וואָס דער מענטש איז פאַר־פליכטעט, זיי נישט צו טון), קעגן דער צאָל טעג פון דעם זון־יאָר. אָט די זעקס הונדערט מיט דרייצן מצוות האָבן דעם ציל — זאָגט ר׳ שלמאי — צו פאַרפולקאָמען דעם מענטשן גייסטיק און מאָראַליש, און דער דאָזיקער ציל ווערט פון די נביאים וואָס ווייטער אַלץ קירצער און קאָנצענטרירטער

צוזאַמענגעפּאַסט. „איז געקומען דוד (המלך) און האָט געמאַכט פון זיי (פון די תרי״ג מצוות) עלף: הולך תמים, פועל צדק, דובר אמת, לא רגל על לשונו, לא עשה לרעהו רעה, חרפה, לא נשא על קרובו, נבזה (בעיני ה׳) נמאס גם בעיניו, יראי ה׳ יכבד, נשבע (גם) להרע (לעצמו) לא ימיר, כספו לא נתן בנשך, ושחד על נקי לא לקח (באַגייט זיך ערלעך, טוט גערעכטי־קייט, רעדט אמת, טרייבט נישט קיין רכילות, טוט נישט דעם חבר קיין שלעכטס, פאַראורזאַכט נישט דעם קרוב קיין חרפּות, פאַראַכטעט דאָס פאַראַכטעטע אין די אויגן פון גאָט, שעצט גאָטספאַרכטיקע, פעלשט נישט זיין שבועה אַפילו זיך שלעכטס צו טון, גיט נישט זיין געלט אויף פּראָ־צענט און נעמט נישט פון אומשולדיקן קיין שוחד). (תהלים ט״ו). איז גע־קומען ישעיה און געמאַכט פון די עלף געבאָטן — זעקס: הולך צדקות ודובר מישרים, מואס בבצע מעשקות, נוער כפיו מתמוך בשוחד, אוטם אזנו משמוע דמים, ועוצם עיניו מראות ברע (באַגייט זיך גערעכטיק, און רעדט ערלעך, פאַראַכט גרויבטע פאַרדינסטן, שאָקלט אָפּ זיינע הענט פון שטיצן שוחד, פאַרשטאָפּט זיינע אויערן פון צו הערן וועגן בלוט און פאַרמאַכט די אויגן, נישט צו זען קיין שלעכטס), (ישעיה ל״ג). איז געקו־מען מיכה און געמאַכט פון זעקס דריי: עשות משפט, אהבת חסד והצנע לכת (טון גערעכטיקייט, ליב האָבן וואוילטעטיקייט און פילן זיך באַשיידן קעגן גאָט) (מיכה ו׳). איז געקומען ישעיה (דער צווייטער) און געמאַכט פון די דריי — צוויי: שמרו משפט ועשו צדקה (היט אָפּ דאָס געזעץ און טוט גערעכטיקייט) (ישעיה נ״ו). איז געקומען חבקוק און געמאַכט פון דעם אַלעם — איינס: וצדיק באמונתו יחיה (דער צדיק וועט לעבן מיט זיין גלויבן); דאָס הייסט, אַז דער עצם יסוד פון דער יידישער אמונה איז די אמונה גופא, דאָס דורכגעדרונגען זיין מיט דעם באַוואוסטזיין פון גאָטס איינהייט, אַלמעכטיקייט און אייביקער השגחה, פון וואָס עס קומען שוין אַרויס ממילא אַלע מאָראַלישע פולקאָמענהייטן און די ערפורכטיק עניוות־דיקע באַציאונג צום לעבן.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט צווישן די אגדות פון יענער צייט, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז אין די תלמודים און מדרשים, ציען צו די גייסטרייכע און שיינע מאמרים פון ר׳ שמואל בר נחמוני, ר׳ לוי בר חמא און ר׳ אבא בן כהנא, און מיר ציטירן די עטלעכע פון זיי ווי אַ מוסטער: „פון יעדער צרה, וואָס קומט אויף אַ מענטשן, קען אַ צווייטער מענטש

ארויסציען עפּעס אַ טובה פאַר זיך״; „די אויגן און דאָס האַרץ — דאָס זיינען צוויי פאַקטאָרן פון זינד״; „וזרח השמש ובא השמש״ (די זון גייט אויף און די זון פאַרגייט): איידער עס גייט אונטער די זון פון איין גרויסן מענטשן, הויבט שוין אָן שיינען די זון פון אַ צווייטן״. כאַראַקטעריסטיש זיינען די אגדות פון יענער צייט בנוגע צו דער רוימישער מלוכה; אין איינער פון זיי זאָגט זיך: „אויב אין מצרים איז געווען פינצטער, איז אין רוים — גלאַט אַ כאַאָס״. דערמיט איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געוואָרן כאַראַקטעריסטיש די דעמאָלטיקע ארומרייסעניש איבער דעם רוימישן טראָן.

אין יענער צייט האָבן זיך ווידער באַנייט די אַמאָליקע דאָגמאַטישע ויכוחים צווישן די פאָרשטייער פון יידנטום און קריסטנטום, אמת, מיט ווייניקער כעס און ביטערניש און מיט אַ מער ערנסטער באַציאונג צו דעם עצם ענין. דאָס קריסטנטום האָט שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעמאַכט אַ באַדייטנדיקן פּראָצעס פון אינערלעכע אַרומרייסענישן, און אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ באַשטימטע איינהייטלעכע געשטאַלט מיט אַ פעסטן דאָגמאַטישן יסוד. די ויכוחים צווישן די קריסטלעכע און יידישע דרשנים האָבן ד׳עריבער געטראָגן איצט אַ ריין אַקאַדעמישן כאַראַקטער, און אַזוי ווי ביידע צדדים האָבן זיך געשטיצט אויף איין און דעם זעלביקן מקור — אויף די „הייליקע שריפטן״, האָבן זיך געפונען עטלעכע פון די קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האָבן ספּעציעל צוליב דעם שטודירט די העברעאישע שפּראַך. פון די לעצטע האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט דער באַרימטער קריסטלעכער טעאָלאָג אָרעגינוס וועלכער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין פּאַלעסטינע (230—250) און דאָרט שטודירט די ביבל אין אָריגינאַל אונטער דער אָנווייזונג פון דעם אויבנדערמאָנטן הלל, אַ ברודער פון ר׳ יהודה נשיאה דעם צווייטן.

אָט דער אָרעגינוס האָט אַ סך מאָל זיך געפּרואווט מתוכח זיין מיט די יידישע דרשנים, און צו די ויכוחים געהערן עס די אַלע „תשובות המינים״ (אָן ענטפער די מינים קריסטן) פון דער אגדה. כדי צו דערווייזן די ריכטיקייט פון זייער מיינונג וועגן דער געטלעכער „דריי־איינקייט״, האָבן זיך די קריסטלעכע טעאָלאָגן אָפט געשטיצט אויף דער גראַמאַטיקאַלישער באַדייטונג פונעם וואָרט „אלהים״ (לשון רבים, מערצאָל; אלה — גאָט, אלהים — געטער), מיט וועלכן ס׳ווערט כסדר באַצייכנט אין דער ביבל

דער באַגריף „גאָט". ווי אַן ענטפער אויף דעם האָט ר׳ שמלאי זיי אויפ־געוויזן, אַז דאָס וואָרט וואָס קומט נעבן דעם אויסדרוק אלהים, איז שטענדיק אין לשון יחיד (איינצאָל) און נישט אין לשון רבים (בראשית ברא אלהים: האָט באַשאַפן און נישט האָבן באַשאַפן). די קריסטן האָבן דאַן אָנגעוויזן אויף דעם פסוק: נעשה אדם בצלמנו (מיר וועלן מאַכן אַ מענטשן לויט אונדזער געשטאַלט), וואו גאָט אַליין באַנוצט זיך מיט אַ לשון רבים; אויף דעם האָט ר׳ שמלאי בן נחמוני געענטפערט: ווען משה האָט געשריבן די תורה און איז צוגעקומען צו דעם פסוק, האָט ער זיך אָפּגערופן צו גאָט: „הערשער פון דער וועלט! מיט דעם אויסדרוק (דעם לשון רבים) גיסטו דאָך אַ געלעגנהייט די מינים צו פאַרטיידיקן זייערע איינבילדונגען!" האָט אים גאָט געענטפערט: „שרייב, און ווער עס וויל זיך איינבילדן, זאָל זיך איינבילדן".

אַן אנדער בעל־אגדה האָט שאַרף און אָפן דערקלערט: „זאָגט אַ מענטש: איך בין גאָט — גלויב אים נישט; זאָגט ער: איך בין אַ „בן אדם" (מענטשנזון) — וועט ער סוף כל סוף חרטה האָבן; זאָגט ער: איך וועל מיך אויפהויבן אין הימל — וועט ער עס קיין מאָל נישט באַווייזן". „גאָט איז נישט גלייך צו אַ מענטשן־קעניג: ער האָט נישט קיין פאָטער, נישט קיין זון, נישט קיין ברודער. דאָס איז די באַדייטונג פון פסוק: איך בין דער ערשטער און איך בין דער לעצטער און חוץ מיר איז קיין גאָט נישטאָ".

„אַזעלכע פריידלעכע און פרייע וכוחים — באַמערקט אַ יידישער היסטאָריקער — זיינען נאָך מעגלעך געווען אין דריטן יאָרהונדערט, ווען די קריסטן האָבן זיך געפונען אין דער לאַגע פון אַ גערודפטער סעקטע. אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, ווען דאָס קריסטנטום איז, אונטער דער הערשאַפט פון קייסער קאָנסטאַנטין און זיינע נאָכפאָלגער, געוואָרן אַ הערשנדיקע רעליגיע, — האָבן די יידישע און קריסטלעכע טעאָלאָגן שוין נישט געקענט דיספּוטירן וועגן רעליגיעזע פראַגן מיט איינע און די זעלבע רעכט. די קירכע האָט באַקומען אויף איר זייט די רוימישע שווערד און פאַר וועלן אָפּלייקענען אירע דאָגמעס זיינען נישט־באַוואָפנטע פרעמד־גלויביקע געוואָרן האַרט באַשטראָפט.

## קאַפּיטל זעקס

### די לאַגע פון די יידן אין בבל און פּערסיע

נאָכן טויט פון ר׳ יהודה נשיאה דעם 2־טן איז דאָס יידנטום אין פּאַ־לעסטינע צוגעקומען צו דעם מצב פון אַ שטאַרקער ירידה. עס האָט געפעלט די צענטראַלע, ענערגישע פּערזאָן, וואָס זאָל בכוח זיין אַריינצוברענגען לעבן און גייסט אין דעם אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם פון די איבערגעבליבענע יידי־שע מאַסן, און די ישיבות אין דער פּראָווינץ זיינען איינע נאָך דער אַנ־דערער אונטערגעגאַנגען. געבליבן פון אַלע באַרימטע אַקאַדעמיעס אין ארץ ישראל איז נאָר די איינציקע ישיבה אין טבריה (גליל) און אויך דאָ האָט דאָס ליכטל פון דעם יידישן גייסט שוואַך געצאַנקט.

אָט די ירידה פון ארץ ישראל איז אָבער נאָך נישט געווען די ירידה פון דעם יידישן כלל, פון דער יידישער אומה; דאָ האָט זיך ווידער אַרויס־געוויזן די וואונדערבאַרע דערשיינונג, וואָס האָט זיך אַזוי אָפט איבערגע־חזרט אין דער יידישער געשיכטע. אין דער צייט, ווען דאָס יידנטום אין פּאַלעסטינע האָט זיך געראַנגלט מיטן אונטערגאַנג, האָט געבליט און זיך אויסגעבילדעט אַ נייער צענטער פאַר דעם יידישן גייסט אין בבל. דאָס דאָזיקע אַלטע שיינע לאַנד צווישן די טייכן פרת און חדקל, וואו די יידישע געפאַנגענע זיינען אַמאָל געזעסן און געוויינט, און זיך דערמאָנט אין ציון״ — איז איצט געוואָרן אַ צווייטע מאַמע פאַר דער יידישער אומה. דאָס איז געווען אַ מין חסד פון דער השגחה מיט זיבן יאָרהונדערטער צוריק, צו מאַכן, אַז נישט אַלע יידן פון בבל זאָלן זיך אומקערן קיין ארץ ישראל. און אַ גרויסע צאָל פון זיי זאָל זיך אָפּשטעלן אין דעם לאַנד, כדי עס זאָל נישט אונטערגיין די גאַנצע אומה, צוזאַמען מיט דעם טייל, וואָס וועט אַרונטער־פאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער און נישט קענעןביישטיין קעגן זייערע גזירות און רדיפות. די דאָזיקע איבערגעבליבענע יידישע קאָ־לאָניע איז זיך דאָ מיט דער צייט פונאַנדערגעוואַקסן און האָט צוזאַמענ־געשטעלט אַ באַדייטנדיקן עלעמענט אין דעם אָרגאַניזם פון דער פּאַרטי־שער מלוכה, וואָס האָט קאָנקורירט מיט רוים איבער דער וועלט־מאַכט

און מיט אַ לייבן־פעסטער עקשנות זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם רוי־מישן אָדלער. דאָ האָבן יידן נאָך פון די עלטסטע צייטן אָן אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע גייסטיקע טעטיקייט, און די ריכטונג פון דער דאָזיקער טעטי־קייט איז שטענדיק געווען אַ ריין־נאַציאָנאַלע, יידישע, אָן וועלכער ס'איז השפעה פון אַ פרעמדער קולטור. די גרויסע צאָל פון די יידישע איינוואוי־נער, וואָס האָבן זינט צענדליקער דורות באַוואוינט גאַנצע פראָווינצן פון לאַנד; די זעלבסטשטענדיקייט אין זייערע אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן, וואָס די פּאַרטישע ממשלה האָט זיי איבערגעלאָזט; דער גלאַנץ און די פירשטלעכע מאַכט פון זייער פּאָליטישן פאָרשטייער און פירער; זייער איינגעוואָרצלטקייט אין לאַנד, וואָס האָט זיי צוגעגעבן דעם כאַראַקטער פון איינגעבוירענע, גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, — דאָס אַלץ האָט אויס־געאַרבעט אין דעם בבלישן יידן אַ געוויסן געפיל פון שטאָלץ און רואי־קייט, און זיין גייסט איז אויך געוואָרן טיפער און פילזייטיקער.

די באַדייטנדיקסטע צווישן די צענטראַלע שטעט פון דעם יידישן ישוב אין בבל איז געווען נהרדעא, אַ באַפעסטיקטע שטאָט ביים ברעג פון טייך פרת, וואָס איז געווען דורך און דורך באַפעלקערט פון יידן, און האָט דעריבער אַ לאַנגע צייט געטראָגן דעם נאָמען „ירושלים פון בבל". ווען דער בית־המקדש אין ירושלים איז נאָך געשטאַנען, איז דאָ געווען די אַל־געמיינע קאַסע, וואוהין עס פלעגן אריינפליסן די נדבות פאַרן בית־המקדש פון אַלע בבלישע קהלות, און פון דאַנען פלעגט די אַלגעמיינע סומע באַ־זאָרגט ווערן קיין ירושלים. פון נהרדעא האָבן אויך געשטאַמט די צוויי יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן מורד געווען אין דעם פּאַרטישן הערשער און געגרינדעט אויף אַ באַדייטנדיקער צייט אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

עטלעכע מיילן ווייט צו דרום־זייט פון נהרדעא איז געלעגן פירוז־שבור (אויך: בי־שבור), אויך אַ באַפעסטיקטע און רייך־באַפעלקערטע שטאָט, און נישט ווייט פון דאָרטן האָט זיך געפונען פומבדיתא, אַ גרויסע שטאָט נעבן די קאַנאַלן פון טייך פרת מיט פּאַלאַצן און טעמפּלען. זעכצן געאָגראַפישע מייל ווייט פון פומבדיתא איז געלעגן די שטאָט מתא מחסיא. מתא־מחסיא האָט פאַרנומען דעם גאַנצן שטח ארום דעם טייך סורא, און דעריבער ווערט זי אָפט באַצייכנט מיטן נאָמען סורא. ווי פומבדיתא מיט איר עשירות און רייכע פּאַלאַצן, אַזוי האָט זיך מתא־מחסיא־סורא אויס־געצייכנט מיט איר אָרימקייט און מיאוסן אויסזען; דערפאַר זיינען די

איינוואוינער פון דעם אָרימען שטעטל געווען באַרימט מיט זייער ערלעכקייט, און דאָס שפּריכוואָרט האָט געזאָגט: „ס'איז בעסער צו וואוינען אין אַ מיסט־שטאַל פון מתא־מחסיא, איידער אין אַ פּאַלאַץ פון פומבדיתא".

מיט די דאָזיקע דריי שטעט ארום דעם טייך פּרת האָט קאָנקורירט אַ פערטע, מחוזא, אויפן ברעג פון חדקל, דריי מייל ווייט פון דער פּאַרטישער הויפּטשטאָט קטעסעפאָן. מחוזא איז געשטאַנען אויף אַ באַרג און איז געווען געשיצט מיט פעסטע מויערן, אַ טיפן גראָבן און אַ שטאַרקן פעסטונג־שלאָס אין שטאָט גופא. באַפעלקערט איז זי אָבער געווען בלויז פון יידן. דאָס זיינען געווען מערסטנטייל אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די אַמאָליקע גרים, און די יידן האָבן געקוקט מיט אַ געוויסער פאַראַכטונג אויף זייער לייכטזיניקייט, אויף זייער ליבע צו אַלערליי וועלטלעכע פאַרגעניגנס און אויף זייערע אויסגעלאַסענע געננ בכלל. נישט ווייניק יידן האָבן זיך געפונען אויך אין די איבעריקע שטעט פון דעם פרוכטבאַרן לאַנד, און זיי האָבן זיך אומעטום געפילט, ווי ביי זיך אין דער היים. די אונטערגעוואָרפנקייט בנוגע צו דער מלוכה האָט זיך אויסגעדריקט אין קאָפּ־ און ערד־שטייערן. דערביי זיינען נאָך דעמאָלט געווען ארום דעם טייך פּרת גרויסע שטרעקעס ערד אין גאַנצן אָן בעלי־בתים, און ווער עס האָט זיך אַרויסגערופן צו באַצאָלן די שטייערן פון אַ געוויסער שטרעקע, האָט זיך גערעכנט פאַר איר אייגנטימער. מיט דעם זכות האָבן זיך די יידן אַ סך באַנוצט און די גאַנצע געגנט מיט איר יידישער באַפעלקערונג איז רעגירט געוואָרן פון אַ יידישן פירשט (עקזילאַרך), וואָס האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דעם פּאַרטישן מלוכה־לעבן און פאַרנומען דעם פערטן ראַנג נאָכן קעניג אין דער ריי פון די מלוכה־פירער. דער עקזילאַרך איז אויסגעוויילט געוואָרן פון דער יידישער באַפעלקערונג אַליין, און די קרוין האָט נאָר באַשטעטיקט די וואַלן, דערביי איז דעם אויסדערוויילטן געגעבן געוואָרן ווי אַן ערן־צייכן אַ זיידן אויבערקלייד מיט אַ גאָלדענעם גאַרטל.

די עקזילאַרכן האָבן געשטאַמט פון די מלכי בית דוד, דעריבער האָט דאָס פאָלק שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר זיי און אָפּגעהיט זייערע פאַראָרדענונגען. מיר האָבן נישט קיין גענויע ידיעות וועגן די עקזילאַרכן אין די ערשטע פעריאָדן פון דער אַלט־פּערסישער און סעלעווקידיש גריכישער הערשאַפט. כאָטש אַן אַלטע כראָניק (סדר עולם זוטא) רעכנט אויס אַ ריי

עקזילאַרכן פון זרובבל בן שאלתיאל אָן ביז דער ענדע פון צווייטן יאָרהונ־דערט אין פינפטן טויזנט. מיר באַגעגענען צום ערשטן מאָל די געשטאַלט פון אַ „ריש גלותא" אין דעם לעצטן דור פון די תנאים; דאָס איז מר הונא, וועלכער איז געשטאָרבן אין דער צייט, ווען ר' יהודה דער ערשטער איז געווען פּאַטריאַרך (נשיא) אין פּאַלעסטינע, און האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל אריבערפירן זיינע ביינער אינעם לאַנד פון די אבות. פון דעם מר־הונאן אָן האָבן מיר שוין קלאָרע היסטאָרישע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון די עקזילאַרכן אַזש ביזן סוף פון זעקסטן יאָרהונדערט.

די עקזילאַרכן זיינען קודם כל געווען הויפּט־ריכטער פון אַלע יידישע קהלות אין בבל, דערביי איז אין זייער קאָמפּעטענץ אַריין אויך קערפּער־לעכע שטראָף פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס, וואָס האָט זיך אויפן אָריענ־טאַלישן שטייגער אויסגעדריקט מערסטנטייל אין „מלקות" (שמיץ). אין די פונקציעס פון דעם ריש־גלותא זיינען אויך אַריין די גאַנצע פּאָליציי־אָרגאַניזאַציע אין די שטעט, די אויפזיכט איבער דער ריכטיקייט פון מאָס און געוויכט, איבער בריקן און קאַנאַלן און בכלל איבער אַלע ענינים פון דער עפנטלעכער אָרדענונג. אָפיציעל איז דעם ריש־גלותא אָפּגעגעבן גע־וואָרן דער זעלביקער כבוד, וואָס די אַמאָליקע יידישע מלכים פון דודס הויזגעזינט: אים איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ העכערער אָפּגעזונדערטער פּלאַץ אין שול, און ביים עולה זיין פלעגט דער שמש צוטראָגן די ספר־תורה צו אים, און ער האָט ביי זיך אויפן פּלאַץ אַרויסגעלייענט פון איר די באַשטימטע פרשה. דער ריש־גלותא האָט באַזעסן אַ גרויסע צאָל שקלאַפן און סתם דינער, און אַפילו פרייע מענער האָבן זיך געפונען אונטער זיין שוץ און געמוזט, צום צייכן פון אונטערטעניקייט, שטענדיק טראָגן אויף די קליידער דעם הערב פון זייער האַר.

ביי אַזאַ ברייטער און נישט נאָרמירטער מאַכט איז זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז די עקזילאַרכן האָבן זיך געפילט, ווי זעלבסטהערשער בנוגע צו דער יידישער באַפעלקערונג, און דאָס האָט אָפט געבראַכט צו שאַרפע תרעומות מצד די געדריקטע מאַסן. אין דער צייט, איידער די יידישע גע־זעץ־לערע האָט זיך איבערגעקליבן קיין בבל, זיינען געווען צווישן די עק־זילאַרכן אַפילו עמי־הארצים, וואָס האָבן נישט געוואוסט אונטערצושיידן פון כשר ביז טרפה, און די גאַנצע פירונג אין „הויף" איז געווען קעגן די געבאָטן פון דער תורה. וואָס ווייטער איז אָבער די לאַגע אין דער הינזיכט

געוואָרן אַלץ בעסער, און די געשיכטע פון די שפעטערדיקע צייטן ווייס שוין צו דערציילן וועגן אַ ריי עקזילאַרכן, וואָס האָבן פאַראייניקט אין זיך תורה און גדולה און דאָס פאָלק האָט זיי געשעצט נישט ווייניקער פון די פאַטריאַרכן אין ארץ ישראל.

אַ באַזונדער שטאַרקע באַוועגונג, צו פאַרשפּרייטן די יידישע געזעצלערע צווישן די יידן אין בבל, באַמערקט זיך אין דער עפּאָכע פון די לעצטע תנאים. אין דער ישיבה פון ר׳ יהודה הנשיא דעם ערשטן (רבי) זיינען אָנגעקומען מאַסן תלמידים פון די פראָווינצן ארום די טייכן פרת און חדקל, און אַ סך פון זיי זיינען דערנאָך געוואָרן די ליכט זיילן פון דער ישיבה. ר׳ חייא פון כפרי און זיינע צוויי וואונדער־זין, זיינע קרובים אבא אריכא און רבה בר חנא, אבא און זיין זון מר שמואל, — אַלע האָבן זיי זיך גערעכנט פאַר די בעסטע תלמידים פון דעם גרויסן פאַטריאַרך, און זיי זיינען אויך געווען די ערשטע פיאָנערן פון דער יידישער אַקאַדעמישער בילדונג אין בבל. ר׳ חייא מיט זיינע צוויי זין האָבן זיך, אמת, נישט אומגעקערט צוריק אין זייער היימלאַנד, און זיינען געשטאָרבן אין גליל, וואו דאָס פאָלק האָט פאַרהייליקט זייערע קברים און גערעכנט פאַר אַ זכיה, באַגראָבן צו ווערן נאָענט פון זיי. אין משך פון זיין לעבן האָט אָבער דער דאָזיקער גרויסער גייסט געהאט אַ שטאַרקן און דירעקטן איינפלוס אויף אבא אריכא, וועלכער איז אַוועק צוריק קיין בבל און געגעבן אין גאַנצן אַ נייע ריכטונג דער אנטוויקלונג פון דער בבלישער דיאַספּאָראַ.

אבא אריכא, מיט זיין היסטאָרישן נאָמען רב (געב׳ 175, געשט׳ 247), איז ווי אַ קינד נאָך שוין געווען באַרימט מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. נאָכן טויט פון זיין פאָטער איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל און איז אָנגעקומען אין דער ישיבה פון דעם גרויסן נשיא. דאָ האָט ער אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פונעם גאַנצן קאָלעגיום צוליב זיין אומגעוויינלעכער שאַרפזיניקייט, און ווען ער האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל, האָט זיין פעטער ר׳ חייא געבעטן דעם נשיא, ער זאָל אים מסמיך זיין און דערלויבן צו זיין „אַ לערער און אַ ריכטער”. די דאָזיקע בקשה איז דערפילט געוואָרן, כאָטש נישט אין גאַנצן; דער ווייטזיכטיקער נשיא האָט פאָרגעזען, אַז זיין באַגאַבטער תלמיד וועט אויפהויבן דעם מעמד פון דער תורה אין בבל אַזוי שטאַרק, אַז זי וועט קאָנקורירן מיט ארץ ישראל, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ צייכן פון אָפּהענגיקייט: ווען ער

האָט געגעבן סמיכה דעם גרויסן תלמיד פון בבל, האָט ער אים דאָך פאַר־באָטן צו פסקענען געוויסע שאלות. מיט אַזאַ האַלבער סמיכה האָט זיך אבא אריכא אומגעקערט קיין בבל, און דעמאָלט שוין איז זיין פּאָפּולאַריטעט געווען אַזוי גרויס, אַז די בכבודיקסטע געזעץ־לערער פון גאַנצן לאַנד זיינען אַרויסגעגאַנגען אים מקבל פּנים זיין און אַנערקענט אים פאַר די העכסטע אויטאָריטעט בנוגע צו אַלע פראַגן פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן. צווישן די דאָזיקע בבלישע געזעץ־לערער האָט זיך געפונען אויך דער פירער פון דער ישיבה אין נהרדעא, ר׳ שילא, און ער האָט דער ערשטער אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ דעם אָנגעקומענעם „זקן" פון דער גרויסער ישיבה אין צפורי.

פאַרגעקומען איז דער פאַקט אויף דעם ווייטערדיקן אופן:

ווען ער איז אָנגעקומען קיין נהרדעא האָט אבא געפונען דעם אלטן „ריש סידרא" (ראש ישיבה), וועלכער האָט אים פּערזענלעך נישט געקענט, ווי ער זיצט און דרשנט אַ געוויסע משנה און ס׳איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל זי מסביר זיין און דערקלערן. דעמאָלט האָט זיך אבא אָוועקגע־שטעלט פאַר אַ מתורגמן, און ווען ר׳ שילא האָט אים איבערגעגעבן אין דער שטיל דעם פּירוש פון אַ משנה, האָט ער זי מסביר געווען פאַרן עולם און פאַרטיפט דעם פּירוש אויף אַזוי פיל, אַז ס׳איז אַרויסגעקומען עפּעס גאָר אַנדערש פון דעם, וואָס ר׳ שילא האָט געוואָלט זאָגן. ר׳ שילא האָט געפּרואווט אין אָנהויב מקפיד זיין און פּראָטעסטירן; אויף דעם האָט אים דער „רעוואָלוציאָנערער" רב געענטפערט: „די פלייט, וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן דעם מענטשן מיט אַ מוזיקאַלישן געהער, קלינגט שלעכט אין די אויערן פון אַ פּראָסטן אַרבעטער, וואָס האָט קיין געהער נישט פאַר פיינע טענער. וויפיל מאָל האָב איך דערקלערט משנות פאַרן גרויסן ר׳ חייאן און ער איז געווען צופרידן, נאָר דיר געפעלן נישט מיינע דערקלערונגען". ר׳ שילא האָט דעמאָלט ערשט זיך געכאַפּט, אַז דער מתורגמן, וואָס שטייט פאַר אים, איז דער באַרימטער אבא אריכא, און געבעטן מחילה ביי אים און אויסגערופן: „זעץ זיך דו אויף מיין אָרט; איך האָב נישט פאַרדינט, אַז דו זאָלסט זיין מיין מתורגמן". רב האָט דעם פאַרשלאַג פונדעסטוועגן נישט אָנגענומען, און נאָך ר׳ שילאס טויט, האָט ער דעם פּאָסטן אין נהרדעא איבערגעגעבן זיין חבר שמואלן, וועלכער איז מיט אים צוזאַמען געקומען פון ארץ־ישראל און איז דערצו געווען אויך אַ דאָרטיקער געבוי־רענער.

אין יענער צייט איז געווען עקזילאַרך אַ געוויסער ענן, וועלכער האָט, ווי ס׳איז צו גלויבן, געוואָלט מהנה זיין די חכמים און זיי איבערגעבן אַלע געזעלשאַפטלעכע פאָסטנס. ער האָט באַשטימט מר עוקבאן פאַר אַ אויבער שופט אין כפרי, קרנאן פאַר אַ שופט, און ווען רב איז געקומען קיין בבל, האָט ער אים געמאַכט פאַר אַן „אַגאַראַנאָמאָס״ ד״ה פאַר אַן אויפזעער איבער דער ריכטיקייט פון די וואָגן און מאָסן אין די האַנדלס־פלעצער פון לאַנד. אין דעם פאָסטן איז אויך אַריינגעגאַנגען די פונקציע פון קאָנטראָלירן די פרייזן און נישט דערלאָזן דערביי צו קיין שום שפּעקולאַציעס. בנוגע צו דער פראַגע איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער סכסוך צווישן רבן און דעם עקזילאַרך, — אַ סכסוך, וואָס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז רב איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אויף אַ לאַנגער צייט.

אָט די נישט לאַנג־דויערנדיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען פון גרויסע נוצן פאַר דעם באַנייער פונעם יידישן גייסט אין זיין נייעם וואוינאָרט. ווען ער פלעגט ארומפאָרן ווי אַן אַגאַראַנאָמאָס איבער די אַלע שטעט און שטעטלעך פון לאַנד, האָט רב דערוייל געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן גייסטיקן צושטאַנד פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, און זיין איינדרוק פון די דאָזיקע באַאָבאַכטונגען איז געווען זייער אַ טרויעריקער. דער גרויסער לערער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק איז שרעקלעך פאַרגרעבט און באַגייט זייער האַרבע פאַרברעכנס קעגן די געבאָטן פון דער תורה, נישט אויס לייכטזיניקייט, נאָר פשוט אויס עמי הארצות. אין דער גאַנצער יידישער דיאַספּאָראַ האָט זיך שוין, למשל, לאַנג געהאַט פּראַקטיצירט דאָס געזעץ פון דער תורה, וואָס פאַרבאָט צו עסן פלייש מיט מילך אינאיינעם (בשר בחלב), און דאָ האָט רב געהערט אין אַ שטעטל, ווי אַ יידישע פרוי האָט געפרעגט דער צווייטער, וויפיל מילך דאַרף מען האָבן אויף אַ פערטל פונט פלייש. צו די עבירות אין דעם אַלטעגלעכן לעבן איז צוגעקומען אויך די מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט און די אלגעמיינע אומוויסנקייט, און דאָס האָט ביי דעם יונגן געלערנטן אַרויסגערופן די אידייע, צו גרינדן אַ גרויסע ישיבה גראָד אינעם צענטער פון דער געגנט, וואו די עמי־הארצות הערשט אמשטאַרקסטן, און אַזוי ארום פאַרשפּרייטן די וויסנשאַפט אין דעם גייסט פון דער תורה איבערן גאַנצן לאַנד. און די אידייע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן: זיבן הונדערט יאָר האָט די ישיבה אין סורא

געדינט דעם פאָלק ווי אַ פאַקל, און פונאַנדערגעוואָרפן פייערדיקע ליכט־שטראַלן אין אַלע ווינקעלעך פון דער יידישער דיאַספּאָראַ.

צו דער אויספירונג פון דעם גרויסן פּלאַן האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, אַ סך מיטגעהאָלפן די אינטימע פריינטשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן רבן און דעם לעצטן פּאַרטישן קעניג, אַרטאַבאַן (210—226); די באַקאַנט־שאַפט צווישן זיי איז אויך געשלאָסן געוואָרן אין דער צייט פון רבס גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און דער קעניג איז אַזוי באַצויבערט געוואָרן פון דעם יידישן געלערנטן, אַז ער האָט זיך מיט אים ענגער צוזאַמענגעלעבט און איז געבליבן זיין פריינט און באַשיצער ביז דער איבערקערעניש פון די פּערסיאַנער. אָט די שטיצע פון קעניג האָט געגעבן רבן די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיין אידייע און אין יאָר דריי טויזנט ניין הונדערט און זיבעציק (219) איז שוין געווען געגרינדעט די גרויסע ישיבה (מתיבתא) אין סורא (מתא־מחסיא). דאָס איז געווען אַ צענטראַלע אַקאַדעמיע פאַרן גאַנצן לאַנד, וואו ס׳האָבן זיך גלייך צונויפ־געזאַמלט ביז צוועלף הונדערט תלמידים, נישט בלויז פון בבל אַליין, אַזוי אַז דער בית מדרש אַליין איז צו קליין געווען פאַרן גאַנצן עולם, און מען האָט געמוזט צונעמען פאַר דער ישיבה נאָך אַ ברייטן גאָרטן. די דאָזיקע גאַנצע מאַסע תלמידים האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער פּערזאָן פון דעם גרויסן רבין, און זייער פאַרערונג בנוגע צו אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין גיכן האָבן זיי אים אַלע אָנגעהויבן צו רופן סתם רב (רבי, לערער), ווי מ׳האָט דעם פּאַטריאַרך, ר׳ יהודה דעם ערשטן אין ארץ ישראל, אויך גע־רופן סתם רבי. אַזוי ווי דער בית־מדרש איז געווען רבס אַן אייגן הויז, האָט מען אים אויך גערופן בי רב (בית רב), און פון דעמאָלט אָן איז פאַרבליבן דער נאָמען פאַר יעדן תלמיד חכם — „בר בי רב" (אַ תלמיד פון רבס בית־מדרש). אַ סך תלמידים פון זיין ישיבה האָט רב אַליין אויס־געהאַלטן און דערנערט, ווייל ער איז געווען זייער רייך. ווי אין פאָלק האָט זיך דערציילט, האָט דער גרויסער גזעץ־לערער, אגב, אַליין באַאַר־בעט זיינע פעלדער און זיינע איבעריקע נחלאות.

מיט דעם דאָזיקן צוועק און כדי צו געבן די מעגלעכקייט צו לערנען אויך מענטשן פאַרנומענע און באַשעפטיקטע, — האָט רב באַשטימט צוויי חדשים אין יאָר, אדר און אלול, וואָס זיינען אין גאַנצן געווידמעט געווען דעם שטודיום פון דער תורה. אין די דאָזיקע צוויי חדשים, וואָס האָבן

געטראָגן דעם נאָמען „ירחי דכלה" (פאַרזאַמלונגס־חדשים), פלעגט גע־לערנט ווערן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט כמעט אָן אַ שום אויפהער, און אַ סך פון די תלמידים האָבן זיך נישט פאַרגונען דעמאָלט אַפילו אָפּ־צועסן צו דער זעט. די לעצטע וואָך פון יעדן פאַרזאַמלונגס חודש, ד"ה די וואָך ערב די גרויסע יום־טובים אָדער ערב פּסח, איז באַשטימט געווען פאַרן פאָלק. אין דער וואָך (שבתא דריגלא) פלעגט זיך צונויפפאָרן קיין סורא אַזאַ עולם פון אַלע עקן לאַנד, אַז די הייזער פון שטאָט האָבן אים נישט געקענט אַריינגעמען אין גאַנצן און גרויסע מאַסן האָבן געמוזט זיך אויפהאלטן אונטערן פרייען הימל. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט אויפן וועג פון דער ברייטער אַרבעט פאַר פאָלקס־בילדונג, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אין די שפּעטערדיקע צייטן.

אין זיין אַקאַדעמישער טעטיקייט איז רבס שטייגער געווען, אויס־צוטייטשן די משנה און זי צו דערקלערן, לויט דער לעצטער הכרעה צווישן די משנות און ברייתות; אָט די הכרעות און פאַרגלייכונגען האָבן אים גע־דינט ווי אַ יסוד אויך פאַר נייע הלכות — דאָס זיינען די באַרימטע „מימ־רות", וואָס פאַרנעמען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אינעם בבלישן תלמוד. וואָס שייך צו דער ריכטונג פון די דאָזיקע ניי־געשאַפענע הלכות, זעט זיך אין דעם גרעסטן טייל פון זיי אַ נייגונג צו פאַרהאַרבערן די נאָרמען פון דער תורה, און באַזונדער בולט ווייזט זיך אַרויס רבס האַרבקייט בנוגע צו די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער מאָראַלישער צושטאַנד פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן אין בבל איז געווען צו יענער צייט שטאַרק געפאַלן, און זיי האָבן פאַרוואַנדלט די טראַדי־ציאָנעלע יידישע פאַמיליע־ריינקייט אין אַ מוראדיקער הפקרות. רב האָט שטרענג פאַרבאָטן, מקדש צו זיין אַ פרוי אין גאַס אָן די געהעריקע אונ־טערהאַנדלונגען, און אין דער זעלבער צייט האָט ער גוזר געווען אויפן פאָטער, ער זאָל נישט פאַרקנסן זיין טאָכטער קליינערהייט, נאָר וואַרטן „ביז זי וועט גרויס ווערן און זאָגן: איך וויל יענעם און יענעם". כדי אויס־צוואָרצלען פון דער יידישער גאַס די וואָכעדיקע באַציאונג צווישן דעם פאַרקנסטן פּאָר, האָט רב פאַרבאָטן דעם חתן, צו וואוינען ביי דער כלה אין שטוב פון די תנאים ביז דער חתונה. צו רבן געהערן אויך אַ גאַנצע רייע תקנות מיט דעם צוועק, צו פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פון דער געריכטס־מאַכט, און די אַלע תקנות זיינען מיט דער צייט געוואָרן פעס־

טע, גילטיקע געזעצן. רבס טעטיקייט איז אַלזאָ געווען אַ טאָפּלטע. פון איין זייט האָט ער אויסגעאײדלט די זיטן פון דער באַפעלקערונג מיט דער הילף פון פּראַקטישע איינפירונגען, און פון דער צווייטער זייט — גע־וועקט דעם פאָרשונגס־גייסט פון פאָלק און פאַרשפּרייט אין לאַנד ליכט און גייסט.

דער גרויסער באַנייער פון דעם יידישן לעבן אין בבל האָט זיך אויס־געצייכנט אויך מיט זיין מילד־עניוותדיקער און מענטשן־פריינטלעכער נאַ־טור. די לעגענדע דערציילט, אַז ער האָט געהאַט זייער אַ שלעכט און בייז ווייב, וועלכע האָט ליב געהאַט צו טון פּונקט דעם היפך פון דעם, וואָס ער האָט ביי איר געבעטן. ווען זייער זון חייא איז אויסגעוואַקסן, פלעגט ער דעריבער איבערגעבן דער מאַמען דעם פאָטערס בקשות פאַרקערט, כדי זי זאָל זיי דערפילן אַזוי, ווי ער האָט באמת פאַרלאַנגט. פון דער קאָמבי־נאַציע האָט זיך רב דערוואוסט, און האָט אָנגעזאָגט דעם זון, ער זאָל דאָס מער נישט טון, ווייל ס'שטייט אין דער תורה געשריבן: מדבר שקר תרחק (פון אַ ליגן זאָלסטו דיך דערווייטערן). אַזאַ נאָכגיביקייט האָט רב אַרויס־געוויזן אויך בנוגע צו פרעמדע מענטשן פון פאָלק, און ווען אַ געוויסער קצב האָט אים אַמאָל באַליידיקט און איז אפילו ערב יום־כפּור נישט געקו־מען בעטן ביי אים קיין מחילה, — האָט רב אים געשיקט זאָגן, אַז ער איז אים מוחל. וועגן דער גייסטיקער שיינקייט פון דעם גרויסן באַנייער ריידן אויך די פיל אגדהשע מאמרים, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז אין זיין נאָמען: „ווער עס האָט נישט אין זיך די מדה פון רחמנות, איז נישט פון אברהמס אייניקלעך"; „די געזעצן פון דער תורה זיינען געגעבן, נאָר אָפּ־צורייניקן דעם מענטשן פון מאָראַלישער זינד"; „אַ פאָטער דאַרף קיין מאָל נישט שטעלן איין קינד העכער פונעם צווייטן: אונדזער עלטער־פאָ־טער יעקב האָט אויסגעצייכנט יוספן פון זיינע איבעריקע קינדער — און וויפיל שלעכטס איז דערפון אַרויסגעקומען!"

ווען ער האָט געזען די הונדערטער תלמידים, וואָס קומען זיך צונויף הערן זיין דרשה, האָט רב מורא געהאַט, עס זאָל אים ניט איינפאַלן עפּעס אַ הרהור פון גאווה, און ער האָט געחזרט דעם פּסוק: אם יעלה לשמים שיאו אאז"ו (ווען דעם מענטשנס גרויסקייט גייט אפילו אויף ביזן הימל, פאַר־גייט זי דאָך אויף פלוצלינג). אַליין אַן ערד־באַזיצער און אויך אַן ערד אַר־בעטער איז רב געווען אַ קעגנער פון מסחר, און זיין נישט געראָטענעם

זון אייבו געפינט ער פאַר גייטיק אָנצוזאָגן: ס׳איז בעסער צו פאַרדינען ווייניק פון ערד־אַרבעט, איידער פאַרדינען אַ סך פון מסחר; ערגער פון די ביידע איז אָבער גאַרנישט טון און זיך אַרויפלייגן אויף קהל. קעגן די האָט ער אָנגעזאָגט: „שינד אָפּ אַ נבלה אין גאַס (אויב דו האָסט נישט קיין אַנדער פרנסה), און זאָג נישט: איך בין אַ כהן (אַ מיוחס), איך בין אַ גרויסער מענטש!״

די פרוכטבאַרע טעטיקייט פון דעם דאָזיקן גרויסן גייסט האָט זיך געצויגן גאַנצע אַכט־און־צוואַנציק יאָר, און ווען ער איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט דאָס גאַנצע פאָלק אים באַקלאָגט. צענדליקער טויזנטער פון זיינע תלמידים האָבן באַגלייט זיין אָרון. און צום צייכן פון נאַציאָנאַלן טרויער האָט מען מתקן געווען, אַז דאָס גאַנצע יאָר זאָלן די יידישע חתונות געפייערט ווערן אָן הדסים און בלומען. פון זיינע קינדער איז באַזונדער באַקאַנט דער זון חייא; זיין טאָכטער איז פאַרהייראַט געווען פאַר אַ זון פון עקזילאַרך און אירע זין זיינען עס געווען די גייסטרייכע און באַרימטע עקזילאַרכן: רבנא עוקבא און רבנא נחמיה.

פילזייטיקער פון רבן און מיט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער איז געווען זיין חבר און מיטאַרבעטער אין דער אויפהייבונג פון בבלישן יידנטום שמואל בר אבא הכהן (געב. 180 געשטאָרבן 257). מיט דער אַקאַדעמישער טעטיקייט פון דער דאָזיקער גייסטרייכער און באַגאַבטער פערזענלעכקייט הייבט זיך אָן אין אַ געוויסער הינזיכט אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער לערע. אַ מענטש מיט אַ גלייכן און ניכטערן פאַרשטאַנד, ווייט פון חלומות און פאַנטאַסטישע איבערטרייבונגען, האָט מר שמואל אַריינגעבראַכט אָן אייגענעם זעלבסטשטענדיקן טאָן אין דעם אַלגעמיינעם אַקאָרד פון פלפּול און פאַנטאַזיעס. עס זיצן זיינע חברים און דערציילן כסדר די נסים און נפלאות און ענדערונגען אין דער גאַנצער וועלט־הנהגה, וואָס וועלן פאָרקומען אין די דערוואַרטעטע משיחס צייטן, און שמואל ענטפערט געלאַסן: „צווישן דער היינטיקער צייט און די צייט פון משיחן איז דאָ נאָר דער אונטערשייד, וואָס היינט זיינען יידן משועבד צו פרעמדע מלוכות, און דעמאָלט וועלן זיי זיין פריי״. שמואל איז געגאַנגען קעגן זיינע חברים אויך דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעקליבן נאָר דריי געביטן, אויף וועלכע ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט: יוריספּרודענץ, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין. ווי אַן אמורא איז ער דעריבער געשטאַנען ני־

דעריקער פון רבן בנוגע צו דינים פון כשר און טרפה, דערלויבטעס און פאַרבאָטענעס; דערפאַר אָבער איז זיין אויטאָריטעט גרעסער געווען אין די פראַגן פון דיני־ממונות (יורידיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן). און דער כלל אין תלמוד זאָגט: דער דין בלייבט, ווי רב אין איסורים און ווי שמואל אין דינים. פון דער גרויסער צאָל הלכות, וואָס שמואל האָט אויפגעטון אויף דעם געביט פונעם יידישן ציוויל־רעכט, איז באַזונדער וויכטיק זיין פּרינציפּ, לויט וועלכן די אַלגעמיינע בירגערלעכע געזעצן פון לאַנד גילטן אויך פאַר די יידן, וואָס וואוינען דאָרט, און זייערע אייגענע געזעצן מוזן צוגעפּאַסט ווערן צו די געזעצן פון לאַנד (דינא דמלכותא דינא). דאָס איז געווען אַ וויטזיכטיקער שריט פון דעם גרויסן געזעץ־לערער, די פאָלגן פון וועלכן ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין די קומענדיקע דורות. שמואל האָט צוגעגעבן זיין כלל דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער נאָרמע, וואָס עובר זיין אויף איר, הייסט ריכטיק, ווי עובר זיין אויף אַן אַנדער דין פון דער תורה, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען נישט בלויז מיט סבלנות, נאָר אויך מיט אַ געוויסער אַכטונג צו די געזעצן פון דעם לאַנד, וואו דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן. ווען דער ייד אין גלות איז געצוואונגען געווען צו לעבן לויט אַזעלכע געזעצן, וואָס האָבן גאַנץ אָפט נישט געשטימט מיט דעם כאַראַקטער פון זיין אייגענעם הייליקן קאָדעקס, האָט אים זיין געוויסן דערפאַר נישט געפּלאָגט — ער האָט געוואוסט, אַז זיין קאָדעקס גופא, די תורה, הייסט אים אָפּהיטן די געזעצן פון לאַנד און זיך זיי אונטערגעבן. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָבן זיך יידן מיט דעם כלל שטענדיק געקענט פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלן פון די שונאי־ישראל, וואָס האָבן כסדר אויפגעוואָרפן די יידן, אַז זיי לעבן לויט באַזונדערע, מענטשן־פיינטלעכע דינים און מנהגים. אַזוי איז דורך מר שמואלן פאַרקערפּערט געוואָרן די עצה פונעם גרויסן געטלעכן נביא ירמיה, וואָס האָט געלעבט מיט אַכט הונדערט יאָר פריער: ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה׳, כי בשלו־מה יהיה לכם שלום (און איר זאָלט פאָדערן דעם פרידן פון דער שטאָט, וואו איך האָב אייך דאָרטן פאַרטריבן, און איר זאָלט בעטן פאַר איר צו גאָט, דען אין איר פרידן וועט אויך צו אייך פרידן זיין).

אינעם קעגנזאַץ צו די איבריקע געזעץ־לערער פון זיין צייט אין יהודה און אין בבל, האָט מר־שמואל, ווי געזאָגט, זיך נישט דערוויטערט

פון דער אַרומיקער וועלט און אָפּגעגעבן אַ סך צייט אויף צו דערלערנען געוויסע אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. ער איז געשטאַנען אין פריינטלעכע באַ־ציאונגען מיט דעם פּערסישן געלערנטן אַבלאַט, און מיט אים צוזאַמען שטודירט די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט. פּאַר אַ פּאַסנדיקן פּלאַץ צו מאַכן אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען האָט זיי געדינט דער טאָל שנער, צווישן פּרת און חדקל, און דער פּלאַץ איז ווירקלעך ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן דאָס וויגל פון דער אַסטראָנאָמישער פאָרשונג. אויף ווי ווייט עס האָבן דערגרייכט שמואלס ידיעות אין דער חכמה באַווייזט זיין מאמר: „מיר זיינען קלאָר די וועגן פון הימל, ווי די וועגן פון נהרדעא״; נאָר בנוגע צו די קאָמעטן איז ער אָפן מודה, אַז ער קען זיך נישט אָריענ־טירן אין זייער מאָדנער באַוועגונג און איז נישט אומשטאַנד אויסצו־רעכנען זייער גאַנג.

שמואל האָט זיך באַנוצט מיט זיינע אַסטראָנאָמישע קענטענישן כדי אויפצוטון אַ וויכטיקע זאַך: ער האָט צונויפגעשטעלט אַ גענויען קאַלענ־דאַר פון אַלע יידישע יום־טובים אויף אַ גאַנצער ריי יאָרן. דאָס האָט ער געטון מיט דער כונה, כדי די יידן אין בבל זאָלן זיך אַליין קענען אַן עצה געבן מיט די קאַלענדאַר־באַשטימונגען און נישט זיין שטענדיק אָפּהענגיק אין דער הינזיכט פון די לבנה־באַאָבאַכטונגען אין יהודה. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט אָבער שמואל נישט געפועלט ביי זיך, צו מאַכן אַזאַ שריט קעגן דער אויבער־הערשאַפט פון פּאַטריאַרך אין ארץ־ישראל, און ער האָט זיין קאַ־לענדאַר נישט פאַרעפנטלעכט.

וועגן שמואלס קענטענישן אין מעדיצין זיינען דערגאַנגען צו אונדז גאַנץ ווייניק מקורות. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אומשטאַנד אויסצו־היילן אַלע קראַנקייטן, אויסער דריי (וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פון שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען), און זיין פּלאַסטער צו געוויסע אויגן־קראַנקייטן איז געוועזן באַרימט אפילו אין ארץ־ישראל. דערביי איז כאַ־ראַקטעריסטיש זיין מיינונג, אַז אַלע קראַנקייטן שטאַמען פון דער לופט און פון דער ווירקונג, וואָס די לופט האָט אויפן לעבן, אפילו די פאַרוואונ־דעטע אויפן שלאַכטפעלד, זאָגט מר־שמואל, זיינען בלויז קרבנות פון דער לופט, און ווען מיר וואָלטן אומשטאַנד זיין צו מאַכן, אַז די לופט זאָל נישט

אַריינדרינגען אין די וואונדן, וואָלט קיינער פון קיין וואונד נישט גע־שטאָרבן.

די דאָזיקע זייטיקע וויסנשאַפטן, צוזאַמען מיט זיין אינטענסיווער טעטיקייט אויף דעם געביט פון דער יידישער געזעץ־לערע, האָבן שמואלס נאָמען געמאַכט זייער פּאָפּולער אין לאַנד, און פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן תלמידים קיין נהרדעא אין זיין ישיבה. ער האָט אָבער פאַר־שטאַנען אָפּצושאַצן די גרעסערע באַדייטונג פון דער נייער אַקאַדעמיע אין סורא (מתא מחסיא), וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון זיין חבר אבא אריכא (רב), און זיין באַציאונג צו דעם לעצטן צייכנט זיך אויס מיט יענער עניוות פון גרויסע גייסט־מענטשן, וואָס באַמערקט זיך כמעט ביי אַלע פאָרשטייער פון דער יידישער געזעץ־לערע. דאָרט, וואו רב האָט זיך געפונען, האָט זיך שמואל אָוועקגעזעצט צווישן אַלע תלמידים, און ווען די געערטע משפחה פון דעם באַרימטן ר׳ שילא האָט אָפּגעטראָטן מר שמואלן איר ערשטן פּלאַץ ביי אַ געוויסער פייערלעכקייט, האָט שמואל דעם כבוד איבערגעגעבן רבן. —

נאָך רבס טויט איז שמואל אַליין געבליבן דער אב בתורה פאַר גאַנץ בבל, ווי ראש ישיבה (ריש סידרא) אין נהרדעא און דעם פּאָסטן האָט ער פאַרנומען גאַנצע צוואַנציק יאָר. אין אָנהויב האָט מען זיך אין יהודה באַצויגן מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג צו שמואלס אויטאָריטעט אין די ענינים פון דער יידישער געזעץ־לערע; אָנשטאָט דעם געוויינלעכן טיטול אין די בריוו צו רבן: „צו אונדזער רבין אין בבל״, האָט ר׳ יוחנן איצט געשריבן: „צו אונדזער חבר אין בבל״, און ווען שמואל האָט אַריינגעשיקט קיין ארץ ישראל זיינע קאַלענדאַר־אויסרעכנונגען אויף גאַנצע זעכציק יאָר, האָט ר׳ יוחנן איראָניש באַמערקט: „יאָ, רעכנען קען ער״. שפּעטער אָבער, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון שמואלן קיין יהודה גאַנצע פּעק מיט שאלות ותשובות וועגן די פאַרשידנסטע דינים פון דער תורה, — האָט מען זיך דאָרטן איבערצייגט, אַז דער האַלב־וועלטלעכער וויסנשאַפטס־מענטש איז גרויס אויך אין הלכה, און ר׳ יוחנן האָט צוריק איינגעפירט דעם אַלטן טיטול: „צו אונדזער רבין אין בבל״ (לרבינו שבבבל). ר׳ יוחנן מיט ריש־לקישן האָבן זיך דעמאָלט אפילו אַליין געקליבן צו פאָרן קיין בבל און זיך פאַרזענלעך צו זען מיט דעם פּילזייטיקן יידישן גייסט. דער געלערנטער

איז אָבער אונטער דער צייט געשטאָרבן. — מר שמואל האָט נאָך זיך קיין זין נישט איבערגעלאָזט און זיין נאָמען איז איבערגעגאַנגען אין דער יידי־שער געשיכטע, צוזאַמען מיט דער גרויסער גייסטיקער ירושה, וואָס זיינע תלמידים האָבן פונאַנדערגעטראָגן איבער אַלע עקן פון דער יידישער וועלט.

# קאַפּיטל זיבן

## די מלוכה־איבערקערעניש אין בבל און די ירידה פון רוים

אין די לעצטע יאָרן פון שמואלס אַקאַדעמישער טעטיקייט אין בבל איז פֿאָרגעקומען אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש אין דעם פֿאַרטישן מלוכה־לעבן, וואָס האָט געהאַט באַדייטנדיקע פֿאָלגן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָרטיקן יידישן צענטער. פיר הונדערט יאָר האָט געהערשט איבערן לאַנד די פֿאַרטישע דינאַסטיע פון די אַרסאַצידן, וועלכע האָבן געגעבן די יידן אין בבל אַלע פרייהייטן און געלאָזט זיי זיך פריי אַנטוויקלען. אונטער דער צייט האָבן יידן באַוויזן, זיך איינצובירגערן אין לאַנד, צו ווערן דאָרטן פרייע בעלי־בתים איבער זייערע אייגענע ענינים, און גלייך באַרעכטיקטע שכנים בנוגע צו די אַלגעמיינע אָנגעלעגנהייטן פון דער מלוכה. און אָט, אין דער צייט, ווען דאָס יידנטום אין דעם לאַנד האָט גענומען אַנטוויקלען אַ רייכע און פילזייטיקע טעטיקייט, איז אויפגעשטאַנען איינער, וואָס האָט אַרויסגעריסן די קרוין פון דער אַלטער דינאַסטיע און פֿאַרנאַנדערגעטרייסלט דאָס גאַנצע לעבן פון דער איינגעבוירענער, ווי פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ שפּראָץ פון די אַלט־פערסישע סאַסאַנידן, וואָס האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, איידער די פֿאַרטאַנער האָבן עס איינגענומען. די דאָזיקע אַלט־פערסער האָבן זיך די גאַנצע צייט באַצויגן פיינטלעך צו די פרעמדע הערשער, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין זייער לאַנד און אונטערגעבראַכט זייער אמונה, און איצט האָט זיך געפונען אַ קרוין־פרעטענדענט, מיטן נאָמען אַרדאַשיר (ארתחשסתר), וואָס האָט אויפגעהויבן דאָס פאָלק קעגן דעם לעצטן פון די פֿאַרטישע מלכים, אַרטאַבאַן דעם פערטן. און אַרדאַשיר האָט געזיגט: דאָס אַלט־פערסישע פאָלק האָט פֿאַרביטערט געקעמפט קעגן זיינע האַלב־גריכישע הערשער, ערשטנס, דערפֿאַר וואָס זיי האָבן זיי אַרויסגעשטופּט פון לאַנד זאָראָאַסטערס זענדאַלערע, און, צווייטנס, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט קעגנשטעלן די רוימער און געלאָזן זיי אָפּרייסן איין פראָווינץ נאָך דער אַנדערער. מיט אַרדאַשירס הערשאַפט איז אויף אַזאַ אופן צוריקגעשטעלט געוואָרן די סאַ־

סאַנידישע דינאַסטיע, און זי האָט פון איצט אָן באַקומען דעם ביינאָמען ניי־פּערסישע.

די פאָלגן פון דער דאָזיקער מלוכה־איבערקערעניש האָבן זיך גלייך געלאָזט פילן. עס איז צוריק איינגעפירט געוואָרן אין לאַנד דער אַמאָליקער פייער־קולט; זאָראָאַסטערס רעליגיע מיט די טאָפּלטע געטלעכע כחות פאַר גוטס און שלעכטס, ליכט און פינצטערניש אאז״וו, איז ווידער פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג, און אַרדאַשיר האָט געלאָזט אויפסניי צונויפזאַמלען די פסוקים און מאמרים פונעם זענדאַ־וועסטאַ און דאָס אַרויסגעגעבן מיט פּירושים ווי אַ הייליק רעליגיע־בוך. דער פאַנאַטיזם פון די אַלט־פּערסישע נאַציאָנאַליסטן האָט זיך דערפון, נאַטירלעך, שטאַרק געהויבן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייע פאַרפאָלגונגען קעגן אַלע פרעמדע און פרעמד־גלויביקע. די פאָרשטייער און ליבהאָבער פון דער גריכישער קולטור זיינען דורך פייער און שווערד געוואָרן געטויט. אויך פיל איז אויסגעקומען צו ליידן פון דעם פאַנאַטיזם די קריסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אויבער־מעסאָפּאָטאַמיע, אין די ערטער, וואָס האָבן שוין אָנגעהערט צו רוים. און אויך איבער די יידן פון לאַנד האָט דער פאַנאַטיזם פון זאָראָאַסטערס לערע געוואָלט אויסגיסן זיין צאָרן; דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך שוין צוליב דעם אַליין, וואָס יידן האָבן געלעבט קאָנצענטרירט אין באַשטימטע פּונקטן און דאָרט האָבן זיי פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ שטאַרקע קראַפט. בנוגע צו זיי האָט זיך די פאַרשיכורטע מאַכט דערייבער באַנוגנט בלויז מיט דריקנדיקע גזירות. פון די יידישע געריכטן איז צוגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו משפטן קרימינעלע פאַרברעכנס. יידן זיינען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו קיין שום מלוכה־פּאָסטן. און אפילו אין ענינים פון אמונה האָבן אויך די יידן געפילט אַ געוויסן דרוק: אין די יום־טובים, ווען די מאַגיער (די גייסטלעכע פון דעם זאָראָאַסטערס קולט) האָבן פאַרערט דאָס פייער אין זייערע טעמפּלען ווי אַן אָפּבילדונג פון דעם ליכט־גאָט אהורא־מאַזדא (הורמיז), — האָט זיך אין קיין שום יידישער שטוב נישט געטאָרט זען קיין פייער. אַזוי ווי די מאַגיער האָבן געהאַלטן פאַר הייליק אויך די ערד און דאָס וואַסער, ווי אַ טייל פון דעם זעלביקן ליכט־גאָט, האָבן זיי פאַרבאָטן די יידן מקבר צו זיין זייערע מתים אין דער ערד און אויך צו באָדן זיך אין וואַסער.

די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען האָבן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף

דער גאַנצער יידישער דיאַספּאָראַ. ר' יוחנן אין ארץ ישראל איז באַטריבט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז די סאַסאַנידן האָבן זיך אַריינגעריסן אויך אין יידישן בבל, און ער האָט זיך באַרואיקט ערשט דאַן, ווען מען האָט אים דערקלערט, אַז די אַלט־פּערסער זײַנען זייער אָרים און פאַר געלט קען מען ביי זיי אַלץ פּועלן. יידן האָבן געקוקט אויף די אויפגעקומענע פּערסיאַנער (חברים, אמגושים), ווי אויף אַ המונישער ווילדער באַנדע, וואָס איז אומשטאַנד אָפּצוטון די שרעקלעכסטע מעשים, און איינער האָט זיך אויסגעדריקט: „די פּאַרטאַנער זײַנען ענלעך געווען צו די חילות פון די מלכי בית דוד, און די חברים (ניי־פּערסיאַנער) זעען אויס, ווי מלאכי חבלה". איין אגדה דערציילט אפילו וועגן דעם באַרימטן רבה בר חנא, אַז ער האָט אַמאָל פון כעס איבער די מעשים פון די אמגושים אויסגערופן: „גאָט, אונדזער גאָט! אויב דו אַליין ווילסט אונדז נישט באַשיצן, טאָ גיב אונדז שוין בעסער איבער צו די רוימער אין די הענט, אַבי נישט צו די חברים!".

אָבער אָט די געדריקטע שטימונג האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטן. מיט דער צייט איז דער פאַנאַטיזם פון די ניי־פּערסיאַנער געוואָרן אַלץ מילדער און ווייכער, און די יידן האָבן זיך מיט זיי זייער ענג און פרייַנטלעך צוזאַמענגעלעבט. די פריינטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אין די צייטן פון אַרדאַשירס זון, שבור־מלכה דעם ערשטן (241 - 272), וועלכער האָט, ווי אַרטאַבאַן מיט רבן, זיך זייער האַרציק באַפרײַנדעט מיט שמואלן. דאָס איז געווען אַ העלדישער און גוטהאַרציקער הערשער, וואָס האָט יידן נישט געלאָזט טון קיין שלעכטס. ער האָט דערציילט שמואלן, אַז זינט ער פירט מלחמות מיט די רוימישע לענדער, וואָס זײַנען אַלע כמעט באַפעלקערט פון יידן, האָט ער קיין איינציקן יידן נישט געהרגעט, נאָר אין דער שטאָט מזגת־קסרא, אין קאַפּידאָציע, איז ער געצוואונגען געווען צו פאַרניכטן גאַנצע צוועלף טויזנט יידן, ווייל זיי זײַנען מיט געווער אין די הענט אים אַרויס אַנטקעגן און געקעמפט קעגן אים.

די איבערקערעניש אין דעם פּאַרטישן מלוכה־לעבן איז נישט אַריבער אָן אַ באַדייטנדיקער ווירקונג אויך אויף רוים, — דער געוועזענער וועלט־אימפּעריע, וואָס האָט געהאַלטן אין צעפאַלן ווערן. די ניי־פּערסער פון איין זייט און די גערמאַנען און גאָטען פון דער צווייטער זייט האָבן זיך אַריינגעריסן אינעם סאַמע האַרצן פון דעם צעפוילטן רוימישן מלוכה־אָרגאַניזם און ער האָט אָנגעהויבן פאַלן, ברעקלען זיך. כמעט פון יעדן איי־

נעם פון די אַלע פעלקער, וואָס רוים האָט אַמאָל אונטעריאָכט, זיינען איצט אויסגעוואַקסן מלכים, קרוין־טרעגער, וועלכע האָבן געזען פאַר זיך נאָר איין אויפגאַבע: פאַרקנעכטן דעם איטאַליענישן „דור הפלגה" און אים באַ־הערשן. נאָכן טויט פון דעם ערלעכן אַלעקסאַנדר סעווערוס האָט זיך אָנגע־הויבן אַן עפּאָכע פון בלוט־פאַרגיסונגען, איבערקערענישן און אַנאַרכיע. אין אַ משך פון פופציק יאָר זיינען געזעסן ביז צוואַנציק קסרים אויף דעם רוי־מישן טראָן, און צו די איז צוגעקומען נאָך אַ טאָפּלטע צאָל פון רויבער־אוזורפּאַטאָרן, וואָס האָבן אויסגענוצט די אַנאַרכיע אין לאַנד כדי צו פאַר־כאַפּן דעם טראָן — כאָטש אויף געציילטע טעג. איינער פון די דאָזיקע אוזורפּאַטאָרן, פיליפּוס, האָט אין שמואלס צייטן באַהערשט די רוימישע אימפּעריע און אפילו אָרגאַניזירט אַ גראַנדיעזן יום־טוב לכבוד דעם טויזנט־סטן יאָר, זינט רוים איז געבויט געוואָרן דורך די ברידער ראָמוס און ראָ־מולוס; באַלד אָבער האָט אַ צווייטער אוזורפּאַטאָר, דאָציוס, פאַרכאַפּט די מאַכט אין זיינע הענט און פיליפּוסן געטויט.

אַזוי האָט די אַנאַרכיע אונטערגעגראָבן דעם גאַנצן יסוד פונעם רוי־מישן מלוכה־לעבן און די פאָלגן דערפון האָבן זיך גלייך אַרויסגעוויזן. רוים איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן מיט שטאַרקע יונגע פעלקער, וועלכע האָבן אָפּגעריסן פון איר איין פּראָווינץ נאָך דער צווייטער. די איי־ביקע זיגער זיינען דערשטוינט און צעטומלט געוואָרן פון זייערע ערשטע מפּלות, און באַלד נאָך די זיינען געקומען אַנדערע — גרעסערע און נאָך שענדלעכערע, וואָס האָבן אין גאַנצן אַנטפּלעקט די שוואַכקייט פון די „אומבאַזיגבאַרע" רוימער. דער קייסער וואַלעריאַנוס האָט זיך אָוועקגע־לאָזט מיט אַ רייע לעגיאָנען קעגן דעם ניי־פּערסישן שבור־מלכא דעם ערשטן, כדי אָפּצונעמען צוריק די פּראָווינצן, וואָס ער האָט אָפּגעריסן פון רוים, און געענדיקט האָט זיך די מלחמה דערמיט, אַז די לעגיאָנען זיינען אַלע צעשלאָגן געוואָרן, און דער קייסער אַליין איז אַריינגעפאַלן אין גע־פאַנגענשאַפט ביי די פּערסיאַנער, וועלכע זיינען זיך מיט אים באַגאַנגען נישט בעסער, ווי די רוימישע זיגער פלעגן זיך באַגיין מיט זייערע געפאַנ־גענע. די דאָזיקע געפאַנגענשאַפט פון קייסער, צוזאַמען מיט דער שוואַכ־קייט פון זיין זון גאַלינוס, האָבן אויפגעלייזט יעדן באַנד פון אויטאָריטעט און דיסציפּלין, און דאָס גאַנצע רוימישע לעבן האָט באַקומען דעם אויס־זען פון אַן אייביקער קאַמפּס־אַרענע.

אַ באַזונדער שאַרפן כאַראַקטער האָבן אָנגענומען די מהומות אין די מזרח־פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך געפונען נעבן דער אויפגעקומענער פּערסיע. עס האָט זיך געפונען אַ געוויסער מוטיקער און רייכער איינוואוי־נער פון תדמור (פּאַלמיראַ), מיטן נאָמען אָדענאַט, וואָס האָט זיך באַנוצט דערמיט, וואָס די שרעק פאַר דער רוימישער מאַכט איז אין גאַנצן געפאַלן, און ער האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַ מחנה פון ווילדע סאַראַ־צענען, און זיך אַוועקגעלאָזן מיט איר איבער די פּראָווינצן פון סיריע און פּאַלעסטינע פון איין זייט און אין די געגנטן פון טייך פּרת — פון דער צווייטער. נאָך די ערשטע נצחונות פון דער מחנה, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך טויט און רויב, האָט אָדענאַט באַקומען דעם טיטול „קאָנסול און מיליטער־פירער פון אָריענט״; דאַן איז ער שוין אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון רוים, און זיין מאַרשרוט איז געווען קיין בבל, וואו ער האָט פאַרפאָלגט די פּערסישע זיגער; ווען ער איז אָנגעקומען קיין נהרדעא האָבן די יידישע איינוואוינער זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט. דאַן איז ער מיט זיין מחנה באַ־פאַלן די שטאָט און זי אין — גאַנצן חרוב געמאַכט (259). אין יענער צייט האָט שוין שמואל אַליין נישט געלעבט, און די גרעסטע צאָל פון זיינע תל־מידים האָבן געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט, כדי זיך צו ראַטעווען. פון דער איבעריקער יידישער באַפעלקערונג זיינען מאַסן געוואָרן געפאַנגען. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען אויך שמואלס צוויי טעכטער, וועלכע זיי־נען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין צפורי. דאָס האָבן די זיגער געטון מיט אַ כיון, ווייל ס׳איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט, אַז די יידן לייזן אויס זייערע געפאַנגענע און גיבן פאַר זיי פיל מער פון דער סומע, וואָס זיי זיינען ווערט ווי שקלאַפן.

אָדענאַט, אָדער תלמודיש: פּפּא בר נצר, האָט געשיצט די רוימישע טעריטאָריע קעגן יעדן אָנפאַל מצד די פּערסיאַנער, און אין גיכן איז דער געוועזענער רויבער־הויפּטמאַן געוואָרן נישט בלויז אָפיציעלער הערשער און געביטער איבער פּאַלמיראַ (די אָאַזע, וועלכע שלמה המלך נאָך האָט פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָט), נאָר אויך וויצע־קייסער פון רוים. אָט די גרויסקייט האָט אָדענאַטן פאַרשאַפט שונאים און אין יאָר 267 איז ער גע־וואָרן געהרגעט פון זיינעם אַ קרוב מיטן נאָמען מעעניוס. די הערשאַפט איבער פּאַלמיראַ איז דעמאָלט אַריבער צו זיין פרוי זינאָביאַ, וועלכע האָט די ירושה פילפאַכיק פאַרגרעסערט. די דאָזיקע ענערגישע, געבילדעטע און

גייסטרייכע הערשערן (זינאָביע האָט געהערשט איבערן לאַנד אין נאָמען פון אירע צוויי זין) האָט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען פּאַלמיראַ אין אַ צענטער פון גייסט, שיינקייט און האַנדל, און ווי די אַמאָליקע בבלישע קעניגן סע־מיראַמיס, האָט זי אויך געחלומט וועגן פאַנטאַסטישער גרויסקייט, און זיך ארומגערינגלט מיט די בעסטע מענטשן פון איר צייט. אין איר צויבער־פּאַלאַץ, וואָס ווערט נאָך ביז היינט באַוואונדערט, האָט דער פילאָזאָף לאָנגינוס געשאַפן זיינע ווערק איבער די געזעצן פון שיינקייט, אין וועלכע ער לויבט שטאַרק די שיינע שילדערונגען פון דער יידישער תורה וועגן בריאת העולם, דאָרט האָט זיך געשיצט פון זיינע פיינט דער קריסטלעכער געלערנטער פּאַולוס פון סאַמאָסאַטאַ, וועלכער איז אויך נוטה געווען צום יידנטום, און ווי די קריסטלעכע קווענלען ווילן האָבן, זאָל אַפילו די קעניגן זינאָביאַ אַליין אויך האָבן געווען אַ יידיש־גלויביקע.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם זיינען די יידן פון דעסטוועגן נישט צופרידן געווען פון זינאָביאס הערשאַפט, וועלכע האָט שוין געהאַט אַרומ־גענומען סיריע, פּאַלעסטינע און עגיפּטן. ר׳ יוחנן האָט זיך אויסגעדריקט: „וואויל וועט זיין דעם, וואָס וועט דערלעבן צו זען די מפלה פון תדמור״, און די שפּעטערדיקע דורות האָבן געפּרוואוט דערקלערן די דאָזיקע שנאה דערמיט, וואָס כמעט אַלע איינוואוינער פון תדמור (התדמורים), ווי די קעניגן אַליין, זיינען געווען געבוירן פון געמישטע חתונות צווישן יידן מיט געצנדינער, און ר׳ יוחנן האָט מורא געהאַט, אַז די קרובהשאַפט צווישן יידן און דעם ערב־רב זאָל נישט ווירקן שלעכט אויף דער ריינקייט פון די ערשטע.

די יידישע אומצופרידנקייט מיט דער פּאַלמירישער (תדמורישער) הערשערן איז דערגאַנגען אַפילו ביז צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, ווי ס׳איז צו זען פון פאַרשידענע תלמודישע דערציילונגען. אַזוי דערציילט זיך אין תלמוד ירושלמי וועגן אַ געוויסן זעירא בר חיננא, וואָס איז גע־פאַנגען געוואָרן ווי אַ פּאָליטישער פאַרברעכער. געכאַפּט האָט מען אים אין דער שטאָט סאַפּסיפּאַ, און ווען צוויי תלמידים פון ר׳ יוחננס ישיבה (רב אמי און ר׳ שמואל) זיינען געקומען צו דער קייסערן בעטן פאַר זייער חבר, האָט זי (זינאָביאַ) געזאָגט צו זיי: „צוליב דעם דען, וואָס אייער גאָט טוט מיט אייך נסים, דערלויבט איר זיך שוין אַלץ צו טון און אַפילו אויך מורד צו זיין אין דער קייסערן?״ דערווייל איז אַריינגעקומען אַ סאַראַצען

(„סרקיי") מיט אַ שווערד אין האַנט און האָט זיך אָנגערופן: מיט דעם שווערד האָט בן־נצר (אָדענאַט) געטייט זעיראס ברודער; דאַן האָט זינאָביאַ געהייסן באַפרייען דעם געפאַנגענעם, וואָס איז געגאַנגען זיך נוקם זיין פאַר זיין ברודערס בלוט. אין דעם זעלביקן אָרט ווערט דערציילט וועגן אַ ר' איסא, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן און ר' יוחנן האָט זיך שוין געהאַט פון אים מיאש געווען, נאָר ריש לקיש האָט זיך אַזוי לאַנג איינגעשטעלט פאַר אים, ביז מ'האָט דעם געפאַנגענעם באַפרייט. און ווי ס'איז זיך משער צו זיין געהערט צו יענער צייט אויך דער ספור וועגן עולא בר קושר, וועמען די מלכה האָט געפאָדערט איבערצוגעבן אין אירע הענט, און ער איז אַנטלאָפן קיין לוד און האָט זיך באַהאַלטן ביי ר' יהושע בן לוין. דאַן איז געקומען אַ מחנה סאָלדאַטן און געדראָט, חרוב צו מאַכן די גאַנצע שטאָט, אויב דער געפאַנגענער וועט נישט אַרויסגעגעבן ווערן, און ר' יהושע האָט איינגעפונען, אַז ביי אַזאַ פאַל דאַרף מען אַרויסגעבן דעם געפאָדערטן און נישט אונטערברענגען אַ גאַנצע שטאָט צוליב איין מענטשן. 1)

אויסער די יידן פון פאַלעסטינע, האָט זיך זינאָביאַן איינגעגעבן צו אַריבערציען אויף איר זייט עטלעכע אַזיאַטישע פירשטן. דאָס האָט איר אָבער ווייניק געהאָלפן. דער העלדישסטער פון די דעמאָלטיקע רוימישע קיסרים, אוירעליוס, האָט באַזיגט די שטאָלצע קייסערן און געבראַכט קיין רוים ווי אַ געפאַנגענע, געשמידט אין גאָלדענע קייטן. צוזאַמען מיט דעם נצחון איז אויך אונטערגעגאַנגען די גלאַנצפולע תדמורישע רעגירונג, אַזוי אַז ר' יוחנן האָט נאָך דערלעבט צו זען די דערפילונג פון זיין פאַרלאַנג.

---

1) די פאָלקס־לעגענדע האָט ר' יהושען דעם פאַקט נישט געקענט מוחל זיין, און זי דערציילט, אַז אליהו הנביא האָט זיך אַנטפלעקט צו אים און אים אָנגערופן „מוסר".

## קאַפּיטל אַכט

### דאָס יידנטום אין יהודה און בבל

יהודה האָט איבערגעלעבט די הערשאַפט פון דער תדמורישער קייסערן, ווי זי האָט איבערגעלעבט פיל אַנדערע פעלקער און מלוכות. איר גלאַנץ איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ בלייכער און שוואַכער געוואָרן. דער פּאַטריאַרך ר׳ יהודה דער דריטער האָט שוין געשפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע ווי אַ געזעץ־לערער און פלעגט אַפילו נישט פּסקענען אַליין קיין שווערע שאלות; אים זיינען געשטאַנען צו הילף צוויי פון די ערשטע אמוראים אין ארץ ישראל: ר׳ אמי און ר׳ אסי, און נאָך דעם טויט פון ר׳ אלעזר בן פדת זיינען זיי געוואָרן די אָנפירער פון דער באַרימטער ישיבה אין טבריה.

די באַדייטנדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייט צווישן די פּאַלעסטינישע אמוראים פון יענער עפּאָכע איז רבי אבהו פון קסרי. רבי אבהו האָט נישט פאַרנומען קיין גרויסן פּלאַץ אין די קרייזן פון די הלכישע געזעץ־לערער, דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע מעלות, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט בראש פון זיין צייט און באַרימט געמאַכט אין אַלע קרייזן פון דער יידישער וועלט. לויט דער פּראָפעסיע אַ קינסטלער פון פּרויען־צירונג, איז ר׳ אבהו געווען זייער רייך, און אַזוי ווי ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער גריכישער ליטעראַטור, איז ער אין דער זעלביקער צייט געווען אויך אַ לעבעדיקער סימבאָל פון די שענסטע יידישע מדות.

מחמת זיין בילדונג, שיינקייט און רייכטום איז ר׳ אבהו געווען אַ גרויסער חשוב אין הויף פונעם רוימישן פּראָקאָנסול, און ער האָט דאָס אויסגענוצט, אויף צו באַשיצן די פאַרפאָלגטע און געדרודפטע. איין מאָל — דערציילט זיך אין אַ כאַראַקטעריסטישער תלמודישער אגדה — האָבן ר׳ אמי און ר׳ אסי פאַרמשפּט צו אַ שווערער שטראָף אַן אויסגעלאַסענע פרוי מיטן נאָמען תמר; איז זי אַוועק צום פּראָקאָנסול און פאַרמסרט די אמוראים, אַז זיי טרעטן איבער די פונקציעס פון זייער מאַכט און דער־

לויבן זיך צו משפטן דיני נפשות קעגן געזעץ. די געזעצלערער האָבן זיך דאָן געווענדעט צו ר׳ אבהון מיט דער בקשה, ער זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין, און ער האָט זיי אויף דעם געענטפערט מיט אַ פאַרשטעלטן העברע־אישן בריוו, אין וועלכן ס׳האָט זיך געזאָגט: „איך האָב שוין געפּרואווט איבעררעדן דריי מוסרים; אָט די תמר האַלט אָבער ביי אירס און מיינע אַלע השתדלותן קענען דאָ נישט העלפן״.

פון ר׳ אבהוס באַשיידענעם, נאָכגיביקן כאַראַקטער זיינען דערגאַנ־גען צו אונדז דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע תלמידים פאַרשידענע אינ־טערעסאַנטע שטריכן. ווען ס׳איז געקומען זיין צייט צו באַקומען סמיכה, האָט ער געזאָגט: „ס׳איז פאַרהאַן אַ גערעסערער פון מיר אין תורה, וואָס איז ראוי צו באַקומען סמיכה — ר׳ אבא פון עכו. ער איז אָרעם און האָט אַ סך בעלי חובות, ווען ער וועט ווערן אַ לערער, וועט מען אים ברענגען מתנות, און ער וועט האָבן אָפּצוצאָלן זיינע חובות״. ווען ער איז געקומען אַמאָל אין איין שטאָט מיט דעם באַרימטן ר׳ חייא בר אבא, האָט ר׳ חייא געדרשהנט פאַרן עולם אין הלכה, און ר׳ אבהו האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גערעדט צום פאָלק און געפלאַנצט אין אים גוטע מדות, טרייסט און האָפענונג. געוויינלעך, זיינען אַלע געלאָפן הערן די האַרציקע דרשות פון דעם באַליבטן פאָלקס־דערציער, און ר׳ חייא האָט זיך געפילט שטאַרק געקרענקט דערפון, וואָס זיינע הלכהשע פלפולים האָבן צוגעצויגן נאָר איינצלנע צוהערער. דאָן האָט אים ר׳ אבהו געטרייסט מיט דעם משל: „צוויי זיינען אַריינגעקומען אין אַ שטאָט; איינער פאַרקויפט טייערע פערל און בריליאַנטן, דער אַנדערער — קינדערשע שפּילצייג, צו וועמען גייט מען מער?״

און ס׳איז באמת אַזוי געווען. נישט געקוקט אויף דער אומצופרידנ־קייט פון די הלכהיסטן, זיינען די בתי־מדרשים געוואָרן אַלץ ליידיקער און די תלמידי חכמים — אַלץ ווייניקער, און דאַקעגן איז געוואַקסן די צאָל פון די דרשנים־אגדה׳סטן, וועלכע דאָס פאָלק האָט געהערט מיט באַגייס־טערטער צופרידנקייט. צו די דאָזיקע פאָלקס־באַליבטע דרשנים האָט גע־הערט אויך ר׳ אבהו; ער האָט אָבער אויף דעם געביט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדער טיפקייט און גרויסקייט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די לעבנס־באַגריפן פון יענער צייט און פאַר ר׳ אבהוס מאָראַלישער וועלט־אַנשויאונג איז אויך די ווייטערדיקע תלמור־

דישע דערציילונג: ס'איז געווען אַ שרעקלעכער הונגער־יאָר; האָט מען באַשטימט אַ ריי תעניתים מיט תפילות, מוסר־דרשות און שופר־בלאָזן; דערביי האָט, לויטן מנהג, דער גרעסטער צדיק פון שטאָט געדאַרפט זיין אַ שליח צבור, און ר׳ אבהו איז דערשטוינט געוואָרן, ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעוויזן דערביי אויף איינעם מיטן שפּאָטנאָמען פּענטאַקאַקאַ (פינף זינד). אין וואָס באַשטייט די פרומקייט פון דעם פּאַראַכטעטן עם־הארץ? האָט ר׳ אבהו נישט געקענט פאַרשטיין — און ווען ער האָט זיך געווענדעט מיט דער פראַגע צו פּענטאַקאַקאַן אַליין, האָט אים דער לעצטער געענט־פערט: איך בין אַזוי ווי מ'רופט מיך. מיין באַשעפטיקונג איז פאַרמיט־לונג פון פּראָסטיטוציע; איך קער אויס דאָס טעאַטער; טראָג נאָך וועש אין באָד; מאַך לוסטיק די וואָס באָדן זיך, און שפּיל אויף אַ פּלייט. — „האָסטו עפּעס אַמאָל גוטס געטון אין דיין לעבן?" — האָט אים ר׳ אבהו געפרעגט, נאָך מער דערשטוינט. און פּענטאַקאַקאַ האָט דערציילט: אַמאָל, ווען איך האָב געקערט די זאַלן פון טעאַטער, האָב איך באַמערקט צווישן די זיילן אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען און געוויינט. האָב איך איר גע־פרעגט: פאַרוואָס וויינסטו? האָט זי מיר געענטפערט: מיין מאַן איז גע־פאַנגען געוואָרן. ער ליגט געבונדן אין געפענגעניש, און מ'וויל אים נישט אַרויסלאָזן אַנדערש, סיידן איך זאָל מקריב זיין מיין ערלעכקייט. ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך פאַרקויפט מיין בעט, דאָס קישן פון צוקאָפּנס און אַלץ וואָס איך האָב נאָר פאַרמאָגט; דערנאָך האָב איך איר געבראַכט דאָס געלט און געזאָגט: גיי לייז אויס דיין מאַן און פאַרשוועך נישט דיין ריינקייט". פון דער דערציילונג איז ר׳ אבהו טיף גערירט געוואָרן און האָט מיט התפעלות אויסגערופן: „אויב דו האָסט דאָס געטון, ביסטו ווירקלעך ראוי צו בעטן פאַר אונדז אין אַן עת צרה".

ר׳ אבהו איז געווען דער לעצטער פון די טאַן־געבנדיקן און אייב־פלוסרייכע פערזענלעכקייטן אין ארץ ישראל פאַר דעם פעריאָד פון תלמוד. מיט זיין טויט האָט זיך אַזוי ווי איבערגעריסן די לאַנגע גאָלדענע קייט פון שופטים, קריגס־פירער, נביאים, מלכים, דיכטער, סופרים, חכמים, תנאים און אמוראים, וואָס דאָס געבענטשטע לאַנד האָט געבוירן און דער־צויגן איינעם משך פון גאַנצע פופצן הונדערט יאָר. פאַר דעם הייליקן לאַנד איז אָנגעקומען די צייט פון גייסטיקער אָלטקייט און אומפרוכטבאַרקייט, און אַ טרויעריק פאַרגעפּיל הערט זיך אין דער פאָלקס־לעגענדע, וואָס

דערציילט, אַז ווען ר׳ אבהו איז געשטאָרבן זיינען די שטיינערנע סטאַ־טוען צעגאָסן געוואָרן און טרערן זיינען געפלאָסן פון זייערע אויגן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען אין דער צייט די לאַגע פון דער יידישער גייסטיקער אנטוויקלונג אין דעם צווייטן נאַציאָנאַלן צענטער — אין בבל; דאָ האָבן איצט אָנגעהויבן אַרויסצעוואַקסן שיינע פרוכטן פון די קערנער, וואָס די גרויסע באַניייער, רב און מר שמואל, האָבן מיט אַזוי פיל מי און באַגייסטערונג פאַרפלאַנצט. עס האָט אַזוי ווי אַ מעכטיקער שטראָם זיך דורכגעטראָגן איבערן לאַנד ארום די טייכן פרת און חדקל, און אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען באַהערשט געוואָרן פון איין שטאַרקן דראַנג, זיך צו פאַרפולקאָמען אין דער יידישער וויסנשאַפט, אין דער תורה. די העכסטע שטרעבונג פון בבלישן יידן איז געוואָרן דער טיטל „צורבא מרבנן״ (למדן, געלערטער), און די גרעסטע חרפה, דאַקעגן — צו הייסן „בור״ אָדער „עם הארץ״. בבל איז געוואָרן אַ יידיש לאַנד מיט אַן איי־גענער, יידישער קאָנסטיטוציע — די משנה — און די פירער פון דעם לאַנד זיינען געווען די ראשי הגולה (עקזילאַרכן), וועלכע האָבן אויך גע־לערנט דאָס פאָלק און עס דערצויגן, און אַליין געווען איבערגעגעבן דעם שטודיום פון דער תורה און זי פאַרשפרייט צווישן אַלע קלאַסן פון פאָלק. סורא און נהרדעא, די צוויי ישיבות, וואָס האָבן געדינט ווי אַ סיגנאַל פון די גרויסע פאָלקס־לערער, אויפצולעבן דאָס בבלישע יידנטום און עס צו באַשיינען, — האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען געזונטעס און קרעפטיקעס אינעם יידישן בבל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע, שטאַרקע באַוועגונג, צו פאַרטרייבן פון לאַנד דאָס עמי הארצות צוזאַמען מיט אַלע זיינע פאָלגן, צו באַשאַפן אַ נייע מעכטיקע פעסטונג פאַר דעם יידישן גייסט.

די באַדייטנדיקסטע צווישן די דירעקטע נאָכפאָלגער פון רב און שמואל זיינען געווען רב הונא, וועלכער האָט איבערגענומען די פירונג פון דער ישיבה אין סורא; רב יהודה בר יחזקאל, דער גרינדער פון דער גרוי־סער ישיבה אין פומבדיתא (נאָך דער צעשטערונג פון נהרדעא) און פאַר־שטייער פון אַ נייעם סיסטעם אין דעם שטודיום פון דער הלכה; רב נחמן בר יעקב, אַן איידעם פון ראש גלותא; דער רייכער רב חסדא, רב ששת, און רבה בר אבהו.

הונא פון דיאָקאַרט (געב׳ 220, געשט׳ 297) איז דער אָנגעזעענסטער

יידישער געזעץ־לערער פון יענער צייט. אים האָבן זיך פריי־וויליק אונטער־געוואָרפן אַפילו די אמוראים פון ארץ ישראל. זיין לעבנס־געשיכטע איז צוגלייך אויך אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון דעם יידישן לעבן אין יענער עפּאָכע. געבוירן פון דער היים נישט רייך, כאָטש אַ קרוב פון עקזילאַרך, האָט הונא אין דער יוגנט אַליין באַאַרבעט זיין קליין שטיקל פעלד. פלעגן צוויי בעלי דברים קומען צו אים זיך משפטן, פלעגט ער זאָגן: „גיט מיר אַן אַנדערן אויף מיין אָרט אַנצוטרינקען די פעלדער, וועל איך אייער שופט זיין". אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז רב הונא איז געגאַנגען פון פעלד אַהיים מיטן רידל און גראַב־אייזן אויפן אַקסל און אים האָט באַגעגנט רב חנא בר חנילאי, דער באַרימטער עושר, וועלכן דאָס פאָלק האָט פאַרגעטערט פאַר זיין לעגענדאַרישער וואוילטעטיקייט. דער באַשיידענער נדבן האָט געוואָלט אַראָפּנעמען די שווערע פעלד־כלים פון הונאס אַקסלען און זיי אים נאָכגעטראָגן. רב הונא האָט דאָס אָבער נישט דערלאָזט. „אין דיין וואוינאָרט — האָט ער אים צו אים געזאָגט — ביסטו נישט געוואוינט דערצו, דאַרפסטו עס דאָ אויך נישט טון".

מיט דער צייט איז רב הונא געוואָרן רייך. זיינע פעלדער און וויינ־גערטנער האָט ער שוין אָפּגעגעבן אין אַרענדע, זיינע סטאַדעס האָבן זיך געפּיטערט אין די מדבריות פון דרום־בבל, און ער איז שוין אומשטאַנד געווען צו לעבן רואיק פון זיינע יערלעכע הכנסות. דעמאָלט האָט ער זיין עשירות אויסגענוצט צו פאַרשידענע וואוילטעטיקע צוועקן. אין צייטן פון שטאַרקע שטורעם־ווינטן האָט רב הונא זיך געלאָזט אַרומטראָגן איבער אַלע גאַסן פון שטאָט, און ווען ער פלעגט באַמערקן אַן אַלטע איינגעבוי־גענע וואַנט, האָט ער געהייסן זיינע דינער, זי אומוואַרפן און אויפשטעלן אויף איר אָרט אַ נייע — אויף זיין חשבון. אין דער צייט פון עסן זיינען אַלע טירן פון רב הונאס הויז געוואָרן געעפנט און איינער איז געשטאַנען און גערופן: „ווער ס'איז באַדערפטיק זאָל אַריינגיין און עסן!" די דאָ־זיקע וואוילטעטיקייט האָט רב הונא ארויסגעוויזן אויך צו די נישט פאַר־מעגלעכע פון זיינע תלמידים, וועלכע זיינען אויסגעהאלטן געוואָרן אויף זיין רעכענונג. און די צאָל פון זיינע תלמידים איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען עס פלעגט זיך אויפהויבן אַ מזרח־ווינט אין ארץ ישראל און אָפּ־טראָגן אַ שטויב, פלעגט מען אין טבריה זאָגן: „דאָס זיינען די תלמידים

פון רב הונאס ישיבה אין סורא אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, און אויפטרייסלענדיק זיך, מאַכן זיי אַן אַ שטויב".

אין רב הונאס צייטן האָט דאָס יידישע לעבן אין בבל, וואָס איז ענג צוזאַמענגעקניפּט געוואָרן מיט דער ישיבה, אָנגענומען יענע וואונדערבאַרע גאַנצע געשטאַלט, וועלכע האָט זיך דערהאַלטן אין דעם משך פון גאַנצע אַכט הונדערט יאָר. ביסלעכווייז, און אַזוי ווי פון זיך אַליין, האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע יעראַרכיע פון לערער מיט נידעריקע, העכערע און גאָר הויכע ראַנגען, לויט דעם פּלאַץ, וואָס יעדערער פון זיי האָט פאַרנומען אין דעם אַקאַדעמישן לעבן פון לאַנד. ווי ס'איז שוין אויבן דערציילט געוואָרן, פּלעגן זיך די תלמידים צונויפזאַמלען אין באַשטימטע חדשים (ירחי דכלה) פון יאָר; די דאָזיקע אַקאַדעמישע פאַרזאַמלונג האָט געהייסן מתיבתא, און דער פירער פון דער פאַרזאַמלונג — ריש מתיבתא. דעם העכסטן ראַנג נאָכן ריש מתיבתא האָט פאַרנומען דער „ראש הכלה". דאָס איז געווען, אייגנטלעך, דער פּאַקטישער פּראָפעסאָר, און זיין פונקציע איז געווען, צוגרייטן די תלמידים אין די ערשטע דריי וואָכן פון די צוויי אַקאַדעמישע חדשים און זיי באַהאַוונט צו מאַכן מיט די אַלע סוגיות, וואָס דער ריש מתיבתא וועט שפּעטער באַהאַנדלען. אָפּגעטיילט פון די אַלע אַקאַדעמישע ראַנגען איז געווען דער טיטל ריכטער (דיין); די זיצונגען פונעם בית־דין (אַ גרופּע דיינים) פּלעגן פאָרקומען אויף אַן אָפענעם פּלאַץ ביי די טויערן פון שטאָט (פון דאַנען: דייני די בבא), און כאָטש די פונקציע פון באַשטימען דיינים איז געלעגן אין די הענט פונעם ריש גלותא, זיינען דאָך די דיינים פּאַקטיש אָפּהענגיק געווען פון דעם ריש מתיבתא.

אַט דעם פּאָסטן פון אַ ריש מתיבתא האָט רב הונא פאַרנומען גאַנצע פערציק יאָר, און זיין אויטאָריטעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט דער ערשטער זיך דערלויבט, צו באַפרייען בבל פון דער ארץ ישראלדיקער אַפּוטרופּסות בנוגע צו שאלות פון דער יידישער געזעץ־לערע. „מיר האָבן זיך געמאַכט, ווי ארץ ישראל" — זאָגט רב הונא, כאָטש עס האָט נאָך עקזיסטירט דערווייל די ישיבה אין טבריה און מ'האָט זיך נאָך געמוזט שטאַרק רעכענען מיט די מיינונגען פון די „בני מערבא". געשטאָרבן איז רב הונא אין טיפן עלטער, און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ווירדיקן זון (רבה), און זיינע תלמידים און חברים האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. ווי דער

שטייגער איז געווען אין יענער צייט, האָט רב הונא אויך אָנגעזאָגט, מען זאָל איבערפירן זיין קערפער קיין ארץ ישראל, און ווען דער ארון איז צוגעקומען נאָענט צום לאַנד, זיינען אים ארויסגעקומען אַנטקעגן ר׳ אמי און ר׳ אסי.

גרעסער פון רב הונאן, אין געוויסע הינזיכטן, און פונקט דער היפוך פון אים אין דער נאַטור, איז געווען ר׳ יהודה בר יחזקאל (געב׳ 225, געשט׳ 299). אַ תלמיד פון דעם גרויסן רב, האָט ער זיך דאָך געהאלטן מער אין די וועגן פון מר שמואל און פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט. בכלל איז רב יהודה געווען אַ מענטש פון נישט געוויינלעכן מאסשטאַב. אַזוי ווי ער האָט געשטאַמט אַליין פון אַן אוראַלטער משפחה, וואָס האָט גע־צויגן איר יחוס אַזש ביז דער צייט פון די נביאים, האָט ער שרעקלעך מקפיד געווען אויף דער ריינקייט פון יחוס און דער נישט פאַרמישטער אָפּשטאַמונג; אין דער זעלביקער צייט איז ער אָבער געווען אויך אַ פאַר־ביסענער שונא פון יעדן מין לוקסוס, פון יעדער פוצעריי.

אין לערנען האָט זיך רב יהודה אויסגעצייכנט ווי אַ חריף, ווי אַ מענטש, וואָס האָט ליב יעדע זאַך צו צעגלידערן אויף אַ פלפולדיקן אופן מיטן שכל, און נאָך אין דער יוגנט האָט אים דערפאַר מר שמואל שוין געקרוינט מיטן נאָמען „שיננא״ (שאַרפזיניקער). די דאָזיקע מעטאָדע פון זייער איידעלע לאָגישע אונטערשיידונגען און פאַרגלייכונגען האָט רב יהודה איינגעפירט ווי אַ לער־סיסטעם אין דער ישיבה, וואָס ער האָט גע־גרינדעט אין פומבדיתא, און באַזונדער האָט ער ליב געהאַט אויסצונוצן זיין פלפולדיקן גייסט אויף דעם געביט פון דיני ממונות, (ציוויל־רעכטלעכע פראַגן), וואו די טעאָריע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער פּראַקטיק און וואו עס זיינען מעגלעך זייער שאַרפע שלוסן און פשטלעך.

איבער זיין שטייפער פאַרעקשנטער נאַטור האָט ר׳ יהודה געהאַט אַ מאַסע שונאים, און זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין לאַנגע ריי פון פאַר־ביטערטע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. זיין הקפּדה בנוגע צו דער ריינקייט פון געשלעכט איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך אָפּגעהאלטן פון חתונה מאַכן זיין זון, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ פסול אין דער שנורס משפּחה, און זיין פריינט עולא האָט אים דערפאַר געמוסרט און דערקלערט: „און מיר אַליין — צי ווייסן מיר דען, פון וועמען מיר קומען אַרויס ? אפשר שטאַמען מיר גאָר אויך פון

די געצנדינער, וואָס האָבן געשענדעט יידישע יונגפרויען, בעת דער באַ־לאַגערונג פון ירושלים ?״ אין אַ צייט ארום האָט זיך ווידער, ווי אויף צו־להכעיס רב יהודהן, באַזעצט אין פומבדיתא איינער פון נהרדעא, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אָפּשטאַמיקן פון די חשמונאים, און די חשובסטע פאַמיליעס פון שטאָט האָבן זיך מיט אים מתחתן געווען. דעם דאָזיקן מיוחס האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס מ׳גיט ר׳ יהודהן אָפּ אַזוי פיל כבוד, און ער האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט ווען אים מיט חוזק. רב יהודה האָט דאַן דעם אַריסטאָקראַט אַריינגעלייגט אין חרם, און ווען ער האָט געהערט, אַז יענער רופט אַלעמען אַן „עבדים״ (שקלאַפן) האָט ער געלאָזט אויף אים אַליין אויסרופן, אַז ער איז אַ זון פון שקלאַפן. דאָס האָט דעם שטאָלצן מיוחס אין גאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים, און ער האָט זיך באַקלאָגט אויף רב יהודהן פאַרן איידעם פון ריש גלותא, רב נחמן בר יעקב, וועלכער האָט געשיקט רופן רב יהודהן צו זיך. ווען רב יהודה איז געקומען האָט דער אָנקלאָגער פאַרביטערט אויסגערופן: „מיך ווערט מען מאַכן פאַר אַ זון פון שקלאַפן ! מיינע זיידעס זיינען געווען די חשמונאים, די מלכים פון יהודה !״ אויף דעם האָט רב יהודה געענט־פערט: דאָס איז עס טאַקע, וואָס מר שמואל האָט אָנגעזאָגט, אַז ווער עס גיט זיך אָן פאַר אַן אייניקל פון די חשמונאים, איז אַ זיכערער עבד, וואָרים די לעצטע פרוי (מרים, הורדוסעס ווייב) האָט פאַר איר טויט אָפן דער־קלערט, אַז זי איז דאָס לעצטע גליד פון דעם חשמונאישן שטאַם, און ווער עס זאָגט: איך קום אַרויס פון די חשמונאים, קומט אין דער אמתן אַרויס פון הורדוסן — דעם אדומישן עבד. די דאָזיקע מיינונג אין נאָמען פון דעם אויטאָריטעטן מר שמואל איז באַשטעטיקט געוואָרן פון נאָך אַן אמורא, ר׳ב מתנה, און רב נחמן האָט געמוזט נאָכגעבן און לאָזן אויסרופן אומע־טום, אַז די אַלע, וואָס גיבן זיך אָן פאַר אייניקלעך פון די חשמונאים, האָבן דעם דין פון בני עבדים.

נאַטירלעך, האָט די דאָזיקע פּובליקאַציע אָנגעגריפן אַ סך פון די שענסטע משפחות, וואָס האָבן זיך געהאַט מתחתן געווען מיט די מיוחסים, און דער צאָרן פון די אַלע אויף דעם שולדיקן אין דער קאַטאַסטראָפע, אויף רב יהודהן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אים געוואָלט מיט שטיי־נער באַוואַרפן, און ער האָט זיך מציל געווען פון זיי נאָר דערמיט, וואָס

ער האָט געדראָט צו אַנטפּלעקן דעם פּסול פון נאָך אַ גאַנצער ריי אַריס־טאָקראַטישע פאַמיליעס.

אָט די אַלע צוזאַמענשטויסן זיינען אָבער דאָך נישט אומשטאַנד געווען אונטערצוגראָבן רב יהודהס נאָמען ווי אַ אב בתורה אין בבל, ווי אין ארץ ישראל, און נאָך רב הונאס טויט האָט ער איבערגענומען דעם טיטל ריש מתיבתא, וועלכן ער האָט געטראָגן צוויי יאָר.

דער יונגסטער צווישן די אמוראים פון יענער צייט איז געווען דער דערמאָנטער רב נחמן בר יעקב. אין אים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער שטאָלצער באַוואוסטזיין פון אַלע בבלישע יידן צוזאַמען מיט דעם געפיל פון פערזענלעכער קראַפט און פאַרמעגלעכקייט. אַן איידעם פון ריש גלותא, האָט ער געקוקט אויף זיך אויך, ווי אויף אַ העכערער מאַכטהאָבנדיקער פערזאָן, וואָס אַלע מוזן זיך איר אונטערגעבן. אין קעגנזאַץ צו אַלע אמוראים און תנאים פאַר אים, האָט רב נחמן זייער שלעכט באַהאַנדלט זיינע שקלאַפן, און זיין גאַנג אין דער הלכהשער פּראַקטיק איז אויך געווען, זיך צו האלטן שטרענג ביים געזעץ, און נישט מאַכן קיינע הנחות.

## קאַפּיטל ניין

### יהודה אונטער די ערשטע קריסטלעכע מלכים

מיט דער ענדע פון דריטן יאָרהונדערט איז די רוימישע אימפּעריע צוגעקומען ביז דער שוועל פון אונטערגאַנג. די אַרמיי, צוזאַמענגעשטעלט נישט פון רוימער, נאָר פון די צענדליקער באַרבאַרישע פעלקער, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין איטאַליע און פאַרפלייצט דאָס לאַנד, — האָט איינעם נאָכן אַנדערן ארויפגעזעצט אויפן טראָן און גלייך אַראָפּגעשליידערט, און אויף אַזאַ אופן דעמאָראַליזירט דעם גאַנצן מלוכה־אָרגאַניזם און אָפּגעשוואַכט די מורא פון די אונטערגעוואָרפענע פעלקער פאַר דער מעכטיקער רוים. עס האָט זיך געפאָדערט אַ געוואַלדיקע קראַפט, כדי צו אָפּהאַלטן דעם שטראָם פון דער דאָזיקער אַנאַרכיע, און אַזאַ קראַפט האָט זיך באַוויזן אויף אַ געוויסער צייט, אין דער געשטאַלט פונעם סאָלדאַטן־קייסער דיאָקלעטיאַנוס מיט זיינע העלפער. אַליין אַ זון פון אַ שקלאַף, האָט אָט דער מעכטיקער באַזיגער פאַרטיליקט דעם לעצטן שפּור פון דער רוימישער פרייהייט און דאָס גאַנצע בירגערטום אַראָפּגעוואָרפן ביז צו דער מדרגה פון האַלב־שקלאַפן. מיט די געוואַלד־מיטלען איז אים געלונגען ווי ס'איז איינצוצוימען דעם כאַאָס, און אַמשטאַרקסטן האָבן דערביי פון אים געליטן די קריסטן. די לעצטע, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט אויסגעמאַכט אַ גרויסע צאָל פון דער באַפעלקערונג און געהאַט אייגענע שולן און פאַרזאַמלונגס־ערטער, — האָבן מיט זייער שטאַרקער אַגיטאַציע אונטערגעגראָבן די הערשנדיקע אמונה פון לאַנד, און דיאָקלעטיאַנוס האָט געזען אין דעם אַ געפאַר פאַר דעם גאַנצן קיום פון דער אימפּעריע.

צו יידן, דאַקעגן, האָט זיך דער דאָזיקער הערשער באַצויגן נישט שלעכט. אין זיין צייט האָט פאַרטראַטן דעם פּאָסטן פון אַ פּאַטריאַרך ר׳ יהודה דער דריטער, דער זון פון ר׳ גמליאל דעם פערטן, אַ מענטש, וואָס איז, ווי געזאָגט, געווען ווייניק באַדייטנדיק ווי אַ געזעץ־לערער און האָט בכלל נישט געקענט פאַרנעמען אין לעבן פון פאָלק דעם פלאַץ, וועלכן עס האָבן פאַרנומען זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. נישט געקוקט אויף דעם,

איז אָבער דער פּאַטריאַרך נאָך אַלץ געווען געאַכטעט ווי אַ פירשט, און זיין טעטיקייט איז אויך נישט געווען אין גאַנצן אומפּרוכטבאַר. ר׳ יהודה האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער דערציאונג פון פאָלק; צו דעם צוועק האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָלעגיום פון דריי פּערזאָן, וועלכע זיינען ארומגעפאָרן איבער גאַנץ יהודה פון שטעטל צו שטעטל און געזען אַוועקצושטעלן אין אָרדענונג די חדרים און ישיבות.

אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פון יהודה האָט זיך די רוימישע אַד־מיניסטראַציע ווייניק געמישט און די יידן האָבן געלעבט פאַרהעלטעניש־מעסיק רואיק. עס האָט זיך נאָר איין מאָל געמאַכט, אַז דיאָקלעטיאַנוס האָט זיך געברוגזט אויפן פּאַטריאַרך און אים געפּאָדערט צו זיך. דער צוזאַמענשטויס האָט זיך אָבער אויך געענדיקט בשלום און האָט נישט געהאט קיין שלעכטע ווירקונג אויף די באַציאונגען פון דער רעגירונג צו די יידן פון לאַנד. די שטרענגע עדיקטן פון דיאָקלעטיאַנוסן מיט זיינע יועצים, לויט וועלכע די קריסטלעכע שולן האָבן געמוזט ווערן געשלאָסן, די קריסטלעכע שריפטן — פאַרברענט און די קריסטן אַליין געצוואונגען צום געצנדינעריי און צו דער פאַרערונג פון קייסער־בילד, — די אַלע עדיקטן האָבן יידן גאָרנישט נוגע געווען, און נאָר זיי אַליין זיינען געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ וועגן רעליגיע־צוואַנג.

אומפאַרשטענדלעך בלייבט דער פאַקט, וואָס די שומרונים זיינען אין די געזעצן פאַרגליכן געוואָרן מיט די קריסטן, און זיי האָט מען אויך געצוואונגען אָנצונעמען דאָס געצנדינעריי. און ווייל גרויסע מאַסן פון זיי זיינען נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָבן געדינט דער עבודה זרה, האָט מען פון דער יידישער זייט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אַלע שומרונים ווי געצנדינער, אויסגעשלאָסן זיי אויף אַזאַ אופן אין גאַנצן פון דעם יידי־שן כלל. דאָס איז געשעען כמעט אומדערוואַרט און אָן אַ באַשטימטער כונה פון וועמען ס׳איז, וואָרים גראָד דאָס מאָל האָבן די שומרונים נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע שנאה צו יידן. בכלל האָט עפּעס ווי אַ מין פאַטאַלער גורל פאַרפאָלגט די ביידע קרובישע שטאַמען און נישט געלאָזט זיי זיך דערנענטערן אויף אַ לענגערער צייט. ערשט מיט הונדערט יאָר פריער זיינען די באַציאונגען צווישן שומרונים און יידן געווען זייער פריינטלעכע, און די חכמים האָבן דערקלערט, אַז „יעדע מצוה, וואָס די כותים (שומרונים) האָבן זי אָנגענומען, היטן זיי זי אָפּ נאָך שטרענגער

פון יידן". דעמאָלט איז דורכגעפאַלן ר' מאירס פאָרשלאַג, צו דערקלערן די שומרונים פאַר געצנדינער — דער גאַנצער טעגלעכער אומגאַנג און דער געזעלשאַפטלעכער פאַרקער צווישן די יידן און זייערע שומרונישע מיטבירגער איז געווען קעגן דעם. ר' יוחנן אַליין אפילו האָט זיך דערלויבט צו עסן פלייש, וואָס איז געקויפט געוואָרן פון אַ שומרוני. און איצט האָבן זיינע תלמידים, ר' אמי און ר' אסי, פאַרבאָטן יעדן פאַרקער מיט די כותים, און דערקלערט זיי פאַר פולשטענדיקע געצנדינער.

אונטער דער צייט האָט דאָס פאַרפאָלגטע קריסטנטום באַזיגט זיינע באַזיגער. די וואָפן פון גייסט, מיט וועלכע די פאַרטרעטער פון יידנטום זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער קריסטוס־לערע, ווי די וואָפן פון געוואַלט, מיט וועלכע די פאַרטרעטער פון געצנדינערייַ האָבן קעגן איר געקעמפט, — ביידע זיינען נישט אומשטאַנד געווען צו דערשטיקן די פייערדיקע בענקשאַפט נאָך אַ געטלעכן לעבנס־אינהאַלט, וואָס ס'האָבן אַזוי באַגייסטערט פונאַנדערגעבלאָזן די נאָכפאָלגער פון דעם גרויסן יידישן הימל־טרוימער. דאָס געצנדינערייַ, אויפגעפרעסן פון דעם אייגענעם אומזין, פון דער אייגענער פאַלשקייט און אויסגעלאַסנקייט, האָט געמוזט אונטערגיין און דעם פלאַץ האָט פאַרנומען די גרונט־אידייע פון יידנטום, אויסגעדריקט אין אַן עקסטרעמער, מיסטישער פאָרעם. דאָס פאָרמירטע, גאַנצע, פאַר־קערפּערטע יידנטום האָט דעם פלאַץ נישט געוואָלט און אויך נישט גע־קענט איבערנעמען: צו־בולט, ערשטנס, איז אין דעם געווען די נאַציאָנאַלע טענדענץ; צו־שטאַרק, צווייטנס, האָט נאָך געגליט אין די הערצער די פאַר־ביטערטע שנאה צו די היסטאָרישע באַדריקער און, דריטנס, זיינען די רעליגיעזע נאָרמעס פון דעם אַלטעגלעכן יידישן לעבן שוין געווען צופיל פונאַנדערגעוואַקסן; דאָס יידישע גלויבן איז שוין געווען צופיל תורה, האָט שוין געהאַט אַ צו־שווערן קאָדעקס פון דינים, חוקים, חומרות, גזירות, סיגים, סיגים־צו־סיגים און אַזוי כסדר. דאָס געצנדינערייַ וואָלט נישט קאַפּיטולירט אַזוי גיך, ווייל קעמפן מיט דעם געצנדינערטום אין זיינע רייען און זיך אַוועקשטעלן אויף זיינע חורבות האָבן געקענט נאָר יחידים, נאָר איינצלנע יידישע כוחות, וועלכע האָבן זיך אין גאַנצן באַפרייט פון יעדן נאַציאָנאַלן באַנד, און געבראַכט דער וועלט די אידייע פון דעם יידישן גאָט, די יידישע הייליקייט, די יידישע באַגריפן פון גאָט, וועלט און מענטש. אָט די באַגריפן האָבן געפונען פאַר זיך נאָר געצייילטע אָנהענגער

אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען פאַרבליבן אין זייער אָריגינעלער, לויטערער גע־שטאַלט; דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. דאָס אידעאַלע קריסטנ־טום, די גאָט־לערע פון די ערשטע הימל־טרוימער, פון די ערשטע הייל־און מדבר־אַסקעטן, איז וואָס ווייטער אַלץ מער מגושמדיקער געוואָרן, האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַראָפּגעלאָזן, אַלץ מער צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון דעם שטאָטישן, פאַרוויקלטן, וואָכעדיקן לעבן, און אָט דער קאָמפּראָמיס האָט באַשאַפן דאָס מלוכה־קריסטנטום, — יענץ קריס־טנטום, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיין פּאַלאַצן, גייט מיטן שווערד אין האַנט, זיך אויסקעמפן מאַכט און עשירות און באַקומט אַלע פּריווי־לעגיעס פון אַ מלוכה־גלויבן.

פאַרגעקומען איז די דאָזיקע איבערקערעניש אין די צייטן פון קאָנס־טאַנטין דעם גרויסן (אין די ערשטע צענדליקער פון פערטן יאָרהונדערט) און נאַטירלעך האָבן פּאָליטישע מאָטיוון אויך געשפּילט דערביי נישט קיין קליינע ראָלע. צווישן קאָנסטאַנטינען מיט די פאָרשטייער פון קריסטנטום איז געשלאָסן געוואָרן אַ מין אָפּמאַך, לויט וועלכן די לעצטע האָבן זיך פאַרפליכטעט צו שטיצן אים אין קאַמף מיט זיינע מיט־קיסרים, און דער־פאַר באַקומען די פולע פרייהייט, צו האַלטן זיך ביי דעם קריסטלעכן גלויבן און אים צו פאַרשפּרייטן. עס האָט אַלזאָ געהייסן דערוויל, אַז דאָס קריסטנטום איז בלויז גלייכבאַרעכטיקט געוואָרן מיט די איבעריקע אמונות פון דער אימפּעריע, און די גלייכבאַרעכטיקונג האָט זיך באַצויגן אויך אויף דעם יידישן גלויבן. קאָנסטאַנטינס טאָלעראַנץ־עדיקט פון יאָר 313 האָט דערלויבט יעדן בירגער פון לאַנד צו היטן די אמונה, וואָס אים געפעלט, און אין דעם עדיקט האָט זיך בפירוש געזאָגט, אַז די יידישע פּאַטריאַרכן, עלטסטע, געמיינדע־פאָרשטייער און ראשי־ישיבות האָבן די זעלביקע פּריווי־לעגיעס, וואָס די קריסטלעכע און געצנדינערישע גייסטלעכע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט קאָנסטאַנטין נאָך מער באַפעסטיקט די דאָזיקע באַשטימונג דורך אַ ריי נייע געזעצן, לויט וועלכע אַלע יידישע כלי־קודש (שול־באַאַמטע, עלטסטע, לערער פון פאָלקס־שולן אאז״וו) זיינען באַ־פרייט געוואָרן פון די שווערע אַרבעטן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

די דאָזיקע אומפּאַרטייאישע באַציאונג צו יידן און דער יידישער אמונה האָט זיך אָבער נישט לאַנג געצויגן. קאָנסטאַנטין איז וואָס ווייטער אַלץ מער אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון קריסטנטום, און צוזאַ־

מען דערמיט איז געוואַקסן אויך זיין שנאה צו יידן. האָזיוס, דער בישאָף פון קאָרדאָבאַ, ווי דער צווייטער קריסטלעכער געלערטער עוזעביוס פון קסריה, — ביידע זיינען געווען פאַרביסענע שונאים פון יידנטום, און גראָד זיינען זיי צו יענער צייט געווען די נאָענטסטע יועצים פון קייסער. אין די רעגירונגס־דאָקומענטן פון דעם פעריאָד ווערט שוין דאָס יידנטום אָנגערופן „שענדלעכע, פאַרברעכערישע סעקטע", און באַלד דערנאָך (315) ווערט פאַרעפנטלעכט אַ קייסערלעכער עדיקט, לויט וועלכן די יידן ווערט פאַרבאָטן אָנצונעמען גרים, מיט אַ האַרטער שטראָף פאַר די גרים גופא, ווי פאַר יענע, וואָס וועלן זיך אין דעם באַטייליקן.

די אַגיטאַציע פון די קריסטלעכע מיסיאָנערן האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען אַן עפנטלעכע שטיצע פון דער רעגירונגס־מאַכט; ווארים צוזאַמען מיט דעם פאַרבאָט אָנצונעמען גרים, האָט זי אויך שטרענג פאַרבאָטן יעדן אויסדרוק פון פּראָטעסט און צאָרן קעגן די יידן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום. יידן זיינען אָבער נישט זייער גערן אַריבער אינעם לאַגער פון דער נייער אמונה, און די מיסיאָנערן האָבן זיי געמוזט אונטערקויפן מיט פאַרשידענע גליקן און וואוילטאָגן. אַזוי דערציילט זיך אין אַן אגדה: „די אומות העולם האָבן טענות צו יידן און זאָגן: ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר אומקומען פאַר אייער גאָט, ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר פאַר אים אָוועקגעבן דאָס לעבן? קומט צו אונדז, מיר וועלן אייך מאַכן פאַר דוכסים, לאַנד־הערשער און קריגס־פירער".

דאָס האָט אָבער אַלץ נאָך ווייניק געווירקט. דאַן האָט קאָנסטאַנטין איינע נאָך דער אַנדערער אָפּגענומען פון יידן אַלע פּריווילעגיעס, וואָס יי האָבן נאָך געהאַט פון די עלטסטע צייטן. יידישע כלי קודש זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין די שווערע שטאָטישע אַרבעטן; יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרשפּרייטן זייער גלויבן, צו מלן זייערע געצנדינערישע קנעכט, און אין דער זעלביקער צייט האָט די קריסטלעכע קירכע באַקומען אַ ריי באַדייטנדיקע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן איר מאַכט פאַרגרעסערט און באַפעסטיקט.

אין אַ באַזונדער שאַרפער פאָרעם האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס פיינט־לעכע פאַרהאַלטן צום יידנטום פון דער אויפגעקומענער קריסטלעכער קירך, — בעת די פאַרהאַנדלונגען פון דעם ערשטן אַלגעמיינעם קירכן־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניצעאַ, אונטערן פאָרזיץ פון

קייסער. אַט דער קאָנגרעס האָט געהאַט צו באַשטימען די דאָגמעס (עיקרים) פון דעם קריסטלעכן גלויבן, און אין דער ריי פון די פאַרשידענע תקנות, וועלכע זיינען דאָרט פון די פאַרזאַמלטע באַשטימט און אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך געפונען אויך איינע, וואָס האָט איבערגעריסן דעם לעצטן צוזאַמענהאַנג צווישן דער קריסטלעכער קירך און איר אורערשטער אָפּשטאַמונג — דעם יידנטום. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם יום־טוב פסח; ביז דאַן פלעגן די קריסטן (באַזונדער פון די מזרח־לענדער) פייערן זייער פסח צוגלייך מיטן יידישן, לויט דער באַשטימונג פון דעם יידישן נשיא אין ארץ ישראל. דאָס האָבן די קריסטלעכע קהלות פון די מערב־פראָווינצן נישט געקענט מוחל זיין זייערע גלויבנס־ברידער פון מזרח, און קאָנסטאַנטין אַליין האָט אויסגעדריקט די אומצופרידנקייט מיט די ווערטער: „פאַרוואָס זאָלן מיר עס נאָכטון די דאָזיקע גאָט־פאַרשאָלטענע, צו פייערן אונדזער הייליקן יום־טוב מיט זיי אין איין טאָג? צי קען דען נאָך זיין אַ גרעסערע עזות פון דעם, צו לאָזן זאָגן די פאַרהאַסטע יידן, אַז מיר קענען נישט פייערן אונדזער יום־טוב און אים ווי געהעריק אָפּהיטן, נאָר מוזן נאָכטון זייער תורה? — פון ווייטער אָן זאָל מער קיין געמיינזאַמעס נישט זיין צווישן אונדז און דעם פאַרהאַסטן פאָלק: מיר האָבן פון אונדזער אויסלייזער באַקומען אַן אַנדער וועג". דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַרויסגערופן די צושטימונג פון דער קאָנגרעס־מערהייט, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם קריסטלעכן פסח אויף אַן אַנדער טאָג, כדי נישט צו זיין מער אָפּהענגיק פון דעם יידישן קאַלענדאַר.

אַזוי איז די שנאה צו אַלעם יידישן געוואַקסן צוזאַמען מיט דער פאַרשפרייטונג פון דער גלילשער לערע וועגן ליבע און הייליקייט. דאָס ערשטע וואָרט פון קריסטנטום נאָך דעם, ווי עס איז געוואָרן מעכטיק און שטאַרק, איז געווען אַן אַרויסרוף צום קאַמף קעגן די „פאַרהאַסטע" יידן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייער גאָט און זייער תורה, און די קומענדיקע קריסטלעכע דורות האָבן הונדערטער יאָרן געפירט אָט דעם קאַמף מיט פייער און בלוט, — דעם קאַמף פון זיגער קעגן אומבאַזיגבאַרע.

אַ קורצע צייט נאָך דער ניצעאישער פאַרזאַמלונג האָט קאָנסטאַנטין באַנייט אַדריאַנוּסעס געזעץ, אַז קיין ייד טאָר נישט אַריינקומען קיין ירושלים. די סיבה פון דעם באַפעל איז געווען די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם לעבן פון דער אַמאָליקער יהודהשער הויפּטשטאָט. אַדריאַ־

נוסעס „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ" האָט צוריק באַקומען איר פֿריערדיקן נאָמען און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ געצנדינערישער שטאָט אין אַ הייליקן צענטער פֿאַרן גאַנצן קריסטנטום. קאָנסטאַנטין האָט געלאָזט אויפֿשטעלן אַ גרויסע קירך אויף דעם אָרט, וואו עס זאָל, לויט דער לעגענדע, זיך האָבן געפֿונען ישוס קבר, און פֿון דעמאָלט אָן ווערט די קירך באַזוכט פֿון טויזנטער פּילגרימען. פֿאַר יידן איז באַשטימט געווען נאָר איין טאָג אין יאָר, ווען זיי איז דערלויבט געווען אַרייַנצוקומען אין זייער אַמאָליקער הויפּטשטאָט און וויינען ביי די חורבות פֿונעם אייַנגעפֿאַלענעם בית־המקדש — תשעה־באב (דער 9־טער אב, דער טאָג, ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן).

ביי דעם אַלעמען איז קאָנסטאַנטין נאָך אין געוויסע הינזיכטן געבליבן טריי די פּרינציפּן פֿון גלייכקייט און גערעכטיקייט, און האָט נישט נאָכגעגעבן די פֿאָדערונגען פֿון זיינע יועצים. ער האָט, למשל, איבערגעלאָזט אין זיין קראַפֿט דאָס געזעץ, וואָס האָט באַפֿרייט די יידישע געזעצלערער און אַנדערע כּלי־קודש פֿון פֿאַרשידענע מלוכה־שטייערן. אויסער דעם, האָט ער זיך אַפֿילו איינגעשטעלט פֿאַר יידן און זיי געשיצט פֿון די משומדים, וואָס זיינען געוואָרן יידישע שונאים און פֿלעגן אויסטראַכטן די שרעקלעכסטע בלבולים אויף יידן און דעם יידישן גלויבן. קעגן די דאָזיקע יידישע יידן־פֿייניקער האָט קאָנסטאַנטין אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן עדיקט, אין וועלכן ס'האָט זיך געזאָגט: „די נייע קריסטן פֿון דעם יהודהשן פֿאָלק, וואָס וועלן שטערן די רו פֿון זייערע פֿריערדיקע שטאָם־ און גלויבנס־ברידער און זיי באַליידיקן אָדער שלעכטס טון, וועלן שטרענג ווערן באַשטראָפֿט" (336) — ביז אַזוי וויינט זיינען דערגאַנגען די צרות, וואָס יידן האָבן געליטן פֿון זייערע „נייע קריסטן!"

באַזונדער שטאַרק האָט זיך צווישן די לעצטע אויסגעצייכנט יוסף פֿון טבריה; אין דער יוגנט איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון בית־דין, און דער נשיא האָט אים אַפֿילו אָנפֿאַרטרויט זיין אייגענעם כּבוד, אים באַשטימט פֿאַר אַ „שליח ציון". אַזאַ שליח פֿלעגט פֿאָרן אין די ווייטע לענדער און צונויפֿזאַמלען אינעם נשיאס נאָמען די יערלעכע נדבות פֿון די יידישע אייַנוואוינער. איין מאָל האָט אים דער נשיא געשיקט קיין ציליציע (קליין־אַזיע); האָט זיך דאָרט יוסף נאָענט באַקאַנט מיט אַ בישאָף און מיט אים אַ סך פֿאַרבראַכט. דאָס האָט אויפֿגערעגט קעגן אים די יידישע באַפֿעלקע־

רונג, און זי האָט אָנגעהויבן קוקן מיט אַ שטאַרקן חשד אויף דעם „שליח ציון“, וועלכער איז בכלל נישט באַליבט געווען פאַר זיין גאוהדיקער באַציאונג צו די פּראָווינציעלע דיינים און לערער. די מער איבערגעגעבענע יידן האָבן אים פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן שטאַרק נאָכשפּירן, און ווי גרויס איז געווען זייער צאָרן, ווען זיי האָבן דעם נשיאס שליח ווירקלעך געפונען פאַרטיפט איבערן עוואַנגעליום (ברית החדשה) ווי יוסף אַליין דערציילט, זאָלן די יידן אים האָבן אַפילו אַריינגעוואָרפן אין טייך צידנוס, פון וואַנען ער איז נאָר על פּי נס ניצול געוואָרן, און ער האָט דעריבער עפנטלעך געשוואוירן, צו דינען דעם נייעם גלויבן און אים צו זיין איבערגעגעבן.

פון דעמאָלט הויבט זיך אָן יוספס קאַריערע ווי אַ מסור און פיינקער פון זיין פאָלק. אַזוי ווי ער האָט געקענט גוט די יידישע שפּירעוודיקייט בנוגע צו ענינים פון גלויבן, האָט אָט דער פאַרביטערטער משומד פאַרשפּרייט אומעטום קלאַנגען, אַז דער אַלטער נשיא, ר' יהודה דער דריטער, האָט אויפן טויטן־בעט געפילט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך דער שיינקייט פון קריסטנטום, און אַז דער איצטיקער יונגער נשיא, הלל דער צווייטער, האָט באַהאַלטענערהייט געפירט אַ ווילד, אויסגעלאַסן לעבן. צו די דאָזיקע גיפטיקע באַליידיקונגען פון דעם יידישן געפיל האָט יוסף נאָך צוגעגעבן אַ ריי נסים און וואונדערלעכע מעשות, וואָס זיינען געשען מיט אים ביז דער „אַנטפּלעקונג“ פון דעם געטלעכן אמת, און אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרן אַ גרויסער חשוב ביי די זיילן פון דער קירך, וועלכע האָבן אויסגעפּועלט פאַר אים ביי קאָנסטאַנטינען דעם טיטל „קאָמעס“, וואָס האָט געדינט, ווי אַ מין פריי־בריוו צו מעגן טון אַלץ, אומבאַשטראָפט. איצט האָט דעם משומדס גיפטיקע חוצפה שוין פאַר זיך נישט געהאַט קיין גרענעץ, און קאָנסטאַנטין אַליין האָט ענדלעך געפונען פאַר נייטיק צו באַשיצן די געפּלאָגטע און באַליידיקטע יידן.

אויב אין דער צייט פונעם ערשטן קריסטלעכן קייסער האָבן נאָך יאָ עקזיסטירט געוויסע נאָרמעס פון מענטשלעכקייט און יושר, זיינען אָבער אָט די נאָרמעס (בנוגע צו יידן) אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען אונטער דער הערשאַפט פון דעם ערשטן אינקוויזיטאָר און ברודער־מערדער קאָנסטאַנציוס (337—362). מיט זיין הערשן האָט זיך איצט אָנגעהויבן דער ווירקלעכער קריסטלעכער רעזשים און ממילא אויך — די אומגעהייערע

קייט פון ליידן און פּיין פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ פאַנאַטישער דעספּאָט, וואָס האָט נישט געוואוסט פון קיין שום נאַר־מעס און געזעצן דאָרט, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אמונה. גלייך אין דער ערשטער צייט פון זיין הערשן זיינען אַ גאַנצע ריי געזעץ־לערער אַנגעקלאָגט געוואָרן פאַר פאַרשידענע פאַרברעכנס קעגן דעם נייעם רעזשים, און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געמוזט אַנטלויפן קיין בבל. חתונה־פאַרבינדונגען צווישן יידן מיט קריסטלעכע פרויען זיינען באַ־שטראָפט געוואָרן מיטן טויט, און די זעלביקע שטראָף איז באַשטימט גע־וואָרן פאַר יענע, וואָס האָבן געלאָזט מל־זיין זייערע שקלאַפן. דער גרונט פון דעם שטרענגן שקלאַפן־געזעץ (אין קאָנסטאַנטינס צייטן איז דאָס אויך פאַרבאָטן געווען; עס האָט אָבער געקומען דערפאַר אַ פיל לייכטערע שטראָף) איז געווען אַ טאָפּלטע: ערשטנס, זאָל זיך די יידישע באַפעלקע־רונג נישט פאַרמערן אַדאַנק דעם צופלוס פון די שקלאַפן; און צווייטנס, זאָל אַ קריסט נישט דינען קיין יידישן האַר, קיין „גאָט־מערדער".

די אַלע באַשרענקונגען זיינען געווען קעגן די גרונט־געזעצן פון דער רוימישער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער יעדער „פּראָווינציאַל", אָן אַ שום אונטערשייד פון גלויבן, האָט פולשטענדיקע בירגער־רעכט און קיינער טאָר פון אים די דאָזיקע רעכט נישט אַוועקנעמען. פאַר דעם שיצלינג און באַ־שיצער פון דער הייליקער קירך האָבן אָבער נישט עקזיסטירט אין גאַנצן די באַגריפן פון רעכט און געזעץ. עס איז געשאַפן געוואָרן איין נייער אויס־גאַנגס־פּונקט, וואָס האָט אַלץ מעגלעך געמאַכט און אַלץ אַריינגענומען אין דעם סוג פון דערלויבטן — די קירך. די קריסטלעכע קירך מוז הערשן אין לאַנד; די מדינה, די מאַכט, דער גאַנצער מלוכה־אָרגאַניזם, — אַלץ מוז ווערן קריסטלעך, רוים מוז ווערן די מלוכה פון קריסטנטום.

די רדיפות קעגן יידן זיינען אויף אַזאַ אופן אַריינגענומען געוואָרן אינעם עצם סיסטעם פון דער נייער מלוכה־אָרדענונג און די יידן אין ארץ ישראל האָבן באַלד דערפילט די פּאַקטישע פאָלגן פון דעם רעזשים. דאָס איז געווען אין דער צייט פון די אייביקע קריגערייען צווישן דעם רוימישן חיל און די שכנים־פּערסיאַנער, ווען די לעצטע האָבן זיך באַפעסטיקט אין מערב־אַזיע און אַרויסגעשטופּט פון דאָרט די רוימער. קאָנסטאַנציוס האָט דאַן אַוועקגעשיקט אַהין אַ גרויס חיל, אונטער דער אָנפירונג פון זיין מיט־קייסער גאַלוס. פון דער מחנה האָט אַ גרויסער טייל, אונטער דער פירונג

פון לעגאַט אורסיצינוס („אַרסקין”), דורכמאַרשירט פּאַלעסטינע, און אור־סיצינוס האָט געפאָדערט פון יידן, זיי זאָלן אים צושטעלן פריש־געבאַקן ברויט פאַר דער מחנה שבת און אפילו פסח. די געזעץ־לערער האָבן געזען די געפאַר פון געצוואונגענעם שמד, וואָס רוקט זיך אָן אויף יידן, זיי האָבן אָבער נישט געפונען קיין אויסוועג, און געמוזט מתיר זיין לפי שעה די דערמאָנטע שווערע פאַרבר־עכנס, אונטער דעם אויסרייד, אַז אורסיצינוס האָט דאָ נישט גוזר געוועזן קיין גזירת שמד, און ער וויל נאָר ברויט פאַר זיינע סאָלדאַטן. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דורכאויס גע־פאָדערט, אַז יידן זאָלן זיך מוסר נפש זיין און נישט עובר זיין אויף די גע־באָטן פון דער תורה. דאָס זיינען געווען יענע, וואָס האָבן גוט געזען די אמתע כונה פון די רוימישע מיליטער־פירער און געוואוסט, אַז דער זעלבי־קער אורסיצינוס האָט אין אַ שטעטל נעבן טבריה פאַרברענט אַ ספר־תורה, ווען ער האָט געטראָפן יידן לייענענדיק אין איר.

צו די נגישות און רדיפות זיינען נאָך צוגעקומען די שווערע שטייערן, וואָס האָבן אויסגעפּרעסט פון פאָלק דעם לעצטן פאַרהאָרעוועטן פאַרדינסט. די שטייערן זייגען געווען פיר־פינף־פאַכיקע, און איין אגדה פון יענער צייט קלאָגט זיך: „אַזוי ווי אַ קלייד, וואָס האָט זיך פאַרטשע־פּעט אָן דערנער: ציסטו אַרויס איין עק, בלייבט שטעקן דער צווייטער, — אַזוי זיינען מיר אין דער מלכות עשו (רוים): מ'האָט נאָך נישט אָפּגע־צאָלט די ארנוניא (תבואה און שאָף־שטייערן), מאָנען זיי שוין דעם גל־גלת (קאָפּ־שטייערן). — זיי קומען מיט גזירות אויף יידן: דו האָסט גע־גנבעט און געטויט! האָסטו נישט געגנבעט און נישט געטויט, טאָ זאָג: ווער האָט מיט דיר געגנבעט, ווער האָט מיט דיר געטויט? גיי ברענג אר־נוניא, גלגלת און דימוסיא”.

די דאָזיקע אַלע צרות און גזירות האָבן ענדלעך אַרויסגעבראַכט דאָס פאָלק פון געדולד, און ווי אַלע מאָל האָט אויך איצט גליל די ערשטע אויפ־געהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד. עס האָט זיך אָפּגעפונען אָן אָנפירער, אונטערן נאָמען נאַטראָנאַ, וועלכער האָט באַגייסטערט די קריגערישע גליי־לער און זיי אויפגעמונטערט צום קאַמף מיט די רוימער, און אין אַ גע־ווּיסער נאַכט זיינען די רעוואָלוציאָנערן אין צפורי (וואָס האָט דעמאָלט געהייסן דיאָצעזערעאַ) באַפאַלן דעם דאָרטיקן רוימישן גאַרניזאָן און אים פאַרניכטעט. דערנאָך האָבן זיי זיך באַפעסטיקט אויף דער פּאָזיציע (צפו־

רי איז געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג) און געמאַכט פון דאָרטן אַפּטע אָנ־פאַלן אויף די רוימער פון דער ארומיקער סביבה. דערביי איז די צאָל פון די יידישע קריגער געוואַקסן, און באַלד האָט דער אויפשטאַנד ארומגע־כאַפּט אויך טבריה, לוד און אַנדערע שטעט אין יהודה און גליל, אַזוי, אַז גאַלוס האָט זיך דערשראָקן און אַרויסגעפאָדערט פון קאָנסטאַנציוסן פריי־שע לעגיאָנען. אורסיצינוס האָט אָבער באַוויזן צו דערשטיקן די יידישע רעוואָלוציע, נאָך איידער זי האָט זיך אין גאַנצן פונאַנדערגעפלאַקערט. די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך מיט אכזריות נוקם געווען אָן די באַזיגטע יידן און טויזנטער פון זיי געטויט און געפּייניקט. צפורי איז אין גאַנצן חרוב געוואָרן, און אויך נאָך אַנדערע שטעט פון גליל און יהודה האָבן שטאַרק געליטן (352). די איבערגעבליבענע רעוואָלוציאָנערן האָבן געמוזט אַנווענדן פאַרשידענע מיטלען, זיך צו ראַטעווען פון אורסיציגוסעס אכ־זריות. אַנדערע האָבן זיך אַנגעקלעפּט פלאַסטערן אויף די נעזער, כדי מ׳זאָל זיי נישט דערקענען, אַ טייל איז אין גאַנצן אַנטלאָפן פון לאַנד און אַ סך האָבן זיך באַהאַלטן אין היילן און מערות. צווישן די לעצטע האָט זיך געפונען אויך דער געזעץ־לערער רב הונא (דער צווייטער), און ער דער־ציילט: „ווען מיר זיינען געווען באַהאַלטן פון די שונאים אין אונטערערדי־שע מערות, האָבן מיר געהאַט ביי זיך ליכט; ווען זיי האָבן געברענט טונקל האָבן מיר געוואוסט, אַז ס׳איז טאָג, און ווען זיי האָבן געברענט העל, האָבן מיר געוואוסט, אַז ס׳איז נאַכט״.

ביי די רדיפות האָט דער ביזאַנטישער הויף1) זיך נאָך נישט אָפּגע־שטעלט. עס האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ ריי נייע רעפּרעסיעס קעגן אַלע ביז־איצטיקע פאָרמען פון דעם יידישן לעבן, און די לאַגע האָט זיך גאָר־נישט געענדערט צום גוטן אפילו אויך נאָך דעם, ווי דער מיט־קייסער גאַ־לוס איז געטויט געוואָרן (פאַר אַ פאַרראַט קעגן קאָנסטאַנציוסן) און אור־סיצינוס האָט פאַרלוירן זיין מאַכט (354). די גאַנצע ניי־רוימישע רעגירונג האָט זיך, אונטער דעם איינפלוס פון די קריסטלעכע יועצים, באַצויגן צו יידן, ווי צו גאָט־לעסטערער אָדער גאָט־לייקענער, און האָט כסדר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אָפּצוזונדערן די קריסטן פון דעם שעדלעכן יידישן איינ־

1) דער ערשטער קריסטלעכער קייסער, קאָנסטאַנטין דער גרויסער, אַט איבערגעטראָגן זיין רעזידענץ פון רוים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (בי־זאַנטיע).

פלוס. עס איז ווידער אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שטרענגע שטראָף אויף די קריסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו יידישע קהלות, און די יידן אַליין זיינען גערודפט געוואָרן מיט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. דעם פּאַטריאַרך איז פאַרבאָטן געוואָרן צו מאַכן זיינע באַאַבאַכטונגען בנוגע צו דער באַשטימונג פון די חדשים און יום־טובים, און בכלל זיינען פאַרווערט געוואָרן כמעט די באַדייטנדיקסטע מצוות פון דער תורה, ווי ס׳איז צו זען פון דעם פאַרשטעלטן בריוו, מיט וועלכן די ארץ־ישראל־לייט האָבן זיך געווענדט צו דעם ריש־ישיבה פון מחוזא (אין בבל). אין דעם בריוו דער־ציילט זיך: „אַ פּאָר איז געקומען פון רקת (טבריה), האָט זיי דער אָדלער (רוימישע באַאַמטע) געפאַנגען, און זיי האָבן געהאַט ביי זיך דאָס, וואָס ווערט געאַרבעט אין לוז (תכלת צו ציצית); איז זיי זייער זכות בייגע־שטאַנען און זיי זיינען אַרויס בשלום. און נחשונס אוראייניקלעך (די נשי־אים פון בית יהודה) האָבן געוואָלט באַשטימען איין הויפּט־חודש אין יאָר, האָט זיי דער ארמי (רוימער) נישט געלאָזן; אָבער די בעלי אספות (די מיטגלידער פון סנהדרין, געזעץ־לערער) האָבן זיך פאַרזאמלט און האָבן באַשטימט פאַרן הויפּט (־חודש) דעם, ווען ס׳איז געשטאָרבן אהרן הכהן״ (אב). אין דעם בריוו שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע נויט, אין וועלכע דאָס ארץ ישראלדיקע יידנטום האָט זיך געפונען פאַר די לעצטע יאָרן פון קאָנסטאַנ־ציוסעס הערשאַפט. דאָס אויפגעקומענע, וועלטלעכע, קריסטנטום אין גע־שטאַלט פון דער ביזאַנטישער מלוכה, האָט מיט אַ ווילדער פאַרביטערט־קייט זיך נוקם געווען אין די שטאַלצע עקשנים, וואָס האָבן מיט בטול און פאַראַכטונג געקוקט, אי אויף זיין וועלטלעכער גרויסקייט, אי אויף זיינע גייסטיקע אויפטועכצן און נייע תורות. די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן איין געזעץ נאָכן אַנדערן מיט דעם צוועק, צו דריקן יידן און זיי צו דער־נידעריקן. די יידן האָבן אָבער גאָרנישט אָנגעהויבן צו טראַכטן אפילו וועגן אונטערגעבן זיך, און די אַלע רדיפות האָבן, פאַרקערט, נאָך שטאַרקער אויפגעוועקט ביי זיי דעם נאַציאָנאַלן דערהאַלטונגס־אינסטינקט. שווערע קרבנות האָט יעדער ייד געמוזט ברענגען אין יענער צייט פאַר זיין יידיש־קייט, פאַר זיין צוגעבונדנקייט צו דעם יידישן גאָט און צו דער יידישער תורה. און די קרבנות זיינען געבראַכט געוואָרן — פרייוויליק, נישט גע־צוואונגענערהייט ווי אַ נאַטירלעכע פליכט, וואָס ליגט אויף יעדן יחיד בנו־גע צום כלל.

אַ גרויסן קרבן אויף דעם מזבח פון כלל האָט געבראַכט דעמאָלט דער נשיא (פּאַטריאַרך) פון די ארץ־ישראלדיקע יידן, הלל דער צווייטער, דער זון פון יהודה דעם דריטן. ווען ער האָט געזען מיט וואָסערער שענדלעכער חוצפּה די אַדמיניסטראַציע דערלויבט זיך צו שטערן די טעטיקייט פון דעם יהודהשן סנהדרין און אויף וויפל עס פאַלט פון טאָג צו טאָג דער כבוד פון דעם פּאַטריאַרכאַט, — האָט דער דאָזיקער איבערגעגעבענער און ווייטזיכטיקער פאָלקס־פירער געפועלט ביי זיך, צו פאַרעפנטלעכן פאַרן גאַנצן פאָלק דעם סוד, וואָס האָט זיך אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן גערעכנט פאַר אַן ערן־פּריווילעגיע פון דער נשיאות. ביז דאַן האָט זיך געפירט, אַז דער נשיא, ווי אַ פאָרזיצנדער פון סנהדרין, פלעגט דורך ספּעציעלע שלוחים ,מאַכן יעדן חודש באַאָבאַכטונגען איבער די דערשיינונגען פון דער לבנה. אויף דעם יסוד פון די באַאָבאַכטונגען פלעגט ער, לויט אַ געוויסן געהיימען סיסטעם, באַשטימען די חדשים און יום־טובים פון יאָר, מאַכן עבור־חדשים, און געבן צו וויסן וועגן דעם אַלע יידישע קהלות אין ארץ־ישראל און בבל. איצט אָבער, צוליב קאָנסטאַנציוסעס רדיפות, האָט זיך דער סיסטעם נישט געקענט מער פּראַקטיצירן, דען אויסער דעם, וואָס די רעגירונג האָט פאַרבאָטן דעם סנהדרין צו מאַכן די באַשטימונגען, איז בכלל שווער געוואָרן די קאָמוניקאַציע צווישן יהודה, וואָס איז געלעגן אונטער דער ביי־רוימישער הערשאַפט, און בבל, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די פּערסיאַנער, און די בבלישע יידן זיינען גאַנץ אָפט געבליבן אין צווייפל וועגן די וויכטיקסטע קאַלענדאַר־פראַגן.

און אָט, כדי אַן ענדע צו מאַכן מיט דער נישט נאָרמאַלער לאַגע, האָט הלל איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינגעפירט אַ פעסטן לוח (קאַלענדאַר), ד״ה ער האָט פאַרעפנטלעכט דעם גאַנצן קאַלענדאַר־סיסטעם, ביי וועלכן דאָס סנהדרין האָט זיך שטענדיק געהאַלטן, און געגעבן דערמיט יעדן איינציקן די מעגלעכקייט, זיך צו אָריענטירן אין דעם אַזוי גערופענעם „סוד העבור״. דאָס איז געווען אַן אומגעוויינלעכער קרבן פון דעם פּאַטריאַטישן נשיא — ער האָט מיט דעם שריט אַליין איבערגעריסן דעם לעצטן באַנד, וואָס האָט צוזאַמענגעקניפּט די יידישע קהלות אין אַלע לענדער און זיי אָפּהענגיק געמאַכט פון פּאַטריאַרכאַט. אים איז דער זיכערער קיום פון יידנטום געווען טייערער, ווי דער כבוד פון זיין הויז, און ווי אַן אמתער אייניקל פון זיינע גרויסע זיידעס, האָט ער מקריב געווען זיין כבוד פאַר דעם קיום פון

פאָלק. די מיטגלידער פון דעם דעמאָלטיקן סנהדרין האָבן אין גאַנצן מס־כים געווען צו דעם אויפטו פון נשיא; זיי האָבן נאָר דערביי געפאָדערט פון זייערע ברידער אין חוץ־לארץ, זיי זאָלן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייערע אַלטע מנהגים בנוגע צום פייערן צוויי טעג יום־טוב. „כאָטש מיר האָבן אייך געשיקט דעם סדר פון די יום־טובים, זאָלט איר פונדעסטוועגן נישט משנה זיין (ענדערן) דעם מנהג פון אייערע עלטערן״ — האָט ר׳ אסי פון ארץ־ישראל געשריבן צו די יידן אין אַלעקסאַנדריע, און אַן ענלעכער אָנ־זאָג איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויך קיין בבל (הזהרו במנהג אבותיכם שבידכם). פון דעמאָלט אָן ווערן אין אַלע לענדער, אויסער ארץ ישראל, געפייערט צווישן יידן צוויי טעג יום טוב (יום טוב שני של גליות), ווי עס האָבן אָנגעזאָגט די געזעץ־לערער פון טבריה אין די צייטן פון הלל הנשיא.

די אויסרעכענונג פון הללס קאַלענדאַר־סיסטעם איז פשוט און קלאָר. זי שטיצט זיך אויף עטלעכע איינפאַכע כללים און איז אַזוי לייכט און באַקוועם, אַז יעדערער כמעט איז אימשטאַנד צוזאַמענצושטעלן אַ הונ־דערט־ און אפילו אַ טויזנט־יעריקן לוח (קאַלענדאַר). דער קערן פון דעם לוח איז די צייט פון אַ פולשטענדיקן לבנה־אומקרייז (אָדער חודש), וואָס מאַכט אויס 29 טעג מיט 12 שעה און עפּעס. אַזאַ לבנה־יאָר פון צוועלף חדשים האָט אַלזאָ אַן ערך פון 354 טעג. אַזוי אָבער ווי די ביבלישע יום־טובים זיינען צוזאַמענגעבונדן מיט די צייטן פון יאָר לויט דער זון (פּסח אין פרילינג, סוכות און האַרבסט אאז״וו) האָט מען געמוזט קאָאָרדינירן דאָס יידישע לבנה־יאָר מיט דעם אַלגעמיינעם יאָר לויטן אומקרייז פון דער זון, וועלכער מאַכט אויס 365 טעג מיט 6 שעה, ד״ה מיט עלף טעג מער, ווי אינעם לבנה־יאָר. מ׳האָט דעריבער אויסגערעכנט, אַז אין משך פון 19 יאָר גיט דער זון־חשבון אַ עודף פון 210 טעג (אָדער זיבן 30 טאָגיקע חדשים), קעגן דעם סיסטעם פון לבנה־יאָרן, און כדי איינצושטימען דאָס לבנה־ מיטן זון־יאָר, האָט מען געמאַכט, אַז אין יעדן ציקל פון 19 יאָר, זאָלן זיין זיבן עבור־יאָרן, ד״ה יאָרן וואָס האָבן נישט 12, נאָר 13 חדשים. די חדשים, ווידער, רעכענען זיך כסדר: איינער 29, איינער 30 טעג, און הייסן לויט דעם „מלאים״ (פולע) און „חסרים) (פעליקע); נאָר די האַרבסט־חדשים חשון און כסליו קענען זיין מלאים אָדער חסרים אויסער דער אָרדענונג, אָפּהענגיק פון די באַזונדערע כללים, וואָס זיינען באַשטימט פאַר די יום־טובים פון דעם פריערדיקן חודש, תשרי, מיט וועלכן ס׳הויבט זיך אָן דאָס יאָר.

# קאַפּיטל צען

## די ישיבות אין בבל

די רדיפות קעגן יידן אין ארץ ישראל, צוזאַמען מיט דער פּאַרעפנט־לעכונג פון דעם קאַלענדאַר־סיסטעם, האָבן אין אַ גרויסער מאָס פּאַרגרע־סערט די באַדייטונג און דעם איינפלוס פון די בבלישע גייסטיקע צענטערן — די ישיבות. בכבודיק און פּאַרהעלטניסמעסיק רואיק האָבן דאָ יידן גע־לעבט אונטער דער הערשאַפט פון די פּערסיאַנער, און זיי האָבן צוגע־בראַכט דעם שטודיום פון דער תורה ביי זיך אין לאַנד ביז יענער הויכער מדרגה, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען אין די גאָלדענע צייטן פון די ערשטע ארץ ישראלדיקע תנאים. צו דער ישיבה אין סורא, וואו ס׳האָבן זיך געזאַמלט די מסורות פון אַלע צייטן, איז צוגעקומען די ישיבה אין פּומ־בדיתא, וואָס האָט געגעבן אַ נייע ריכטונג דער יידישער געזעץ־לערע און אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע רייע ריזיקע גייסטער. נישט בלויז אין בבל אַליין — אויך אין די אַרומיקע לענדער האָט מען זיך געמוזט צוהערן צו די נייע ווערטער פון די „חריפי דפומבדיתא" (די שאַרפזיניקע מוחות פון פּומבדי־תא), וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט אַן אייגענעם שטעמפּל אויף דער גאַנ־צער עפּאָכע.

די באַדייטנדיקסטע טרעגער און פאַרשטייער פון דער נייער דיכ־טונג זיינען געווען רבה בר נחמני און זיינע תלמידים־חברים: אביי און רבא.

רבה בר נחמני האָט געזאָלט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון א ריש מתיבתא אין פומבדיתא גלייך נאָך רב יהודהס טויט; ער האָט אָבער אָפּגע־טראָטן דעם טיטול אַן עלטערן געזעץ־לערער פון אים, מיטן נאָמען רב הו־נא בר חינא, און ערשט נאָך דעם ווי דער לעצטער איז געשטאָרבן, איז רבה אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דער ישיבה, וואו עס זיינען צוליב דעם צוגעקומען מאַסן תלמידים פון אַלע עקן לאַנד. ווי אַ געזעץ־לערער האָט זיך רבה אויסגעצייכנט מיט זיין טיפן און שאַרפזיניקן אַנאַליז, בנוגע צו די פאַרשידענע סתירות צווישן די משנות און די שפּעטער צוגעגעבענע

בריתות אָדער סתם מימרות פון חכמים. אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַלטן ביי דעם כלל, אַז דאָס שטודיום פון דער הלכה פאָדערט אַ באַזונדער לויטערע, פרייליכע שטימונג, האָט רבה זיך נוהג געווען, אָנצוהויבן זיין שעור פאַר די תלמידים מיט אַ געוויסן פריילעכן וויץ („מלתא דבדיחותא") אָדער אַן האַרציקער אגדה.

צווישן די אמוראים פון זיין צייט איז רבה געווען דאָס, וואָס ר׳ עקי־בא איז געווען פאַר די ערשטע תנאים. ער האָט אויך געמאַכט די תורה, „ווי אַ קייט פון געפלאָכטענע רינגלעך". האָט אַרויסגעפונען דעם צד השוה (דאָס געמיינזאַמע) צווישן מאַסן הלכות און זיי איינגעטיילט אין כללים און קאַטעגאָריעס. רבה איז דעריבער שטאַרק באַליבט געווען אין דער ישיבה און די תלמידים האָבן אים אָפּגעגעבן נאָך מער כבוד, ווי דעם אַמאָ־ליקן באַנייער פון דעם בבלישן יידנטום, רבן. דאַקעגן האָט אים דאָס פאָלק פון פומבדיתא נישט ליב געהאַט פאַר זיין שאַרפן מוסר, און ווען דער המון האָט אַמאָל מתרעם געווען אויף אים דערפאַר, וואָס ער קען נישט אויס־פועלן ביי גאָט קיין רעגן (דאָס איז געווען אין אַ שטאַרקער טריקעניש), האָט רבה מיט פאַראַכטונג אויסגערופן: „וואָס קענען די צדיקים פון דור אויפטון, ווען דער דור אַליין איז זינדיק".

אין רבהס צייטן האָבן די יידן אין בבל געהאַט אויסצושטיין געוויסע פאַרפאָלגונגען מצד דעם פערסישן הויף, וואו קעניג איז געווען דער צוויי־טער פון די סאַסאַנידן, שבור דער צווייטער (309—379). די יידן צוזאַ־מען מיט די קריסטן זיינען דעמאָלט גערודפט געוואָרן ווי אומגלויביקע, און נאָר דער זכות פון קעניגס מוטער, איפרא הורמיז, וועלכע איז געווען פריינטלעך געשטימט צום יידנטום, האָט געשיצט די בבלישע יידן פון די שווערע גזירות, וואָס די דאָרטיקע קריסטן האָבן געמוזט איבערטראָגן צו יענער צייט. רבה אַליין איז באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז ער רעדט אָפּ זיינע תלמידים פון צאָלן שטייערן, און ווען מ׳האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז אַ שליח פון דער רעגירונג גייט אים פאַנגען, איז ער אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין די וועלדער אַרום שטאָט. איין מאָל האָט ער דער־הערט אַ שטאַרקן גערויש פון טריט צווישן די ביימער, האָט ער עס אָנגע־נומען פאַר אַ מחנה חילות, וואָס גייט אים זוכן, און איז פון שרעק גע־שטאָרבן. דאָן — דערציילט די פאָלקס־לעגענדע — איז אַ צעטל אַראָפּ־געפאַלן פון הימל, אויף וועלכן ס׳איז געווען געשריבן: רבה בר נחמני איז

פאַרבעטן געוואָרן אין דער ישיבה של מעלה (ישיבה פון אויבן, פון גאָט), און ווען די תלמידים פון זיין ישיבה זיינען געקומען אין וואַלד, האָבן זיי געפונען זיין קערפער פאַרהילט און באַשאָטנט פון אַ גאַנצער מחנה פייגל. ווי ס'ווייזט אויס, האָט די באַשולדיקונג קעגן רבהן נישט געהאַט פאַרן פאָלק, מער קיין שום אַנדערע שלעכטע פאָלגן, און דעם קעניגס מוטער האָט גלייך נאָך דעם אריינגעשיקט דעם ריש מתיבתא אַ גרויסע סומע געלט, ער זאָל ער פאַרווענדן אויף אַ דבר שבצדקה1).

רבהס נאָכפאָלגער אין דער ישיבה איז געווען זיין פריינט רב יוסף (געב. 270, געשט. 333), אַ מענטש אַ קרענקלעכער און אַ גרויסער כעסן. רב יוסף איז געווען אָן אויסנאַם אין דער ישיבה דערמיט, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן שטאַרק פון חריפות, און איז געווען באַרימט נאָר אַלס „בקי אין משנות, בריתות און מסורות" (שמועות). אויסער זיין הלכהשן שטוד־יום אין דער ישיבה, האָט רב יוסף זיך באַשעפטיקט אויך מיט דער כאַלדע־אישער איבערזעצונג פון די הייליקע שריפטן. דער תורה, און איינצלנע טיילן פון די נביאים צום געברויך פון די פאָרלעזונגען אין בית מדרש (הפטורה) זיינען שוין, אייגנטלעך, לאַנג געווען איבערזעצט אין סיריש און כאַלדעאיש. די לעצטע, כאַלדעאישע, איבערזעצונג איז געמאַכט גע־וואָרן לויט דער גריכישער איבערזעצונג פון דעם באַרימטן עקילס, און האָט באַקומען דעם נאָמען תרגום אונקלוס. די יידן אין מעסאָפּאָטאַמיע, ווידער, וואָס האָבן גערעדט סיריש, האָבן געהאַט די סירישע איבערזע־צונגען, וואָס האָבן געהייסן „פשיטא". דער גרעסטער טייל פון די נביי־אים איז אָבער געבליבן נישט איבערזעצט, און רב יוסף איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם חסרון ממלא געווען.

נאָך רב יוספס טויט האָט זיך דאָס קאָלעגיום פון דער ישיבה געפּר־נען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, ווייל עס זיינען געווען גאַנצע פיר קאַנ־דידאַטן אויף צו פאַרנעמען דעם פאָסטן, און דאָס קאָלעגיום האָט זיך נישט געקענט באַשליסן, וועמען פון די פיר אויסצואוויילן. די פיר זיינען גע־ווען: אביי, רבא, רבי זירא (זעירא) דער צווייטער און רבה בר מתנה, און ס'איז געבליבן צו אָרגאַניזירן אַ קאָנקורס: עס וועט פאָרגעלייגט ווערן די

1) רב יוסף, דער ראש מתיבתא, וואָס האָט באַקומען די דאָזיקע קע־ניגלעכע נדבה, האָט זי פאַרווענדט, אויסצולייזן געפאַנגענע (פדיון שבוים).

פיר קאַנדידאַטן זייער אַ האַרבע שאלה, און אַלע וועלן אָפּגעבן זייערע שטימען דעם פון זיי, וואָס וועט געבן די בעסטע תשובה. פון דעם טורניר איז אַביי אַרויס דער זיגער: זיין תשובה האָט קיינער נישט געקענט אָפּ־פרעגן, און ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ ריש מתיבתא.

אַביי, מיטן ביינאָמען נחמני (געב. 280; געשט. 338), איז ווי אַ קינד נאָך געבליבן אָן עלטערן און ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי רבהן אין שטוב. אין כאַראַקטער נאָכגיביק און ווייך, איז אַביי געווען שטאַרק באַליבט סיי ביי יידן, סיי ביי געצנדינער, און זיין ליבלינגס־שפּרוך איז געווען: „שטענדיק זאָל דער מענטש זיין קלוג אין זיין גאָטספאָרכטיקייט; ווייך ענטפערן און שטילן דעם כעס, האַלטן שלום צווישן זיינע ברידער, זיינע קרובים און אַלע מענטשן אפילו אַ גוי אין גאַס, כדי ער זאָל זיין באַ־ליבט אויבן און געאַכטעט אונטן און אָנגענומען ביי מענטשן". נישט גע־קוקט אָבער אויף זיין גרויסקייט אין מדות און אויף זיין שאַרפזיניקייט אין דעם שטודיום פון דער הלכה, האָט ער פונדעסטוועגן נישט צוגעצויגן אין זיין ישיבה קיין סך תלמידים. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זיין באַענטסטער חבר רבא האָט זיך פון אים אָפּגעטיילט און געגרינדעט אַ באַזונדערע ישיבה אין מחוזא (ביים טייך חדקל), וואוהין עס האָבן זיך איבערגעקליבן מאַסן תלמידים פון פומבדיתא. פאַרן צענטער פון דער הלכה האָט זיך אָבער דערווייל נאָך אַלץ גערעכנט פומבדיתא; ערשט נאָך אַבייס טויט, איז רבא איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ ריש מתיבתא, און דער צענטער האָט זיך איבערגעטראָגן קיין מחוזא.

רבא בר־יוסף בר חמא (געב. 299, געשט. 352) פון מחוזא איז גע־ווען רייך, שאַרפזיניק און גרעסער פון אַלע זיינע מיטצייטלער אין הלכה, דאָקעגן האָט ער אָבער געהאַט אַ סך שוואַכע זייטן אין מדות און מוסר, וואָס האָבן אים געשטעלט נידעריקער פון די חברים־אמוראים. אַ באַזונ־דער שלעכטן איינדרוק האָט געמאַכט זיין אומגעווייגלעכע גאוה, און ער אַליין האָט זיך געקלאָגט: „דריי זאַכן האָב איך געבעטן ביי גאָט, האָט ער מיר צוויי געגעבן און די דריטע נישט. איך האָב געבעטן רב הונאס חכמה און רב חסדאס עשירות — האָט ער דאָס מיר געגעבן; נאָר מיין תפילה, איך זאָל זיין אַזוי עניוותדיק און באַשיידן, ווי רבה בר רב הונא — איז נישט אָנגענומען געוואָרן". אויסער זיין פערזענלעכן נישט סימפּאַטישן כאַראַקטער, האָט ער געהאַט אויך די שוואַכקייטן פון אַלע זיינע שטאַט־

לייט, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט זייער אַ שלעכטן שם אין גאַנצן לאַנד, האָט ער זיך שטענדיק געשטעלט אויף זייער זייט און געזוכט, זיך צו דערווערבן זייער ליבע.

„אין אָנהויב — דערציילט רבא אין איין אָרט — האָב איך גע־גלויבט, אַז די מחוזא־לייט וועלן מיך אַלע ליב האָבן; דערנאָך, ווען איך בין געוואָרן אַ שופט, האָב איך געזאָגט: אַ טייל פון זיי וועלן מיך ליב האָבן, און אַ טייל — האַסן. ווען איך האָב זיי אָבער געוויזן, אַז דעם, וואָס איך פאַראורטייל היינט, באַפריי איך מאָרגן, — האָב איך געזאָגט: אויב ליב האָבן וועלן מיך אַלע ליב האָבן, און אויב האַסן — וועלן אַלע האַסן״. דאָס דאָזיקע זאָגן זיך נאָך דער צונייגונג פון המון איז שטאַרק נישט גע־פעלן געוואָרן רבאס חברים, און אַביי האָט אָפן דערקלערט, אַז אויב אַ צורבא מרבנן (געזעץ־לערער, געלערנטער) איז זייער באַליבט ביי זיינע שטאָט־לייט, איז עס נישט דערפאַר, וואָס ער איז בעסער פון אַנדערע, נאָר דערפאַר, וואָס ער שטראָפט זיי ווייניק פאַר זייערע פאַרברעכנס״.

אַן אַנדער סכסוך איז פאָרגעקומען צווישן רבאן און זיינע חברים איבער אַ מער וויכטיקער פראַגע. די איינוואוינער פון מחוזא האָבן, ווי ס׳איז שוין באַמערקט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, געשטאַמט פון נרים, און די מער מיוחסדיקע פאַמיליעס האָבן זיך נישט געוואָלט מיט זיי מתחתן זיין. די מחוזא׳ער איז דעריבער שווער געווען צו קריגן יידישע פרויען פאַר זייערע קינדער, און ווען זיי האָבן זיך געקלאָגט וועגן דעם פאַר רבי זיראן, האָט ער געדרשנהט פאַר זיי, אַז אַ „גר מעג נעמען אַ ממזרת״. די דאָזיקע דער־לויבעניש, וועלכע האָט אָוועקגעשטעלט די גאַנצע באַפעלקערונג פון מחוזא אויף אַ נידעריקער מדרגה און איר מתיר געווען אַזוינס, וואָס איז אַלע יידן פאַרבאָטן, — האָט שטאַרק באַליידיקט די צו־הערער, און זיי האָבן געוואָלט רבי זיראן באַוואַרפן — דאָס איז געווען אום סוכות — מיט זייערע אתרוגים. דאַן האָט רבא זיך אָנגענומען פאַר די באַליידיקטע, ער איז אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן רבי זיראן און זיך אָוועק־געשטעלט און געדרשנהט, אַז ׳אַ גר מעג נעמען אַ בת כהן״, פאַרוואָס די מחוזא׳ער האָבן אים באַגייסטערט געדאַנקט.

די שוואַכקייטן זיינע האָט רבא אַרויסגעוויזן אויך בנוגע צו געלט־ענינים, און גאַנץ אָפט האָט ער זיך אפילו דערלויבט צו פאַרשקלאַפן די אָרימע יידן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט קעגן דער תורה. בכלל

באַמערקט זיך ביי די בבלישע יידן פון יענער צייט אַ געוויסע ירידה אין די היגזיכטן פון זיטלעכקייט, יושר און יידישער באַשיידנקייט. די אַריס־טאָקראַטיע איז געווען פאַרזונקען אין לוקסוס און פּראַכט, און געזעץ־לע־רער פלעגן אַרויסגיין אויסגעפּוצט אין טייערע זיידענע קליידער, אָדער געטראָגן ווערן פון שקלאַפן (אָפט יידן) אין פאַרגאָלדעטע הימל־בעטן. עס האָט זיך דאָך פאַרשטאַרקט די אַמאָליקע ארץ ישראלדיקע פאַראַכטונג צום עם הארצישן המון, און ס׳איז אַנטשטאַנען ווי אַ מין באַזונדערע אַריס־טאָקראַטן־קאַסטע פון תלמידי חכמים, וואָס האָבן קעגנזייטיק געשיצט די אייגענע אינטערעסן אויפן חשבון פון געמיינעם פאָלק. רבא אליין האָט זיך מודה געווען, אַז ווען עס קומט פאַר אים זיך משפטן אַ צורבאַ מרבנן מיט אַ המונישן יידן, גייט ער נישט שלאָפן פריער, ביז ער געפינט נישט אויס עפּעס אַ זכות פאַר דעם ערשטן. ביי יעדן שופט איבערהויפּט האָט דער פּראָצעס פון אַ תלמיד חכם געמוזט באַטראַכט ווערן פריער. האָט אַ מיטגליד פון דער קאַסטע געבראַכט אין מאַרק סחורה צו פאַרקויפן, האָבן אַלע איבעריקע סוחרים געמוזט אָפּטרעטן און לאָזן אים פאַרקויפן די סחורה צו די פּרייזן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. פון אַ סך שטאָטישע אָפּצאָלונ־גען האָבן זיך די געזעץ־לערער־פּאַטריציער באַפרייט, און רבא איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט אין זיין זאָרג פאַר די אינטערעסן פון דער קאַסטע, אַז ער האָט דערלויבט די חברים, זיך אַנצוגעבן פאַר אַנהענגער פון דעם פייער־קולט, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן צאָלן דעם קאָפּ־שטייער.

אָט די אַלע פּריווילעגיעס אינעם אַלטעגלעכן לעבן, וואָס די געזעץ־לערער האָבן זיך גענומען, האָבן אַרויסגערופן אין פאָלק אַ טיפע פאַרבי־טערטקייט קעגן דער אַקאַדעמישער אַריסטאָקראַטיע. די פאָלקס־מאַסן האָבן אָנגעהויבן ריידן מיט אַ חוזק־טאָן פון „די דאָזיקע רבנן״, און אַנ־דערע פלעגן אָפן טענהן: „וואָס האָבן מיר פון די רבנן? זיי לערנען פאַר זיך, זיי לייענען פאַר זיך (פאַר זייערע אייגענע נוצן)״; אָדער: „וואָס האָבן מיר פון די רבנן? זיי האָבן נאָך קיין מאָל נישט מתיר געווען קיין קראָ און נישט געאָסרט קיין טויב״, ד״ה, אַז מיט אַלע זייערע פּשטלעך און פּלפּולים זיינען זיי דאָך נישט אומשטאַנד עפּעס אויפצוטון קעגן דעם, וואָס שטייט אין דער תורה און קעגן די ביז־איצטיקע מסורות פון פאָלק.

נאָך דעם אַלעמען האָט זיך דאָס שטודיום פון דער הלכה דאָך זייער פאַרשטאַרקט אין יענער צייט און פון אַלע עקן לאַנד זיינען אָנגעקומען

תלמידים אין רבאס ישיבה. צווישן די דאָזיקע תלמידים האָבן זיך געפונען אַ סך, וואָס האָבן צוליבן לערנען פאַרנאַכלעסיקט זייערע ווירטשאַפטלעכע באַ־שעפטיקונגען, און רבא האָט זיי געמוסרט: „איך בעט אייך, קומט נישט צו מיר אין די חדשים פון פרילינג און האַרבסט, ווען איר פאַרזוימט די צייט פון שניידן (די תבואה) און זאַמלען (די טרויבן), און מוזט דערנאָך דאָס גאַנצע יאָר זיין פאַרנומען מיט דאגות פּרנסה”.

רבאס דרשות אין דער ישיבה זיינען געווען מער באַליבט פון אבייס. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גליכן, לויטערן פאַרשטאַנד און מיט זייער אַן איידעלער שאַרפקייט ביים אונטער־שיידן איין זאַך פון דער אַנדערער. דער גאַנצער תלמוד אייגנטלעך: דער אוצר פון אַנציקלאָפּעדיקע, שאַרפזיניקע שאלות, תשובות, פאַרגלייכונגען און אונטערשיידונגען; דער הויכער געדאַנקען־פּלפּול, וואָס שטיצט זיך אויף איין פּונקט און כאַפּט בליץ־שנעל אַרום אַ גאַנצן לייטער פון אַלץ נייע שלוסן און הלכות; די אומגעווייטלעכע דיאַלעקטישע פאָרם, — אַט דער גאַנצער ריזיקער בנין איז אַ פּראָדוקט פון דער צייט, און תלמודיסטן אין אייגנ־טלעכן זין פון דעם וואָרט, ד״ה געזעץ־פאָרשער־דיאַלעקטיקער זיינען גע־ווען נאָר די דריי: רבה, אביי און רבא.

ווי געזעץ־לערער האָט זיך רבא אין זיין צייט גערעכנט פאַר דער איינציקער אויטאָריטעט נישט בלויז אין בבל. ער פלעגט זיך נישט אָפּ־שטעלן אפילו פאַר אַ בפירושער משנה אָדער בריתא, און דאָרט, וואו די לעצטע איז געווען קעגן זיין לאָגישער סברא, האָט ער זיך געהאַלטן ביי דער סברא.

נישט זייער געהויבן איז געווען אין יענער צייט די פּאָליטישע לאַ־גע פון די בבלישע יידן. אויפן פּערסישן טראָן איז נאָך אַלץ געזעסן דער זעלביקער שבור דער צווייטער, און די יידן אין דער מלוכה האָבן פון אים אויף אַזוי פיל געליטן, אַז רבא האָט געמוזט אַלע מאָל אונטערקויפן די הויכע באַאַמטע מיט גרויסע סומעס געלט. איין מאָל האָט זיך אפילו גע־מאַכט, אַז ער, רבא, אַליין איז געשטאַנען אין געפאַר. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי ער האָט געלאָזט האַרט באַשטראָפן אַ יידן פאַר אויסגעלאַסנקייטן מיט אַ פּערסישער גאַסן־פרוי, און דער פאַראורטיילטער איז פון דער שטראָף געשטאָרבן. פון דעם פאַקט האָט זיך דער קעניג דערוואוסט, און רבאן איז פאַרגעשטאַנען זייער אַ האַרבער משפּט פאַרן איבערטרעטן די

גרעניצן פון זיין מאַכט. דעם קעניגס מוטער האָט אָבער אָפּגעווענדט די שטראָף פון דעם יידישן ריש־מתיבתא. זי זאָל דערביי, לויט דער לעגענדע, האָבן געזאָגט צום קעניג: „טשעפּע דיך נישט מיט די יידן; זייער גאָט טוט פאַר זיי אַלץ, וואָס זיי בעטן אים". פון דער זעלביקער יידן־פריינט־לעכער קעניגן ווערט דערציילט, אַז זי האָט, אויסער דער גרויסער נדבה רב יוספן אַריינגעשיקט אויך רבאן פיר הונדערט דינים, וועלכע ער האָט צעטיילט צווישן די געצנדינערישע אָרימע לייט פון שטאָט; לויט נאָך אַ לעגענדע זאָל זי אפילו האָבן אַריינגעשיקט איין מאָל דעם ריש מתיבתא אַ קרבן פאַר דעם „איינציקן גאָט", וואָס מען זאָל מקריב זיין לויט די יידישע געזעצן.

מיט רבאס טויט (352) פאַלט די באַדייטונג פון מחוזא און פומבדי־תא הויבט צוריק אָן שפּילן די ראָל פון אַ גייסטיקן צענטער פאַרן גאַנצן לאַנד. דאָס איז שוין אָבער נישט געווען דער גלאַנץ פון די פריערדיקע צייטן. די גאונות פון בבלישן יידנטום האָט זיך אַזוי ווי אויסגעשעפּט, און קיין איינציקער פון רבאס נאָכפאָלגער איז נישט אומשטאַנד געווען אויס־צופילן זיין פלאַץ. די ישיבה אין פומבדיתא האָט ווייטער עקזיסטירט און נאָך אַ סך יאָרן צוגעצויגן מאַסן תלמידים. די פירער פון דער ישיבה זיינען שוין אָבער איצט כסדר געווען מיטלמעסיקייטן, וועלכע האָבן גאַנץ וויי־ניק באַרייכערט דאָס איבערגענומענע מאַטעריאַל, און דאָס בלויז געפלעגט און דערהאַלטן.

# קאַפּיטל עלף

## די רוימישע מלכים און די ירידה פון פּאַטריאַרכאַט

אַ ליכטיקער שטראַל האָט פאַר יהודה אַ שיין געטון אויף אַ קורצער צייט מיט דער הערשאַפט פון יוליאַן אַפּאָסטאַט. אַ ברודער פון דעם באַרימטן גאַלוס און אַ נאָענטער קרוב פון קאָנסטאַנציוסן אַליין, איז יוליאַן דאָך נישט גלייך געווען נישט צו גאַלוסן און נישט צו קאָנסטאַנציוסן, און נאָר דורך אַ וואונדער האָט ער באַוויזן צו ווערן פריער מיט־קייסער און דערנאָך אַליין־הערשנדיקער קייסער פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. דאַן האָט יוליאַן גענומען אויף זיך, דורכצופירן אין לעבן די פילאָזאָפישע אידייען פון זיינע יוגנט־לערער ליבאַניוס און מאַקסימוס.

דער סך־הכל פון די אידייען איז געווען דער ווייטערדיקער: די אונטערדריקטע פון אַלע סעקטעס און נאַציעס מוזן ווערן באַפרייט און געשיצט, פון די אונטערטאַנען דאַרף ווערן אַראָפּגענומען די לאַסט פון שווערע שטייערן, די געצנדינעריי דאַרף צוריק אויפלעבן, נאָר דערביי דאַרף עס גערייניקט ווערן פון אַלע נאַרישע אבערגלויבנס און מיאוסע מעשים, וואָס האָבן זי פאַראומרייניקט און פאַרמיאוסט, און ענדלעך: דאָס קריסטנטום דאַרף צוריק אַרייַנגיין אין די ראַמען פון אַ געדולדעטן גלויבן. די קריסטלעכע גדולים, וועלכע זיינען שוין צוגעוואוינט געווען צו דער ראָל פון הערשער און באַפעלער, האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר די נייע איינפירונגען פון דעם פילאָזאָפיש־הומאַנישן קייסער און אים געקרוינט מיטן שאַנד־נאָמען אַפּאָסטאַט (אָפּטריניקער, אָפּגעקערטער פון רעכטן וועג). יוליאַן האָט זיך אָבער פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט גלייך נאָך זיין אַרויפשטייגן אויף דעם רוימישן טראָן אָפּגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס פון קריסטנטום און פאַרבאָטן יעדן אַקט פון געוואַלד קעגן וועמען ס'איז פאַר זיין גלויבן. מיט דעם עדיקט זיינען שוין ממילא אָפּגעפאַלן אַ סך פון די פריערדיקע דערנידעריקנדיקע גזירות קעגן יידנטום, און דערביי אַליין האָט זיך יוליאַן נאָך נישט אָפּגעשטעלט. די יידן זיינען באַלד נישט נאָר צוריק גלייכגעשטעלט געוואָרן אין זייערע רעכט מיט

אַלע איבריקע טיילן פון דער באַפעלקערונג; זיי האָבן אין אַ סך הינזיכטן באַקומען אפילו גרויסע פּריווילעגיעס. און יוליאַן אַליין האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט אַ באַזונדערער האַרציקער פריינטשאַפט. אים האָט טיף אויפגעבראַכט די פאַרביטערטע שנאה, מיט וועלכער דאָס קריסטנטום אונטער קאָנסטאַנציוסעס הערשאַפט האָט באַהאַנדלט דעם יידישן גלויבן און זיינע אָנהענגער, אַזוי ווי ער איז געווען אַליין שטאַרק גענויגט צום יידישן רעליגיעזן געדאַנק און צו די יידישע באַגריפן פון מאָראַל און מענטשן־ליבע, האָט ער געוואָלט אַזוי ווי אַפּצאָלן יידן פאַר די אַלע דערנידעריקונגען און נגישות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אונטער דעם פריערדיקן רעזשים.

אַ באַזונדערע ליבע האָט יוליאַנוס געפילט צו דעם קולט פון קרבנות, און אין דער הינזיכט איז אים דאָס יידנטום אויך שטאַרק געפעלן. „אמת, — שרייבט ער אין איינעם פון זיינע ווערק — די יידן האָבן איצט אויפגעהערט מקריב צו זיין קרבנות און צו גיסן נסכים. דאָס האָבן זיי אָבער געטון נישט פון זייער אייגענעם ווילן, נאָר דערפאַר, ווייל די רוימער האָבן חרוב געמאַכט זייער בית המקדש. און דאָך זיינען זיי נאָך ביז היינטיקן טאָג מקריב אַ קרבן צו זייער גאָט — כאָטש נישט מיט אַזאַ פּרעכטיקייט און הייליקער פייערלעכקייט, ווי אַמאָל, — דען זיי עסן זייער ברויט אין הייליקייט (היטן אָפּ די געזעצן פון טומאה וטהרה) און דאָס דאַווענען איז ביי זיי אויך אָנשטאָט קרבנות און פון יעדער געקוילעטער בהמה גיבן זיי אַוועק געוויסע טיילן די קינדער פון אהרן הכהן".

צו די דאָזיקע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס איז צוגעקומען אויך אַ פּאָליטישער מאָטיוו: יוליאַנוס האָט זיך שוין דאַן אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, צו באַזיגן די פּערסיאַנער, און ער האָט געוואָלט צוציען אויף זיין זייט די בבלישע יידן, וואָס האָבן געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם פּערסישן מלוכה לעבן.

איבער דעם אַלעמען האָט יוליאַנוס אַרויסגעוויזן יידן אַלערליי חסדים, און די צוויי יאָר פון זיין הערשן קענען גערעכנט ווערן פאַר אַ גליקלעכן פּעריאָד אינעם לעבן פון די רוימיש־פּאַלעסטינישע יידן. מיטן פּאַטריאַרך פון יענער צייט, הלל דעם צווייטן, איז דער קייסער געשטאַנען אין אַ ברייוולעכן פאַרקער, און אין איינעם פון די דאָזיקע בריוו צו זיין „ערווירדיקן פריינט", דעם נשיא, האָט אים יוליאַנוס פאַרזיכערט אין זיין

גוט־געגוויגטקייט צו יידן און צוגעזאָגט, מבטל צו זיין אַלע אויסנאַמס־געזעצן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן זיי אין די פריערדיקע צייטן. אַזעלכע עפנטלעכע בריוו צו דעם יידישן פאַטריאַרך האָבן, ערשטנס, שטאַרק אויפגעהויבן דעם געפאַלענעם פּרעסטיזש פון דער יידישער אומה אין די אויגן פון די אַרומיקע פעלקער, און חוץ דעם, זיינען יידן מיט דער צייטווירקלעך באַפרייט געוואָרן פון אַ סך שווערע גזירות און שטייערן.

דאָס אַלץ איז נאָך אָבער גאָרנישט געווען אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער בשורה, וואָס יוליאַנוס האָט אָנגעזאָגט דעם יידישן פאָלק, — די בשורה, אַז ער וויל אויף זיינע אייגענע קאָסטן אויפבויען צוריק דעם בית המקדש אין ירושלים, וואו עס זאָל ווידער, ווי אַמאָל, געפייערט און געאָפּפערט ווערן דער נאָמען פון דעם גרויסן איינציקן יידישן גאָט. וועגן דעם פּלאַן האָט ער אין הערבסט פון יאָר 362 פונאַנדערגעשיקט (פון אַנט־יוכיע) דעם וויכטיקן גריכישן בריוו:

„צו די יידישע קהלות!

נאָך פיל שווערער פון דער אָפּהענגיקייט אין דער פאַרגאַנגענער צייט, איז געווען פאַר אייך דאָס, וואָס מ'האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט נייע שטייערן, אייך גאָרנישט אָנגעזאָגט פריער וועגן דעם, און איר האָט געמוזט אַריינטראָגן אומצאָליקע מאָסן גאָלד אינעם אוצר המלוכה. אַ סך האָב איך אַליין געזען, און נאָך מער בין איך געוואויר געוואָרן, ווען איך האָב געפונען די שטייערן־ליסטע, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט צו אייער שאָדן. איך אַליין האָב אָפּגעשאַפט איין אָפּצאָל, וואָס איז שוין געווען באַשטימט פאַר אייך אין דער צוקונפט, און אַראָפּגענומען דערמיט פון אייך אַ באַליידיקונג. איך אַליין האָב איבערגעגעבן דעם פייער די שטייערן־ליסטע צו אייער שאָדן, וואָס איך האָב געפונען אין מיינע אַר־כיוון, כדי קיינער זאָל נישט קענען מער אייך אָנרופן „גאָט־לעסטערער". אין דעם האָט מיין ברודער, דער רומווירדיקער קאָנסטאַנציוס, נישט אַזוי פיל שולד, וויפיל די באַרבאַרן לויטן געדאַנק און גאָטלאָזע לויטן געמיט, וועלכן האָבן דערפונדן אַזאַ אָפּשאַצונג. איך אַליין האָב זיי מיט דער אייגענער האַנט פאַרוואָרפן אין טיפן אָפּגרונט, כדי עס זאָל ביי אונדז אפילו קיין זכר נישט בלייבן פון זייער אונטערגאַנג".

„אַזוי ווי איך וויל אייך נאָך מער חסד באַווייזן, האָב איך דערמו־טיקט מיין ברודער, דעם ערווירדיקן פּאַטריאַרך יולאָס (הלל), אויפצוהערן

מאָנען ביי אייך דעם אַזוי גערופענעם אַפּאָסטאָל־שטייער, און קיינער זאָל אייך מער נישט דריקן ביי דער אויפמאָנונג פון אַזעלכע שטייערן, כדי איר זאָלט אומעטום אין מיין מלוכה זיין פריי פון זאָרגן. דאַן, אַזוי געניסנדיק פון מנוחה, וועט איר קענען שיקן פאַר מיין מלוכה האַרציקע תפילות צום אַלמעכטיקן וועלט־באַשעפער, וועלכער האָט מיך געשטיצט מיט זיין רייַנער רעכטער האַנט; ווייל עס איז שוין אַזוי, אַז די יעניקע, וואָס לעבן אין קימער און זאָרג, זיינען פויל אין גייסט און פועלן נישט ביי זיך, אויפצוהויבן די האַנט מיט אַ תפילה צום בורא עולם. די דאָזיקע אָבער, וואָס האָבן נישט קיין זאָרגן און פרייען זיך מיט דער גאַנצער נשמה, קענען גיכער און איניקער אויסגיסן זייער האַרץ אין אַ תפילה פאַרן גליק פון דער מלוכה צו דעם אַלערהעכסטן גאָט, וועלכער קען אַמבעסטן מיטווירקן צו דער גליקלעכער באַנייאונג פון מיין מלוכה, ווי איך האָב זי מיר אָנגעצייכנט. — דאָס זאָלט איר טון, דאַן וועל איך, ווען איך וועל ענדיקן גליקלעך דעם קריג מיט די פּערסיאַנער, באַזוכן די הייליקע שטאָט ירושלים, וועלכע וועט אויף מיינע אייגענע קאָסטן ווערן באַנייט (אין דער געשטאַלט), אין וועלכער איר ווינטשט זיך זי צו זען שוין אַזוי פיל יאָרן; דאָרט וועל איך צוזאַמען מיט אייך אָפּגעבן ערע דעם אַלמעכטיקן".

דער בריוו האָט, ווי מ׳קען זיך פאָרשטעלן, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער יידישער וועלט, און די אגדה האָט אויף יוליאַנוסן געלייענט די נבואה פון דניאלן: ובהכשלם יעזרו עזר מעט (און ווען זיי וועלן געשטרויכלט ווערן, וועט אויף זיי אַ לייכטע הילף קומען), ד״ה, אַז נאָך די דריקונגען און רדיפות פון די קיסרים קאָנסטאַנציוס און גאַלוס, וועלן זיי געהאָלפן ווערן דורך דעם קייסער יוליאַנוס.

און די הילף האָט זיך ווירקלעך אָנגעהויבן צו באַווייזן. יוליאַנוס האָט זיך גאַנץ ערנסט באַצויגן צו זיין הבטחה, און כאָטש ער איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט די הכנות צו דער מלחמה מיט די פּערסיאַנער, האָט ער דאָך נישט אָפּגעלייגט דעם פּלאַן פון רעסטאַווירירן ירושלים מיטן בית־המקדש. ער האָט באַשטימט זיין נאָענטן פריינט, דעם געלערנטן אַליפּיוס פון אַנטיוכיע, פאַרן אויבער־אויפזעער פון דער גאַנצער אונטערנעמונג און אים אָנגעזאָגט אַפילו, ער זאָל זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום אויסגאַבן און זען נאָר, אַז די אַרבעט זאָל אַרויסקומען וואָס שענער און פולקאָמענער. אַליפּיוסן צו הילף זיינען באַשטימט געוואָרן די רוימישע

פֿאַרוואַלטער פון סיריע און פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן באַקומען אַ באַפעל, צו שטיצן די אַרבעט מיט אַלעם נייטיקן; און ווען אַלע צוגרייטונגען זיינען געווען געענדיקט און בוי־מאַטעריאַל איז אין גרויסע מאַסן שוין געלעגן גרייט, האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן אָפּצורייניקן דעם פּלאַץ פון די חור־בות, וואָס זיינען דאָרט געלעגן אָנגעהויפט זינט דער דרייהונדערט־יעריקער צעשטערונג פון בית־המקדש.

און די יידן? ווי האָבן זיי זיך באַצויגן צו דער אומדערוואַרטער פאַרווירקלעכונג פון זייער אַלטן חלום? וועגן דעם איז שווער צו זאָגן עפּעס פּאָזיטיוועס. די יידישע מקורות פון יענער עפּאָכע פאַרשווייגן אין גאַנצן יוליאַנוסעס אונטערנעמונג און דערציילן וועגן דעם גאָרנישט; די שילדערונגען, ווידער, פון די שפּעטערדיקע קריסטלעכע היסטאָריקער וועגן דעם לעבן און ווירקן פון דעם „אָפּטריניקן" קייסער — זיינען זייער טענ־דענציעז. לויט איינער פון די דאָזיקע קוואַלן, האָבן יידן פון די ווייטסטע לענדער געשיקט מאַסן געלט פאַר דער אויפבויאונג פון בית־המקדש און פרויען האָבן זייערע צירונגען אַוועקגעשאַנקען און אַליין געהאָלפן טראָגן שווערע שטיינער צו דער אַרבעט. בכלל האָט אָבער דאָס פאָלק זיך באַ־צויגן צו דער זאַך זייער פאַרזיכטיק און מיט אַ געוויסן געפיל פון אומ־צוטרוי. אינעם הונדערט־יעריקן חלום פון דער געפּלאָגטער אומה איז די צוריקאויפבויאונג פון בית־המקדש שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג פון אַ משיח, פון אַ גאָט־געזאַלבטן בן־דוד, וואָס וועט באַ־ווייזן וואונדער און אַראָפּברענגען אויף דער ערד די מלוכה פון אייביקן גליק און אייביקער גערעכטיקייט. און דאָ זאָל גאָר די זאַך געשעען אַדאַנק דער פּשוטער איניציאַטיוו פון אַ געצנדינערישן רוימישן קייסער! די גאַנ־צע אַרבעט איז דעריבער געטון געוואָרן כמעט אָן דער ממשותדיקער באַ־טייליקונג פון די יידישע מאַסן, און ס'איז גענוג געווען איין צופאַל ביי דער אָפּרייניקונג פון די חורבות, כדי אָפּצושטעלן די גאַנצע אונטער־נעמונג.

דער צופאַל איז פאַרגעקומען אויף דעם ווייטערדיקן אופן: ווען מען האָט אָפּגערייניקט די אַלטע חורבות פון בית־המקדש און אָנגעהויבן אויס־גראָבן דעם פונדאַמענט, האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן אַ פייער פון דער ערד און עטלעכע פון די אַרבעטער זיינען פאַרברענט געוואָרן. די סיבה פון אַזאַ מין אויפרייס אין די אונטערערדישע היילן פון בית־המקדש איז

געוועזן, ווי ס'איז צו גלויבן, די שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסטע לופט אין יענע מערות, וואָס איז פּלוצלינג באַפרייט געוואָרן פון דרוק און האָט זיך פאַר־אייניקט מיט די גאַזן פון אויבן. ביי אַ באַגייסטערטן ווילן מצד די יידן, וואָלטן נאַטירלעך לייכט געפונען געוואָרן מיטלען, צו באַזייטיקן די אַלע מעגלעכע שטערונגען, כדי צו קענען פאַרזעצן די אַרבעט. דאָ האָט אָבער די יידישע באַגייסטערונג אין גאַנצן געפעלט, און אַליפּיוס האָט זיך דער־לויבט אָפּצושטעלן די אַרבעט ביז אַ ווייטערדיקער אינסטרוקציע פון יו־ליאַנוסן. דער לעצטער האָט, איבעריקנס, חושד געווען די קריסטן, אַז די גאַנצע מעשה מיטן אויפרייס איז געשען נישט אָן זייער וויסן, און ער זאָל זיי אַפילו — לויט די דערמאָנטע קריסטלעכע קוואַלן — האָבן גע־דראָט, האַרט צו באַשטראָפן דערפאַר, נאָך זיין צוריקקומען פון דער מלחמה.

צום אומגליק פון דער יידישער אומה האָט זיך אָט די מלחמה מיט די פּערסיאַנער זייער טרויעריק געענדיקט פאַר יוליאַנוסן, און דאָס קריס־טנטום האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. יוליאַנוס האָט די גאַנצע רוי־מישע מאַכט קאָנצענטרירט אין איין אָרט און אָנגענומען אַלע מעגלעכע מיטלען, צו באַזיגן די פּערסיאַנער און צו פאַרשפּרייטן די פליגל פון דעם רוימישן אָדלער איבערן אַזיאַטישן מזרח. און דאַקעגן האָט שבור מלכא דער צווייטער זיך אויך געשטעלט פאַר אַ לעבנס־אויפגאַבע, צו פאַרטרייבן די רוימער פון אַזיע און צו בלייבן דאָרט דער איינציקער בעל־הבית.

אייראָפּע און אַזיע האָבן זיך ווידער געטראָפן מיט וואָפן אין די הענט איינע קעגן דער צווייטער, און גראָד זיינען די אנטשיידנדיקע קריגס־אָפּעראַציעס פאָרגעקומען אויף דעם געביט פונעם יידישן בבל. פירוז־שבור, די פון יידן באַפעלקערטע בבלשע שטאָט, האָט קאַפּיטולירט נאָך אַ דריי־טאָגיקער שווערער באַלאַגערונג און איז אין גאַנצן געוואָרן פאַרברענט; די פאָרשטאָט פון דער פעסטונג קטעסיפאָן, מחוזא, האָט גע־שטעלט די רוימער אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד און איז אויך חרוב גע־וואָרן. דאָ האָט אָבער יוליאַנען זיין גליק פאַרלאָזן. ביי קטעסיפאָן זיינען די רוימער געוואָרן באַזיגט, און יוליאַן האָט פאַרלוירן נישט בלויז די פרוכט פון זיינע פריערדיקע נצחונות, נאָר אויך זיין לעבן. אים האָט געטראָפן אַ פייל, וואָס אַ קריסט פון זיין אייגענער אַרמיי זאָל האָבן אין

אים געצילט, און די לעצטע ווערטער פון דעם גרויסן קייסער זענען גע־ווען: „דו האָסט געזיגט, גלילער!"

די קריסטן האָבן זיך, נאַטירלעך, געפרייט מיטן טויט פון זייער פאַרביטערטן קעגנער און געזען אין דעם אַ צייכן פון הימל, ווי זיי האָבן בכלל אויסגעטייטשט די נישט געלונגענע אונטערנעמונגען פון דעם גייסט־רייכן קייסער. דאַקעגן האָבן די יידן אין דער רוימישער אימפּעריע שטאַרק באַדויערט דעם טויט פון זייער איבערגעגעבענעם פריינט, וואָס האָט זיי באַפרייט פונעם דרוק פון קריסטנטום. זיי האָבן געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז די זיילן פון דער קירך וועלן איצט צוריק ווערן די הערשער פון לאַנד און וועלן זיך ווידער נוקם זיין אין די יידן פאַר די צוויי יאָר פון „זייער" געוועלטיקן.

אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס אַזוי גיך נישט געשען. יוליאַנס נאָכפאָלגער, יאָוויאַן (פון יוני 363 ביז פעברואַר 364), וועלכער איז גע־ווען געצוואונגען, צו שליסן אַ שענדלעכן שלום מיט דעם פּערסישן זיגער, האָט אין אַלגעמיין געהערשט אַ צו קורצע צייט, כדי צו קענען דורכפירן וועלכע ס'איז ענדערונגען אין די געזעצן פון לאַנד, און יוליאַנס טאָלע־ראַנץ־עדיקט איז אויך ווייטער פאַרבליבן אין זיין קראַפט. אין דער היב־זיכט האָט זיך די לאַגע נישט געענדערט אויך אונטער דער הערשאַפט פון די צוויי ברידער וואַלענטיניאַן דער ערשטער (364—375) און וואַלענס (364—378). דער לעצטער, וועלכער האָט באַהערשט דעם מזרח־טייל פון דער אימפּעריע, איז געווען אַן אַריאַנער 1), און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַליין צו פירן אַ האַרטן קאַמף מיט דער שטאַרקער קאַטוילישער מערהייט, איז ער שוין ממילא געווען טאָלעראַנט אויך צום יידנטום. אין דעם קאַמף צווישן די קאַטאָליקן און אַריאַנער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אויך דער קייסער פון די מערב־פּראָווינצן, וואַלענטיניאַן דער ערשטער, און ער האָט זיך אויך געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ פון פרידן און טאָלעראַנץ. לויט זיינע עדיקטן האָט יעדער בירגער פון לאַנד זיך געמעגט אויסוויילן דעם גלויבן, וואָס אים איז געפעלן (371), און די יידישע רעליגיע־אַנשטאַלטן האָבן באַקומען די זעלביקע הנחות, וואָס די קריסטלעכע.

1) דאָס איז געווען אַ קריסטלעכע סעקטע, וואָס איז געשטאַנען נענטער צו די דאָגמעס פון יידנטום, ווי צו די גלויבנס־סימבאָלן פון קאַ־טאָליציזם.

פאַרטיידיקט יידן קעגן די געפּלאַנטע רדיפות פון דער קירך האָט אויך טעאָדאָסיוס דער ערשטער „דער גרויסער" (379—395), נישט גע־קוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַריבער אויף דער זייט פון קאַטאָליציזם און האָט שטאַרק גערודפט די אַריאַנער. טעאָדאָסיוס האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס די יידישע אמונה איז נישט פאַרבאָטן געווען אין די גע־זעצן, און ער האָט באַפוילן, נישט צו שטערן די יידן אין די פונקציעס פון זייער אמונה. ביי אַ צווייטן פאַל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם רעכט פון פּאַטריאַרך, אַריינצולייגן אין חרם געשמדטע יידן, האָט טעאָ־דאָסיוס זיך אויך געשטעלט אויף דער זייט פון פּאַטריאַרך; ער האָט אַרויס־געגעבן אַ ספּעציעלן באַפעל, וואָס האָט איבערגעלאָזט דעם פּאַטריאַרך און די פּרימאַטן (קהלה־פאַרשטייער) דאָס פולע רעכט, אויסצושליסן פון דער קהלה די, וואָס זיי געפינען פאַר נייטיק, און בכלל באַפעסטיקט די אויּ־טאָריטעט פון פּאַטריאַרכאַט בנוגע צו די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון דעם יידישן לעבן.

טעאָדאָסיוס האָט זיך, ביים שיצן די יידישע רעכט, נישט אָפּגע־שטעלט אַפילו פאַר די שאַרפסטע מיטלען, און ווען דער פּאַטריאַרך האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים אויף דעם קאָנסולאַר העזיכיוס, אַז ער האָט ביי אים אַוועקגערויבט זייער וויכטיקע פּאַפּירן, האָט ער דעם אָנגעקלאָגטן פאַרמשפּט צום טויט. אָט די אַלע קייסערלעכע באַפעלן האָבן אָבער גע־האַט גאָר אַ קליינע באַדייטונג אַנטקעגן דער סיסטעמאַטישער אַגיטאַציע פון די פאַנאַטישע קירכן־לערער, וועלכע האָבן אויפגעוועקט ביי די קריסט־לעכע מאַסן אַ גיפטיקע שנאה צו די אַריאַנער, ווי אויך צום יידנטום. קעגן דעם דאָזיקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם איז דאָס געזעץ געווען כמעט אין גאַנצן מאַכטלאָז, און די קריסטן זיינען גאַנץ אָפט באַפאַלן יידן אין דער צייט פון גאָטעסדינסט, האָבן חרוב געמאַכט יידישע שולן אָדער זיי פאַרוואַנדלט אין קירכן, און אין אַלגעמיין אָנגעטון יידן אַלערליי נגישות און צרות.

די הויפּט־פאַנאַטיקער פון יענער עפּאָכע, וואָס האָבן אמשטאַרקסטן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ליידנשאַפטלעכער שנאה צו יידן, זיינען געווען יוחנן (יאָהאַנעס) כריזאָסטאָמאָס פון אַנטיוכיע און אַמבראָזיוס פון מיילאַנד.

דער ערשטער, כריסאָסטאָמאָס, האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפ־גאַבע צו דערנידעריקן דאָס יידנטום מיט אַלע מעגלעכע מיטלען און אויס־

צעוואָרצלען פון די קריסטלעכע הערצער די לעצטע שפּורן פון דער ליבע און אַכטונג, וואָס זיי האָבן געפילט צו די יידישע זיטן און רעליגיעזע מנהגים. דער לייידנשאַפטלעכער יידנפיינד האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין דעם פאַקט, וואָס די יידישע שולן זיינען איבערפולט פון קריסטלעכע מענער און פרויען; וואָס קריסטן גייען הערן שופר־בלאָזן ראש השנה, הערן זיך צו צו דעם פייערלעכן גאָטעסדינסט יום־כיפור און באַטייליקן זיך אין דער יידישער פרייילעכקייט סוכות; וואָס קריסטן גייען אַפילו זיך משפּטן געררנער פאַר יידישע ריכטער, און ער האָט גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף יידן און זייער גלויבן. יעדע איינציקע פון זיינע פייער־דיקע דרשות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנטיוכיע איז געווען אַ מבול פון שענדלעכע זידלערייען קעגן יידנטום, און אין זיין שנאה איז ער דער־גאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז ער האָט געפונען פאַר נייטיק צו וואָרענען זייגע צוהערער פון די יידישע שולן, ווי פון „אויסגעלאַסענע טעאַטערן און פון רויבער־היילן".

נאָך מער גיפטיק און געפערלעך איז געווען די יידנפיינטשאַפט פון דעם פאַנאַטישן און צוגלייך אויך וועלטלעך־קלוגן בישאָף אַמבראָזיוס. ווען די קריסטן אין רוים האָבן פאַרברענט אַ יידישע שול, און דער דע־מאָלטיקער צייטווייליקער קייסער (מאַקסימוס) האָט באַפוילן דעם סענאַט אָפּצובויען די שול אויף די קאָסטן פון שטאַט — האָט אַמבראָזיוס זיך געשטעלט אַקעגן דעם קייסער און אים אָנגערופן: ייד. דאָס זעלביקע כמעט איז פאָרגעקומען מיט טעאָדאָסיוסן, וועלכער האָט באַפוילן אַ גע־וויסן בישאָף אין צפון־מעסאָפּאָטאַמיע צו לאָזן אויפבויען צוריק די שול, וואָס די דאָרטיקע פאַנאַטישע קריסטן האָבן חרוב געמאַכט. אַמבראָזיוס האָט זיך געווענדעט צום קייסער מיט אַזעלכע שאַרפן דראָאונגען, אַז דער לעצטער איז געצוואונגען געווען אָפּצורופן זיין באַפעל צוריק.

טעאָדאָסיוס האָט דאָך נאָך געפרואווט שיצן די גערודפטע יידן, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ נייעם באַפעל דעם קאָמעס פון די מזרח־פּראָווינצן, ער זאָל שטרענג באַשטראָפן די קריסטן, וואָס ווען שטערן יידן אין זייער גאָטעסדינסט אָדער חרוב מאַכן אַ יידישע שול (393). וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אָבער געקענט האָבן די אַלע קייסערלעכע באַפעלן קעגן דער שטי־מונג פון דער צייט, קעגן דער אַטמאָספער פון לאַנד, וועלכע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גיפטיקער שנאה צו יידן און אַלעם יידישן? די אכזריות־

דיקע ווילדקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד צוזאַמען מיט דעם שטראָם פון די באַרבאַרישע פעלקער, האָט געווירקט אָנשטעקנדיק אויך אויף דעם געביט פון גלויבן: דער וואַנדאַליזם האָט געהערשט אין דער קירך, ווי אין דער מלוכה־פירונג.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט זיך טעאָדאָסיוס אַליין אויך אונטער־געוואָרפן דער השפעה פון דער דאָזיקער יידנפיינטלעכער אַגיטאַציע. דאַן האָט ער באַנייט די אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קאָנסטאַנציוסעס צייטן. אַזוי האָט ער פון דאָס ניי באַשטעטיקט דאָס געזעץ, לויט וועלכן אַ ייד ווערט שטרענג באַשטראָפט פאַר מגייר זיין אָדער העלפן מגייר זיין זיינעם אַ שקלאַף, און אין דער זעלביקער צייט אויך אָפּגעשאַפט די פריווילעגיעס פון די יידישע כלי־קודש בנוגע צו די שווערע שטאָטישע ארבעטן.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע אַלע רדיפות קעגן יידן, פאַלט בכלל די באַדייטונג פון פאַלעסטינע, ווי אַ צענטער פון דעם יידישן לעבן. ארץ ישראל ווערט אַלץ מער עוואַנגעליש, מער קריסטלעך־הייליק, און די אַמאַליקע ישיבות און בתי מדרשים ווערן כסדר אַרומגערינגלט פון אָדער פאַרוואַנדלט אין קירכעס און קריסטלעכע הייליקייטן. דער איינציקער ווינקל, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פאַר דער יידישער געזעץ־לערע אין ארץ ישראל, איז געווען די ישיבה אין טבריה. דאָ באַמערקט זיך שוין אָבער אויך אַ שטאַרקע ירידה, און אין אַ משך פון עטלעכע דורות וואַקסט נישט אויס פון דאַנען קיין איין גרויסער גייסט, וואָס זאָל איבערלאָזן נאָך זיך אַ טיפן שפּור אין דער אנטוויקלונג פון יידנטום. די אמוראים פון דער צייט טוען שוין מער קיין זאַך נישט אויף אויף דעם געביט פון דער הלכה — זיי קאָמענטירן בלויז די משנות און האַלטן זיך אין גאַנצן ביי דער מסורה פון די אַלטע. פון בבל האָט מען זיך נאָך אַפילו געווענדעט קיין טבריה מיט צווייפלהאַפטע הלכות; דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די געזעץ־לערער אין יהודה האָבן דערהאַלטן אין אַ מער ריינער געשטאַלט אָט מסורות פון די אַלטע אויטאָריטעטן, אין דער צייט, ווען די אמוראים אויף יענער זייט פרת און חדקל האָבן זיך מער געפּלפּולט און געפּשטלט. מיט דער סיסטעמאַטישער ירידה פון דעם אַקאַדעמישן לעבן אין פאַלעסטינע זיינען אָבער אָט די מסורות גופא אויך געשטאַנען אין געפאַר צו ווערן פאַרגעסן, און דאָס האָט אַרויסגערופן די נייטיקייט פון צונויפזאַמלען און

פאַרעפנטלעכן דעם גאַנצן הלכהשן מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די הונדערטער יאָרן, זינט עס זיינען געשאַפן געוואָרן די משנות. דאָס זאָל האָבן געשען אין דער צווייטער העלפט פון פערטן יאָרהונדערט דורך אַ גאַנצער ריי אמוראים, פון וועלכע די באַקאַנטסטע זיינען ר׳ יוסי פון טבריה, זיין תלמיד ר׳ מנא און דעם לעצטנס אַ חבר ר׳ אבון (אָדער ר׳ יוסי בר אבון). זיי האָבן צונויפגענומען דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון אמור־ראישע דערקלערונגען צו די רייד פון די תנאים (די משנות) און דאָס פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען תלמוד ירושלמי; די דאָזיקע ענציקלאָפּע־דישע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן אָן אַ באַשטימטן סדר און בכלל מיט אַ סך באַדייטנדיקע פעלערן, דעריבער האָבן זיך די ווייטערדיקע דורות באַצויגן צו דעם תלמוד מיט אַ געוויסער נאכלעסיקייט, און צו אונדז זיינען דערגאַנגען פון אים נאָר עטלעכע טיילן.

פרוכטבאַר ווי אויף דעם געביט פון דער הלכה איז געווען אין יענער צייט די טעטיקייט פון די פּאַלעסטינישע אַגדה׳סטן. די געפּלאָגטע און געדרודפטע יידישע מאַסן האָבן געלעכצט נאָך טרייסט־ווערטער, נאָך ווער־טער פון האָפענונג און ליבע, און דאָס האָט זיי געגעבן די האַרציקע אגדה. דאָס דרשהנען פאַרן עולם איז געוואָרן אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער פאָלקס־דערציאונג, און אויך אָט די דרשות האָבן אָנגעהויבן אין יענער צייט געזאַמלט ווערן פאַר די קומענדיקע דורות, אונטערן נאָמען מדרש.

דאָס איז דער סך הכל פון דער יידישער אַקאַדעמישער טעטיקייט אין ארץ ישראל פאַר די ערשטע דורות פונעם רוימישן קריסטנטום. ווי געזאָגט, איז די דאָזיקע טעטיקייט געווען כמעט אין גאַנצן קאָנצענטרירט אין דער רעזידענץ פון פּאַטריאַרכאַט, אין טבריה; פּאַקטיש האָבן אָבער די פּאַטריאַרכן זיך גאָרנישט באַטייליקט אין די אַלע אונטערנעמונגען, און פון זייער טעטיקייט איז בכלל קיין זכר נישט געבליבן אין דער גע־שיכטע. פון ר׳ גמליאל דעם פינפטן, דעם נאָכפאָלגער פון הלל דעם צווייטן, איז באַקאַנט נאָר זיין צוזאַמענשטויס מיט דעם קאָנסולאַר העזיכיוס אי־בער געוויסע פּאַפּירן, פאַרוואָס דער לעצטער איז פון קייסער טעאָדאָסיוס דעם ערשטן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דאַקעגן איז אַזוי גוט ווי גאָר־נישט באַוואוסט פון ר׳ גמליאלס נאָכפאָלגער: ר׳ יהודה דעם פערטן און ר׳ גמליאל דעם זעקסטן (דער לעצטער). דאָס זיינען געווען שאָטן־קעניגן, אָפיציעלע פירשטן, אָן וועלכער ס׳איז פּאַקטישער מאַכט. זיי האָבן

נאָך אַלץ געטראָגן דעם טיטל פּאַטריאַרך און גענאָסן פון אַלע דערצו־געהעריקע זכיות. זיי האָבן אַפּילו נאָך געשיקט שלוחים אין אַלע קהלות פון דער דיאַספּאָראָ צו זאַמלען די פּרייוויליקע שטייערן פאַרן „הויף”; זייער מאַכט איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער געוואָרן באַגרעצט, און צוזאַמען דערמיט איז די יידישע אויטאָנאָמיע אויך געוואָרן אַ בלויזער נאָמען אָן אַ ממשותדיקן אינהאלט.

# קאַפּיטל צוועלף

## דער אונטערגאַנג פון פּאַטריאַרכאַט

מיט דער ענדע פונעם פערטן יאָרהונדערט קומט פאָר אַ גרויסע איי־בערקערעניש אינעם לעבן פון דער רוימישער מלוכה. די וועלט־אימפּעריע צעפאַלט זיך און עס אַנטשטייען צוויי זעלבסטשטענדיקע מלוכות: די פון מזרח און די פון מערב אָדער די ביזאַנטינישע (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) און די איטאַליענישע (רוים). די יידן פון דער פריערדיקער אימפּעריע זיינען איצט בכן אַרונטערגעפאַלן אונטער צוויי באַזונדערע רעזשימען מיט באַ־זונדערע מושלים: דער גורל פון סיריע, פּאַלעסטינע און עגיפּטן איז פון איצט אָן געלעגן אין די הענט פון די ביזאַנטינער, און די איבעריקע יידישע קהלות זיינען, ווי פריער, געבליבן אָפּהענגיק פון רוים; די נייע אָרדע־נונג האָט אָבער יידן בכלל ווייניק גליק געבראַכט.

דער ערשטער ביזאַנטינישער שאָטן־קעניג אַרקאַדיוס (395—408) אָדער, ריכטיקער, זיינע אַלמעכטיקע יועצים רופינוס און עוטראָפּיוס, זיי־נען נאָך געווען אין אַ געוויסער מאָס גינסטיק געשטימט צו יידן. רופינוס האָט ליב געהאַט געלט, און אַזוי ווי יידן האָבן שוין פון לאַנג זיך געהאַט איבערצייגט אין דער צויבער־קראַפט פון דער מטבע און פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך מיט איר צו באַנוצן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי געזעצן פון זייער טובה וועגן. איין געזעץ (396) האָט באַשטימט, אַז די יידישע זעלבסטשטענדיקייט בלייבט אומבאַרירט, און דער, וואָס וועט שטערן מיט וואָס ס'איז די יידן אין זייערע אינעווייניקסטע ענינים, וועט האַרט באַ־שטראָפט ווערן. אַן אַנדער באַפעל האָט באַשיצט די „דורכלויכטן־פּאַט־ריאַרכן" פון זידלערייען, און ווען דער המון אין אילירי̇ע האָט חרוב גע־מאַכט אַ יידישע שול, האָט אַרקאַדיוס באַפוילן אַנצעווענדן ערנסטע מיט־לען קעגן דער פאַרברעכערישער חוצפה (397). אַרקאַדיוס האָט באַ־נייט און באַשטעטיקט אויך קאָנסטאַנטינס געזעץ, אַז די פּאַטריאַרכן, ווי די יידישע כלי־קודש בכלל, זיינען פּטור פון די שטאָטישע אַרבעטן גלייך מיט די קריסטלעכע גייסטלעכע, און דאַקעגן האָט ער אין אַ קורצער

צייט אַרום פאַרבאָטן יידן, זיך צו באַנוצן מיט זייערע אייגענע בית־דינס. לויט דעם באַפעל האָבן יידן מיט אַלע זייערע שטרייטיקייטן און אָנגעג־לעגנהייטן — אַפילו רעליגיעזע — זיך געמוזט ווענדן צו דער אָרטיקער געריכט־מאַכט; נאָר בדיעבד, ווען ביידע בעלי־דינים האָבן איבערגעגעבן זייער סכסוך אַ יידישן געריכט פון דריי, האָט דער אורטייל געהאט אַ יורידישע קראַפט.

די יידן האָבן אויף אַזאַ אופן געפונען דערוויל אין דער רעגירונג אַ געוויסן שוץ קעגן די רדיפות מצד דעם קריסטלעכן המון; באַלד האָט זיך אָבער די לאַגע אין דער הינזיכט אין גאַנצן געענדערט. דער בייער הערשער, טעאָדאָסיוס דער צווייטער, האָט זיך אין גאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון די פאַנאַטישע גייסטלעכע, און אַלע פאַקטישע אָנפאַלן אויף יידן און יידישע שולן זיינען כמעט ווי סאַנקציאָנירט געוואָרן פון דער רעגירונג. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון יענער שרעקלעכער עפּאָכע אין דער יידישער און מענטשלעכער געשיכטע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען מיטלאַלטער; דאָס קריסטנטום איז געוואָרן מער ווי הערשנדיקע אמונה פון לאַנד, — עס איז געוואָרן די איינציק־באַרעכטיקטע און איינציק־אמתע גלויבנס־פאָרעם, וואָס איז אַ חוב פאַר אַלע בירגער און מוז פון אַלע ווערן אָנערקענט, אַזוי אַז די, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון איר, פאַרלירן דערפאַר אַ גרויסן טייל פון זייערע בירגערלעכע זכיות.

טעאָדאָסיוס האָט פאַרבאָטן יידן צו בויען נייע שולן — זיי האָבן געמעגט בלויז רעמאָנטירן זייערע אַלטע שולן, און דאָס אויך נאָר דערמאָלט, ווען זיי האָבן שוין געהאלטן ביים איינפאַלן. אַן אַנדער עדיקט האָט פאַרבאָטן יידן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַפן, צו משפטן צווישן אַ ייד און אַ קריסט און אין אַלגעמיין צו פאַרנעמען וועלכן ס'איז פאָסטן אין דער געזעלשאַפט אָדער אין דער רעגירונג.

מיט דער הערשאַפט פון טעאָדאָסיוס דעם צווייטן איז פאַרבונדן אויך דער אונטערגאַנג פון פאַטריאַרכאַט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער לעצטער פאַטריאַרך, ר' גמליאל דער זעקסטער, איז געווען אַ גרויסער חשוב אינעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער הויף און האָט אַפילו באַקומען אַזעלכע אויסצייכענונגען, וואָס קיינער פון די לעצטע פאַטריאַרכן האָט זיי נישט באַקומען. ער האָט געהאט דעם טיטל פרעפעקט מיט אַן ערן־דיפּלאָם, און הגם דאָס האָט נישט געגעבן קיין פאַקטישע מאַכט, האָט עס דאָך געהאט

אַ גרויסע באַדייטונג אין יענער צייט, ווי אַן אויסדרוק פון דער קייסער־לעכער גוט־געגנויגטקייט; ר׳ גמליאל האָט דעריבער געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ פּריווילעגירטן באַשיצטן פון הויף, און ער האָט זיך דערלויבט צו איבערטרעטן די גרענעצן פון זיין מאַכט. ער האָט געלאָזט אויסבויען בייע שולן, האָט געדינט ווי אַ שופט צווישן יידן און קריסטן און איבערהויפּט עובר געווען אויף די קייסערלעכע באַשטימונגען. דאָס איז ענדלעך דער־טראָגן געוואָרן צו טעאָדאָסיוסן און ער האָט צוגענומען ביי ר׳ גמליאלן אַלע זיינע פּריווילעגיעס, איבערלאָזנדיק אים בלויז דעם טיטל פּאַטריאַרך (415).

דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַרן שטאָלצן פּאַטריאַרך, ער האָט נאָך דעם געלעבט נאָר אַ קורצע צייט, און אַזוי ווי קיין מענלעכן יורש פון דער נשיאות האָט ר׳ גמליאל נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט, איז מיט אים צוזאַמען אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען (425) די גרויסע דינאַס־טיע פון הלל׳ס שטאַם, וואָס האָט גאַנצע פיר מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט געפירט דאָס פאָלק און עס דערצויגן. דער פּאָסטן פון אַ יידישן פּאַטריאַרך איז בטל געוואָרן, און מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָט דעם טיטל איבערגענומען דער קריסטלעכער בישאָף פון ירושלים, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פינפטער זייל פון דער קריסטלעכער קירך אין דער רוימיש־ביזאַנטישער אימפּעריע.

אַזוי האָבן זיך די וואָלקנס פון קריסטנטום אַלץ שווערער און פינצ־טערער פאַרצויגן איבער דעם הימל פון דער יידישער וועלט. די רדיפות קעגן יידן און יידישע קהלות זיינען וואָס ווייטער אַלץ מער אריין אינעם עצם סיסטעם פון דער נייער מלוכה־פירונג, און באַלד האָט דאָס פייער פון דער דאָזיקער בלוטיקער יידנפיינטשאַפט זיך צעפלאַקערט אין אַ הייסן קאַמף. דעם סיגנאַל צו דער בירגער־מלחמה האָט געגעבן אַלעקסאַנדריע. דאָ האָבן נאָך פון די אַלטסטע צייטן אַן געהערשט אייביקע קריגערייען און סכסוכים צווישן די פאַרשידנגלויביקע באַפעלקערונגען, און אין דער לעצ־טער צייט זיינען די צוזאַמענשטויסן געוואָרן נאָך שטאַרקער, אַדאַנק דער הערשאַפט פון דער קירך. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּאַרטיי פון קריסטלעכע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, אויפצור־רייצן די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג קעגן יידן, פאַרשפּרייטנדיק וועגן די לעצטע אַלערליי פאַלשע בלבולים. דאָס האָט די יידן שטאַרק אויפגע־

בראַכט און זיי האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין די נייע הימל־מענטשן.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז יידן האָבן באַמערקט אין טעאַטער איינעם פון די דאָזיקע אַגיטאַטאָרן, מיטן נאָמען היעראַקס, האָבן זיי אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער מאַכט, ווי אַן אויפהעצער צו פּאָגראָמען און רציחות און ער איז שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי צונויפגעזאַמלט (דורך אַ פאַלשן פייער־סיגנאַל) אַלע קריסטן פון דער שטאָט אויף איין פּלאַץ, און אָנגעמאַכט צווישן זיי אַ באַדייטנדיקן חורבן. אָט די נקמה האָט אָבער יידן זייער טייער געקאָסט. דער בישאָף קיריל, אַ פאַנאַטישער גייסטלעכער פון אַמבראָזיוסעס חדר, האָט גלייך נאָך דעם אָנגערייצט קעגן יידן די קריסטן פון דער גאַנצער סביבה און דער אויסברוך פון זייער כעס איז געווען אַ שרעקלעכער: זיי האָבן צערויבט און חרוב געמאַכט אַלע הייזער און שולן פון די יידישע קוואַרטאַלן און די איבערגעבליבענע האַלב־נאַקעטע יידן אין גאַנצן פאַרטריבן פון שטאָט (415). די אכזריותן פון דעם פּאָגראָם האָבן אויפגעבראַכט אַפילו די פאָרשטייער פון דער מאַכט, און דער פּרעפעקט פון שטאָט, אָרעסטעס, האָט זיך געווענדעט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַן אָנקלאַגע איבער די פאַרברעכערישע מעשים פון דעם פאַנאַטישן גייסטלעכן; דאָרט האָט אָבער קיריל געפונען פאַר זיך הייסע פאַרטיידיקער, און זיינע מעשים זיינען פון דער רעגירונג געוואָרן באַרעכטיקט. דאָס האָט דעם אַלעקסאַנדרינישן בישאָף צוגעגעבן נאָך מער מוט, און איינער פון זיינע אָנהענגער האָט זיך אָפּן אַרויפגעוואָרפן אויף דעם „פאַררעטערישן" פּרעפעקט און אים שיער נישט פאַרשטיינט — ביז אַזוי ווייט איז דערגאַנגען די ליידנשאַפטלעכקייט פונעם קאַמף פאַר דער גרויסער ליבע פון קריסטנטום!

און נישט בלויז קעגן יידן — די פאַנאַטישע קעמפער פאַר קריסטוסעס תורה זיינען עס אויך געווען יענע, וואָס האָבן איינגעטונקט זייערע הענט אינעם בלוט פון דער באַרימטער היפּאַטיאַ. די דאָזיקע גייסטרייכע פרוי האָט געלייענט לעקציעס אין דער אַלעקסאַנדרינישער אַקאַדעמיע און איז געווען טיף געשעצט אין די ציוויליזירטע קרייזן פאַר איר גרויסקייט אין חכמה און אין מדות; נאָר די פּרעדיקער פון דער קירך האָבן געפונען אין איר שרעקלעכע חטאים און האָבן זי באַשטראָפט לויט אַלע געזעצן פון דער קריסטלעכער ליבע: די „שוואַרצקינסטלערן" איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון איר טראָג־בעט, געשלעפּט געוואָרן נאַקעטערהייט איבער די

גאַסן און ענדלעך געטייט געוואָרן אויף אַ ווילד־אכזריותדיקן אופן אין איינער פון די שטאָטישע קירכן. „אַזוי זיינען זיך, נאָך אַ סך יאָרן פון קריגערייען און אַרומרייסעניש צווישן צווישן דאָס יידנטום און דער העלעניזם, לייזנדיק פון איין געמיינזאַמען שונא — דער קריגערישער קירך. דער העלעניזם האָט זיך געפונען אין דעם צושטאַנד פון דער לעצטער גסיסה: עס איז אָפּגעשטאָרבן אין אים נישט בלויז דאָס געצנדינערײַ, נאָר אויך דאָס בעסטע, וואָס ער האָט באַזעסן: די שאַפונג פונעם פרייען פילאָזאָפישן געדאַנק, פון דער פרייער קונסט. דאָס יידנטום, דאַקעגן, האָט זיין פּאָזיציע נישט אָפּגעטראָטן: עס האָט געקעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ מיט דעם נייעם שונא, וואָס איז געווען מער געפערלעך פונעם אַלטן, געצנדינערישן, און וועט נישט אויפהערן צו פירן אָט דעם נישט גלייכן קריג אויך ווייטער, אין משך פונעם גאַנצן מיטלאַלטער.

פון די רדיפות אין אַלעקסאַנדריע האָט די קירך געוואונען איין־איינציקן יידן: אַ לערער פון מעדיצין, מיטן נאָמען אַדאַמאַנטיוס; ער האָט זיך געשמדט און באַקומען אַ דערלויבעניש, זיך אומצוקערן צוריק אין אַלעקסאַנדריע. די איבעריקע יידן האָבן איבערגעטראָגן די צרות מיטן גירוש און נישט פאַרלייקנט דעם גאָט פון זייערע אבות. דערפאַר האָט די קירך אַ סך פאַרדינט פון אירע רדיפות אין די קלענערע צענטרען, וואו דאָס יידישע באַוואוסטזיין איז געווען נישט אַזוי שטאַרק אנטוויקלט; אין דער שטאָט מאַהאָן (מאַגאָנאַ), למשל, אויף דעם אינדזל מינאָרקאַ, האָבן אַלע יידן כמעט זיך אויסגעשמדט, נישט קענענדיק אַריבערטראָגן די רדיפות, וואָס זיי האָבן געהאט אויסצושטיין פון דעם דאָרטיקן בישאָף.

אין יענער צייט האָבן אויסגעבראָכן שטאַרקע אומרוען קעגן יידן אויך אין אַנטיוכיע, און אויך דאָ האָבן די קריסטן צערויבט דעם גרעסטן טייל פון די יידישע הייזער און אַוועקגענומען ביי יידן אין גאַנצן זייערע שולן. דער סירישער פּרעפעקט האָט וועגן דעם פּאָגראָם מודיע געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און טעאָדאָסיעס האָט באַפוילן אָפּצוגעבן יידן זייערע שולן צוריק. דאַן האָט דער באַרימטער קריסטלעכער אַסקעט שמעון פון אַנטיוכיע זיך געווענדעט צו טעאָדאָסיוסן מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אויסגערעכנט אַלע יסורים און שרעקלעכע שטראָפן, וואָס דערוואַרטן אים, דעם קייסער, אין גיהנם דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די פון גאָט פאַרשאָלטענע יידן. און דער בריוו האָט געווירקט: טעאָדאָסיוס

האָט צוריק אָפּגערופן זיין באַפעל און דערצו אַראָפּגעזעצט פון זיין אַמט דעם פּרעפעקט, וואָס האָט נישט מסכים געווען מיט דער פּאָליטיק פון די קריסטלעכע גדולים (423).

באַזונדער טרויעריק זיינען געווען די פאָלגן פון די רדיפות קעגן יידן אויף דעם גריכישן אינדזל קרעטאַ. דאָ האָט די שרעקלעכע ווירקלעכ־קייט שטאַרק אויפגעברויזט די אַלטע יידישע משיח־חלומות, און באַלד האָט זיך באַוויזן איינער, מיטן נאָמען משה, וואָס האָט אַרויסגערופן אויס־צולייזן אַלע יידן פון גלות מיט דער הילף פון געטלעכע וואונדער. די געפּלאָגטע יידן האָבן געגלויבט אין די הבטחות און זיך מאַסנווייז צונויפ־געזאַמלט ארום דעם פאַרגעטערטן אויסלייזער. דעמאָלט האָט דער משה זיך אָוועקגעלאָזט מיט דער מחנה צום ים און געהייסן די אָנהענגער זיך אַריינוואַרפן אין אים אָן מורא, ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס וואַסער וועט זיך שפּאַלטן, ווי אַמאָל דאָס וואַסער פון ים סוף, ווען יידן זיינען אַרויס פון מצרים. געענדיקט האָט זיך די „אויסלייזונג" מיט אַ מאַסע דערטרונקענע, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אויך דער משיח אַליין (440), און די איבערגעבליבענע האָבן זיך פון גרויס פאַרצווייפלונג כמעט אַלע אויסגעשמדט.

ביי דער גאַנצער פאַרביטערונג, מיט וועלכער עס זיינען דורכגע־דרונגען געווען די באַציאונגען צווישן יידן קריסטן אין יענער צייט, האָבן זיך דאָך געפונען איינציקע פּאַרשטייער פוןביידע צדדים, וואָס האָבן גראָד נישט שלעכט געלעבט צווישן זיך און אַ סך געלערנט איינער פון אַנדערן. אַזוי אָבער, ווי פון דער יידישער זייט איז פאַרבאָטן געווען איבערצוגעבן אַ בן אומות העולם „דברי תורה", האָבן אַזעלכע באַציאונגען געמוזט געהאַלטן ווערן בסוד. יידן האָבן מורא געהאַט איבערצוגעבן אַ קריסט די למודים פון תורה, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ער וועט זיי שפּעטער איבערדרייען און באַנוצן צו פּאָלעמישע צוועקן, און ווען דער קאַטוילישער הייליקער היעראָנימוס האָט געלערנט די העברעאישע שפּראַך ביי דעם יידישן חכם בר חנינא, האָט דער לעצטער זיך געמוזט אויסבאַ־האַלטן פון דער עפנטלעכקייט און גיין צום הייליקן אין זיין קלויסטער־קעלער, ווען קיינער האָט אים נישט באַמערקט. מיט דער צייט האָט היע־ראָנימוס געקומען לערנען אויך די הייליקע שריפטן אין אָריגינאַל (העב־רעאיש), און דאָס האָט אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגעבן די מעג־

לעכקייט צו שאַפן זיין באַרימטע לאַטייניש איבערזעצונג פון דער ביבל, — די „וואולגאַטאַ״, וואָס איז אין אַ משך פון איבער טויזנט יאָר געווען ווי אַ פאַרמיטלער צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער און די „הייליקע שריפטן״. היעראָנימוס האָט זיך געלאָזט איבערצייגן פון די יידישע חכמים אויך בנוגע צו דער פראַגע וועגן די „אַפּאָקריפן״ (די נישט הייליקע טיילן פון דער ביבל) און איז בכלל געווען אַ פלייסיקער תלמיד פון די בעלי האגדה אין יענער צייט. ער האָט דעריבער מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט חושד זיין אין אַ גרויסער השפעה פון יידישע חכמים, און האָט אומעטום אַרויסגעשטעלט זיין שנאה צו יידן. „איך פאַראַכט — שרייבט ער — מיט אַן אומאויסדריקבאַרן האַס די יידן, וועלכע פאַרשילטן נאָך ביז היינטיקן טאָג אונדזער גאָט אין זייערע שולן״.

אין אַ צווייטן אָרט שילדערט ער מיט אַ שטאַרקער צופרידנקייט די באַליידיקונגען און צרות, וואָס עס שטייען אויס די יידישע פּילגרימען, וועלכע קומען קיין ירושלים באַוויינען די חורבות פון זייער הייליקטום. ער שרייבט: „ביז דער איצטיקער צייט איז די נישט־גלויביקע אײנוואוי־נער (יידן) — זינט זיי האָבן געהרגעט גאָטס דינער און באַזונדערס גאָטס זון — פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין ירושלים. זיי לאָזט מען אַהין אַריין נאָר צו קלאָגן; זיי מוזן קויפן פאַר געלט די דערלויבעניש צו באַוויינען די חורבות פון זייער מלוכה. יענע, וועלכע האָבן אַמאָל אָפּגעקויפט קריס־טוסעס בלוט, צאָלן איצט פאַר זייערע טרערן, און דאָס וויינען אַפילו קומט זיי אויך נישט אָן אומזיסט. אין דעם טאָג, ווען ירושלים איז איינגענומען און חרוב געוואָרן דורך די רוימער (תשעה באב), זעסטו, ווי עס גייט דאָס באַטריבטע פאָלק, ווי עס שלעפּן זיך שוואַכע פרויען און אַלטע לייט, אָנגעטון אין שמאַטעס, אויף וועלכע ס׳רוט גאָטס כעס שוין אין דער אוי־סערלעכער קליידונג זייערער. עס קלייבט זיך צונויף אַן עולם פון די דאָ־זיקע אומגליקלעכע, און דאָרט לעבן דעם שטראַלנדיקן קרייץ, אויף וועלכן דער האַר (קריסטוס) האָט צום לעבן דערוואַכט; דאָרט, וואו עס לייכט און פלאַטערט די פאָן פון קרייץ, — דאָרט באַוויינט די חורבות פון זיין טעמפּל דאָס אומגליקלעכע און דאָך נישט מיטלייד־ווערדיקע פאָלק. די טרערן שטייען נאָך ביי זיי אין די אויגן, די הענט ציטערן און די האָר זיינען צעפלאָסן, — און דער סאָלדאַט פאָדערט שוין פריש געצאָלטס, כדי צו לאָזן זיי ווייטער וויינען״...

פּאָלעמיזירט מיט יידן און געפּרעדיקט שנאה צו זיי האָט אויך אַ צווייטער זייל פון קריסטנטום אין יענער צייט — דער הייליקער אויגוס־טינוס פון אַפריקע. ער האָט אויך, ווי היעראָנימוס, געזען אין יידן נאָר אַ פאָלק, וואָס האָט גאָטס זון געטייט און איז פון גאָט פאַרשאָלטן, און געהאָלפן אויף אַזאַ אופן מאַכן די שנאה צו דער יידישער אומה פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פון דעם קריסטלעכן גלויבן. אָט די שנאה האָט שפּעטער געשאַפן פאַר יידן יענע קייט פון שייטערהויפנס, פייך־גערי־כטן און אַנ־דערע אכזריותן אין נאָמען פון דער הייליקער אמונה, — יענע שווידער־האַפטיקע קייט, וואָס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום און הערט נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט אויף צו שטיקן דאָס יידישע לעבן אין אַלע לענדער פון דער קריסטלעכער הערשאַפט.

## קאַפּיטל דרייצן

### דאָס יידנטום אין בבל (די אָפּשליסונג פון תלמוד)

נאָך דעם ווי דאָס נשיאות אין יהודה איז אונטערגעגאנגען, האָט דאָס פּאַלעסטינישע יידנטום אינגאַנצן פאַרלוירן זיין פריערדיקע באַדייטונג ווי אַ גייסטיקער מיטלפּונקט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, און דעם פּלאַץ האָט פאַרנומען דאָס יידישע בבל מיט איר פירשטלעכן ריש גלותא און אירע גרויסע ישיבות. דאָ האָט זיך גראַד אין דער צייט באַוויזן אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון וויטזיכטיקע, רייכע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע כוחות פון בבלישן יידנטום און עס צוריק צוגעבראַכט ביז דער מדרגה, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אין דער עפּאָכע פון די באַרימטסטע געזעץ־לערער.

דער באַדייטנדיקסטער און גרעסטער פון דער גרופּע אמוראים איז געווען רב אשי בר שימי (געב׳ 352, געשט׳ 427) פון סורא. ער האָט פאַראייניקט אין זיך די גרינטלעכע בקיאות פון די סוראַער מיט דער אַנאַליטישער חריפות פון די „בני פומבדיתא״, און איז דעריבער פון אַלע אַנערקענט געוואָרן פאַר אַ שטאַרקע אויטאָריטעט אין דער יידישער געזעץ־לערע. אין דעם משך פון די צוויי און פופציק יאָר, וואָס ער איז געשטאַנען בראש פון זיין ישיבה אין סורא (מתא מחסיא) האָבן זיך אין פומבדיתא געביטן זיבן ראשי ישיבות, און נהרדעא אפילו, וואָס האָט זינט דער צעשטערונג אין אָדענאַטס צייטן, כמעט קיין ראָלע נישט געשפּילט, האָט אויך באַקומען אַ געוויסע באַדייטונג. קיינער אָבער פון די אַלע אמוראים האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט דעם פילזייטיקן און געניאַלן רב אשי, אַרום וועלכן עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט טויזנטער תלמידים פון אַלע עקן לאַנד. סורא האָט צוריק באַקומען דעם גלאַנץ, וואָס זי האָט געהאַט אין די צייטן פון איר ערשטן גרינדער (רב) און אַלע האָבן זיך פרייוויליק אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון איר פירער. נישט נאָר די אמוראים — די עקזילאַרכן אפילו האָבן אויך זייערע שטאָלצע קעפּ געבויגן פאַר דעם גייסטיקן פירער און לערער פון דער גאַנצער אומה.

זיי פלעגן קומען קיין סורא פייערן די האַרבסט־יום־טובים, און דאָ זיינען אויך פאַרגעקומען די יערלעכע פייערונגען לכבוד דעם „ריש גלותא״, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט דעפּוטאַציעס פון אַלע יידישע קהלות אין דער פּערסישער מלוכה. אַלע פאָלקס־אַנגעלעגנהייטן, אַלע פראַגן, וואָס האָבן באַרירט אַלגעמיינע אַנגעלעגנהייטן פון דעם בבליש־יידישן לעבן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין דער רעזידענץ פון דעם אייבפּלוסרייכן „ריש־מתיבתא״, און אַהין פלעגט אויך דער „ריש גלותא״ קומען, כאָטש ער האָט געוואוינט גאָר אין אַנדער שטאָט.

די פּאָליטישע לאַגע פון די יידן אין בבל איז אין דער צייט פון רב אשיס אַקאַדעמישער טעטיקייט געווען זייער אַ גוטע. איבערן לאַנד האָט דעמאָלט געהערשט דער יידן־פריינטלעכער סאַסאַנידישער קעניג יעזדיגעד דער ערשטער (399—420), וועלכער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער השפּעה פון די מאגיער (גייסטלעכער) און זיך באַצויגן טאָלעראַנט צו די פרעמד־גלויביקע. צו יידן איז יעזדיגעד געווען באַזונדער גוט געניגט, און אין די פייערלעכע טעג פון הויף האָבן זיך דאָרט געפונען פאָרטרעטער אי פון עקזילאַרכאַט, אי פון די גרעסערע ישיבות. ווי ס׳דערציילט זיך, האָט דער קעניג אַליין אַמאָל אין אָרדענונג געבראַכט דעם גאַרטל אויפן עקזי־לאַרך הונא בר נתן, און באַמערקט דערביי: „איר זענט אַ פאָלק פון כהנים און דאַרפט טראָגן אייערע גאַרטלען ווי כהנים״.

און אָט, אין דער רואיקער צייט, האָט דער גרויסער רב אשי, אָדער ווי זיינע צייט־חברים האָבן אים גערופן: רבנא אשי (אונדזער רבי), אָנ־געהויבן טראַכטן וועגן אַ ריזן־ווערק פאַרן פאָלק, וועלכעס זאָל אַריינ־נעמען אין זיך אַלץ, וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן אין דעם משך פון די אַלע הונדערטער יאָרן זינט די נבואה האָט זיך פון יידן אָפּ־געטאָן. ער האָט זיך דער ערשטער גענומען צוזאַמענשטעלן, סיסטעמאַטי־זירן און צונויפזאַמלען דעם אומגעהויערן מאַטעריאַל פון הלכות, שמועות און דערקלערונגען צו דער משנה און מאַכן דערפון איין ווערק, איין אָר־גאַנישע פאַרבינדונג פון דער משנה מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו איר — דעם תלמוד. די דאָזיקע אַרבעט האָט ביי רב אשין צוגענומען די גאַנצע פופציק יאָר פון זיין טעטיקייט ווי ריש מתיבתא. און ווי ס׳איז צו דריג־גען פון געוויסע מקורות, האָבן אויך די קאָלעגיומס פון די איבריקע ישיבות זיך אינטענסיוו באַטייליקט אין דער סיסטעמאַטיזירונג פון דעם תלמודישן

מאַטעריאַל. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען לויט דעם ווייטערדיקן סדר: אין די צוויי אַקאַדעמישע חדשים פון יאָר (ירחי הכלה) האָט רב אשי, בעת זיינע שעורים פאַר די תלמידים, גענומען דעם טעקסט פון אַ באַשטימטער משנה און אים באַלויכטן לויט אַלע תוספתות, בריתות און אַנדערע דערקלערונ־גען, וואָס באַציען זיך צו דער משנה, אַזוי אַז אין משך פון דרייסיק יאָר זיינען אין די שעורים באַהאַנדלט געוואָרן אַלע משנות, אין איינעם מיט די תלמודישע דערקלערונגען צו זיי. „און די יידישע געלערנטע האָבן דער־זען פאַר זיך, אַנשטאָט אַ כאַאָטישן פלאַנטער פון פאַרשידענע שפּאַרערייען און פשטלעך, אַ באַשטימטן סיסטעם, מיט דער הילף פון וועלכן עס איז לייכט נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון יעדן געזעץ באַזונדער דורך זיינע אַלע דריי סטאַדיומס: די תורה, די משנה און די גמרא”.

וועגן דעם, צי רב אשי האָט אָנגעהויבן פאַרשרייבן דעם סיסטעמאַ־טיזירטן תלמודישן מאַטעריאַל, — זיינען נישט דערגאַנגען צו אונדז קיין גענויע ידיעות. עס עקזיסטירט דעריבער אַ השערה, אַז סיי די משנות, סיי די תוספתות און בריתות זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור מינדלעך, נישט פאַרשריבענערהייט, און רב אשי האָט אויך נאָר אַריינגעבראַכט אַ באַשטימטן סדר אין דעם כאַאָטישן מאַטעריאַל און אים צונויפגעשטעלט, אָבער נישט פאַרשריבן. לויט דער השערה האָבן די יידישע פירער פון דער עפּאָכע זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דער אַלטער מיינונג, וואָס האָט באַ־טראַכט די שריפטלעכע פאַרקערפּערונג פון דער מינדלעכער מסורה פאַר אַ פאַרברעך, און באַזונדער זאָל אָט די מיינונג זיך האָבן דעמאָלט פאַר־שטאַרקט צוליב דעם, וואָס דאָס קריסטנטום האָט אָנגעהויבן זיך צוצו־שרייבן אַלע דערשיינונגען פון דער יידישער נבואה און ממילא אויך די אויסדערוויילטקייט פון גאָט. אין איין אגדה איז דער געדאַנק אפילו אויס־געדריקט דייטלעך; דאָרט זאָגט זיך: „משה האָט געוואָלט, אַז די משנה זאָל זיין פאַרשריבן, נאָר ווייל גאָט־ברוך־הוא האָט געקוקט אין דער צו־קונפט און געזען, אַז די אומות העולם וועלן אַמאָל איבערזעצן די תורה און לייענען זי אויף גריכיש און זאָגן: מיר זיינען בני ישראל, מיר זיינען גאָטס קינדער, — האָט ער געזאָגט (איך וועל מאַכן אַ סימן): ווער עס באַזיצט מיינע מיסטעריעס, דער איז מיין קינד. און וואָס זיינען עס די מיסטעריעס? דאָס זיינען די משנה און דער תלמוד (די תורה שבעל פה)”.

מיט דער צונויפשטעלונג פון תלמוד האָט רב אשי בכן פאַרענ־

דיקט דעם ריזיקן בנין, וועלכן דער גרויסער ר׳ יהודה הנשיא דער ערשטער האָט אָנגעהויבן בויען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק; זיין אַרבעט איז אָבער געווען אָן אַן ערך שווערער און פאַרוויקלטער. די משנה האָט געגעבן טרוקענע הלכות אין דער געשטאַלט פון פרעציזע געזעץ־פאַראַגראַפן; דאַקעגן דער תלמוד האָט אריינגענומען אין זיך אויך די לעבעדיקע באַוועגונג ,די אַנטוויקלונג פון יעדן געזעץ און זיין גייסטיקן אינהאַלט, און געגעבן דערמיט יעדערן די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דעם עצם מהות פון דער יידישער געזעצגעבונג. רב אשי האָט אָבער דאָס גאַנצע ווערק נישט געענדיקט: ער אַליין מיט זיינע חברים האָבן נאָך געהאַט צופיל מחדש צו זיין, צופיל אויפצוטון אין דער הלכה, כדי זיך צו קענען אין גאַנצן איבערגעבן דער אַרבעט פון זאַמלען און סיסטעמאַטיזירן. די פאַרענדיקונג פון דעם בבלישן תלמוד איז דעריבער אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון רב אשיס נאָכפאָלגער, און אַזוי ווי די יידישע לאַגע אין לאַנד האָט זיך אין דער צייט שטאַרק פאַרערגערט, איז די אַרבעט אַזוי ווי איבערגעריסן געוואָרן אויף עטלעכע צענדליק יאָר.

אָנגעהויבן האָבן זיך די רדיפות קעגן יידן אין פערסיע נאָך דעם, ווי אויפן טראָן איז אַרויף יעזדיגערד דער צווייטער (456), וועלכער האָט זיך אין גאַנצן אונטערגעגעבן דעם איינפלוס פון זיינע יועצים — די פאַנאַטישע מאַגיער (אמגושים). יעזדיגערד האָט גוזר געווען אויף יידן נישט צו היטן שבת — אַ גזירה, וואָס האָט געמוזט טיף אָנגרייפן די שטאָלצע יידישע בירגער, וועלכע האָבן ביז אַהער כמעט נישט געוואוסט פון קיין רעליגיעס־צוואַנג. אָט די גזירה האָט זיך אפילו נישט לאַנג געהאַלטן, ווייל יעזדיגערד איז באַלד געהרגעט געוואָרן. יידן האָבן אָבער דערפון נישט פאַרדינט: זיין נאָכפאָלגער פערוז (פירוז רשיעה) האָט זיי גאַנצע צען יאָר פאַרפאָלגט מיט שרעקלעכע גזירות און אכזריותן. ער האָט געלאָזט אויסהרגענען אַ גאַנצע העלפט איינוואוינער פון דער שטאָט איספאַהאַן און חוץ דעם האָט ער אַוועקגערויבט יידישע קינדער און זיי דערצויגן אין דעם פערסישן גלויבן. די יידן אין בבל זיינען דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן קעגן דעם נסיון פון שמד, און אויך דאָ האָבן זיך גלייך באַוויזן מאַרטירער־קדושים, וואָס האָבן זייער לעבן מקריב געווען פאַר דער גרויסער ירושה פון די פריערדיקע דורות. דער עקזילאַרך הונא מארי בר מר זוטרא מיט צוויי חברים געזעץ־לערער, אמימר בר ינקא און משרשיא בר פקוד,

זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט פאַר עובר זיין דעם קעניגס צוואַנגס־באַפעלן, און מיט זיי האָט זיך די רשימה פון די מאַרטירער־טויטן נישט געענדיקט.

ביי אַזעלכע בלוטיקע רדיפות האָט שוין מער קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן פאָרזעצן די אַקאַדעמישע טעטיקייט. די ישיבות זיינען חרוב געוואָרן אָדער זיי זיינען געשטאַנען ליידיק. ווער עס האָט געקענט, איז אַנטלאָפן פון לאַנד, און ביסלעכווייז איז אַנטשטאַנען אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג: אין דרום־זייט ביז אַראַביע און אין מזרח־זייט — ביז אינדיע, וואו עס זיינען שוין געווען פון פריער באַדייטנדיקע יידישע קאָלאָניעס. די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן עקזיסטירט ווי פרייע רעפּובליקן אָן אַ שום שייכות נישט צו רוים און נישט צו פּערסיע, דערפאַר האָבן זיי אויך נישט געהאַט קיין באַשטימטן יידישן כאַראַקטער און נישט געוואוסט פון די אַלע ענדערונגען ,וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם פּאָליטישן און גייסטיקן יידישן לעבן. איצט, מיט די איינגעוואַנדערטע יידן, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אוצר פון יידישן וויסן, האָבן אָט די אָפּגעריסענע קבוצים באַקומען אַ יידישן אויסזען. אין אינדיע איז אפילו איינגעפירט געוואָרן אַ מין נשיאות, און איינער פון די בבלישע אימיגראַנטן, מיטן נאָמען יוסף רבן, האָט באַקומען פון דע בראַהמינישן קעניג דעם טיטל הויפּטלינג (מאַרדעליאַר) מיט אַ גאַנצער ריי פּריווילעגיעס, וועלכער איז איבערגעגאַנגען פון אים בירושה צו זיינע קינדער און קינדס קינדער — צוויי און זיבעציק אין צאָל.

צום גליק פון די פּערסישע יידן האָבן די רדיפות אויפגעהערט גלייך נאָך פּערוזס טויט. זיינע צוויי נאָכפאָלגער האָבן צוריקגעשטעלט די אָרדענונג אין לאַנד, און ביסלעכווייז האָט זיך צוריק באַנייט אויך די אַקאַדעמישע טעטיקייט אין די גרעסערע ישיבות. סורא און פּומבדיתא האָבן ווידער צוגעצויגן תלמידים פון גאַנצן לאַנד און באַלד האָבן זיך אויך געזעץ־לערער באַוויזן, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון די צענטערן און פון דאָרט פאַרשפּרייט גאָטס וואָרט אין אַלע שיכטן פון דער אומה.

די באַדייטנדיקסטע צווישן דער איצטיקער פּלעיאַדע אמוראים זיינען געווען רבינא און רב יוסי, פון וועלכע דער ערשטער איז אויסגעווילט געוואָרן פאַר אַ ריש מתיבתא אין סורא און דער אַנדערער — אין פּומבדי־

תא. אָט די צוויי לעצטע אמוראים האָבן זיך ענערגיש גענומען צו פאַרענ־דיקן דעם בנין פון תלמוד, און זייער גאַנצע טעטיקייט איז געווען געוויד־מעט דער גרויסער אויפגאַבע. ווי רב אשי, האָבן זיי אויך געאַרבעט צוזאַ־מען מיט אַ גאַנצן קאָלעגיום פון חברים און תלמידים, און דאָס ווערק איז דורך זיי נישט בלויז פולשטענדיק פאַרענדיקט, נאָר אויך אָפּגעשלאָסן גע־וואָרן. רבינא און רב יוסי האָבן סאַנקציאָנירט די פאַרענדיקטע צונויפשטע־לונג און זי אַנערקענט פאַר אַ גאַנצן פאַרטיקן בנין, צו וועלכן עס לאָזט זיך שוין מער קיין זאַך נישט צוגעבן (499) — מיט זיי איז דער תלמוד פאַרחתמעט געוואָרן אויף אייביק.

דער „תלמוד בבלי" (רופט זיך אויך גמרא) שטעלט פאָר מיט זיך, אַ גאַנץ באַזונדערע שאַפונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער ליטעראַטור־וועלט פון אַלע פעלקער און קען נישט געמאָסטן ווערן מיט דעם מאַסשטאַב, מיט וועלכן מ׳מעסט געוויינלעך די ווערק פון דער אַל־טער וועלט. דאָס איז אַן אומגעהויערע ענציקלאָפּעדיע, אין וועלכער עס זיינען לעבעדיק פאַרקערפּערט גאַנצע זעקס הונדערט יאָר פון דעם יידישן שאַפן אויף די פאַרשידנסטע געביטן. „דער תלמוד, ווי ס׳זאָגט שוין דער נאָמען אַליין („לערנען"), איז לכתחילה צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נישט אַזוי ווייט ווי אַ קאָדעקס פאַרן פּראַקטישן לעבן, ווי אַ ספר צום לערנען, וואו יעדער ייד קען געפינען אַלע ידיעות, וועלכע זיינען אים נייטיק. דאָס איז דער „אוניווערזיטאַס ליטעראַרום" פון יודאַאיזם, דאָס גאַנצע פון אַלע ספּעציעל־יידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע וויסנשאַפטן, וואָס זיי־נען געווען צוגענגלעך די יידן פון יענע דורות. אין תלמוד באַגעגענען זיך צוזאַמען מיט רעליגיעזע און יורידישע אָפּהאַנדלונגען, אויך דערקלערונגען וועגן אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע, מעדיצין, מאַראַל, היסטאָריע, און דער־ביי גלייך אַנעקדאָטן, לעבנס־שילדערונגען, שפּריכווערטער, לעגענדעס און משונהדיקע מיינונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט, ווי ס׳איז צו גלויבן, אונטער דעם איינפלוס פון די המונישע איינבילדונגען אָדער פון די פּער־סישע נאַרישע גלויבערייען אין רוחות, שדים און כשוף".

פון דעם תלמוד ירושלמי אונטערשיידט זיך דער בבלישער תלמוד מיט זיין פולשטענדיקייט, סיסטעמאַטישער צונויפשטעלונג און אַנאַליטי־שער שאַרפקייט. די אָפּהאַנדלונגען פון דעם בבלישן תלמוד ווירקן שטענ־דיק אויפן מוח און וועקן אים: דער פאַרשטענדיקער לייענער קען אין אים

נאָכפאָלגן יעדן געדאַנק פון זיין אַנטשטיין ביז דאָרט אַהין, וואו ער פאַר־גייט זיך אין אַ קאָפּ־שווינדלענדיקער, אומבאַגרייפלעכער הויכקייט. דאָס פאָלק האָט דעריבער זיך ענגער צוזאַמענגעלעבט מיט דעם תלמוד, ווי מיט דעם ארץ־ישראלדיקן; ער איז געוואָרן דער לעבנס־אָטעם, די נשמה פון דער אומה. די שפּעטערדיקע דורות האָבן מיט אים געלעבט, אין אים אַלץ געזען און אַלץ געפונען: דער קאָפּ־מענטש טיפע חקירות, און דער מענטש פון געפיל — שטימונגען און האַרציקע בילדער. אין דעם משך פון איבער טויזנט יאָר האָט די גאַנצע אויסערלעכע וועלט, די נאַטור, די מענטשלעכע געזעלשאַפט מיט אַלע אירע געוואַלדיקע געשעענישן אַזוי ווי נישט עקזיס־טירט פאַר דעם יידישן פאָלק; פאַר אים איז דאָס אַלץ געווען נישט מער ווי אַ פאַנטאַם, אַ צופעליק שאָטן־בילד — די אמתע ווירקלעכקייט האָט זיך פאַר אים געעפנט אין תלמוד. דאָס איז געווען די איינציקע פולע, ווירק־לעכע, ליכטיקע וועלט — די וועלט פון דער יידישער אומה. קיין אמת איז אין די יידישע אויגן, נישט געווען, אַזוי לאַנג ווי ער איז נישט סאַנקציאָ־נירט געוואָרן דורך דעם אַלוויסנדיקן תלמוד, און אפילו די תורה גופא מיט דער נבואה איז צו זיי איצט צוגעקומען נאָר דורך זיינע אויסטייטשונגען און דערקלערונגען.

אַזוי האָט דער בבלישער תלמוד געהאַט אַ פילפאַכיקע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידנטום. א) ער האָט געגעבן דעם פאָלק מאַטעריאַל פאַר אַן אַלזייטיקן, רעליגיעזן און בירגערלעכן קאָדעקס, וואָס האָט אַרומגענומען יעדן שריט, יעדע באַוועגונג פון דעם אַלטעגלעכן לעבן, און אויף אַזאַ אופן אָפּגעזונדערט די יידישע אומה פון די פעלקער, צווישן וועלכע איר איז אויסגעקומען צו לעבן. ב) ער האָט דערצויגן דעם פאָלקס־גייסט און אים געבילדעט אין אַ באַשטימטער ריכטונג. „די תלמודישע הלכה, מיט איר פיינער שאַרפזיניקער דיאַלעקטיק האָט שטאַרק מיטגע־ווירקט צו פאַרשאַפן דעם יידישן פאַרשטאַנד און צו אַנטוויקלען אין אים אַן אייגנטימלעכן לאָגישן טראַכטן; זי האָט געהאַלטן דעם פאַרשטאַנד אין אייביקער אָנגעשטרענגטקייט, האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפן און כסדר געוועקט און געמונטערט". ג) ער האָט געפלעגט דעם גייסט פון פאָלק, אים געצערטלט און געבילדעט מיט זיינע מאָראַל־פילאָזאָפישע און פּאָעטישע אַגדות. „די אגדה האָט געגעבן דעם פאָלק הויכע מאָראַלישע באַ־גריפן, האָט אין אים געפלאַנצט אַלטעגלעכע קלוגהייט, האָט אים גע־

טרייסט אין זיינע ליידן מיט האָפנונגען אויף גליקן אין דער צוקונפט (אויף דער אָדער אויף יענער וועלט), האָט אונטערגעהאַלטן אין אים זיין נאַציאָ־נאַלן געפיל און אים געוויילט מיט היסטאָרישע אָדער פּאָעטישע לעגענ־דעס״.

צוזאַמען מיט די אויסגערעכנטע מעלות, האָט אָבער דער איינפלוס פון תלמוד געהאט אויך שלעכטע זייטן. די שטאַרקע הלכהשע באַגרענעצונ־גען בנוגע צו זאַכן פון דעם אַלטעגלעכן לעבן, די סיגים און סיגים צו סי־גים האָבן ביסלעכווייז אַריינגעבראַכט אַ טויטע טרוקנקייט אין דעם יידישן גלויבן און אים פאַרוואַנדלט אין אַ רייע זינלאָזע חומרות און פאָרמאַלי־טעטן; אַ דאַנק דעם הלכהשן פּלפּול האָט זיך אויסגעאַרבעט אין דעם יידישן פאַרשטאַנד אַ שטאַרקע נייגונג צו קאַזואיסטיש־קליינלעכע פשטלעך, און די וועלט־אַנשויאונג פון דער תלמודישער אגדה האָט צופיל אָפּגעזונדערט דעם יידן פון דער אַרומיקער וועלט און אים צופיל חשיבות צוגעשריבן, אין אים געפלאַנצט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז דער צענטער פון דער גאַנצער יצירה און די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר פון זיינעט־וועגן.

# קאַפּיטל פערצן

## די יידן אין פּערסיע; די „סבוראים"

די מיטאַרבעטער פון דעם גרויסן בנין האָבן נאָך געלעבט, די שפּורן פון די פריערדיקע פאַרפאָלגונגען זייַנען נאָך נישט אָפּגעווישט געווען, און איבער די יידן אין פּערסיע האָט זיך שוין אַ נייער שטורעם אַריבערגעטראָגן, — אַ שטורעם וואָס האָט די יידן אַרויסגעבראַכט פון געדולד און זיי געצוואונגען זיך צו נעמען פאַרן געווער. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם באַרימטן מאַצדאַק, וואָס האָט געוואָלט רעפאָרמירן דעם פייער־גלויבן פון די מאַגיער און בכלל פאַרשפּרייטן אין דער וועלט די ממשלה פון דעם גוטן ליכט־גאָט הורמיז. דער מקור פון אַלדאָס שלעכטס — האָט מאַצדאַק געפּרעדיקט, — און בייזעס אויף דער וועלט, איז נאָר די קנאה־שנאה צווישן מענטשן, די תאווה צו באַזיצן יענעמס עשירות אָדער יענעמס פרוי; דער איינציקער אויסוועג, צו פאַרשפּרייטן אין דער וועלט די ממשלה פון ליכט און גוטסקייט, בלייבט דעריבער, נאָר איינצופירן אַן אָרדענונג, ביי וועלכער אַלע פאַרמעגנס און אַלע פרויען זאָלן געהערן צו אַלע.

די דאָזיקע לערע פון פולשטענדיקער קאָמוניסטישער גלייכהייט האָט געפונען פאַר זיך מאַסן אָנהענגער, און אַזוי ווי צווישן זיי איז געווען אויך דער קעניג אַליין, האָט ער באַפוילן אַלע בירגער פון זיין מלוכה, זיי זאָלן אָנהויבן צו לעבן געמיינשאַפטלעך. נאַטירלעך, האָט אַזאַ מין באַפעל געמוזט אַרויסרופן אַן איבערקערעניש אין לאַנד, און ווייל די יידישע איינוואוינער האָבן אַממערסטן געליטן פון דער נייער אָרדענונג, האָבן זיי געקעמפט קעגן איר מיט די שאַרפסטע מיטלען. דאָס איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט נישט אַזוי ווייט פאַרן פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געזאָלט ווערן צוגערויבט דורך דעם פאַרווילדעווערטן המון, ווי פאַר דער ריינקייט פון די יידישע פרויען און טעכטער, וואָס איז געשטאַנען אין געפאַר, צו ווערן פאַרשוועכט פון די צערייצטע „קאָמוניסטן", און בראש פון דעם קאַמף איז געשטאַנען דער יונגער און העלדישער עקזילאַרך מר זוטרא דער צווייטער. ער האָט צונויפגענומען

אַרום זיך אַ מחנה פון פיר הונדערט העלדישע יידישע קריגער, וועלכע האָבן באַזיגט דאָס חיל פון דער רעגירונג און אין אַ משך פון גאַנצע זיבן יאָר באַוויזן צו דערהאַלטן כמעט אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכהלע, מיט מחוזא ווי אַ הויפּטשטאָט.

ענדלעך זיינען אָבער די פּערסיאַנער דאָך בייגעקומען די יידישע רעוואָלוציאָנערן. דערביי איז דער עקזילאַרך אַליין געוואָרן געפאַנגען, און די פאַרביטערטע זיגער האָבן אים געקרייציקט נעבן דער בריק פון מחוזא צוזאַמען מיט זיין גרייז־גרויען זיידן מר חנינא (520). די איבריקע מיט־גלידער פון דעם עקזילאַרכישן הויז האָבן געמוזט אַנטלויפן פון פּערסיע, און זיי האָבן געראַטעוועט מיט זיך אויך דעם נאָר וואָס געבוירענעם יורש פון עקזילאַרך — דאָס איינציקע צווייגל פון דוד המלכס אָפּשטאַמונג. איי־בער די שטאַרקע רדיפות מצד דער רעגירונג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יע־נער צייט אויך דאָס אַקאַדעמישע לעבן פון לאַנד: די תלמידי חכמים זיינען זיך צעלאָפן און די ישיבות זיינען געשטאַנען וויסט. פונדעסטוועגן האָבן זיך דאַן אין דער פּערסישער אַרמיי דאָך געפונען אַ סך יידן, און בעת דער מלחמה מיט דעם ביזאַנטישן קריגס־פירער בעליזאַר, האָט דער פּערסי־שער הויפּט־מאַרשאַל אָפּגעבעטן ספּעציעל אַ וואָפנשטילשטאַנד, כדי די יידישע סאָלדאַטן זאָלן קענען פייערן דעם יום־טוב פּסח.

פריי אָפּגעאָטעמט האָבן די יידן אין פּערסיע אונטער דער הער־שאַפט פון כאָזרעאָס נאָשירוואַן (532 — 579). אין זיין צייט האָבן יידן נישט געוואוסט פון קיין שום רדיפות, און דאָס האָט זיך באַלד אָפּגערופן אויך אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון בבלישן יידנטום. די ישיבות זיינען צוריק באַנייט געוואָרן, אַלע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס האָבן ווי־דער אָנגעהויבן פונקציאָנירן און די איבערגעריסענע קייט פון דער מסורה האָט זיך, אַזוי פון זיך אַליין, ווידער צונויפגעבונדן. פון יענער צייט זיי־נען דערגאַנגען צו אונדז די נעמען פון רב גיזא, ריש מתיבתא אין סורא, רב סימונא, ריש מתיבתא אין פומבדיתא, און איינעם אַ דריטן געזעץ־לערער, רב רבאי. אָט די אַלע חכמים מיט זייערע תלמידים האָבן געזען פאַר זיך זייער איינציקע אויפגאַבע אין דער אַרבעט פון שטודירן דעם תלמוד, דער־קלערן די שטעלן אין אים, וואָס זיינען אומפאַרשטענדלעך, און בכלל מסביר זיין דעם מאַטעריאַל פון מסורות און הלכות, וואָס איז שוין סאַנק־

ציאַנירט געוואָרן פון די אמוראים, — פון וואַנען עס זאָל שטאַמען אויך דער נאָמען סבוראים.

מיט דעם אַרויפשטייגן אויפן טראָן פון נאַשירוואַנס זון (הורמיז דער פערטער 579 — 589) האָט זיך די יידישע לאַגע ווידער פאַרערגערט. הורמיז האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון די מאַגיער, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן דעם אונטערגאַנג פון זייער גלויבן דורך רדיפות איבער אַנדערש־גלייביקע, און אונטער דעם דרוק פון זיינע פאַרפאָלגונגען זיינען די ישיבות ווידער געוואָרן חרוב.

אין דער צייט פון דעם דאָזיקן קעניג האָבן זיך אָנגעהויבן אין לאַנד שטאַרקע אומרועס, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ בלוטיקן טראָן־בייט: דער העלדישער קריגס־פירער באַהראַם־שטובין האָט אַוועקגענומען פון הורמיזן די הערשאַפט און זיך אַליין דערקלערט פאַר קעניג פון פערסיע (590). אין דער איבערקערעניש האָבן יידן געהאַט אַ שטאַרקן חלק, און באַהראַם האָט זיי דערפאַר אָפּגעדינט מיט פאַרשידענע זכיות און הנחות. זיין הערשאַפט האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, און ווען דער געזעצ־לעכער טראָן־יורש האָט — מיט דער הילף פון ביזאַנטינישע מחנות — צוריק איינגענומען פערסיע, האָט ער אַכזריותדיק באַשטראָפט אויך די געטרייע אָנהענגער פון דעם אוזורפּאַטאָר — די יידן. נישט געקוקט אויף דעם, האָט זיך פונדעסטוועגן די יידן דערנאָך נישט שלעכט געלעבט אונ־טער דער הערשאַפט פון דעם קעניג (כאָזרו דעם צווייטן, מיטן ביינאָמען פּעראָז (590־628). און פאַר זיין צייט זיינען צוריק רעסטוירירט גע־וואָרן אויך די באַרימטע אַקאַדעמיעס — סורא און פומבדיתא.

# קאַפּיטל פופצן

## יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער

אין דער צייט, ווען די יידן אין פּערסיע זיינען געשליידערט געוואָרן פון די היסטאָרישע געשעענישן דאָ אַרויף און דאָ אַראָפּ, און האָבן אַליין אויך אַרויסגעוויזן שטאַרקע באַווייזן פון לעבנס־קראַפט און איניציאַטיוו, — אין דער צייט איז דאָס יידנטום אינעם ביזאַנטישן מזרח אַזוי ווי איינגעשלאָפן אין גאַנצן, אונטער דעם דרוק פון דער אַרומיקער פאַראַכטונג, און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום שפּורן פון אַקטיווער לעבנס־קראַפט. די ביזאַנטינישע מלוכה, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען אויך דאָס הייליקע לאַנד, האָט אָנגעווענדט בנוגע צו יידן חוץ דער רוימישער פאַרריסענער גאווה אויך די גריכישע גיפטיקייט. אַזוי ווי זי האָט באַקומען איר גייסטיקע יניקה נאָר דורך דער קירך, האָט די ביזאַנטינישע באַפעלקערונג זיך דערצויגן אויף די שפּריכווערטער און באַגריפן, וועלכע האָבן געזען אין יידן גאָט־מערדער און פאַרברעכער, און די פאָלגן דערפון האָבן זיך אַרויסגעוויזן אי אין אַלטעגלעכע מעשים, אי אין אָפיציעלע מלוכה־געזעצן.

לויט די איינפירונגען פון טעאָדאָסיוס דעם ייִנגערן זיינען די יידן אין דער ביזאַנטינישער מלוכה אויסגעשלאָסן געוואָרן פון יעדן מין ערך־פּאָסטן און אויך קיין נייע שולן האָבן זיי נישט געטאָרט בויען. די דאָזיקע אַלע באַגרענעצונגען זיינען זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן פון טעאָדאָסיוס נאָכפאָלגער, און גאַנץ אָפט זיינען די מלכים אַליין פאַרגאַנגען אין זייער גיפטיקער יידנפיינטשאַפט נאָך ווייטער פונעם צעווילדעטן המון. אַזוי איז פאָרגעקומען, למשל, מיט דעם אויפגעקומענעם קייסער צענאָ, וועמען מ׳האָט דערציילט וועגן אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס אין אַנטיוכיע בעת איינעם פון די לוסטשפּילן. די קאָנקורס־פּאַרטייען האָבן זיך דאָ געטיילט אויף גרינע און בלויע, און ווען מ׳האָט דעם קייסער איבערגעגעבן, אַז די גרינע האָבן צווישן אַנדערע אויך געהרגעט אַ סך יידן און זייערע טויטע קערפּערס אַרייַנגעוואָרפן אינעם פייער פון דער אונטערגעצונדע־

נער שול, — האָט ער געענטפערט: די גרינגע דאַרפן נאָר דערפאַר באַ־שטראָפט ווערן, וואָס זיי האָבן פאַרברענט בלויז די טויטע יידן און נישט אויך די לעבעדיקע!

ביי דעם אַלעמען האָבן די ביזאַנטינישע יידן דאָך געגאָסן דערוויייל די פולע פרייהייט אין די אָנגעלעגנהייטן פון גלויבן און די רעגירונג האָט זיי אין דעם נישט געשטערט. דער ערשטער, וואָס האָט זיי בירגערלעך נאָך מער געדריקט און דערצו נאָך אַרויפגעלייגט אויף זיי דעם צוואַנג פון רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען איז געווען יוסטיניאַן (527 — 565). פון אים שטאַמט דאָס שענדלעכע געזעץ, לויט וועלכן יידן זיינען נישט באַגלויבט ווי עדות קעגן אַ קריסט. די שומרונים זיינען אין דער הינזיכט אַוועקגע־שטעלט געוואָרן נאָך נידעריקער: זייער עדות־זאָגן האָט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין יורידישע באַדייטונג און אפילו אָפּשרייבן זייער ירושה האָבן זיי אויך נישט געהאַט קיין רעכט. דאָס איז געווען אַן אַקט פון נקמה קעגן די פאַרביטערטע שומרונים, וואָס האָבן נישט געקענט רואיק אַריבער־טראָגן דעם יאָך פון די גזירות און רדיפות און עטלעכע מאָל געפּרואווט מורד זיין אין דער קייסערלעכער ממשלה.

בכלל האָט אָבער יוסטיניאַן זיך באַצויגן גלייך צו יידן ווי צו די שומרונים, און אַרויפגעלייגט אויף זיי אַלע מעגלעכע פליכטן, און נישט געלאָזט זיי דערביי געניסן פון קיין שום זכיות.

„זאָלן זיי קרעכצן, — האָט דער קייסער געשריבן אין זיין באַפעל וועגן יידן און שומרונים, — זאָלן זיי קרעכצן אונטער דעם יאָך פון די שווערע שטאַטישע אַרבעטן, זיי זאָלן אָבער דערפאַר נישט באַלוינט ווערן מיט קיין שום ערן־טיטל: זיי מוזן בלייבן אין דעם פאַראַכטן צושטאַנד, אין וועלכן זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע נשמות״.

יוסטיניאַן האָט פאַרבאָטן אונטער אַ שווערער שטראָף יידן צו פיי־ערן דעם יום־טוב פסח, און יעדעס מאָל, ווען דער יידישער פסח איז אויס־געפאַלן אין איין צייט מיט דעם קריסטלעכן, האָבן די יידן זייער יום־טוב געמוזט אין גאַנצן אָפּלייגן, כדי עס זאָל נישט הייסן, אַז די קריסטן האַל־טן זיך ביי דעם יידישן קאַלענדאַר. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי דאָס, וואָס דער דאָזיקער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צוליב אַ געוויסער קריסטלעכער סעקטע, וואָס האָט זיך ווירקלעך פעסט געהאַלטן ביי דעם יידישן קאַלענדאַר און געפייערט דעם יום־טוב גלייך מיט יידן; נאָר אָנ־

שטאָט צו צווינגען די ווידערשפּעניקע קריסטן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן די באַשטימונגען פון דעם ניצעאישן קירכן־קאָנגרעס, האָט יוסטיניאַן גע־פונען פאַר בעסער צו דריקן די יידישע באַפעלקערונג און אָנצוגרייפן איי־נעם פון אירע שטאַרקסטע געפילן.

ביי אַן אַנדער פאַל האָט זיך יוסטיניאַן דערלויבט נאָך שטאַרקער אָנצוגרייפן די רעליגיעזע געפילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס איז פאָרגעקומען, אַז די מיטגלידער פון אַ יידישער קהלה זיינען זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען אין די מיינונגען וועגן דעם, צי די פרשיות פון דער תורה און די קאַפּיטלעך פון דער הפטורה דאַרפן געלייענט ווערן בעתן דאַוונען נאָר אין אָריגינאַל (העברעאיש) אַליין, אָדער מ׳דאַרף זיי גלייך איבער־זעצן אין דער לאַנדסשפּראַך, כדי די עמי הארצים און פרויען זאָלן זיי אויך פאַרשטיין. די געזעץ־לערער און דער מער אָרטאָדאָקסישער טייל פון די מתפללים איז, נאַטירלעך, געווען קעגן דער איינפירונג פון גריכיש — די שפּראַך פון די יידישע פייניקער און דער קריסטלעכער קירך — אין דעם יידישן גאָטעס־דינסט, און דער שטרייט איז ענדלעך דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז יוסטיניאַן אַליין האָט זיך געמוזט אַריינמישן אין דער זאַך. ער האָט דאַן באַפוילן, אַז די יידן מוזן זיך בעתן גאָטעסדינסט באַנוצן מיט גריכישע (אָדער לאַטיינישע — אין די איטאַליענישע פּראָווינצן) איבער־זעצונגען פון דעם תנ״ך, און האָט זיי דערביי רעקאָמענדירט די קריסט־לעך צוגעפּאַסטע סעפּטואַגינטאַ. יוסטיניאַן האָט דאַן אויך פאַרבאָטן די אגדהשע דרשות, וואָס פלעגן געהאַלטן ווערן יעדן שבת אין די שולן און בתי־מדרשים, און אויף אַזאַ אופן האָט ער געגלויבט צו פאַרבייטן די טראַ־דיציאָנעלע יידישע אויפפאַסונג פון די הייליקע שריפטן מיט די אויסטיי־טשונגען פון דער ביבל אינעם זינען פון קריסטנטום (553).

די זאָרגן פון דעם ביזאַנטינישן הויף פאַרן גליק פון דער יידישער נשמה האָבן זיך אויסגעדריקט נאָך אין אַ גאַנצער ריי פאַרבאָטן און באַ־פעלן. די יידן האָבן אין זייערע שולן נישט געטאָרט אויסשרייען אין דער הויך דעם אויסרוף: ד׳ אלהינו, ד׳ אחד (גאָט, אונדזער גאָט, איז איינ־ציק), ווייל דאָס איז אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער אָנגענומענער דריי־אייניקייט פון קריסטנטום; זיי איז פאַרבאָטן געווען אויסצורייידן דעם פּערז: „קדוש, קדוש, קדוש ד׳ צבאות״ (הייליק, הייליק, הייליק איז דער האַר צבאות), ווייל דאָס איז אויך פון דער קריסטלעכער זייט אויסגע־

טייטשט געוואָרן, ווי אַ רמז אויף דער דריי־אייניקייט, און דער יידישער בעל־תפילה פלעגט דערצו צוגעבן נאָך אַ זאַץ קעגן דער דרייהייט. און ענד־לעך האָבן די רוימישע באַאַמטע אין די יידישע שולן אַכטיק געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו לייענען עפנטלעך די קאַפּיטלעך פון ישעיהו, וואו די פאַרשטויסענע יהודהשע הויפּטשטאָט (ציון) ווערט פונעם נביא געטרייסט און געצערטלט מיט ליכטיקע האָפענונגען אויף דער צוקונפט.

וועגן פאַקטן פון צווינגען יידן צום שמד אין יוסטיניאַנס צייטן זיי־נען צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין מקורות. עס איז באַקאַנט בלויז, אַז ווען דער ביזאַנטינישער קריגס־העלד וועליזאַריאָ האָט זיך אָנגעקלאָזט אין אַפריקע קעגן די וואַנדאַלן און איינגענומען די שטאָט באַריאַן (אין מויריטאַניע־מאַראָקע), האָט ער איבער געוואַלט אויסגעשמדט די דאָרטי־קע יידישע קהילה און די שול פאַרוואַנדלט אין אַ קירך.

געענדיקט האָט זיך די ריי פון יוסטיניאַנס אַכזריותן מיט אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס. דאָס איז פאַרגעקומען אין קסריה, בעת אַ פאָרשטעלונג אין צירק, וואו די קריסטן האָבן זיך ווידער פאַרטשעפּעט מיט די שומרו־נים; דאָ האָט ביי די שומרונים געפּלאַצט די געדולד, און זיי האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַ פאַרביטערט־ווילדן צאָרן אויף זייערע פייניקער און באַליידיקער. צו זיי איז באַלד צוגעשטאַנען אויך די יידישע יוגנט, און ווען דער קייסערלעכער פּראָקאָנסול סטעפאַנוס איז געקומען צולויפן מיט סאָל־דאַטן אויפן פּלאַץ פון דעם צוזאַמענשטויס, האָבן די צעבונטעוועטע אים געצוואונגען פריער צו אַנטלויפן, און דערנאָך — אויסגעפונען זיין באַהעל־טעניש (פּאַליציי־הויז, פּרעטאָריום) און אים דאָרטן געטויט (556). די פּרוי פון דערהרגעטן איז גלייך אָוועקגעלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איבערגעגעבן דעם גאַנצן אינצידענט; דאַן האָט יוסטיניאַן באַפוילן דעם פּראָקוראַטאָר פון גאַנצן מזרח, אַמאַנציוסען, וועלכער האָט געהאַט זיין רע־זידענץ אין אַנטיוכיע, ער זאָל זיך נוקם זיין אָן די מורדים. און דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער געוויינלעכער אַכזריות פון יענע צייטן: די אָנפירער זיינען געוואָרן געקעפּט און אויפגעהאנגען און די איבריקע האָט מען אָפּגעהאַקט די הענט.

מער באַדייטנדיק און מיט מער קרבנות איז געווען דער אויפשטאַנד פון די יידן אין אַנטיוכיע אין די צייטן פון דעם טראַן־רויבער פאָקוס (602 — 610). דער דאָזיקער קייסערלעכער מערדער האָט די יידן איבער־

געגעבן אין גאַנצן אין די הענט פון די גיפטיקע גלחים, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט זיי צו פּייניקן און צו דערצערנען. ווי ס׳ווייזט אויס, איז שוין אָבער דעמאָלט די מאָס געווען איבערפולט, און די ייִדן פון אַנטיוכיע האָבן פון פאַרצווייפלונג געפועלט ביי זיך, זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל נוקם צו זיין אָן די אַכזריותדיקע שונאים. זיי זיינען דאַן באַפאַלן די קריסטן פון שטאָט און אָנגעמאַכט צווישן זיי אַ חורבן: הונדערטער האָבן זיי דערשטאָכן און פאַרברענט, און דעם גיפטיקן פּאַטריאַרך אַנאַסטאַסיוס האָבן זיי דערהרגעט און זיין קערפּער אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן. זייער צאָרן בכלל האָט אַזאַ פּחד אַרויפגעוואָרפן אויף די אַרומיקע שטעט, אַז פֿאָקוס האָט זיך געזען געצוואונגען אַרויסצושיקן קעגן די מורדים אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטן. ערשט דעמאָלט זיינען די נקמה־צעצייצטע ייִדן געוואָרן באַזיגט און די קריגס־פירער האָבן איבער זיי אויסגעפירט די שרעקלעכסטע שטראָפן (604).

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די ייִדן ווידער געפונען אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן זייערע פּייניקער. דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם ווייטערדיקן אופן: כאָזרו דער צווייטער, דער קייסער פון פּערסיע איז געווען אַן איידים פון דעם ביזאַנטינישן קייסער מאַוריציוס, ביי וועלכן פאָקוס האָט אַוועקגערויבט דעם טראָן; און אָט האָט זיך דער פּערסישער קעניג אַריינגעריסן מיט אַ מוראדיק חיל אין די גרענעצן פון דער ביזאַנטינישער מלוכה און פאַרנומען גאַנץ קליין־אַזיע און סיריע. אונטער דער צייט איז הערקליוס געוויילט געוואָרן פאַר אַ קייסער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ער האָט אויפגעפאָדערט די פּערסיאַנער צו פאַרלאָזן דאָס ביזאַנטינישע לאַנד. די לעצטע האָבן אים אָבער נישט געפאָלגט, און אַ גרויסע פּערסישע מחנה, אונטער דער אָנפירונג פון שאַרבאַרזאָ, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די לבנון־בערג, כדי אָפּצורייסן פּאַלעסטינע פון דער ביזאַנטינישער אימפּעריע .צו דער דערשיינונג האָבן די ייִדן נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק: די מפּלות פון דעם ביזאַנטינישן חיל האָבן פונאַנדערגערייצט זייער פאַנטאַזיע, און אין זיי האָט דערוואַכט די האָפענונג זיך ענדלעך נוקם צו זיין אָן די בלוטיקע רוימער פאַר די אַלע הונדערטער יאָרן פון נגישות, גזירות און פּיין. די קריגערישע שטימונג האָט באַלד אַרומגעכאַפּט גאַנץ פּאַלעסטינע, און ווי אין די אַלטע צייטן, האָט אויך איצט טבריה געדינט פאַר דעם הויפּט־צענטער פונעם אויפשטאַנד. דאָ האָט זיך

געפונען איינער מיטן נאָמען בנימין, וואָס האָט באַזעסן אַן אומגעהויער גרויסע עשירות, און ער האָט עס פאַרווענדט אויסצוהאַלטן דאָס יידישע חיל און אים צו באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן. דערביי זיינען אַלע יידן געוואָרן אויפגעפאָדערט זיך צו שטעלן אין די רייען פון דער פערסישער אַרמיי און צו קעמפן מיט איר צוזאַמען קעגן דעם געמיינזאַמען שונא — די ביזאַנטינער. אויף אַזאַ אופן איז שאַרבאַרזאַס מחנה געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און ווען ער האָט אָנגעהויבן מאַרשירן מיט איר אויף דעם וועג קיין ירושלים, וועלכע ער האָט געוואָלט גלייך אָפּנעמען פון די קריסטן, זיינען צוגעשטאַנען צו איר אויך די יידן פון דרום־פּאַלעסטינע. מיט אַזאַ אומגעהייערער מחנה איז שאַרבאַרזאַן נישט אָנגעקומען שווער איינצונעמען די שטאָט, און ווי די קריסטלעכע קוואַלן פון יענער צייט ווילן האָבן, זיינען דאַן דורך די זיגער אויסגעקוילעט געוואָרן אין ירושלים ביז ניינציק טויזנט קריסטן. די זעלביקע קוואַלן גיבן אָן פאַר אַ פאַקט אויך דאָס, אַז די יידן, וואָס זיינען געווען פאַרשיכורט פון דעם דורשט נאָך נקמה, האָבן אָפּגעקויפט ביי די פערסיאַנער די קריסטלעכע געפאַנגענע, כדי צו קענען אויספירן איבער זיי אַכזריותדיקע שטראָפן. נאַטירלעך, זיינען די אַלע ידיעות אין אַ גרויסער מאָס איבערגעטריבן, כאָטש עס לאָזט זיך גלויבן, אַז דער צאָרן פון פאָלק, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין דעם משך פון הונדערטער יאָרן, האָט דאָס מאָל אויסגעבראָכן מיט אַן אומגעוויינלעכער קראַפט, און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען ווי זיגער אין זייער הייליקער הויפּטשטאָט, וואו זיי איז ביז אַהער פאַרבאָטן געווען אפילו אַ פוס אַוועקצושטעלן, — האָבן זיי די באַזיגטע געגעבן צו פילן דעם שטורעם פון פאַרשיכורטער נקמה. די יידישע מחנות האָבן זיך מיט אַ באַזונדער פאַרביטערטקייט אַרויפגעוואָרפן אויף די קריסטלעכע הייליקע און הייליקטימער; זיי האָבן צעשמעטערט אַלע קירכן און מאָנאַסטירן פון ירושלים מיט איר אומגעגנט און דערביי געטויט און געפייניקט די גלחים און נזירים. איינע פון די דאָזיקע מחנות, וואָס האָט געציילט ביז צוואַנציק טויזנט יידן (פון טבריה, דמשק, די אינדזל ציפערן אאז״וו) האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שטאָט צור, וואו זי האָט זיך געזאָלט פאַראייניקן מיט דעם דאָרטיקן יידישן גאַרניזאָן און באַפאַלן די קריסטן פון שטאָט אין דער ערשטער נאַכט פון זייער פסח; דאָס האָט זיך אָבער די יידן נישט איינגעגעבן איבער דעם, וואָס די קריסטן האָבן זיך דערוואוסט פון דער אונטערנעמונג און גענומען

געפאַנגען אַלע יידן פון שטאָט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי איזאָלירט די שטאָטישע יידן פון דער אָנגעקומענער מחנה, און האָבן געדראָט אויסצו־הרגענען זייערע געפאַנגענע יידן, און ווען די באַלאַגערער האָבן אָנגעהויבן חרוב צו מאַכן די קירכן פון דער אומגעגנט, האָבן די קריסטן פון שטאָט ווירקלעך געענטפערט אויף דעם מיט טויזנטער אַראָפּגעוואָרפענע יידישע קעפּ. ביי די אָנגעקומענע איז דאַן געפאַלן דער מוט און זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט מיט באַדייטנדיקע אַבידות.

אַרום פערצן יאָר האָבן די יידן מיט די פּערסיאַנער געבאַלעבאַטע־וועט אין ארץ־ישראל. וועגן די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט אין דער ערשטער צייט צווישן די ביידע בעלי־בתים, זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין ידיעות; באַקאַנט איז נאָר, אַז יידן האָבן זיך שטאַרק גע־פרייט מיט דעם נצחון און געזען אין אים אַ צייכן פון הימל. די פּלוצימדי־קע איבערקערעניש אין דער פּאָליטישער לאַגע פון יידן אין פּאַלעסטינע האָט געווירקט אפילו אויף די קריסטן גופא, און פיל פון זיי האָבן זיך מגייר געווען. פון די גרים האָבן זיך יידן באַזונדער גרויס געהאַלטן מיט איינעם אַ פאַרגעטערטן און באַרימטן קריסטלעכן קדוש, וועלכער איז אי־בערגעגאַנגען צום יידנטום נישט נאָר פרייוויליק, נאָר אויך מיט אַ שטאַר־קער באַגייסטערונג. דער דאָזיקער הייליקער האָט אַ סך יאָרן פאַרבראַכט אינעם קלויסטער אויפן באַרג סיני, פאַרזונקען אין תפילות און סגופים, און פּלוצלינג האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ צווייפל אינעם אמת פון קריס־טנטום. ווי ער אַליין האָט דערקלערט, האָבן אים אַ לענגערע צייט געפּיי־ניקט די נאַכט־דערשיינונגען פון קריסטוסן מיט זיינע אַפּאָסטאָלן און תל־מידים פון איין זייט, און משהן מיט די יידישע נביאים און חכמים — פון דער צווייטער; דאָס האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט ענדלעך פאַר־לאָזט דעם באַרג, לאַנג געוואַנדערט דורכן מדבר, און איז געקומען קיין טבריה צו די יידישע געזעץ־לערער. דאָ האָט ער זיך מגייר געווען, חתונה געהאַט מיט אַ יידישער פרוי, און איז געוואָרן איינער פון די וואַרימסטע קעמפער פאַר די אמתן פון יידנטום.

ביי דעם אַלעם איז די האָפענונג, וואָס יידן האָבן געלייגט אויף די פּערסישע זיגער, נישט דערפילט געוואָרן. די פּערסיאַנער האָבן וואָס ווייטער אַלץ מער אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך, ווי אויף די איינציקע בעלי־בתים פון לאַנד, און אויסער דעם, וואָס זיי האָבן יידן נישט אָפּ־

געגעבן די גרעסערע פונקטן פון פּאַלעסטינע, ווי עס איז געווען אָפּגע־מאַכט צווישן זיי, האָבן זיי די יידישע באַפעלקערונג שטאַרק געדריקט און באַלעסטיקט מיט שווערע שטייערן. דאָס האָט אַרויסגערופן צווישן יידן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט מיט די פערסישע קאַמפּס־ברידער, און די דאָזיקע אומצופרידנקייט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט נאָך דעם, ווי דער פערסישער פירער פון פּאַלעסטינע האָט פאַרשיקט אַ גרויסע צאָל אַנגעזעענע יידן קיין פערסיע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שאַרפע ווערטער קעגן די בייע מושלים, וואָס יידן אליין האָבן זיי אריינ־געבראַכט אין לאַנד, און אַט די יידישע אַנטוישונג האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן דער ביזאַנטינישער קייסער. הערקליוס, האָט זיך אונטער דער צייט באַפרייט פון אַלע שטערונגען, וואָס זיינען אים געשטאַנען אין וועג (די אַוואַרען), און האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו אַ שאַרפן אַרויסטריט קעגן די פערסיאַנער, כדי אָפּצונעמען פון זיי די פאַרכאַפּטע ביזאַנטישע פּראָווינץ. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די יידן קענען אים דאָ זיין שטאַרק בייהילפיק, און איז געקומען אין אַ נאָענטער באַציאונג מיט די „אומצופרידענע" אין פּאַלעסטינע. דער פאַרשטייער פון די לעצ־טע איז געווען מסתמא, דער אויבן דערמאָנטער בנימין פון טבריה, און מיט אים האָט הערקליוס געשלאָסן אַ פאַרמעלן אָפּמאַך, לויט וועלכן די יידן איז געזיכערט געוואָרן אַ פולשטענדיקע אַמניסטיע, אויסער פאַר־שידענע קלענערע הנחות (627). דערווייל זיינען אַ סך זייטיקע באַדינ־גונגען אויך געוואָרן זייער גינסטיק פאַר דעם ביזאַנטישן קייסער, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געצוואונגען די פערסיאַנער, צו פאַר־לאָזן פּאַלעסטינע, און דאָס הייליקע לאַנד איז ווידער אַרונטערגעפאַלן אונטערן קריסטלעכן קרייץ. אויף זיין מאַרשרוט קיין ירושלים, האָט הע־ראַקליוס זיך אָפּגעשטעלט אין טבריה, וואו דער רייכער בנימין האָט אים מיט זיין מחנה אויפגענומען זייער גאַסטפריינטלעך, און ווען דער קייסער האָט אין אַן אָפנהאַרציקן שמועס געפרעגט דעם יידישן אַריסטאָ־קראַט, פאַרוואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ פאַרביטערטע שנאה צו די קריסטן, — האָט בנימין אים קורץ געענטפערט : „ווייל זיי זיינען שונאים פון מיין גלויבן".

אין ירושלים האָבן הערקליוסן באַגעגנט די נזירים און גייסט־לעכע פון שטאָט, מיטן פּאַטריאַרך מאָדעסטוס בראש, און זייער ערשטע

בקשה איז געווען, אַז ער זאָל אויסראָטן אַלע יידן פון פּאַלעסטינע, ווי אַ נקמה פאַר זייערע מעשים בנוגע צו די באַזיגטע קריסטן. דער קייסער האָט זיך דאָן פאַרופן אויף דער הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן די יידן, זיי נישט צו באַשטראָפן פאַר זייערע אַרויסטרעטונגען; נאָר ווען די הייליקע האָבן אים דערקלערט, אַז הרגענען יידן איז זייער אַן אָנגענומענע עובדא ביי גאָט און אַז זיי וועלן באַשטימען אַ באַזונדער תענית פון אַ גאַנצער וואָך, כדי אויסצוקויפן זיין זינד (פון ברעכן די הבטחה), — איז דער פרומער הערקליוס מרוצה געוואָרן ממלא צו זיין זייער בקשה. דאָן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, צו פאַנגען יידן אין די גאַסן, ווי חיות אין פעלד, און זיי טויטן אָן אַ שום דין און משפט. ביי דער געלעגנהייט האָט הערקליוס באַנייט אויך דעם אַלטן עדיקט פון אַדריאַנוסעס און קאָנסטאַנטינס צייטן, לויט וועלכן די יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן מיט אַ פוס אַרויפצוטרעטן אויף דער ערד פון זייער אַמאָליקער הויפּטשטאָט — די שטאָט פון דעם הייליקן קבר. אַזוי האָבן די פּאַלעסטינישע יידן איצט ווידער אָפּגעצאָלט פאַר דער קורצער צייט פון זייערע ליכטיקע האָפענונגען — דער קרייץ האָט טריאומפירט! הערקליוס אליין האָט, אגב, נאָך דערלעבט צו זען, ווי די הייליקע שטאָט מיט גאַנץ פּאַלעסטינע, סיריע און מצרים זיינען אויף אייביק אָפּגעריסן געוואָרן פון ביזאַנטיע, ווי פון דער קריסטלעכער הערשאַפט בכלל, און זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון די קאַליפן, די נאָכפאָלגער פון דעם נביא פון מעקקאַ, די ביז־אַהעריקע פאַרפאָלגער מיטן קרייץ אין דער האַנט, האָבן איצט אליין אָנגעהויבן שפּירן דעם טעם פון רעליגיעזער פאַרפאָלגונג. כאָטש די האַלבע לבנה איז אין אירע רדיפות קיין מאָל נישט דערגאַנגען ביז די אכזריותן פון קרייץ.

דערווייל אָבער איז נאָך דער צלם געווען אַלמעכטיק און די יידן פון גאַנץ אייראָפּע האָבן זיך געפונען אונטער זיין הערשאַפט. „צעזייט און צעשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט, — זאָגט אַ באַרימטער בעאָבאַכטער פון יענער צייט — זיינען די יידן אונטערגעוואָרפן דעם רוימישן יאָך, און לעבן לויט זייערע אייגענע געזעצן״. פון דער כאַראַקטעריסטיק איז אמת נאָר דער סוף: דעם רוימישן יאָך זיינען יידן נישט געווען אונטערגעוואָרפן געווען, ווייל רוים אליין איז שוין דעמאָלט געווען אונטערגעוואָרפן און פאַרשקלאַפט פון די באַרבאַרישע שטאַמען (וועסט־גאָטען,

אַסט־גאָטן, געפּידן, הערולן און לאָנגאָבאַרדן), וואָס האָבן איר אַראָפּ־געריסן די קרוין פון קאָפּ און מיט די פיס געטראָטן. יידן האָבן, אמת, פון דער איבערקערעניש קיין סך נישט פאַרדינט; אָ נקמה אָן רוים האָבן זיי אָבער דערלעבט. די דאָזיקע אַלמעכטיקע אימפּעריע איז געוואָרן צעפאַלן. אויף איר חורבות זיינען אַנטשטאַנען נייע פעלקער מיט נייע מלוכות, און ווי אויף ירושלים אַמאָל, האָט מען איצט אויף רוים אויך געקלאָגט: „די האַרינטע פון פעלקער, די פירשטן פון לענדער איז אַ בעטלערן גע־וואָרן". 1)

צו אונדז זיינען נישט דערגאַנגען קיין קלאָרע ידיעות וועגן דער ראַל, וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דעם פּראָצעס פון רוימס אונטערגאַנג; זיכער איז אָבער ,אַז יידישע קאָלאָניעס האָבן זיך שוין דאַן געפונען אין דעם גאַנצן שטח פון דער אימפּעריע. מילאַן, גענוא, נעאַפּאַל, סיציליע, מעסינאַ, אַגרעגענטיאַ און אַנדערע שטעט פון אויבער־ און אונטער־איטאַ־ליע האָבן געהאַט באַדייטנדיקע יידישע ישובים נאָך פון די אַלטסטע צייטן אָן, און פון דאָרטן האָבן זיך די יידן פאַרקליבן אויך אין די ווייטע מערב־פּראָווינצן פון דער אימפּעריע — גאַליע, גערמאַניע און שפּאַניע.

אין אַ באַזונדער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידן אין איטאַליע נאָך דעם,, ווי עס איז ארונטערגעפאלן אונטער דער הערשאַפט פון דעם אַסט־גאָטישן קעניג טעאָדאָריך (493). דער דאָזיקער הערשער, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, איז פון דער קריסטלעכער קירך דאָך פאַרהאַסט געווען, ווייל ער האָט אָנגעהערט צו די אַריאַנער (די וואָס האַלטן, אַז גאָט דער זון איז נאָר ענלעך צו גאָט דעם פאָטער, אָבער נישט גלייך צו אים), און כדי אים צו דערצערענען האָבן די קאַטוילישע גייסט־לעכע נישט אויפגעהערט צו רודפן יידן קעגן זיין ווילן. דער מלוכה־פאַר־שטאַנד האָט טעאָדאָריכן אונטערגעזאָגט, אַז קוים לעבן די יידן לויט זייערע אייגענע געזעצן מוזן זיי שוין ממילא האָבן אויך אייגענע ריכ־טער און אייגענע לערער, און אין דעם זין האָט ער באַהאַנדלט אויך

1) ביי דער פאַרוויסטונג פון רוים דורך די וואַנדאַלן פון צפון־אַפריקע, האָט דער פירער פון די וואַנדאַלן, גייזעריך, אַוועקגעפירט מיט זיך קיין אַפריקע די הייליקע כלים פון בית המקדש, וואָס טיטוס האָט געבראַכט קיין רוים. מיט 80 יאָר שפּעטער זיינען די דאָזיקע כלים גע־בראַכט געוואָרן דורך דעם ביזאַנטישן קייסער יוסטיניאַן קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און פון דאָרט האָט מען זיי איבערגעפירט קיין ירושלים.

אַנדערע אָנגעלעגנהייטן פון דעם יידישן לעבן. די קאַטוילישע גייסט־לעכע האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן די פּאַראָרדענונגען פון דעם אפּיקורסישן הערשער, און גאַנץ אָפט איז געקומען צו בלוטיקע קאָנפליקטן צווישן זיי און די פאָרשטייער פון דער קייסערלעכער מאַכט, ביי וועלכע די לעצטע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יידן און באַשטראָפט זייערע באַליידיקער.

וואָס שייך טעאָדאָריכן אליין, האָט ער אויך יידן נישט ליב גע־האַט, און זיין אידעאַל איז געווען, זיי ארונטערצוברענגען אונטער די פליגל פון דעם הייליקן גלויבן. ווען ער האָט אַמאָל זיך געווענדט, ביי אַ געוויסער געלעגנהייט צו דער יידישער קהילה אין מילאַן, האָט ער מיט היץ אויסגעשריען: „וואָס זוכסטו, אָ יודאַ, צייטלעכע רו, בשעת דו קענסט נישט געפינען די אייביקע צוליב דיין פאַרעקשנטער בלינד־קייט!” אַ צווייטער פאַל איז פאָרגעקומען מיט די יידן פון גענואַ, וועל־כע האָבן געבעטן ביים קייסער אַ דערלויבעניש צו פאַרשענערן זייער שול:

— „מיר גיבן אייך די פאַרלאַנגטע דערלויבעניש — האָט טעאָדאָריך זיי געלאָזן ענטפערן — אָבער מיר פאַראַכטן דעם פאַרלאַנג, וואָס שטאַמט פון אייער פאַרבלאָנדזשעטקייט. פון דעסטוועגן, קענען מיר נישט באַפעלן אין ענינים פון אמונה, און צווינגען ווען ס'איז צו גלויבן קעגן זיין געוויסן”. די דערלויבעניש איז, אגב, אַרויסגעגעבן געוואָרן בלויז אויף דעם איינציקן מאָל, און בכלל איז דאַמאָלט געווען יידן פאַרבאָטן צו בויען נייע שולן און זיי צו פאַרשענערן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט דאַן אין די קרייזן פון דער קירך בנוגע צו יידן, איז דער פּירוש אויף תהלים, וואָס איז פאַרבליבן פון טעאָדאָריכס נאָענטסטן יועץ און פריינד קאַסיאָ־דאָר. דאָס איז געווען אַ געפיל פון פאַרביטערטן כעס צו די פאַרעקשנטע בעלי גאוהס, וואָס ווילן נישט זען דעם ליכטיקן אמת. „הערט, איר יהו־דהער, — שרייט אויס מיט צאָרן דער פילאָזאָפישער מפורש — פאַר־נעמט, איר האַרט־באַשולדיקטע, וואָס דער תהילים־זינגער אסף רעדט וועגן קריסטוסעס געבורט! איר פאַרשטייט דאָך נישט אפילו די ווערטער פון אייערע אייגענע נביאים! גייט צו די פאָטערס פון דער קירך; זיי וועלן עפענען אייערע אויערן, און איר וועט, מיט גאָטס הילף, ווערן געראַטעוועט פון אייער אייביקער טויבקייט”. און גלייך נאָך דעם מוסר השכל

ווערן די „טויבע" יידן אַנגערופן מיט אַזעלכע נעמען, ווי „ווילדע אייז־לען", „שלאַנגען און לייבן", „הינט" א"א.

ביי דער גאַנצער אַנטיפּאַטיע צו יידן פון די טאָן־געבנדיקע פּערזאָ־נען אין דעם אָסטגאָטישן איטאַליע האָט זיך דאָ יידן פון דעסטוועגן גע־לעבט באַדייטנדיק בעסער און רואיקער, ווי אין דעם ביזאַנטישן מזרח, און זייער לאַגע איז פאַרבליבן נישט געענדערט אויך אונטער דער הער־שאַפט פון טעאָדאָריכס נאָכפאָלגער: זיין טאָכטער אַמאַלאַזונטאַ און איר מאַן טעאָדאַט. די יידן האָבן זיך דעריבער אויך געפילט צוגעבונדן צו דער דינאַסטיע, און ווען דאָס ביזאַנטישע חיל, אונטער דער אָנפי־רונג פון דעם באַרימטן וועליזאַריאָ, האָט זיך אריינגעריסן אין איטאַליע (536), האָבן אים די יידן געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. דער דאָ־זיקער העלדישער באַזיגער פון די וואַנדאַלן, וועלכער האָט שוין געהאט איינגענומען גאַנץ סיציליע און אַ גרויסן טייל פון דרום־איטאַליע, האָט אין נעאַפּאַל געפונען פאַר זיך אַ פאַרביטערטן מעכטיקן קעגנער אין דער געשטאַלט פון די יידישע איינוואוינער. זיי האָבן געוואוסט, וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן פון דער ביזאַנטישער הערשאַפט, און בשעת די גריכישע באַפעלקערונג פון שטאָט, האָט זיך גלייך געוואָלט אונטערגעבן, האָבן די יידן מיט אַן אומגעוויינלעכער העלדישקייט געקעמפט קעגן די ביזאַנטינער און זיי אָפּגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט הינטער די טויערן פון שטאָט. עס האָט שוין אפילו געהאלטן דערביי, אַז וועליזאַריאָ זאָל אינ־גאַנצן אויפגעבן די באַלאַגערונג, און נאָר דורך אַ שווינדל האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצונאַרן די יידישע קעמפער, וועלכע האָבן אין שטאָט גופא נאָך אויך נישט אָוועקגעלייגט דאָס געווער פון האַנט און נישט אויפגעהערט צו וואַרפן טויט און פייער אין די רייען פון דער ביזאַנטי־נישער מחנה. נאָך דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, זיינען די לעבן־גע־בליבענע יידן זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע ערטער, און די היסטאָרישע מקורות פון יענער צייט ווייסן גאָרנישט צו דערציילן וועגן דעם גורל פון די דאָזיקע העלדן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די ממשלה פון די אָסטגאָטן אין איטאַליע. וועליזאַריאָ האָט נאָך אַ לענגערע צייט געמוזט קעמפן מיט זיי; ענדלעך האָט ער זיי אָבער אינגאַנצן באַזיגט, און איטאַליע איז געוואָרן אַ בי־זאַנטינישע פּראָווינץ, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השגחה פון אַ

עקזאַרך אין ראַווענאַ (554). פאַר יידן איז אָט די ענדערונג געווען אַ שווערער קלאַפּ: זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער די באַרימטע געזעצן פון יוסטיניאַנס קאָדעקס און האָבן געמוזט אויסשטיין אַלערליי באַגרע־נעצונגען און דערנידעריקונגען.

די הערשאַפט פון די ביזאַנטינער אין איטאַליע האָט זיך אָבער אויך נישט לאַנג געהאַלטן. מיט פערצן יאָר שפּעטער האָבן זיך די ריזן־שטאַרקע לאַנגאָבאַרדן אריינגעריסן אין לאַנד, און יוסטיניאַנס יורש האָט זיי געמוזט אָפּטרעטן גאַנץ צפון־איטאַליע. די מושלים פון דעם שטאַם, וועלכע זיינען געווען האַלב געצנדינעריש און האַלב אַריאַניש, האָבן זיך צו יידן באַצויגן פולשטענדיק טאָלעראַנט, און אין דער גאַנצער לאַנגאָ־באַרדישער געזעץ־זאַמלונג געפינט מען נישט קיין איינציקן געזעץ קעגן יידן. אָט די גוטע באַציאונג צו יידן האָט זיך נישט געענדערט אפילו אויך שוין נאָך דעם, ווי די לאַנגאָבאַרדן זיינען איבערגעגאַנגען צום קאַ־טוליציזם. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די ערשטע פירער פון דער קירך אין יענער צייט, די פּויפּסטן, זיינען גראָד געווען מענטשן מיט סבלנות און יושר, גרעגאָר דער ערשטער, דער פּויפּסט (590־604), וואָס האָט באַגרינדעט און באַפעסטיקט די אַלוועלטלעכע ממשלה פון קאַטוי־ליציזם, האָט זיך געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ, אַז אַזוי ווי די יידן טאָרן זיך נישט נעמען אַזעלכע רעכט, וואָס זיי האָבן נישט, אַזוי טאָר מען ביי זיי נישט אַוועקנעמען די רעכט, וואָס זיי האָבן שוין. גרעגאָר האָט אויך צוגערעדט יידן איבערצוגיין צום קריסטנטום און האָט זיי דערפאַר צוגעזאָגט פאַרשידענע זכיות און פּריווילעגיעס. ער האָט אָבער קעגן זיי נישט אָנגעווענדט קיין געוואַלט־מיטלען און אפילו אויסגערעדט די פּראָ־ווינציעלע בישאָפן פאַר זייער שלעכטער באַציאונג צו יידן. דאָס איינ־ציקע, אויף וואָס גרעגאָר האָט שטרענג מקפּיד געווען, איז געווען דאָס, אַז יידן זאָלן נישט האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַפן: אין דעם האָט ער געזען אַ פאַרברעך קעגן דעם קריסטלעכן כלל, לויט וועלכן אַ „נישט־גלויביקער" טאָר נישט האָבן קיין מאַכט איבער אַ גלויביקן.

גאַנץ אַנדערש ווי אין ביזאַנץ און איטאַליע האָבן אויסגעזען די יידישע ישובים אין די מערב־לענדער פון דעם אַמאָליקן רוים — פראַנק־רייך (גאַליע) און שפּאַניע. דער שטראָם פון די באַרבאַרישע פעלקער, וואָס האָט פאַרפלייצט די דאָזיקע לענדער, האָט פאַנאַנדערגעטרייסלט אַלע

יסודות פון זייערע געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס אין גאַנצן צעשרויפט. די רוימישע רעליגיעזע און וועלטלעכע אָרדנונגען זיינען אַזוי ווי אונטער־געגאַנגען פון זיך אליין, און די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות מיט די געצנ־דינערישע אָדער האַלב־קריסטלעכע פעלקער האָבן זיך אויסגעפורעמט גאַנץ זעלבסטשטענדיק —— אָן דער השגחה פון די רוימישע נשמה־פאַרזאָרגער. עס האָט געמוזט אַריבערגיין אַ לאַנגע צייט ביז דער קאַ־טוליציזם האָט באַקומען די אויבערהאַנט אין מערב אייראָפּע, און אַזוי לאַנג האָבן אויך די יידן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די לענדער, נישט געוואוסט פון קיין שטערונגען און רדיפות. די לעצטע הייבן זיך אָן צוזאַמען מיטן זיג פון דער קירך — אָן דער געלייטערטער אמונה און אָן די הויכע באַגריפן פון דער הייליקער ליבע האָבן אָט די פעלקער נישט געוואוסט פון קיין רעליגיעזער שנאה.

די איינוואַנדערונג פון יידן אין די צוויי פּרוכטבאַרע, רייכע פּראָ־ווינצן פאַלט אויס כמעט אין איין צייט מיט דער רוימישער רעפּובליק אָדער מיט דער הערשאַפט פון די צעזאַרס. די יידישע סוחרים פון אַלעק־סאַנדריע און קליין־אַזיע, וועלכע זיינען געקומען צוליב זייערע געשעפטן קיין איטאַליע; די יידישע קעמפער, וואָס זיינען פון וועספּאַסיאַנען און טיטוסן פאַרטריבן געוואָרן ווי געפאַנגענע אין די ווייטע רוימישע מקומות, — זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן, פרייוויליק אָדער געצוואונגענער־הייט, אויסגעטראָטן פאַר די שפּעטערדיקע דורות דעם וועג צו די גאַלישע און איבערישע פּראָווינצן. זיי זיינען אָנגעקומען ווי געשעפטסלייט אָדער ווי געפאַנגענע, מיטן זעקל אָדער אין שקלאַפן־קלייד, און עס זיינען די יידן אין פראַנקרייך און שפּאַניע באַלד געוואָרן אויסגעגליכן אין זייערע רעכט מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. די גערמאַנישע פראַנקן און בורגונדן, וואָס האָבן איינגענומען די ביידע לענדער, האָבן גערעכנט די יידן פאַר רוימער. אין דער פון קעניג כלאָדוויג געגרינדעטער פראַנ־קישער מלוכה (צום סוף פון פינפטן יאָרהונדערט) זיינען די יידן געווען אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. יידן האָבן געוואוינט אין אָבערנע, קאַרקאַסאָנע, אָרלעאַנס ביז הויך אין צפון — אין פאַריז און בעלגיע. באַזונדער רייך איז געווען דער יידישער ישוב אין דער אַלט־גריכישער האַפנשטאָט מאַרסעל, וואָס האָט אויך געהייסן „העברעאישע שטאָט" און אַרלס, וואו זיי האָבן ביזן זעקסטן יאָרהונדערט

זיך באַנוצט מיט דער גריכישער שפּראַך, און אין דער אומגעגנט פון נארבאָן, וואו אַ געוויסער באַרג האָט אַפילו געטראָגן אַ יידישן נאָמען (מאָנס יודאַיקוס).

אין די לענדער האָבן יידן געלעבט אַ סך יאָרן רואיק און צופרידן, זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, האַנדל און מעדיצין. די גאַלישע יידן פלעגן טראָגן צוזאַמען מיט אַ ביבלישן אויך אַן אַלגעמיינעם נאָמען (אַרמענטאַריוס, גאַזאַלאַס, פּריסקוס, סידעריוס) און בכלל האָבן זיי זייער גוט געלעבט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. עס פלעגן פאָרקומען אפילו חתונות צווישן יידן מיט קריסטן, און די קריסטלעכע גייסטלעכע פלעגן בעטן יידן צו זיך אָדער זיך באַטייליקן אין יידישע שמחות און מאָלצייטן. דאָס דאָזיקע צוזאַמענלעבן צווישן יידן און קריסטן איז נישט געשטערט געוואָרן מיט קיין זאַך אַפילו נאָך דעם, ווי כלאָדוויק איז אריינגעטרעטן אין דער קאַטוילישער קירך — די לעצטע איז אים זייער דאַנקבאַר געווען פאַר זיין שריט (זי האָט אים געגעבן דעם טיטל: „ערשטער זון פון דער קאַטוילישער קירך" און האָט פון אים קיין איבע־ריקע שטרענגקייטן בכלל נישט געפאָדערט. אין דעם משך פון דער צייט האָט אפילו קיין קירכן־פאַרזאַמלונג נישט געפּרואווט איבערצו־רייסן די דאָזיקע פריינטלעכע באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן. דאָס האָט זיך אָבער לאַנג ניט איינגעגעבן. דאָרט האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, וואָס קריסטלעכע גייסטלעכע גייען צו יידן עסן, און דער קאָנגרעס (וואַן, 465) האָט אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז דאָס איז פאַרבאָטן די גייסטלעכע, „דען בשעת די קריסטן געניסן ביי יידן אַלע שפּייזן, זאָגן זיך די לעצטע (די יידן) אָפּ פון אַ סך קריסטלעכע שפּייזן, און עס זעט אויס, אַזוי ווי די קריסטלעכע גייסטלעכע וואָלטן געשטאַנען ני־דעריקער פון די יידן", אָן ענלע:ע החלטה איז אָנגענומען געוואָרן אין אגד, אין יאָר 506, און נאָך דעם האָבן די זיילן פון דער קירך נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו מוסרן דעם עולם פאַר דער צו־נאָענטער חברשאַפט מיט יידן.

די ערשטע יידנפיינטלעכע שטימונג נישט בלויז מצד דער קירך, נאָר אויך מצד דער מלוכה האָט זיך אַרויסגעוויזן אין בורגונדיע (דער מזרח־טייל פון דער גאַלישער מלוכה) נאָך דעם, ווי דער קעניג סיגיזמונד האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן (516). דער דאָזיקער קעניג האָט

דער ערשטער אָוועקגעשטעלט אַ שייד־וואַנט צווישן יידן און קריסטן, און לויט זיין באַשטעטיקונג איז פאַרבאָטן געוואָרן נישט בלויז גייסט־לעכע, נאָר אפילו אויך געוויינלעכע קריסטן צו עסן ביי יידן (517). פון בורגונדיע האָט זיך די שנאה צו יידן פאַרשפּרייט אויך אין די אי־בעריקע פראַנקישע פּראָווינצן, און אין די קירכן־באַשטימונגען פון די יאָרן 538 און 545 רעדט זיך שוין וועגן דעם, אַז די יידן זאָלן זיך נישט ווייזן אין די גאַסן בשעת דעם קריסטלעכן פסח, „ווייל זייער דערשיינען איז אַ מין באַליידיקונג פאַרן קריסטנטום". אין די זעלביקע באַשטימונגען ווערן אויך שטרענג (אונטער דער שטראָף פון חרם) פאַרבאָטן געמישטע חתונות צווישן יידן מיט קריסטן, און קוים האָט אַ קריסטלעכער קנעכט פון אַ יידן אָנגענומען דאָס יידנטום, האָט אים דאָס געזעץ, לויט דער החלטה פון די קאָנגרעסן, נישט אָנערקענט פאַר קיין פרייען אפילו אין דעם פאַל, ווען דער יידישער בעל הבית האָט אים באַפרייט, „ווייל ס'איז נישט קיין יושר צו לאָזן פריי אַזוינעם, וואָס שטאַמט פון קריסטלעכע עלטערן און וויל דאָך לעבן לויט די יידישע מנהגים".

אַזוי איז די שנאה צו יידן וואָס ווייטער אַלץ מער אריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און מיט דער צייט האָבן אויך דאָ זיך אָנגעהויבן ווייזן יענע געשטאַלטן פון פאַנאַטיש־ווילדע היי־ליקע, וואָס האָבן געוואָלט באַגליקן די נשמות פון די „פאַרעקשנטע" יידן מיטס געוואַלט, און זיך נישט אָפּגעשטעלט דערביי אפילו פאַר די שרעקלעכסטע מיטלען. אַזאַ העלדישער קעמפער פאַרן הייליקן גלויבן איז געוועזן דער בישאָף אַוויטוס פון קלערמאָן, וועלכער איז געוועזן פאַר די יידן פון פראַנקענלאַנד דאָס, וואָס דער בלוטיקער קיריל, איז געוועזן אַמאָל פאַר די יידן פון אַלעקסאַנדריע.

דעם דאָזיקן בישאָף זיינען די יידן פון זיין יעפּאַרכיע געווען, ווי אַ דאָרן אין די אויגן, און ער האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן אין איין דרשהנען פאַר זיי און אויפווייזן די גרויסקייט און שיינקייט פון דעם קריסטלעכן גלויבן. ווען ער האָט אָבער געזען, אַז די יידן בלייבן טויב צו זיינע דרשות און לאָזן זיך בשום אופן נישט „איבערצייגן" מיט גוטן, איז ער געפאַלן אויף אַן אַנדערע איבערצייגונגס־מעטאָדע: ער האָט אָנגערייצט דעם קריסטלעכן המון, און דער לעצטער איז באַפאַלן די יידישע שול און זי גלייך געמאַכט מיט דער ערד! און דערביי האָט זיך דער הייליקער נישט

אָפּגעשטעלט; ער האָט די ייִדן אַזוי לאַנג גערודפט און געפּייניקט, ביז ער האָט זיינס אויסגעפירט: איין איד האָט זיך געשמדט. איז אָבער דער משומד געוואָרן פאַראַכט און פאַרהאַסט פון דער גאַנצער יידישער קהלה, און ווען ער האָט געפּרואווט דורכגיין די גאַס אין זיינע ווייסע שמד־קליידער, האָט אים אַ ייד אָפּגעגאָסן מיט שטינקנדיקן אייל. דאָס האָט שטאַרק אויפגעקאָכט דעם קריסטלעכן המון, און ער האָט זיך, אונ־טער דער אָנפירונג פון הייליקן פאַסטוך, אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן און פיל פון זיי אויסגעהרגעט. דאַן האָבן די יידן ענדלעך נאָכגעגעבן און פינף הונדערט פון זיי זיינען מרוצה געוואָרן זיך אָפּצושמדן, כדי נצול צו ווערן פון טויט (די טריי־געבליבענע יידן זיינען אַנטלאָפן קיין מאַר־סעל, (579).

די ידיעה וועגן דעם גרויסן „נצחון" האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד ,און דער יום־טוב פון באַגליקן מיט טבילה־וואַסער פינף הונדערט יידישע נשמות איז געפּייערט געוואָרן מיט אַן אומגעַ־ווייגלעכער פרייד. פון די וויטסטע שטעט זיינען גייסטלעכע געקומען זיך באַטייליקן אין דער הייליקער שמחה, און דער בישאָף גרעגאָר פון טור האָט אויפגעפאָדערט דעם פרומען איטאַליענישן דיכטער וועגאַנטיוס פאָרטינאַטוס, ער זאָל באַזינגען די העלדישע עובדא פון דעם גרויסן אַוויטוס.

אין די איבעריקע פּראָווינצן פון דער פראַנקישער מלוכה זיינען די אָנפאַלן אויף יידן נישט געווען אַזוי העפטיק. דאָרט האָט מען זיי אָבער אויך נישט אויפגעהערט צו דריקן און צו באַליידיקן. יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון ריכטער און שטייער־אָפּדינגער. „כדי עס זאָל נישט אויסזען, אַז די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז זיי אונטערגעגעבן"; לויט די החלטות פון אַן אַנדער קאָנגרעס זיינען יידן געווען פאַרפליכט אָפּצוגעבן כבוד די גייסטלעכע, און ווען ער האָט גע־רעדט מיט אַ גייסטלעכן האָט זיך דער ייד נישט געטאָרט זעצן פריער, איידער דער ערשטער האָט דאָס אים דערלויבט. עטלעכע מלכים פון יע־נער צייט האָבן אפילו געפּרואווט נאָכטאָן די מעשים פון דעם גרויסן אַוויטוס; אַזוי האָט דער קעניג שילפעריק געצוואונגען די יידן פון זיין מלוכה צום שמד; ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן פון גרויס פרומקייט,

און האָט די נייע קריסטן נישט געשטערט צו לעבן לויט אַלע געזעצן פון יידנטום.

דער זעלביקער קעניג שילפעריק האָט געהאַט ביי זיך ווי אַ יועץ און נאָענטן פריינט אַ יידן מיטן נאָמען פּריסקוס, וועלכער איז געווען זייער געשעצט פאַר זיין ערלעכקייט און בילדונג. דער קעניג פלעגט זיך מיט דעם יידן אָפט באַראַטן וועגן וויכטיקע ענינים און האָט אים בכלל אויך שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט שענקען דעם פאַקט, וואָס פּריסקוס איז אַ ייד, און נישט אויפגעהערט אים איינ־צורעדן, ער זאָל זיך שמדן. איין מאָל האָט דער בישאָף גרעגאָר פון טור זיך געטראָפן ביים קעניג מיט פּריסקוסן און זיי האָבן צוזאַמען פאַר־בראַכט; דערנאָך האָט דער קעניג, אין שפּאַס, אַרומגענומען פּריסקוסעס קאָפּ, אים אַביסל אָנגעבויגן, און זיך אָפּגערופן צום בישאָף: „קום, גאָטס דינער, לייג אַרויף דיינע הענט אויף אים". ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט פּריסקוס מיט שרעק זיך געטאָן אַ ריס און באַפרייט דעם קאָפּ פון קעניגס הענט. דעמאָלט האָט דער קעניג אויסגערופן: „אָ, דו אומגעטרייער שטאָם, וואָס גלויבט נישט אין גאָטס זון!" און ווען פּריסקוס האָט אויף דעם געענטפערט: „גאָט האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט און נישט געקענט האָבן קיין זון. ער אליין האָט געזאָגט דורך דעם נביא משה: איך בין גאָט, און קיין אַנדערער אויסער מיר איז נישטאָ!" — האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסער וכוח צווישן אים מיטן בישאָף. דער גייסטלעכער האָט מיט אַ גאַנצער ריי אויסטייטשונגען פון דער תורה און די נביאים געוואָלט דערווייזן דעם אמת פון די קריסטלעכע דאָגמעס, און דאַקעגן האָט זיך פּריסקוס געהאַלטן ביי דעם פשוטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. „עס קען נישט זיין — האָט דער ייד געטענהט — אַז גאָט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מענטשן, געבוירן אַ קינד פון אַ פרוי, ליידן צרות און שטאַרבן. און צו וואָס האָט ער עס געזאָלט טאָן? צו וועלכן צוועק האָט ער זיך געזאָלט דערנידעריקן און ווערן אַ בשר ודם? האָט ער דען נישט געקענט אַראָפּשיקן נייע נביאים און אַפּאָסטאָלן, כדי אַרויפ־צופירן דעם מענטשן אויפן וועג פון אמת?" ביי אַזאַ לאָגישער ביכטער־קייט מצד דעם יידישן עקשן האָבן נאַטירלעך די אַלע מגידישע אַרגומענטן פון דעם הייליקן בישאָף נישט געקענט האָבן קיין ווירקונג, און דער קעניג האָט אים ענדלעך אָפּגעלאָזט; ער האָט אָבער דערביי נישט אויפ־

געהערט צו זוכן מיטלען קעגן דער ייִדישער עקשנות, און ווען ער איז געווען, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין פּאַריז, האָט ער דאָרט פּיל ייִדן אָפּגעשמדט מיטס־געוואַלט (581). דאָ האָט זיך דער קעניג ווידער געווענדט אויך צו דעם פּאַרעקשנטן פּריסקוס און האָט אים איינגעזעצט אין תּפיסה. דער הייסער ייִד איז דאַן איינגעגאַנגען אויף אַ קליינער פּאַלשקייט: ער האָט זיך אָפּגעבעטן ביים קעניג אויף אַ געוויסער צייט, כּלומרשט כּדי ביישאַפֿן די חתונה פֿון זיין זון אין מאַרסעל, ער האָט געהאַט בדעה דערווייל צוזאַמענצונעמען זיין פּאַרמעגן און אויס־וואַנדערן פֿון לאַנד. ער האָט דאָס אָבער נישט דערלעבט. ווען ער איז געגאַנגען אַמאָל שבת אין שול, איינגעהילט אין טלית, איז אים באַפֿאַלן אַ געוויסער ייִדישער משומד, מיטן נאָמען פּאַטיר, און אויפֿן אָרט דער־שטאָכן. די דאָזיקע רציחה האָט אויפגערודערט די גאַנצע באַפּעלקערונג פֿון שטאָט, און פּאַטירן האָט מען געוואָלט אפילו אַרויסשלעפּן פֿון דער קירך, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן, נאָר דער קעניג, וועלכער איז געווען פּאַטירס טויף־פֿאָטער, האָט אים נישט געלאָזט באַשטראָפֿן און פֿאַרשיקט אין דער שכנישער בורגונדיע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון קעניג גאָנטראַם. אויך דאָ אָבער האָט דעם רוצח געטראָפֿן זיין גורל: די קרובים פֿון דערהרגעטן האָבן אים אָפּגעזוכט און מיט זיין טויט אָפּגעווישט דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט.

נאָך שילפּעריקס טויט איז דאָס פֿראַנקישע לאַנד ארונטערגעפֿאַלן אונטער דער ממשלה פֿון די בורגונדער, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקן רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם און ממילא אויך אַ גיפֿטיקע שנאה צו ייִדן. די ייִדן אין דעם לאַנד זיינען פֿאַר יענער צייט, אַ דאַנק די שווערע אויסנאַמס־געזעצן, געוואָרן פֿאַראַכט און דערנידעריקט, סיי פֿון די העכערע, און סיי פֿון די ברייטע פֿאָלקס־שיכטן, און די שמד־רדיפֿות קעגן זיי זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער פּויפּסט גרעגאָר האָט גע־פֿונען פֿאַר נויטיק, אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם פֿונעם קירכלעכן פֿאַנאַטיזם און צו מוסרן די קריסטלעכע הייליקע פֿאַר זייערע אכזריותדיקע מעשים (591). מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָט דער פּאַריזער קירכן־קאָנגרעס אַרויסגעגעבן אַ ריי נייע באַשטימונגען קעגן ייִדן, און דער קעניג קלאָטאַר דער צווייטער האָט די באַגרענעצונגען באַשטעטיקט (615). נאָך שרעקלעכער איז געווען די באַציאונג צו ייִדן פֿון קלאָטאַרס

זון, דאַגאָבערט. דער לעצטער האָט זיך געוואָלט באַזונדער אויספּיינען מיט זיין רעליגיעזער התלהבות, און ווען טויזנטער יידן פון דער שכנישער וועסט־גאָטישער מלוכה האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען ביי אים אין לאַנד פון די דאָרטיקע אכזריותדיקע רדיפות, האָט ער אָנגעווענדט קעגן זיי די שרעקלעכסטע מיטלען און ענדלעך אויך באַפוילן צו טויטן די אַלע יידן, וואָס וועלן זיך נישט שמדן אין דע באַשטימטן טאָג (629). די דאָזיקע שרעקלעכע רדיפות זיינען פאָרגעקומען אין איין צייט מיט די רדיפות קעגן יידן אין ביזאַנטיע, און דאָס האָט געדינט די היסטאָריקער ווי אַ יסוד פאַר דער לעגענדאַרישער השערה, אַז דער קייסער הערַאַקליוס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געבעטן דאַגאָבערטן, ער זאָל אויך, אַזוי ווי ער, פאַרטיליקן די יידן פון זיין מלוכה, ווייל די שטערנזעער (אַסטראָלאָגן) האָבן אים, הערַאַקליוסן, נביאות געזאָגט, אַז ביזאַנטיע וועט חרוב ווערן דורך אַ „געמלט פאָלק". אגב, איז די נבואה מקוים געוואָרן, נאָר נישט אַזוי, ווי הערַאַקליוס האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. די געמלטע אַראַבער האָבן זיך, אונטער דער פאָן פון איסלאַם, ווי אַ שטורעם אריינגעריסן אין ביזאַנטיע און זי חרוב געמאַכט.

אויף וויפיל דאַגאָבערטס באַפעל איז געוואָרן דורכגעפירט — איז נישט באַשטימט. יעדנפאַלס איז אַ פאַקט, אַז יידן זיינען פאַרבליבן אינעם פראַנקענלאַנד אויך נאָך דאַגאָבערטס ממשלה, און נישט שפּעטער, ווי אין יאָר 630, האָט דער קירכן־קאָנגרעס אין ריימס אַרויסגעגעבן נייע תקנות קעגן דער צו שטאַרקער קרובהשאַפט צווישן יידן און קריסטן.

צום גליק פון די פראַנקישע יידן איז די מעראָווינגישע דינאַסטיע וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שוואַכער, און די פּראַקטישע הנהגה פון לאַנד איז כמעט אינגאַנצן איבערגעגאַנגען צו די אַזוי גערופענע מאַיאָרדאָמס (פירער פון קעניגלעכן הויף). די לעצטע, ווי מלוכה־פירער מיט אַ פּראַקטישן פאַרשטאַנד, האָבן פאַרשטאַנען, אַז די יידן מיט זייער רירעוודיקייט און געשעפטלעכע פעאיקייטן קענען ווערן אַ באַדייטנדיקער קלאַס מיט גרויסע נוצן פאַרן לאַנד. זיי האָבן זיך דעריבער באַצויגן צו יידן פיל טאָלעראַנטער און געזען אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון די קירכלעכע גזירות און תקנות.

אין דייטשלאַנד וואָס האָט צו יענער צייט עקזיסטירט ווי אַ טייל פון דער פראַנקישער מלוכה, אונטערן נאָמען אויסטראַזיע, זיינען די יידן

אויך אָפּהענגיק געווען פון די מעראָווינגישע מלכים. דאָ האָבן יידן גע־לעבט נאָך פון די צייטן פון דער רוימישער הערשאַפט, און ווי אייניקע כראָניקער ווילן האָבן, זאָלן די ערשטע יידן פון די ריין־פּראָווינצן גאָר אָפּשטאַמען פון די לעגיאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין חורבן פון בית המקדש. דאָס זאָלן האָבן געווען אוראייניקלעך פון די שיינע ציונס טעכטער, וועלכע די קריגערישע וואַנגיאָנען האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך ווי געפאַנגענע אויף די ברעגעס פון ריין און מיין, — ווי געפאַנגענע און ווי לוסט־פרויען. די פון יידישן און גערמאַנישן בלוט געבוירענע קינ־דער זיינען פון די מוטערס דערצויגן געוואָרן אינעם יידישן גלויבן, ווייל די פּאָטערס האָבן זיך ווענן זיי איבערהויפּט ווייניק געזאָרגט. און אָט די האַלבע יידן זאָלן עס האָבן געווען די ערשטע גרינדער פון די יידישע קהלות אין וואָרמס און מיינץ. לכל הדעות איז באַקאַנט, אַז אין קעלן אויפן ריין האָט זיך געפונען אַ גוט איינגעאָרדנטע יידישע קהלה נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער דאָס קריסטנטום איז נתעלה געוואָרן. די פּי־רער און חשובע מיטגלידער פון דער קהלה (אונטערן טיטול־נאָמען היע־רעער, אַרכיסינאַגאָגוס אָדער פּאַטרעס סינאַגאָגאָרום) האָבן פון די פאַר־קריסטלעכע קיסרים געהאַט פאַרשידענע פּריווילעגיעס, וואָס דער ערשטער קריסטלעכער קייסער, קאָנסטאַנטין, האָט ביי זיי אָפּגענומען. שפּעטער, בעת דער הערשאַפט פון די פראַנקישע מלכים, האָט זיך יידן דאָך אויך פונדעסטוועגן לייכטער געלעבט ווי אין די פראַנקישע מערב־פּראָווינצן, און אין דער געזעצגעבונג פון דעם לאַנד פאַר יענער גאַנצער עפּאָכע געפינט מען נישט קיין שום געזעץ קעגן יידן.

אַ באַזונדער באַדייטנדע ראָלע אין דער יידישער, ווי אין דער אַלגעמיינער געשיכטע, האָט געשפּילט דער יידישער ישוב אין שפּאַניע. נאָך יהודה און בבל האָט דאָס יידישע שפּאַניע גענומען דעם שטאַרקסטן אנטייל אין דעם אויספורעמען פון יידנטום, און ווי אין יענע לענדער אַזוי אויך דאָ, זיינען מיט יעדן טריט ערד פאַרבונדן טייערע זכרונות פאַר דער יידישער אומה.

די ערשטע איינוואַנדערונג פון יידן אויף דעם שיינעם פּירענעאישן האַלב־אינדזל פאַרלירט זיך אין דער אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט. דאָס זיינען אָן שום ספק געווען יידן, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן אַהער צוליב געשעפט אָדער דורך אַנדערע סיבות, נאָך אין די צייטן פון דער רוימישער

רעפּובליק. אַט דער קליינער יידישער קבוץ איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן מיט די קרבנות פון די אומגליקלעכע מרידות אונטער וועספּאַסיאַנען, טיטוסן און אַדריאַנוסן, ווען די רוימער האָבן, לויט אַ געוויסער לעגענדע, אַוועקגעפירט קיין שפּאַניע ביז אַכציק טויזנט יידישע געפאַנגענע. אויף וויפיל די יידן האָבן זיך מאַסנהאַפט באַזעצט אין געוויסע טיילן פון שפּאַניע, באַווייזן די נעמען, מיט וועלכע די דאָזיקן טיילן זיינען אָנגערופן געוואָרן אין די אַלטע צייטן. די שטאָט גראַנאַדאַ האָט זיך גערופן די „יידנשטאָט", ווייל זי איז געווען אינגאַנצן באַפעלקערט פון יידן; דעם זעלביקן נאָמען האָט געטראָגן דאָס אוראַלטע, פון די פעניציער אויפגעבויטע טאַרראַקאָנאַ; אין קאָרדאָבאַ האָט זיך פון אַלטע דורות אָן געפונען אַ יידן־טויער און ביי סאַראַגאָסאַ — אַ פעסטונג, וועלכע האָט אין דער אַראַבישער צייט געהייסן רוטאַ אַל יאַהוד (יידישע פעסטונג).

די שפּאַנישע יידן גופא האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם פאַקט, וואָס זייער קאָלאָניע האָט דאָ גענאָסן אַלע בירגערלעכע רעכט, נאָך איידער די וועסטגאָטן און די אַלע איבעריקע אַנגעלאָפענע פעלקער האָבן אַ פוס אַוועקגעשטעלט אויף דער שפּאַנישער ערד — זיי האָבן דורכאויס געוואָלט דערווייזן, אַז זיי זיינען בכלל די ערשטע איינוואוינער פון דעם לאַנד און זיינען דאָ פאַרוואָרפן געוואָרן נאָך אין די צייטן פון בית ראשון. אפשר דערפאַר טאַקע האָבן די שפּאַנישע יידן נישט געוואוסט פון קיין שום באַגרענעצונגען אין דער גאַנצער עפּאָכע פון רוימס הערשאַפט, און אפילו שפּעטער ,אין די צייטן פון קריסטנטום, איז זייער לאַגע אויך געבליבן פעסט. די איבערער און רוימער, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום, האָבן פרידלעך פאַרקערט מיט זייערע יידישע שכנים, און קיין אַנוגג נישט געהאַט פון דעם פאַרביטערטן קאַמף צווישן יידנטום און דער קירך.

די דאָזיקע טאָלעראַנטע באַציאונג צו יידן מצד דער מלוכה און מצד דעם פאָלק האָט זיך נישט געענדערט אויך שפּעטער, נאָך דעם ווי די גערמאַנישע פעלקער־שטאַמען (זוועון, וואַנדאַלן און וועסטגאָטן) האָבן פאַרפלייצט דאָס לאַנד און געגרינדעט דאָ די זעלבסטשטענדיקע וועסטגאָטישע מלוכה. די וועסטגאָטן זיינען צופעליק געווען אַריאַנער, וועלכע האָבן זיך באַצויגן פיינטלעך צו די קאַטוילישע איינוואוינער פון לאַנד.

די יידן דאָקעגן האָט זיך געלעבט אונטער זייער ממשלה גאַנץ פריי, און זיי זיינען געווען אין אַלע הינזיכטן גלייכבאַרעכטיקט מיט דער הערשנדיקער באַפעלקערונג. פון דער גלייכבאַרעכטיקונג האָבן גענאָסן אויך די יידן אין דער פּראָווינץ נאַרבאָנאָ און אין די אַפריקאַנישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן אַנגעהערט צו דער וועסט־גאָטישער מלוכה. זיי זיינען דעריבער געווען איבערגעגעבן דער וועסטגאָטישער דינאַסטיע, און ווען די פראַנקן מיט די בורגונדער האָבן זיך געוואָלט אריינרייסן אין לאַנד דורך דעם גאַלישן גרענעץ־פּאַס, צופוסנס פון די פּירענעען, האָבן די דאָרטיקע יידישע איינוואוינער אַרויסגעשטעלט קעגן זיי אַ באַוואָפנטע קראַפט און אַרויסגעוויזן דערביי אומגעוויינלעכע העלדישקייטן און אַ שטאַרקן קריגערישן מוט.

אַזוי האָבן יידן אָפּגעלעבט אין שפּאַניע אַ גאַנצע רייע דורות און קיינער האָט זייער מנוחה נישט געשטערט. אָט די יידישע מנוחה האָט זיך אָבער גלייך געענדיקט, ווי נאָר דער קאַטאָליציזם האָט איבערגענומען די ממשלה אין זיינע הענט, און דער ערשטער קאַטויילישער קעניג, רעקאַרעד, איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאָפן אין שפּאַניע אַ מחיצה צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג. רעקאַרעד אַליין האָט פאָרגעלייגט דעם סינאָד אַ ריי גזירות קעגן יידן, און די פאַרשטייער פון דער קירך האָבן דעם פאָרשלאַג ,באַטירלעך, אַנגענומען. אויף אַזאַ אופן איז יידן געוואָרן פאַרבאָטן זיך מתחתן צו זיין מיט קריסטן, צו באַזיצן קריסטלעכע שקלאַפן און צו פאַרנעמען וועלכן ס'איז עפנטלעכן פּאָסטן. דערביי איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קינדער פון געמישטע חתונות (צווישן יידן און קריסטן) מוז דערצויגן ווערן אין דעם קריסטלעכן גלויבן (589). די דאָזיקע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט די יידן אויף אַ נידעריקערער מדרגה פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג, האָבן שטאַרק אָנגעגריפן דעם שטאָלץ פון די יידישע בירגער, און באַזונדער האָט אויף זיי שלעכט געווירקט דער פאַרבאָט, נישט צו האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַפן. דאָס איז געווען אַ גזירה, וואָס האָט געמוזט פירן צו אַ פולשטענדיקן חורבן פון דעם יידישן פאַרמעגן, ווייל אין יענע צייטן האָט קיין ווירטשאַפט נישט געקענט אויסקומען אָן דער ביליקער אַרבעטס־קראַפט פון געקויפטע לייב־אייגענע. יידן האָבן דעריבער אָנגעווענדט פאַרשידענע השתדלנותן מבטל צו זיין

די דאָזיקע גזירה, און האָבן געפּרואווט פאַרלייגן דערפאַר דעם קעניג אַ גרויסע סומע געלט.

רעקאַרעד האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם יידישן געלט און באַקומען דערפאַר אַ שטאַרקן יישר כח פון פויפּסט גרעגאָר. זיין גרויסע אידעע איז אָבער אויך נישט געוואָרן פאַרווירקלעכט, און ווי ס'האָט זיך דער־נאָך אַרויסגעוויזן, האָבן יידן גאַנץ ווייניק געשפּירט דעם יאָך פון קע־ניגס גזירות. די סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס לויט דער ווסטגאָ־טישער קאָנסטיטוציע איז די פּאַקטישע ממשלה איבערן לאַנד געלעגן אין די הענט פון די פעאָדאַלן (אַדל־לייט, פּריצים), און די לעצטע האָבן גראָד גוט געלעבט מיט יידן. זיי האָבן דערלויבט יידן צו קויפן שקלאַפן און האָבן בכלל זיך גאָרנישט גערעכנט מיט די גזירות פון קעניג. ביי אַזאַ נאָכלעסיקייט זיינען די געזעצן קעגן יידן געוואָרן פאַרגעסן אין אַ גאַנץ קורצער צייט, און רעקאַרעדס נאָכפאָלגער אויף דעם ווסטגאָ־טישן טראָן האָבן אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אָפּנייגונג בנוגע צו יידן.

דער ערשטער פון די דאָזיקע נאָכפאָלגער, וואָס האָט ווידער אָנ־געהויבן רודפן יידן איז געווען סיזעבוט (612—620). אַ צייט־חבר פון דעם ביזאַנטישן קייסער העראַקליוס, איז סיזעבוט אין זיינע פאַרפאָלגונ־גען קעגן יידן פאַרגאַנגען נאָך ווייטער פון דעם ערשטן. סיזעבוט האָט באַנייט פאַר יידן דעם פאַרבאָט צו קויפן שקלאַפן ,און אפילו פון די אַלטע שקלאַפן האָבן זיך אויך יידן געמוזט אָפּזאָגן. די יידן האָבן זיך ווידער געווענדעט צו די פּאַקטישע מושלים פון לאַנד, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו דעם גאַנצן ענין פיל לייכטער. דאָס האָט דעם קעניג נאָך מער אויפגערייצט און ער האָט באַפוילן, אַרויסצוטרייבן פון לאַנד אַלע יידן, וואָס וועלן ביז אַ באַשטימטן טערמין נישט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. און דער באַפעל האָט געווירקט: אַ סך שוואַכע נאַטורן האָבן זיך דערשראָקן און אָנגענומען לפנים דאָס קריסטנטום. די שטאַרקערע, דאַקעגן, וואָס האָבן אויף אַזאַ פשרה אויך נישט געוואָלט איינגיין, האָבן עמיגרירט אין די שכנישע לענדער (613).

סיזעבוטס נאָכפאָלגער איז געווען סווינטילאַ. ער איז געווען פּונקט דער היפך פון סיזעבוטן, און האָט אָפּגעשאַפט אַלע געזעצן קעגן יידן. פאַר זיין צייט האָבן זיך אַלע פאַרטריבענע אומגעקערט אין זייער פאָ־

טערלאַנד און די כלומרשטע געשמדטע — צו דעם גלויבן פון זייערע אבות (621—631). געהערשט האָט ער אָבער נישט לאַנג: זיינע מעשים זיינען נישט געפעלן געוואָרן די זיילן פון דער קירך, און זיי האָבן אויף זיין שטול אַוועקגעזעצט איינעם מיטן נאָמען סיזענאַנד. דער דאָזיקער איז געווען אין גאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון די גייסטלעכע, און דער קירכן־קאָנגרעס אין טאָלעדאָ (633), וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין צייט, האָט באַשלאָסן, אַז הגם מ׳דאַרף זיך נישט באַנוצן מיט קיין צוואַנגס־מיטלען, כדי צו שמדן ייִדן, דאַרף מען דאָך נישט דערלאָזן, עס זאָלן זיך אומקערן צום ייִדנטום יענע, וועלכע האָבן שוין געהאט אָנגע־הערט צו דער קירך. אויף דעם סמך איז די משומדים גְעוואָרן שטרענג פאַרבאָטן, צו היטן ייִדישע מנהגים און בכלל צו האָבן אַ מגע ומשא מיט ייִדן. די אָפענע ייִדן האָט זיך אין דער צייט אַלזאָ פרייער געלעבט, ווי די באַהאַלטענע — די משומדים. באַלד איז אָבער די מנוחה פון די ייִדן אויך געוואָרן געשטערט. אויף דעם וועסטגאָטישן טראָן איז אַרויף כינ־טילאַ, און זיי ערשטע עובדא איז געווען, צו באַנייען סיזיבוטס באַפעל: זיך שמדן אָדער פאַרלאָזן שפּאַניע. דער דאָזיקער פאַנאַטישער קעניג האָט געוואָלט באַוואָרענען די קירך אויך אין דער צוקונפט, און לויט זיין פאָרשלאַג איז אויף דעם צונויפגערופענעם קירכן־קאָנגרעס (טאָלעדאָ, 638) אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ שבועה פאַר אַלע קומענדיקע וועסט־גאָטישע מלכים, אַז זיי וועלן היטן די קאַנאָנישע געזעצן קעגן ייִדנטום. כינטילאַס גזירות האָבן ווידער אַרויסגערופן אַ ייִדישע מאַסן־אויסוואַנ־דערונג און די איבערגעבליבענע משומדים האָבן געמוזט אונטערשרייבן אַן איינשטימונגס־אַקט (פּלאַציִדוס), אַז זיי וועלן טריי דינען דער קירך און היטן אירע געבאָטן.

# קאַפּיטל זעכצן

## יידן אין אַראַביע

דאָס לעבן פון יידן אין אַראַביע אין דעם יאָרהונדערט פון מאַכמעדס אויפטרעטן אוןווירקן איז אַ ליכטיק בלאַט אין דער פינצטערער יידישער גלות־געשיכטע. דאָ, אינעם דרום־מערב ווינקל פון אַזיע, זעען מיר דעם יידן מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ, אָן אַ שום פּחד פאַר הייליקע קירכן־לייט און וועלטלעכע טיראַנען. גלייך אין אַלע הינזיכטן מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג פון לאַנד, האָבן יידן דאָ אנטוויקלט אַ פילזייטיקע קראַפט, וואָס האָט זיי גאַנץ אָפט אַוועקגעשטעלט בראש פון גרויסע אַראַבישע שבטים. יידן זיינען דאָ נישט בלויז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם ארומיקן לעבן, נאָר אויך אויף אים געהאט אַ השפּעה. מיר באַגעגענען דאָ יידן ווי טאָן־געבער פון דער גאַנצער סביבה, אין וועלכער זיי געפינען זיך, אַמאָל אין דער געשטאַלט פון גייסטיקע וועגווייזער, אַמאָל ווי דיפּלאָמאַטן און פּאָליטישע טוער און אָפט אויך ווי קריגערישע העלדן.

די ערשטע איינוואַנדערונג פון יידן אויף דעם פרייען אַראַבישן האַלבאינדזל איז איינגעהילט אין אַ נעפּל פון לעגענדעס: דאָ זאָלן זיך האָבן געפונען יידן נאָך פון די צייטן פון יהושע בן נון אָדער דוד המלך. היסטאָריש וואַקסט זיך צוזאַמען דער ערשטער יידישער ישוב אין אַראַביע מיטן צווייטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. די ערשטע איינוואַנדערער זיינען, ווי ס׳איז צו גלויבן, געווען אַנטלאָפענע פון יהודה אין די צייטן פון איר פּאָליטישן אונטערגאַנג. און אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער זיינען די קאָלאָניעס פאַרמערט און פאַרגרעסערט געוואָרן מיט מאַסן אַנטלאָפענע פון ביזאַנטיע, פּערסיע, און אַלע אַנדערע לענדער, וואו יידן איז אויסגעקומען צו ליידן. אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון אומבאַגרענעצטער פרייהייט, קריגערישן העלדנמוט, לירישער ווייכקייט און פּאַטריאַרכאַלע לעבנס־פאָרמען, האָבן די יידן זיך גלייך צוגעפּאַסט צו דער אַרומיקער סביבה און זיך ענג צוזאַמענגעלעבט מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. ווי די שבטים פון צפון־אַראַביע, האָבן די

יידן דאָ אויך געלעבט איינגעטיילט אין באַזונדערע גרופּעס, מיט באַזונדערע שייכן אָדער פּאַטריאַרכן; אַזעלכע זיינען געווען די שטאַמען בענו (בני)־נאַדהיר, בענו־קוראַיזאַ און בענו־נאַכדאַל.

די דאָזיקע יידישע שטאַמען האָבן געהאַט זייער מיטלפּונקט אין דער שטאָט יאַטריב (מעדינאַ), וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פּרוכטבאַרער שיינער געגנט. כדי זיך צו שיצן פון די שכנהשע בעדואינער, האָבן יידן באַפעסטיקט זייערע שטעט מיט פעסטונגס־ווענט; דערביי האָבן זיי אויך, ווי די אַראַבער, זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט און פיצוכט.

פילזייטיקער און קולטורעלער איז געווען דאָס לעבן פון די יידישע קאָלאָניעס אין דרום־אַראַביע (תימן), אין דעם לאַנד, „וואו דער שטויב איז גאָלד, וואו עס וואַקסן אויס די געזינטסטע מענטשן און די מוטערס געבוירן זיי אָן שמערצן". דאָ האָבן יידן געלעבט נישט ווי באַזונדערע שבטים, נאָר אינאיינעם מיט די אַראַבער, וועלכע האָבן זיך מער פאַרנומען מיט האַנדל, און זייער איינפלוס אויף דער אַראַבישער סביבה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין אַ משך פון גאַנצע פינף הונדערט יאָר האָט דאָס קריסטנטום זיך דאָ קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

צוליב דער קרובהשאַפט צווישן די יידן און אַראַבער בנוגע צום בלוט (די אַראַבער רעכענען זיך אויך פאַר סעמיטן), ווי בנוגע צו דער שפּראַך און די מנהגים, האָבן זיך די יידן זייער ווייניק אונטערגעשיידט פון זייערע שכנים. די יידישע שבטים האָבן געפירט מלחמות צווישן זיך, און עס פלעגט אַפילו פאַרקומען, אַז אַ יידישער שבט האָט זיך פאַראייניקט מיט אַן אַראַבישן, כדי צוזאַמען צו באַקעמפן אַן אַנדער יידישן שבט. יידן זיינען נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַראַבער אויך אין דער היגזיגט פון פּאָעזיע; ווי די לעצטע האָבן זיי אויך געהאַט דיכטער, וואָס האָבן געזונגען פון און פאַרן פאָלק.

ביי דער גאַנצער אויסערלעכער ענלעכקייט צו די אַראַבער, האָבן יידן פון דעסטוועגן דאָך אָפּגעהיט זייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און זיי איבערגעגעבן פון דור צו דור. די אַראַבישע יידן האָבן געפייערט די יידישע יום־טובים אין דער צייט, געפאַסט יום־כפור, זיך אָפּגעהיט פון טרפה עסנס און שטרענג געהאַלטן שבת — אַפילו אין דער צייט פון אַ מלחמה. זייער צוגעבונדנקייט צו דעם לאַנד פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט האָבן די אַראַבישע יידן אויסגעדריקט

דערמיט, וואָס זיי האָבן בעתן דאַוונען געהאַלטן דאָס געזיכט געווענדעט צו ציון (מזרח), — ווי אַלע יידן אין די גלות־לענדער, און אויך וויפיל ס'איז צו גלויבן, האָבן זיי געהאַט באַציאונגען מיט די גייסטיקע יידישע צענטרען אין בבל, פון וואַנען זיי האָבן באַקומען אָנווייזונגען וועגן די פּאַרוויקלטע פראַגן פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן, ווייל זיי אַליין האָבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט רעליגיעזע למודים. דער איינציגער אַקאַדעמי־שער פונקט פאַר די אַראַבישע יידן, איז געווען אַ ווייניק־באַדייטנדיקע ישיבה אין יאַטריב. דאָ האָט מען זיך אָבער אויך באַשעפטיקט נאָר מיט אגדהשע באַאַרבעטונגען פון דעם ביבלישן מאַטעריאַל. די שיינע פאַר־צייטיקע שילדערונגען פון דער ביבל זיינען אַדאַנק דער שטאַרקער דיכ־טערישער פאַנטאַזיע פון די אַראַבישע יידן געוואָרן באַפּוצט און פאַרשע־נערט מיט פאַרשידענע צוגעטראַכטע שטריכן און עפּיזאָדן, און מיט דער צייט האָבן אָט די צוגעפּוצטע מעשות אָנגעהויבן אַרומגיין צווישן דער יידישער, ווי צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג, ווי געשעענע פאַקטן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

אויף אַזאַ אופן איז דער פּאָעטיש־רעליגיעזער אינהאַלט פון די הייליקע שריפטן פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער אַראַבישער וועלט, און צוזאַמען מיט אים זיינען ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין דער וועלט אויך געוויסע יידישע פאַרשטעלונגען און רעליגיעזע באַגריפן. יידן האָבן די אַראַבער געגעבן אַ באַשטימטע צייט־רעכענונג, וואָס האָט זיי געפעלט די אויגן, פון יידן האָבן די אַראַבער איבערגענומען נאָך פיל אַנדערע עלע־מענטאַרע ידיעות, פון וועלכע זיי האָבן פריער נישט געהאַט קיין אַנונג, און דאָס דאָזיקע ענגע צוזאַמענלעבן פון דיביידע שכנהשע באַפעלקע־רונגען האָט ענדלעך געבראַכט דערצו, אַז גרויסע מאַסן פון די אַראַבער זיינען אין גאַנצן אַריבערגעגאַנגען צום יידנטום. דער איבערגאַנג גופא איז זיי נישט אָנגעקומען שווער, ווייל דער מנהג פון מילה האָט זיך ביי זיי פּראַקטיצירט נאָך פון אַלטע צייטן. אגב האָט דערביי אַ סך מיטגע־ווירקט אויך דער פּאַטריאַרכאַלער סיסטעם פון דעם אַראַבישן לעבן: האָט דער שייך (דער עלצטער פון שבט) זיך מגייר געווען, איז גלייך דער גאַנ־צער שבט געוואָרן יידיש־גלויביק. אין דרום־אַראַביע האָט אַפילו עקזיס־טירט אַ גאַנצע מלוכה פון אַזעלכע יידישע אַראַבער; דאָס זאָל, לויט דער אַראַבישער פאָלקס־לעגענדע, האָבן געשען אויף דעם ווייטערדיקן אופן:

איינער פון די דרום־אַראַבישע (יעמענישע, תימנישע) קעניגן מיטן נאָמען אַבו קאַריבאַ אַסעַד טאָבאַן, האָט אין יאָר פינף הונדערט און־טערגענומען אַ קריגס־צוג קעגן פערסיע און קעגן די אַראַבישע פּראָווינצן פון ביזאַנטיע, און ווען ער איז דורכגעגאַנגען די שטאָט יאַטריב (מעדינאַ), האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט זיין זון און אים געטויט, און אבו קאַריבאַ פון שטאָט זיינען אָבער באַפאַלן דעם זון און אים געטייט, און אבו קאַריבאַ האָט זיך אומגעקערט צוריק, כדי זיך נוקם צו זיין אין די פאַררעטער. ער האָט באַלאַגערט די שטאָט מיט זיינע גרויסע חילות און געלאָזט אויס־האַקן אַלע פאַלמען־ביימער ארום שטאָט, פון וועלכע די איינוואוינער, ס׳רוב יידן, האָבן געצויגן זייער גאַנצע יניקה. דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז דער קעניג איז געוואָרן שווער קראַנק און אין דער גאַנצער געגנט ארום האָט זיך קיין וואַסער נישט געפונען, אויף צו שטילן זיין ברענענ־דיקן דאָרשט. האָבן זיך די באַלאַגערטע דערפון דערוואוסט, און צוויי פון זיי, די יידישע חכמים קאַאַב און אַסאַד, זיינען אַוועק צום קעניג אין גע־צעלט, פועלן ביי אים, ער זאָל אַראָפּנעמען די באַלאַגערונג פון שטאָט. און מיט דער בקשה אליין האָבן זיך די יידישע שלוחים נישט באַפרידיקט און געענדיקט האָט זיך די השתדלות דערמיט, אַז אַבו קאַריבאַ האָט נישט בלויז אַראָפּגענומען די באַלאַגערונג פון שטאָט, נאָר אויך אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. דעם קעניג האָבן גלייך נאָכגעטון די מיטגלידער פון זיין סוויטע, און מיט דער צייט האָט זיך די גאַנצע אַראַבישע באַפעלקערונג פון דער תימנישער מלוכה מגייר געווען.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דער לעגענדע; פאַקטיש האָבן זיך אין תימן מגייר געווען נאָר די אויבערשטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און דאָס יידישקייט פון די דאָזיקע גרים האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסע ממשות. אַן ערנסטע באַציאונג צום יידנטום האָט אַרויסגעוויזן ערשט קאַ־ריבאַס יונגסטער זון אָדער אייניקל, מיטן נאָמען זאָראַה דהו־נאָוואַס (520—530). ער האָט זיך צוגעגעבן דעם העברעאישן נאָמען יוסף (יוסף) און זיין צוגעבונדנקייט צו דער יידישער אומה איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין די ביזאַנטינער דערפאַר, וואָס זיי דריקן „זיינע ברידער" — די יידן. דער ערשטער אַקט פון אָט דער נקמה איז געווען דאָס, וואָס אויף דהו־נאָוואַסעס באַפעל איז געפאַנגען און געטייט געוואָרן אַ גאַנצע מחנה ביזאַנטינישע קריסטן־סוחרים, וועל־

כע זיינען דורך תימן געגאַנגען קיין אינדיע. פון דער עובדא האָט אָבער גאָר געליטן דער אינדיש־אַראַבישער האַנדל, ווייל די קריסטן האָבן אויפ־געהערט צו קומען קיין אַראַביע. און די גערודפטע ביזאַנטינער האָבן אויך נישט געשוויגן: זיי האָבן אָנגערייצט איינעם פון די קריסטלעכע פירשטן, וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפן דהו־נאָוואַסן, ער זאָל מורד זיין אין דעם לעצטן און די מרידה האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפלה פון דעם יידיש־גלויביקן קעניג (521). באַלד איז ער אָבער ווידער געקומען צו די כוחות און האָט זיך גענומען נאָך מיט מער פאַרביטערטקייט קעמפן קעגן די קריסטן פון אַראַביע. לויט געוויסע קריסטלעכע קוועלן האָט דהו־נאָוואַס דעמאָלט אויסגעהרגעט מאַסן קריסטן פון דער שטאָט נאַדזשראַן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן, און אויך די קריסטן פון די איבעריקע שטעט אין זיין מלוכה האָט ער שטאַרק גערודפט און פאַר־פאָלגט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין די לענדער פון דער קריסטלעכער וועלט, און די גרעסטע זיילן פון דער קירך האָבן אָנגעהויבן זיך משתדל זיין ביי עטלעכע מלכים, זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן דעם שרעקלעכן יידישן קייסער. פון געוויסע זייטן האָט מען אַפילו אָנ־געהויבן רעדן וועגן איינזעצן אין געפּענגעניש די יידישע געזעץ־לערער פון פּאַלעסטינע און האַלטן זיי ווי אַ משכון אַזוי לאַנג, ביז דהו־נאָוואַס וועט זיך אָפּזאָגן פון זיינע רדיפות קעגן די קריסטן אין אַראַביע. באַזונ־דער הייס זיינען אַרויסגעטרעטן פאַר די גערודפטע קריסטן די בישאָפן דוס און שמעון פון סיריע. דער ערשטער איז אַליין אַוועק קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, געוויזן דעם קייסער יוסטינוס דעם ערשטן, אַ צעריסענעם און צעטראָטענעם עוואַנגעליום, און אויסגערופן פאַרביטערט: „אָט דאָס היי־ליקע ספר האָב איך מציל געווען פונעם פייער, אין וועלכן דער יידישער מלך האָט עס אַריינגעוואָרפן; וועט דער גרויסער קייסער זיך איצט נישט אָננעמען פאַר אונדז, זיינען מיר אַלע פאַרלוירן!" דער שוואַכמוטיקער און גרוי־אַלטער יוסטינוס איז אָבער גראָד פאַרוויקלט געווען אין אַ שווע־רער מלחמה מיט פערסיע, און ער האָט דעם הייליקן שתדלן געענטפערט: „הימיאַראַ (תימן) אין צו־ווייט פון אונדז: איך קען נישט שיקן קיין חיל אין אַזאַ ווייטער שטרעקע דורך זאַמדיקע מדבריות. דערפאַר וועל איך שרייבן צו דעם נעגוס פון אַביסיניע (עטיאָפּיע): ער געהערט אויך צו דער קירך אַזוי ווי מיר, און איז נענטער צו אַראַביע".

און דער נעגוס האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. ער האָט אַוועקגע־שיקט אַ גרויס חיל אויף שיפן צו די ברעגעס פון אַראַביע, וואו עס זיינען גלייך איבערגעגאַנגען אויף זיין זייט אַלע קריסטן פון לאַנד. דער איבער־ראַשטער יידישער קעניג האָט געפּרואווט צונויפזאַמלען זיינע כוחות און זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שטאַרקערן שונא. די איבעריקע אַראַבישע פירשטן האָבן אים אָבער אַלע פאַרראַטן, און ווען ער האָט געזען אַז ער האָט פאַר זיך נישט קיין רעטונג, האָט ער באַשלאָסן, צו שטאַרבן בעסער, איידער אַריינצופאַלן צו די זיגער אין די הענט: ער איז מיט זיין פערד אַרויף אויף אַ הויכן פעלדז און האָט זיך אריינגעוואָרפן אין די שטורעמדיקע כוואַליעס פון ים (530).

די זיגנדיקע עטיאָפּיער האָבן זיך נאָך דעם אַריינגעריסן אין לאַנד מיט פייער און שווערד, גערויבט, געהרגעט און גענומען געפאַנגען מאַסן יידן. דאָס איז געווען דאָס ענדע פון דער יידיש־תימנישער מלוכה, וואָס איז איבער נאָכט אַנטשטאַנען און איבער נאָכט פאַרגאַנגען.

אין יענער צייט האָבן די יידן פון צפון־אַראַביע אויך נישט געלעבט רואיק. די יידישע קהלה אין יאַטריב איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פלאָנטער פון די אייביקע קריגערייען צווישן די פאַרשידענע אַראַבישע שבטים, און געענדיקט האָט זיך דער צוזאַמענשטויס דערמיט, אַז די שטאָט איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די אויסיטן און האַדראַ־זשיטן, אנשטאָט דעם, וואָס זי איז פריער געלעגן אין די הענט פון צוויי יידישע שבטים.

אַ באַזונדער פלאַץ צווישן די יידישע מיוחסים, וואָס זיינען באַזיגט געוואָרן בעת יענע אַרומרייסעניש, פאַרנעמט דער פירשט און דיכטער שמואל אבן־עדיה (געב' 500, געשט' 560). זיין נאָמען איז פאַראייביקט געוואָרן אין דער אַראַבישער פּאָעזיע פונעם פאַר־מאַכמעדאַנישן פעריאָד און די לעגענדע האָט אים באַקרוינט מיט אַ רייע העלדישקייטן און וואונדער־לעכע מעשים. שמואל איז געווען דער ראש פון אַ קליינעם שבט און האָט באַוואוינט דעם פרעכטיקן באַרג־שלאָס אַלאַבלאַק, וואו עס האָבן זיך גע־שיצט אַלע גערודפטע און פאַרפאָלגטע. דערצו איז ער געווען באַרימט אין דער גאַנצער סביבה ווי אַ באַגאַבטער דיכטער, און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז דער קענדיטישער פּרינץ אימרולקייס, איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון אַן אַנדערן פירשט, און קיינער האָט נישט געוואָלט אים ביי

זיך אריינצולאָזן — האָט עמיצער אָנגעוויזן דעם פּרינץ אויף דער שוץ־פּעסטונג פון דעם יידן שמואל. „ווער איז ער?״ — האָט געפרעגט דער פאַרוואָגלטער פּרינץ און קעניג פון אַלע אַראַבישע דיכטער. „דאָס איז דער ייד שמואל אבן־עדיה; נעם מיט מיט זיך דעם דיכטער רביע, וועט ער דיך פאַרשטעלן פאַר אים״ — האָט מען אים געענטפערט. און אין גיכן איז ער, אימרולקייס, מיט זיין שיינער טאָכטער און דער סוויטע געוואָרן אויפ־גענומען פון דעם יידישן פירשט און דיכטער. דעם פאַרפאָלגטן פּרינץ איז אָבער די מנוחה אין שלאָס געווען ווייניק: ער האָט זיך דורכאויס געוואָלט נוקם זיין אין די קעניגלעכע רוצחים פון זיין פאָטער. האָט ער זיין טאָכ־טער מיט זיינע פירשטלעכע פאַנצערס איבערגעלאָזן ביי שמואלן, און אליין איז ער אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צו געווינען פאַר זיך דעם ביזאַנ־טינישן קייסער. דעמאָלט האָבן דעם פּרינצס שונאים, און באַזונדער דער ראש פון די גהאַסאַנידן, באַלאַגערט שמואלס פעסטונג און געפאָדערט פון אים, ער זאָל זיי אַרויסגעבן די כלי־זיין פון דעם אַנטלאָפענעם אימרולקייס. שמואל האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן די פאָדערונג, און ווייל די פּעס־טונג גופא איז געווען אומבאַצווינגלעך, האָבן די באַרבאַרן זיך באַנוצט מיט אַן אומגעוויינלעכער אכזריות קעגן דעם באַלאַגערטן העלד: זיי האָבן פון דער אַם אַוועקגענומען זיינס אַ זייג־קינד און געדראָט, עס צו טייטן פאַר אים אין די אויגן, אויב ער וועט די פאַרלאַנגטע וואָפן נישט אַרויס־געבן. און אויך דאָס האָט שמואלן נישט געמאַכט ווייכער; „פאַרראַט איז אַ האַלדזבאַנד, וואָס ראָסט קיין מאָל נישט — האָט געענטפערט דער העלדישער דיכטער די תלינים פון זיין קינד — טוט וואָס איר ווילט, איך וועל די וואָפן נישט אַרויסגעבן!״ און די אכזרים האָבן דאָס קינד געשחטן. פון דער מעשה שטאַמט דאָס אַראַבישע שפּריכוואָרט: געטריי ווי שמואל.

אין שמואלס וועגן איז אויך געאַנגען זיין זון שאַרייך, און ווען דער באַרימטער דיכטער מיימון אַשאַ איז צופעליק געבראַכט געוואָרן אין שאַ־רייכס שלאָס צווישן אַ גאַנצער רייע געפאַנגענע, האָט ער זיך געווענדעט צו אים מיט די פערזן:

זיי ווי שמואל, ווען אים געקוועלט האָט
דער קריגער מיט זיין וואָפן:
„שטיי צווישן געמיינקייט און פאַרראַט!

ווייל דיר פון די צוויי, אָ, טרויעריקע וואָל!"
און ער געענטפערט האָט דאָך ריכטיק: „טויט דיין
געפאַנגענעם, נישט פאַרראַטן וועל איך מיין גאַסט!"

אַזוי האָבן די יידן פון צפון־אַראַביע זיך אויך נאָענט צוזאַמענגע־לעבט מיט די ארומיקע שבטים, און אין גיכן איז יאַטריב ווידער ארונ־טערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די יידישע בני־קורייזא און בני־נאַדהיר.

# קאַפּיטל זיבעצן

## מאַכמעד און זיינע מלחמות מיט יידן

דער שטאַרקער איינפלוס פון יידישע אידייען און באַגריפן אויף די שבטים פון דער פאָדערשטער אַזיע, וואָס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין אַראַביע, האָט אין אָנהייב פון זיבעטן יאָרהונ־דערט באַקומען אַ שאַרפן, בולטן אויסדרוק, אין דער געשטאַלט פון אַ נייעם גלויבן. מאַכמעד, „דער נביא פון מעקקאַ און יאַטריב", איז נישט געווען קיין זון פון דעם יידישן שטאַם; זיין גייסטיקע יניקה האָט ער אָבער געצויגן פון יידנטום, און נאָר די צונויפשמעלצונג פון דער יידי־שער וועלט־אַנשויאונג מיט דער פלאַמנדיקער פאַנטאַזיע פונעם פאַטעטישן מדבר־קינד איז אומשטאַנד געווען צו באַשאַפן דאָס גרויסע ווערק פאַר פעלקער און דורות — דעם איסלאַם.

אין די פרידלעכע פאַרזאַמלונגען פון די אַראַבישע און יידישע שבטים וועלן ער האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אויף מערק און יארידן, צווישן שכנים און פריינט, — אומעטום האָט אַבדולאַס זון (מאַכמעד) גע־הערט ריידן וועגן דער אמונה אין איין איינציקן גאָט, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן און הערשט איבער אַלע וועלטן, פון אַ פאַטריאַרך אברהם, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן צו דינען אָט דעם אַלמעכטיקן גאָט, פון רעליגיעזע געבאָטן, וואָס צייכענען אויס די אמת־גלויביקע פון געצנדינער. און פון נאָך אַנדערע יידישע פאָרשטעלונגען און באַגריפן. דאָס האָט דעם עמפינד־לעכן נאַטור־קינד אַריינגעפירט אין אַ וועלט פון געטלעכע זעאונגען און הימלישע בילדער. מאַכמעדס ערשטער נבואה־אויסרוף איז דער גרונט־גע־דאַנק פון משהס תורה: „ס'איז ניטאָ קיין גאָט, אויסער אַללאַה (אל)!" און ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערלויבט צוצוגעבן צו דעם עיקר די ווער־טער: „און מאַכמעד איז זיין נביא". אינעם ערשטן פעריאָד האָט מאַכמעד איבערהויפּט גערעדט וועגן דער איינציקייט פון דעם אַלמעכטיקן גאָט און וועגן די שענדלעכקייטן און אכזריותן פון דער געצנדינעריי. די דאָזיקע באַציאונג צו די יסודות פון יידנטום און צו יידן גופא האָבן זיך אָבער

באַלד געענדערט צום ערגערן, און אין גיכן זעען מיר דעם נביא פון מעקקאַ אַרויסטרעטן קעגן יידן, ווי קעגן געפערלעכע שונאים.

ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט די ערשטע התגלותן אין זיין געבורטשטאָט מעקקאַ, האָט מאַכמעד געפונען גאַנץ ווייניק אַנהענגער פאַר זיין נייער תורה. דאָ האָט זיך געפונען דער אַלטער קאַאַבאַ־טעמפּל מיט זיינע דריי הונדערט געטער, און די פאַנאַטישע געצנדינער האָבן דעם יונגן לעסטערער פון זייערע הייליקטימער געוואָלט פאַרשטיינען. אָפּגערופן זיך אויף זיין התגלות און זי אנערקענט האָבן בלויז עטלעכע אַנגעזעענע תושבים פון דער יידישער יאַטריב, און דאָס האָט מאַכמעדן באַוואויגן אַריבערצוטראָגן דעם צענטער פון זיין טעטיקייט אין יאַטריב גופא (622).

אין דעם נייעם צענטער האָט מאַכמעד קודם כל אָנגעהויבן אַרבעטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט יידן פאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי, אַז זיין שטרעבונג איז, צו פאַרשפּרייטן דאָס יידנטום אין גאַנץ אַראַביע, און ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט יום־כפור, האָט ער ווירקלעך אויסגערופן: „מיר דאַרפן גיכער פון די יידן פאַסטן דעם טאָג". דער „נביא" האָט אַפילו באַפוילן זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן בעת די תפילות האַלטן די אויגן געווענדט צו ירושלים.

אַזוי האָט זיך מאַכמעד אַלץ מער מקרב געווען צו יידן, און אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט אַליין שרייבן, האָט ער אַפילו געהאַלטן אַ יידישן שרייבער, וועמען ער האָט דיקטירט זיינע „נבואות". ביי דעם אַלעם האָט ער אָבער פון דעסטוועגן דאָ נישט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג און נאָר געציילטע יידן זיינען געוואָרן זיינע מיטהעלפער (אַנסאַרן). די איבעריקע האָבן זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן בטול צו דעם חוצפהדיקן נביא, וואָס האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע קענטעניש און איז נאָך דערצו געווען זייער פאַרדאַרבן און אויסגעלאַסן. די יידן האָבן חוזק געמאַכט: „קוקט נאָר אָן דעם נביא, וואָס ווערט קיין מאָל נישט זאַט און האָט נאָך שטענדיק צו טון מיט ווייבער. איז ער ווירקלעך אַ נביא, טאָ זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט זיין נביאות און ניט מיט ווייבער"; אָדער „ווען מאַכמעד וואָלט זיין אַן אמתער געטלעכער נביא, וואָלט ער אַרויסגעטראָטן אין יהודה, ווייל נאָר דאָרט אַנטפּלעקט זיך גאָט צו זיינע אויסדערוויילטע". באַזונדער שאַרף זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן מאַכמעדן דער ייד פּנחס אבן עזורה, דער זון פון אַן אַראַבישן פּאָעט און אַ יידישער מוטער קאַאַב אבן אַשאַ־

ראַב, דער הונדערט־יעריקער דיכטער אבו אַפּאַק און דער געלערנטסטער
ייד פון גאַנץ העדזשאַס אַבדאַלאַ. זיי האָבן מיט אַ באַזונדער פאַראַכ־
טונג אויסגעלאַכט דעם נביא פון מעקקאַ און חוזק געמאַכט פון זיינע גבו־
אות. זיי האָבן גאָרנישט געאַנט, אַז אָט דער הילפלאָזיקער טרוימער וועט
אין גיכן הערשן איבער מיליאָנען און האַלטן אין זיינע הענט דעם גורל
פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אומה.

דער פאַרביטערטער מאַכמעד האָט געפילט דערווייל זיין שוואַכקייט
און זיך ניט געמאַכט וויסן פון דער יידישער הוזקדיקער באַציאונג צו אים.
„מיטן פאָלק פון דער שריפט, — האָט ער אָנגעזאָגט זיינע אָנהענגער —
זאָלט איר שטרייטן אויף אַן אנשטענדיקן אופן און זאָגן: מיר גלויבן אין
דעם, וואָס איז אונדז און אין דעם, וואָס איז אייך אַנטפּלעקט געוואָרן;
אונדזער גאָט און אייער גאָט איז איינער און מיר דינען אים געטריי”.

דער דאָזיקער מצב האָט זיך אָבער נישט געקענט לאַנג האַלטן. פון
איין זייט האָבן די יידן אָנגעוועבדעט אַלע מיטלען, אָפּצוציען פון מאַכמעדן
זיינע אָנהענגער, און זיי איז אַפילו געלונגען אָפּצורעדן פון אים דעם אָנ־
געזעענסטן בירגער פון יאַטריב, וואָס האָט געזאָלט אויסגעוויילט ווערן
פאַר אַ קעניג פון שטאָט. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָבן אויך די
גלויביקע גופא אָנגעהויבן צושטיין צו מאַכמעדן און פאָדערן פון אים אַ
באַשטימטע דערקלערונג וועגן זיין באַציאונג צום יידנטום. זיי האָבן גע־
זען, אַז יידן בכלל דערווייטערן זיך פון אים, און אַפילו די יידישע אָנ־
הענגער זיינע הערן אויך נישט אויף אָפּצוהיטן די יידישע געבאָטן, און
זיי האָבן געזאָגט: „איז די תורה אַ געטלעך ווערק, טאָ זאָלן מיר אויך
אָפּהיטן אירע געבאָטן”. דעמאָלט האָט מאַכמעד ערשט באַשלאָסן צו מאַכן
אַ געוואַגטן שריט: ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער יידישער תורה,
נאָר זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון איר. מיט דעם אַקט האָט ער אי אויפ־
געהויבן זיין פּרעסטיזש ווי אַ געזעצגעבער, אי זיך צוגעפּאַסט צו דעם
לעבנסלוסטיק־ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער פון זיין פאָלק, פאַר וועלכן די
געזעצן פון דער תורה זיינען געווען צו־שטרענג און צו־האַרב.

מאַכמעד האָט פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגע סורא (התגלות), פול מיט
זלזולים קעגן יידן, און געהייסן זיינע אָנהענגער ווענדן פון דאַן אָן זייערע
אויגן נישט צו מזרח־זייט (ירושלים), נאָר צו מערב, צו דער זייט פון
מעקקאַ מיט איר קאַאַבאַ־טעמפּל. דעם תענית פון יום־כפּור האָט ער אָפּ־

געשאַפט, און אנשטאט אים באַפעסטיקט די תעניתים פון דעם חודש ראַ־מאַדאַן, וועלכן די אַראַבער האָבן געהאַלטן הייליק נאָך פון אוראַלטע צייטן (624). דאָס זעלביקע האָט ער געטון אויך מיט נאָך אַנדערע געבאָטן פון דער תורה: דעם שבת פאַרביטן אויף פרייטיק, און פון אַלע טרפה מאכלים פאַרבאָטן נאָר חזיר און פלייש פון אַ נבלה, וואָס די אַראַבער האָבן פאַר אים אויך נישט געגעסן.

אַדאַנק דער דאַזיקער צופּאַסונג צו די טראַדיציעס פון דעם אַראַ־בישן פאָלק און צו זיין כאַראַקטער, איז די צאָל פון מאַכמעדס אָנהענגער צווישן די אַראַבער געוואַקסן, און צוזאַמען דערמיט איז געוואַקסן אויך זיין גאווה און זיין אכזריותדיקע חוצפה. דער פריערדיקער פרעדיקער פון יידנטום האָט איצט אליין פאַרשפרייט די שענדלעכסטע בלבולים אויף יידן, און נאָך די ערשטע נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער די אַראַבישע געצנדינער, איז ער אַרויסגעטראָטן אין אַן אָפענער מלחמה מיט די יידישע שבטים דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטער־וואַרפן זיין אויטאָריטעט און זיין הייליקייט.

די ערשטע קרבנות פון מאַכמעדס צאָרן זיינען געווען די יידן פון שבט קיינוקאַ. זיי האָט מאַכמעד איבער אַ קלייניקייט אַרויסגעפאָדערט צום קאַמף און די פאָרשטייער פון דעם שבט האָבן אים דרייסט געענטפערט: מיר זיינען פרידלעכע מענטשן און ווילן זיך מיט דיר פאַרבינדן; אַזוי אָבער, ווי דו זוכסט נאָר אַ צוטשעפּעניש, אַבי זיך מיט אונדז צו שלאָגן, וועלן מיר דיר ווייזן, אַז אונדז פעלט אויך נישט קיין מוט". און זיי האָבן ווירקלעך נישט ווייניק מוט אַרויסגעוויזן, געקעמפט גאַנצע פופצן טעג קעגן מאַכמעדס שטאַרקער מחנה. ענדלעך זיינען זיי אָבער געוואָרן באַזיגט, און נאָר די השתדלות פון דעם שטאַרקן אַבדאַלאַה אבן אוביי האָט זיי מציל געווען פון מאַכמעדס שווערד. 1)

נאָך דעם צוזאַמענשטויס, אין וועלכן די יידן האָבן באַקומען אַ גע־וויסע שטיצע פון אַראַבער, האָט מאַכמעד פאַרעפנטלעכט די סורא, אין וועלכער עס זאָגט זיך: אָ, איר גלוביקע, שליסט ניט קיין פאַרבינדונג ניט מיט קריסטן, ניט מיט יידן; זיי קענען זיך אַליין באַשיצן. ווער עס באַ־

1) די באַזיגטע, אין אַ צאָל פון זיבן הונדערט מאַן, האָבן דאַן אויס־געוואַנדערט קיין פאַלעסטינע.

פריינדעט זיך מיט זיי, איז איינער פון זיי, און גאָט פאַרטראָגט נישט דאָס זינדיקע פאָלק. אין דעם אויפרוף האָבן די איבערגעבליבענע יידישע שבטים געזען פאַר זיך אַ געפאַר, און זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די אַראַבישע שבטים, וואָס זיינען אויך געווען פיינטלעך געשטימט צו מאַכמעדן, די לעצטע האָבן אָבער פאַרראַטן זייערע יידישע קריגס־חברים, און מאַכמעד האָט ווידער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער זיינע יידישע שונאים, אין וועלכע ער האָט זיך נוקם געווען אכזריותדיק. (אויף זיין באַפעל זיינען זיבן הונדערט יידישע קעמפער געטייט געוואָרן אין מיטן מאַרק און די איבעריקע האָבן געמוזט אויסוואַנדערן (625־627). מיט אַ יאָר שפּעטער איז מאַכמעד אַרויסגעטראָטן קעגן די יידן פון דער געגנט חיבר, און דאָ איז אים דער נצחון אָנגעקומען פיל שווערער. די יידישע קריגער האָבן דאָ אַרויסגעוויזן אומגעווייגלעכע העלדישקייטן און מאַכמעדס מחנה האָט אַ סך געליטן און נישט ווייניק קרבנות געבראַכט, ביז איר איז געלונגען אריינצודרינגען אין די יידישע פעסטונגען. צו מאַכמעדן אין די הענט זיינען דאַן אריינגעפאַלן אַלע אוצרות פון די רייכע חיברישע יידן, און זיינע קריגער זיינען צוריקגעקומען פון דער מלחמה באַלאָדן מיט כל טוב.

צווישן די טראַפּייען פון דער חיברישער מלחמה האָבן זיך געפונען אויך צוויי שיינע יידישע פרויען, וועלכע מאַכמעד האָט איבערגעלאָזט פאַר זיך: סאַפיאַ, די טאָכטער פון זיין טויט־פיינד הויעי, און זיינאַב, די שוועסטער פון דעם העלדישן מאַרהאַב. וועגן דער לעצטער, זיינאַב, דערציילט די אַראַבישע לעגענדע, אַז זי האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין דעם רוצח פון אירע גלויבנס־ברידער, און האָט אַריינגעשיט גיפט אינעם עסן, וואָס זי האָט דערלאַנגט צום טיש. מאַכמעד האָט אָבער דערשפּירט דעם גערוך פון גיפט, און האָט גלייך אויסגעשפּיגן דעם ביסן פון מויל אין דער צייט, בשעת איינער פון דער סוויטע האָט געגעסן מער פונעם פאַרגיפטעטן פלייש און איז געשטאָרבן. ווען מאַכמעד (וועלכער האָט נאָך דעם געליטן פון דער פאַרגיפטונג אַ לאַנגע צייט) האָט געפרעגט זיינאַבן, פאַרוואָס זי האָט עס געטון, האָט זי קאַלטבלוטיק געענטפערט: „דו האָסט מיין פאָלק פאַרשאַפט אוממענטשלעכע יסורים. איך האָב מיך דעריבער געטראַכט: ביסטו בלויז אַ העלדישער באַזיגער, וועל איך דורך גיפט באַפרייען מיין פאָלק פון אַ פּייניקער; ביסטו־זשע אַ נביא, וועט דאָך דיך גאָט וואָרענען פון מיין

פלאַן און עס וועט דיר נישט שאדן". דער ענטפער האָט דעם נביא נישט באַפרידיקט: ער האָט זי געהייסן טייטן.

מאַכמעדס טויט האָט אַרויסגערופן ביי יידן אַ שטאַרקע שמחה: זיי האָבן געגלויבט, אַז די אַראַבער וועלן זיך אין גיכן אויסניכטערן פון זייערע איינבילדונגען וועגן מאַכמעדס געטלעכקייט. דאָס איז אָבער נישט געשען. די קריגסלוסטיקע אַראַבער זיינען באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, און זיי האָבן די פיינטלעכע בלעטער פון קאָראַן קעגן יידן אויפגענומען מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג, ווי די בלעטער פון יידן און דער יידישער תורה. דער קאָראַן איז געוואָרן דאָס הייליקע בוך פאַר אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט אין דריי ערד־טיילן, און אַזוי ווי ער איז פול מיט פיינטלעכע אויפרופן קעגן די פערזענלעכע שונאים פון נביא (די יידן), האָט ער דערצויגן אין די מאַכמעדאַנישע פעלקער (ווי דאָס עוואַנגעליום אין די קריסטלעכע) אַ שטאַרקע שנאה צו די זעלביקע.

דאָך האָט די פאַרשפּרייטונג פון איסלאַם, ווי אַ גלויבן, וואָס שטיצט זיך פאַרט אויף דער ביבלישער וועלט־אַנשויאונג, געהאַט אויך גוטע פאָלגן פאַר יידן: דער איסלאַם האָט אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע כוחות פון מזרח און באַשאַפן אַ נייע אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור, צו וועלכער די יידן זיינען אויך צוגעשטאַנען. די פאָליטישע נצחונות, ווידער, און די טערי־טאָריעלע באַרייכערונגען פון די מוסולמענער האָבן גאַנץ אָפט געבראַכט מיט זיך אַ ישועה פאַר די יידן, וואָס זיינען געפייניקט געוואָרן און אויס־געשטאַנען אַלערליי רדיפות אין די דעמאָלטיקע קריסטלעכע מלוכות.

Este libro se terminó de imprimir
el día 28 de diciembre de 1949 en
los Talleres Gráficos "Optimus",
calle Valentín Gómez 2715 - 19.
Buenos Aires - Argentina